STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02512

DI VELT-GESHIKHTE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספעציעלע אויסגאַבע פיר די אַבאָנענטען פון „דעם יוד׳.

די וועלט-געשיכטע

(פון די עלטעסטע צייטען ביז אויף די געגענוואַרט).

בעאַרבייטעט און צוזאַמענגעשטעלט.

פון פ.

פערלאַג חברת „אחיאסף״.

דריטער באנד.

וואַרשא
דרוק שולדבערג עט קאָמ., טוואַרדאַ 6.
תרס״ב.

ДИ ВЕЛЬТГЕШИХТЕ

т. е. **Всемірная исторія**
по новѣйшимъ источникамъ.

Изд. Тов. „АХІАСАФЪ“.

Часть III.

ВАРШАВА, 1901.
Типографія Шульдберга и Ком., Твердая 6.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 10 Іюня 1902 г.

די גריכישע געשיכטע.

(פאָרטזעצונג).

אכטעס קאפיטעל.

די מאַקעדאָנישע מלוכה.

פיליפ דער צווייטער פון מאַקעדאָניען. די מלחמה אין חאֶראָנעאַ. אַלעקסאַנדער (מוקדון) דער גרויסע. דער פילאָזאָף דיאָגענעס. אַלעקסאַנדער אין קליין־אַזיען. מלחמה ביי'ם גראַניקוס. מלחמה ביי איסוס. אַלעקסאַנדער אין כנען און מצרים. אַלעקסאַנדער אין פרס. איינגעהמונג פון סיריען און מצרים. מלחמה ביי גויגאַמאַלאַ. דער סוף פון קעניג דריוש קאָדאָמאַנוס פון פרס. אַלעקסאַנדער אין הודו. זיין צוריקקעהר און טויט. טהיילונג פון זיין מלוכה. מאַקעדאָניען און גריכענלאַנד. די מלוכה אין מצרים. די מלוכה אין סיריען.

בְּעֵת די גריכען האָבען דורך זייערע שטאֶנדיגע קריעג זיך אַליין פערצעהרט, איז אָנגעקומען אויף זיי אַ גרויסער שטורם פון צָפון־זייט. דאָרט ביים גרעניץ פון גריכענלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען דאָס קליינע מאַקעדאָנישע פאָלק. בעזאָנדערס האָט עס אָנגעפאַנגען גרויס צו ווערען אונטער דעם קעֶניג פיליפ, וועלכער האָט געהערשט אין דעם לאַנד 23 יאָהר (פון 359 ביז 633 פ. ק.). ער איז געווען אַ קלוגער פאָליטיקער, וועלכער האָט זיך דאַרויף געלעגט זיין קליינע מְלוּכָה גרויס צו מאַכען. ער האָט געזוכט דורך זיין פליים אַ גרויסע פלאַטטע צו שאַפען און זיין חַיִל גוט אויסצובילדען. אין דער קריעגספיהרונג האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דעם פאַלאַנקס, די קריעגסמעטאָדע וואָס איז ביי די גריכען זעהר בעליעבט געווען. דאָס איז בעשטאַנען דאַרין: אויפשטעללענדיג אַ חיל אין אַ לאַנגליכען פיערעק אין זעכצעהן שורות הינטער איינאַנדער און אין דער לאָנג ביז 500 מאַנן,

אלע בעוואַפנעט מיט זעהר לאַנגע שפיזען, וועלכע דאָס הינטערשטע חיל האָט געהאַלטען אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון די פאָדערשטע, אויסגעשטרעקט געגען דעם שונא, פלעגען זיי זיך אין חיל פונ'ם שונא אַריינהאַקען ווי אַ קלין, קיינער האָט געגען זיי ניט געקענט בעשטעהען. באַלד איז פיליפּס חיל דורך דעם זאָ שרעקליך געוואָרען פיר אַלע פעלקער, דאָס אַלע זיינען לייכט איינגענומען געוואָרען.

אין אַ מִלְחָמָה ביי דער שטאָדט מעטהאָנע, אין דער מְדִינָה מעסעניען, האָט דער קעניג פיליפּ דורך אַ זעלטענען צופאַל פערלאָרען זיין רעכטעס אויג. צו איהם האָט זיך אַנגעמעלדעט איין קריעגסמאַן, וועלכער האָט געוואָלט דיענען אין זיין חיל, ער האָט זיך פאַר איהם בעריהמט דאָס ער איז אַזוי אַ גוטער שיסער, דאָס ער קען מיט זיין פפייל טרעפען אֲפִילוּ אַ פויגעל אין פליהען. פיליפּ'ן איז זיין בעריהמען ניט געפאָלען און האָט איהם געענטפערט איראָניש: „גוט, איך וועל דיך אויפנעהמען אין מיין חיל, ווען איך וועל פיהרען אַ מלחמה מיט פויגליך — דערוייל דאַרף איך דיך ניט". די תְּשׁוּבָה האָט דעם שטאָלצען שיסער זעהר פערדראָסען. ער איז אַריין אין דער בעלאַגערטער שטאָדט מעטהאָנע, און פון דאָרט געשאָסען אַ פפייל, אויף וועלכער עס איז געווען פון איהם אויפגעשריעבען: „אין פיליפּס רעכטעס אויג", און טאַקי איהם אין אויג אַריינגעשאָסען און אויף אייביג בלינד געמאַכט.

פון מעסעניען האָט זיך פיליפּ געציעלט אויף די גריכען, זיי אַלע איינצונעהמען. איהם זיינען זעהר צונוטץ געקומען די שטאָנדיגע קריעג וועלכע זיינען געווען צווישען זיי. ער האָט אָנגעפאַנגען זיך אַריינצומישען אין זייערע מַחְלוֹקֶת, און זיי איינציגווייז צו פערשלינגען דורך אַללערליי מיטעל, איבערהויפּט פלעגט ער זיי געוואונען דורך שֹׁחַד. ער פלעגט זאָגען דעם כְּלָל: „עס איז ניטאָ די מויער, וואָס אפילו איין עזעל זאָל ניט קענען אַריבערקלעטערן, ווען ער איז נור בעפּאַקט מיט גאָלד".

צו זייער אונגליק האָבען די גריכען אַליין פיליפּ'ן אַריינגעצויגען אין זייערע מחלוקת. די טהעבענער האָבען זיך פערלאָזען אויף זיין פריינדשאַפט (ער איז אַמאָל נאָך אין זיין יוגענד געזעסען אין טהעבען און זיך געהאָדעוועט אין עפּאַמינאָדאַס הויז). זיי האָבען די אַלטע פריינדשאַפט געוואָלט בענוטצען, צו בעשטראָפען די פאָקיער, וועלכע האָבען געראויבט דען הייליגען נאַציאָנאַל=שאַטץ פון דעם טעמפּעל אין דעלפי, און זיך אַזוי געגען אַלע גריכען פערזינדיגט. אַזוי ווייט איז שוין זייער איינענע קראַפט געווען געבראָכען, דאָס זיי האָבען געמוזט פיליפּ'ן צו הילפע ציעהען. דער בעריהמטער רעדנער דעמאָסטהענעס פון אַטהען איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט די סַכָּנָה איינגעזעהען; אָבער קיינער האָט ניט געגלויבט, דאָס

דער קליינער מֶלֶך פֿון דער קליינער מאַקעדאָנישער מְדִינָה זאָל קענען פֿיר זיי זיין אין עפּיס געפֿאֶהרליך; עס האָבען זיך אַדְרַבָּא געפֿונען מליצים וואָס האָבען געוואָלט דַוְקָא דעם מאַקעדאָנישען מלך צו זייער הילפֿע איינלאַדען. אָבער קוים האָט פֿיליפּ מיט זיין חיל זיך געשטעלט אין גריכֿענלאַנד, האָט ער גלייך אָנגעפֿאַנגען דאָרט צו געוועלטיגען ווי אין אַ איינגענומענעם לאַנד. דאָ ערשט האָבען די גריכֿען בעמערקט דען גרויסען פֿעהלער וואָס זיי האָבען בעגאַנגען, האָבען שוין געוואָלט עס פֿעריכֿטען און זיך גענומען צו די וואַפֿען, אום דעם הֶעֱזָה'דיגען גאַסט דֶרֶךְ־אֶרֶץ צו לערנען. ביי דער שטאָדט כאָראָנעאַ אין בעאָטיען (אים יאָהר 338) איז עס געקומען צו אַ מלחמה. די גריכֿען האָבען מיט גרויס גְבוּרָה זיך געוועהרט פֿיר זייער פֿרייהייט, נור אַלעקסאַנדער, דער יונגער זאָהן פֿיליפּס, האָט זייער מוטה געבראָכֿען און דען קליינעם חיל פֿון טהעבען גאַנץ פֿערניכֿטעט. טויזענד בירגער פֿון אַטהען זיינען געהרג'ט, צוויי טויזענד געפֿאַנגען געוואָרען, פֿון די אַנדערע גריכֿישע פֿעלקער זיינען נאָך מעהר אומגעקומען. אויף דעם גרויסען הויפֿען פֿון הֲרוּגִים האָט מען אויפֿגעשטעלט נאָכֿהער אַ גרויסען שטיינערנען לייב, אָהן אַ שום אויפֿשריפֿט, אַלס שטומע מַצֵּבָה אויף די געפֿאַלענע פֿרייהייט פֿון גריכֿענלאַנד.

נאָך דיעזעם נִצָּחוֹן האָט פֿיליפּ זיין שטאָלץ איינגעהאַלטען און די געשלאָגענע גריכֿען געלאָזען זייער פֿערמיינטליכֿע פֿרייהייט. ער האָט נור געפֿאָדערט, זיי זאָלען איהם אויסקלייבען אַלס האָכֿסטען אַנפֿיהרער פֿון זייערע חֲיָלוֹת, אום צו בעשטראָפֿען זייערע אַלגעמיינע שׂוֹנְאִים, די פּערסער, וועלכֿע זיינען אָפֿט אָנגעפֿאַלען אויף גריכֿענלאַנד. אַלע גריכֿישע שְׁבָטִים זיינען דערצו בערייט געווען, חוץ שפּאַרטאַ; איהר איז ניט אָנגעשטאַנען צו נעהמען אויף זיך אַ פֿרעמדען פֿיהרער. צאָרניג האָט פֿיליפּ געשריבען צו זיי: „ווען איך וועל קומען נאָך שפּאַרטאַ, זאָ וועט קיינער פֿון אייך ביים לעבען בלייבען". די שפּאַרטאַנער האָבען דאַרויף געגעבען זעהר אַ קורציגע אַנטוואָרט: „ווענן..." מעהר קיין וואָרט. פֿיליפּ האָט דערווייל אָבגעלעגט זיין קומען נאָך שפּאַרטאַ, זיי צו בעשטראָפֿען, און האָט בעסער זיך צוגעגרייט מיט דער גאַנצער גריכֿישער אַרמעע צו ציהען נאָך אַזיען, אום זיך אָבצורעכֿענען מיט די פּערסער — שוין איז ער בערייט געווען צום פֿאָהרען, אַלס פּלוצלינג האָט איהן זיינער אַ בעליידיגטער לייבוואָכֿטער אויס נְקָמָה דערשטאָכֿען. אָבער מיט זיין פֿאַל האָט ער פּלאַטץ געמאַכֿט פֿיר נאָך אַ גרעסערן העלד, דאָס איז — זיין יונגער זאָהן אַלעקסאַנדער.

אַלעקסאַנדער איז געווען זעהר אַ פֿאָהיגער פּרינץ. זיין פֿאָטער האָט זיך זעהר בעמיהט, איהן אויף'ן בעסטען אופֿן אויסצובילדען. ער האָט דאַהער צו זיך איינגעלאַדען דען געלעהרטען אַריסטאָטעלעס, דען בעריהמטעסטען חָכָם פֿון יענער

צייט, צו איבערנעהמען די ערציעהונג פון זיין זעהר פֿאָהיגען זאָהן. „איך פרייע מיך זעהר — האָט ער צו איהם געשריבען — דאַס דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען צו דער צייט וואָס דו לעבסט נאָך, דו זאָלסט איהם קענען ערציעהען און אויסבילדען, ער זאָל אַגוטער קאָניג ווערען", און בְּאֱמֶת זיינען זיי ביידע ווערטה געווען צו איינאַנדער, דער לעהרער צו אַזוי אַ תַּלְמִיד, און דער תלמיד צו אַזוי אַ לעהרער.

שוין פון דער יוגענד אָן האָט אַלעקסאַנדער זיך געצויגען, גרויסע בעריהמטע זאַכען אויפצוטהון. זיין אייגענעם פֿאָטער פלעגט ער מְקַנֵא זיין פיר זיינע גרויסע מַעֲשִׂים. קוים פלעגען קומען צו פיליפ'ן קוריערע אָנצוזאָגען, דאָס די און די שטאָדט זיינען איינגענומען, די און די פֿאָלקער זיינען פון איהם בעצוואונגען געוואָרען, זאָ פלעגען דעם יונגעל זיך שטעלען טרעהרען אין די אויגען. „אַך — פלעגט ער זאָגען כִּמְעַט מיט געוויין — מיין פֿאָטער וויל די גאַנצע וועלט איינגעהמען און נאָך איהם וועט פיר מיך שוין גאָר ניט בלייבען צו טהון". ליעבער ווי אַלעס איז איהם געווען צו הערען ערצאָהלונגען פון פֿאַרצייטיגע גִּבּוֹרִים, צו לעזען פון זייערע מִלְחָמוֹת און גְבוּרוֹת; האָמערס בוך (באַנד 2, זייטע 79) איז איהם ליעבער געווען פון אַלעס אין דער וועלט. ער פלעגט צו זאָגען: „אַזוי אַ העלד צו זיין ווי אַכילעס, איז מיין גרעסטער וואונש, אָבער איך וואָלט וועלען זוֹכֶה זיין, אויך אַזוי שאָן בעזונגען צו ווערען ווי ער!". ווען ער פלעגט זיך לעגען שלאָפען, האָט ער אימער האָמערס בוך געהאַלטען צו קאָפען, אום ביים ערוואַכען איהם צו לעזען. אויך אויף זיינע רייזען אין אלע זיינע מלחמות, פלעגט ער דאָס בוך מיט פיהרען, אין אַ גאָלדענע קאָסטעל פערפאַקט. און ער האָט זיך טאַקי געבילדעט ווי דער העלד אַכילעס, צו זיין פונקט אַזוי שטאַרק און פלינק ווי ער. „צו ווילסט דו טהיילנעהמען אין די גריכישע פובליצנע שפּיעלען, צו לויפען אין געוועט ווי די אַנדערע גריכישע יונגע לייט?" — פלעגען מאַנכע איהם פרעגען — „אָ, יאַ — וואַר זיין שטאָלצע תְּשׁוּבָה — ווען מיינע חֲבֵרִים וועלען זיין קאָניגליכע, פון מיין גלייכען". איין מאָל האָט מען געבראַכט צו זיין פֿאָטער זעהר אַ ווילדען שטרייט=פערד מיט דעם נאָמען בוצעפאַלוס. מען האָט פֿאַר איהם פערלאַנגט זעהר אַ טהייערן פרייז. אָבער די בעסטע רייטער זיינען ניט געווען אים שטאַנד אויף איהם זיך אויפצוזעטצען, אַזוי ווילד איז דאָס פערד געווען. פיליפ האָט עס שוין געהייסען אַוועקפיהרען צוריק, ווייל איבער זיין ווילדקייט קען עס קיינעם ניט נוטצען. „אַך, אַזוי אַ שאָנע חַיָּה! — האָט אַלעקסאַנדער טרויעריג געזיפצט — אָ פֿאָטער, ערלויב מיר, אֶפְשַׁר וועט מיר זיך איינגעבען אויפצוזעטצען!" ביי די וואָרטער איז ער שטאָלץ צוגעגאַנגען צום פערד, האָט גענומען פיר די לייצעס און איהם אָנגעפאַנגען צו פיהרען געגען דעם שיין פון דער זון, דען ער האָט ריכטיג בעמערקט, דאָס ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם שאָטען, ווען די זון קומט איהם אויס פון הינטען, און דרום איז ער אַזוי

ווילד . ער האָט איהם אָנגעפֿאַנגען צו גלאָטען אונ צו האַלזען אונ דאָס פֿערד האָט זיך געלאָזען . אַזוי שטילערהייד האָט דער פּרינץ געלאָזען אַראָפּפֿאַלען דען מאַנטעל אונ מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אויף איהם . דאָס ווילדע פֿערד האָט זיך צוויאָגט ווי אַ פֿייל פֿון בויגען . אַלע צוזעהער האָבען געציטערט פֿאַר דעם יונגעלס לעבען . ער אָבער האָט זיך נאָכֿהער אויסגעקירעוועט צוריק צום עוֹלָם — דאַן האָבען אַלע דערזעהען, דאָס ער פֿיהרט דאָס פֿערד אַהער אין אַהין נאָך זיינעם ווילען , גלייך עס וואָלט געווען די רוהיגסטע חַיָה פֿון דער וועלט . אַלע האָבען זיך זעהר פֿערוואונדערט . דער פֿאָטער האָט זיך צוויינט פֿון שִׂמְחָה אונ געזאָגט צום העלדישען פּרינץ: „מיין קינד, זוך דיר אויס איין אַנדערע מְלוּכָה, איך זעה דאָס מאַקעדאָניען איז צו קליין פֿיר דיך מיט דיין מוטה . פֿון דאַמאָלס אָן איז בוצעפֿאַלוס געבליבען זיין שטאָנדיגער רייט=פֿערד .

אַכֿטצעהען יאָהר אַלט, האָט אַלעקסאַנדער מיטגעמאַכֿט די מִלְחָמָה פֿון חערָאָנעאַ אונ איהם צו דאַנק האָט זיין פֿאָטער דאַמאָלס מְנַצֵחַ געווען . צו צוואַנציג יאָהר איז ער שוין געוואָרען קאָניג . שווער איז געווען פֿיר דעם יונגען מֶלֶךְ דער אַנפֿאַנג פֿון זיין רעגיערונג . די אַלע אונטעריאָכֿטע פֿאָלקער פֿון אַרום זיינען אויפֿגעשטאַנען געגען איהם . אַלע האָבען געוואונשען פֿריי צו ווערען . די אַטהענער האָבען פֿון איהם געחוזקט, איהם געהאַלטען פֿיר אַ יונגעל, פֿאַר וועלכֿען עס איז ניטאָ וואָס מוֹרָא צו האָבען . „ווען איך וועל איינגעהמען זייערע פֿעסטונגען אין מיינע הענד, וועלען זיי שוין וויסען וואָס פֿיר אַ יונגעל איך בין" — איז געווען זיין תְּשׁוּבָה אויף זייערע רייד . דאָס האָרענדיג האָבען זיך אַלע — אויסער שפּאַרטאַ — פֿאַר איהם זעהר ערשראָקען . אויף זייער גרויסע אֲסִיפָה אין דער שטאָדט קאָרינט , האָבען זיי דעם יונגען קאָניג אויסגעקליבען צו זיין זייער הויפּטפֿיהרער אין דער גרויסער מלחמה, וועלכֿע זיי האָבען זיך צו געגרייט צו פֿיהרען געגען פָּרַס .

אין קאָרינט האָט דאַמאַלס געלעבט דער וואונדערליכֿער חָכָם דיאָגענעס . אַלס געוועזענער תַּלְמִיד פֿון דעם חכם סאָקראַטעס (אָבען באַנד 2 , זייטע 144) האָט ער אָפּגעהיט זיין גרויסען כְּלָל: „דער מענש דאַרף זיך בעמיהען וואָס וועניגער צו בעדאַרפֿען", אונ האָט זיך אַלזאָ בעמיהט אויסצוקומען אין זיין לעבען מיט גאָר נישט . ער האָט זיך פֿערלאָזט אַ לאַנגע באָרד, געטראָגען אַ צוריסענעם מאַנטעל מיט אַ גרויסען זאַק אויף דעם רוקען אונ געוואוהנט אין אַ הילצערנע פֿאַס . ער פֿלעגט בענוטצען אַ הילצערנעם בעכֿער צום טרינקען ; נור אַ מאָל האָט ער דערזעהען, ווי אַ יונגעל האָט געטרונקען וואַסער פֿון דער הוילער האַנד אונ זעהענדיג אַזוי דאָס מען קען זיך בעגעהען אָהן אַ כֵּלִי צום טרינקען, האָט ער פֿון דאַמאַלס אָן דען בעכֿער אַוועק געוואָרפֿען . דעם קאָניג אַלעקסאַנדער האָט זיך פֿערגלוסט דעם זעלטענעם מענשען צו זעהען אונ איז געקומען צו איהם מיט זיין גרויסע סוויטע .

דיאָגענעס איז דאַמאַלס געראַדע געזעסען פֿאַר זיין פֿאַס און זיך געוואַרעמט פֿאַר דער זון. אַלעקסאַנדער האָט איהם פֿריינדליך בעגריסט, זיך מיט איהם לאַנג פֿאַראיינאַנדער גערעדט און איהם געפֿונען פֿיר זעהר קלוג און וויטציג. „פֿערלאַנג פֿון מיר עפּעס אַ טוֹבָה!" — האָט אַלעקסאַנדער צו איהם פֿריינדליך געזאָגט. „יאָ — ענטפֿערט דיאָגענעס — טהוע מיר אַ טובה, טרעט אָפּ אָן אַ זייט פֿון דעם שיין פֿון דער זון!" דאָ האָט זיך דער קעֶניג אָפּגערופֿען פֿערוואונדערט: „כ'לעבען! — האָט ער געזאָגט — ווען איך זאָל ניט זיין אַלעקסאַנדער, וואָלט איך ווינשען צו זיין דיאָגענעס!".

איידער אַלעקסאַנדער האָט זיך געווענדעט צו געהען אויף פּערסיען, האָט ער געשווינד זיך געקעהרט צו צָפון=זייט, אַריבער געגאַנגען דען דאָנוי=פֿלוס און האַסטיג איינגענומען די ווילדע פֿעֶלקער ביי דעם גרענעץ פֿון זיין מְלוּכָה. פּלוטצלונג איז אַרויס אַ קלאַנג, דאָס דער קעֶניג אַלעקסאַנדער איז דאָרט געהרג'ט געוואָרען. דאָ איז געוואָרען אַ שִׂמְחָה אין גאַנץ גריכֿענלאַנד, זיי האָבען פֿון פֿרייד געמאַכֿט אַ יום טוב און געבראַכֿט דאַנקאָפּפֿער צו זייערע געֶטער. די טהעבענער האָבען געשווינד ערשלאָגען דעם מאַקעדאָנישען בעפֿעהלסהאַבער און הערויס געיאָגט דעם מאַקעדאָנישען חַיִל וואָס איז אין טהעבען געשטאַנען אַלס גאַרניזאָן, אָבער שנעל ווי אַ בליטץ איז אַלעקסאַנדער אַריין געקומען און זיי בעוויזען דאָס ער לעבט נאָך. ער האָט די שטאָדט טהעבען גאַנץ חָרוּב געמאַכֿט און צערשטאָרט פֿון גרונד אויס. אַזוי אַ שטרענגע שטראַפֿע האָט פֿערברייטעט שרעקען איבער גאַנץ גריכֿענלאַנד, אַלע האָבען זיך אונטערטהעֶניגט פֿאַר דעם שטרענגען הערשער און פֿערשפּראָכֿען צו פֿאָלגען. אַלעקסאַנדער האָט זיי אַלע מוֹחֵל געווען און זיי דורך דעם נאָך מעהר אויפֿגעוועקט פֿערטיג צו מאַכֿען דאָס חיל, צו ציהען געגען פּערסיען. נור די שפּאַרטאַנער זיינען געבליבען ביי דאָס זייערע און זיך אין דער בעוואַפֿנונג ניט געוואָלט מישען. „מיר זיינען געוואָהנט אַנדערע צו פֿיהרען, אָבער ניט אַנדערע זאָלען אונז פֿיהרען" — האָבען זיי שטאָלץ געענטפֿערט.

דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט, איז אַלעקסאַנדער אים פֿריה=זומער 334 אַרויסגעטראָטען מיט דעם פֿערבונדעטען חיל פֿון מאַקעדאָניער און גריכֿען, זיך אָב צורעכֿענען מיט פּערסיען. אין מאַקעדאָניען האָט ער צוריק געלאָזען דעם בעפֿעהלסהאַבער אַנטיפּאַטער אַלס גובערנאַטאָר, אום די פֿיינדליכֿע פֿעֶלקער, בעזאָנדערס די שפּאַרטאַנער, אין מוֹרָא צו האַלטען. ער אַליין איז אַריבער אין פֿאָלע וואַפֿען דעם העלעספּאָנטישען יַם, און קומענדיג אויף דער יַבָּשָׁה פֿון אַזיען, האָט ער מיט שִׂמְחָה אַ געשריי געטהון: „מיר מוז אַזיען געהערען, איך וועל עס ניט

פּערװיסטען, איך נעהם עס נור אײן און עס בלײבט מײנס!״ קומענדיג אויף דעם פעלד פון דער מִלְחָמָה בײ טראָיאַ, האָט ער בעזוכט די קְבָרִים פון די בעריהמטע פאַרצײטיגע העלדען, בעזאָנדערס דעם קֶבֶר פון אַכִילעס. ער האָט איהם בעפּוצט מיט פרישע בלומען. פון דאָרט איז ער אַװעק געצױגען װײטער און געקומען צום קלײ־נעם פלוס גראַניקוס, װאָס פאַלט אַרײן אין פּראָפּאָנטישען יַם בײ אַזיען, אין צָפון־מַעֲרָב זײט פון קלײן־אַזיען.

אין דער לאַנג פון דער צװײטער זײט פלוס איז געשטאַנען אַ גרױס פּערסיש חַיִל אונטער דער פיהרונג פון פיעל גרױסע הערען (סאַטראַפּען), צוגעגרײט דעם גריכישען חיל ניט דורך צו לאָזען איבערן פלוס. אַלעקסאַנדער האָט געהאַלטען ראַטה מיט זײנע גענעראַלען, זײן געניטער פעלדהער פּאַרמעניאָ האָט געראַטהען אָב־צוװאַרטען ביז דאָס פּערסישע חיל װעט זיך אָבװענדען פון פלוס. „נײן! — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט — מען קען דעם גרױסען העלעספּאָנטישען יַם די חֶרְפָּה ניט אָנטהון, דאָס איהם זײנען מיר לײכט אַריבער און דאָ בײם קלײנעם טײכעל זאָלען מיר בלײבען שטעהען פאַר פַּחַד״. ער איז אַרײנגעשפּרונגען אים גראַניקוס צוערשט, דאָס גאַנצע חיל נאָך איהם, האָבען דעם קלײנעם פלוס דורך געבראָדעט און אָנ־געפאַלען אויף די פּערסער, װעלכע האָבען זיך ערשראָקען און זיך פאַר זײ צולאָפען.

אין טומעל פון דער מלחמה האָט דער יונגער העלד שיער מיט זײן לעבען בע־צאָהלט. צװײ פּערסישע אַנפיהרער, זעהענדיג איהם מיט גלאַנצענדען אַנצוג און געװעהר װי ער שטעהעט פאַר דעם גריכישען חיל, האָבען זײ פערשטאַנען װער ער איז און זײנען אויף איהם אָנגעפאַלען איהם צו טאָדטען. אַלעקסאַנדער האָט זיך אפילו שטאַרק געװעהרט, אָבער ער האָט בעקומען אַזױ אַ שטאַרקען קלאַפּ אין קאָפּ, דאָס זײן קאַסקע איז צוהאַקט געװאָרען. קױם האָט ער זיך געװענדעט צו דעם אײנעם, איז גלײך דער צװײטער אָנגעפאַלען און האָט שױן אױפגעהױבען זײן שװערד, איהם טױדט צו שלאָגען. אין דעם אױגענבליק איז צוגעשפּרונגען צו הילף זײן אױסגעצײכענ־טער העלד קליטוס, און האָט דעם פּערסער דערלאַנגט אַזױ אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט זײן געװעהר, דאָס דאָס שװערד צוזאַמען מיט דער האַנד זײנען אָבגעהאַקט צו דער ערד געפאַלען, און אין דער צײט איז אַלעקסאַנדער מיט דעם צװײטען שונא פאַרטיג געװאָרען און איהם געטאָדטעט.

נאָך דעם נִצָחון (אים יאָהר 334) איז באַלד קלײן־אַזיען צו אַלעקסאַנדער'ן אין די הענד אַרײנגעפאַלען. ער האָט מיט זײן מונטערער אַרמעע זיך דורך שפּאַצירט איבער דעם גאַנצען מַעֲרָב־זײט פון דעם לאַנד, אַלע שטאָדט האָבען זיך איהם אונטערגעגעבען. נור אים װינטער פון דעם יאָהר האָט ער זיך עטװאָס אויפגעהאַלטען,

אָבער קוים איז דער ווינטער אַוועק, האָט ער שוין ווייטער געמאַרשירט. קומענדיג אין דער שטאָדט טאַרזוס, אין דער מְדִינָה סיליקיען, איז ער פּלוטצלונג געפֿאָהרליך קראַנק געוואָרען. ער האָט זיך שטאַרק ערקאָלטעט ביים באָדען זיך אין קליינעם טייכעל צידנוס; דאָרט איז איהם איבערפֿאַלען אַ שטאַרקער פֿיעבער. זיינע דאָק=טורים האָבען שוין די האָפֿנונג פֿערלאָרען, איהם דאָס לעבען צו רעטען. עס האָבען זיך זיי די הענד ניט געהויבען, איהם וועלכע רְפוּאָה צו פֿערשרייבען. נור איין דאָקטאָר, נאַמענס פֿיליפּוס, האָט זיך ענטשלאָסען, איהם צו געבען אַ שטאַרק ווירקענדעס מיטעל, פֿון וועלכעם אָבער ער האָט געקענט אין די גרעסטע סַכָּנָה אַריינפֿאַלען. דער קראַנקער קעניג איז שוין בערייט געווען, דאָס מיטעל צו בענוצען. פּלוצלונג אָבער האָט מען איהם דערלאַנגט אַ בריעף, דאַרין איז געשטאַנען אַ וואַרנונג: „אום גאָטעס ווילען גלויב ניט דעם פֿיליפּוס; ער איז פֿון פּערסישען קעניג אונטער געקויפֿט, דיך צו פֿערגיפֿטען. דאָס לעזענדיג האָט אַלעקסאַנדער דעם בריעף דערלאַנגט דעם דאָקטאָר, פֿיליפּוס זאָל זעהען וואָס דאַרין שטעהט, און אַליין האָט ער אין דעם אויגענבליק איינגענומען די רפואָה. זיין שאָנעם צוטרויען צום דאָקטאָר איז דאַפֿיר שאָן בעלאָהנט געוואָרען, עס האָט איהם גלייך געהאָלפֿען. ער איז דערפֿון געזונד געוואָרען און אויף איבערמאָרגען האָט ער שוין ווידער קאָמאַנדירט זיין ער=פֿרייעטען חַיִל. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע שווערע וועגען פֿון סיליקיען און געקומען נאָך דער שטאָדט איסוס.

דאָ ביי'ם גרעניץ פֿון סיריען איז געשטאַנען דער פּערסישער קעניג, דאַריוס קאָדאָמאַנוס, מיט אַ אַרמעע פֿון זעקס הונדערט טויזענד מאַן, גרייט צו דער מִלְחָמָה. ווי אַ שווערער שטורמוואָלקען איז אָנגעקומען דער מאַקעדאָנישער פֿאַלאַנקס, און האָט געוואָרפֿען אַ גרוים שרעק אויף די פּערסישע אַרמעע, הֲגַם זי איז אַזוי גרוים געווען. באַלד האָבען זיך די פּערסער ווילד צו לאָפֿען, וואָהין די אויגען האָבען זיי געטראָגען. די מאַקעדאָניער האָבען זיי געשניטען ווי קרויט, איבער הונדערט טויזענד הֲרוּגִים זיינען אויף'ן פּלאַטץ געבליבען. דאַריוס'עס קאָליאַסקע האָט זיך נישט געקענט פֿון אָרט ריהרען, איבער די פֿיעל פְּגָרִים וואָס זיינען גע=לעגען אָנגעוואָרפֿען ווי מיסט אויף דעם גאַנצען פֿעלד. דאַריוס איז אין איילעניש פֿון איהר אַרויסגעשפּרונגען, האָט דאָרט צוריקגעלאָזען זיין מאַנטעל, שילד און באָגען, זיך אַרויפֿגעחאַפּט אויף זיין רייט=פֿערד און געשווינד אַנטלאָפֿען. זיין מוטער, זיין פֿרוי, זיינע בידע טאָכטער און זיין קליינער זאָהן זיינען אַריינגעפֿאַלען צו דעם זיעגער (מְנַצֵּחַ) אין די האָנד אַריין. די געפֿאַנגענע דאַמען האָבען אויסגעבראָכען אין אַ גרוים געוויין, וויל זיי האָבען געמיינט, דאָס דאַריוס איז שוין טויט. אַלעק=

סאַנדער אָבער האָט זיי פֿערזיכערט דאָס ער לעבט, און האָט זיי זעהר עדעל און פֿיין בעהאַנדעלט, אַלס דאַריוס האָט זיך נאַכהער דערפֿון דערוואוסט, האָט ער אויפגעהויבען די האָנד צום הימעל מיט גרויס דאַנק און האָט אַזוי מִתְפַּלֵל געווען: „גוטע גאָטער, ערהאַלטעט מיר מיין מְלוּכָה, כְּדֵי איך זאָל אימשטאַנד זיין דעם גוטען מאַקעדאָנישען קעָניג אָבצודאַנקען פֿיר זיין גוטעס; ווען אָבער עס איז ביי אייך בעשלאָסען, מיין מלוכה זאָל אונטערגעהען, זאָ בעט איך אייך עס קיינעם אַנדערן אַוועק צוגעבען אַלס נור דעם עדעלען קעָניג אַלעקסאַנדער!"

נאָך דעם מִלְחָמָה ביי איסוס (אים יאָהר 332 פֿ. ק.) איז דער יונגער העלד אַוועק איבער דער לאָנג פֿון סירישען יַם נאָך דָרום, ניט האָבענדיג אים זינען דען פערסישען קעָניג דאַריוס. אַלע שטעָדט האָבען זיך איהם איינציג־ווייס איבער געגעבען, ווייל זיי האָבען געוואוסט ווי גנעָדיג ער איז אין זיין בעהאַנדלונג געגען די איינגענומענע לעָנדער און פֿעָלקער. נור די שטאָדט צור — טירוס — האָט זיך פֿערטרויט אויף איהר שטאַרקע לאַגע, זיך געפֿינענדיג אויף אַ פֿעסטען אינזעל, אויף וועלכען זי איז געשטאַנען. דאָ האָט אַלעקסאַנדער אויפֿגעוויזען זיין גְבוּרָה — ער האָט געלאָזען פֿאַרשיטען דעם ברעג ים מיט ערד, געמאַכט אַ יַבָּשָׁה ביים צוגאַנג צו דער שטאָדט דורך'ן ים, און נאָכדעם ווי די בעלאַגערונג האָט געדויערט 7 חֳדָשִׁים, איז די שטאָדט געפֿאַלען (332). פֿון דאָרט איז ער דורכגעגאַנגען גאַנץ פּאַלעסטינאַ (אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל). אַלע דאָרטיגע שטעָדט האָבען זיך איהם איבערגעגעבען מיט גוטען, נור די שטאָדט עַזָה, אין געווענעם לאַנד פְּלִשְׁתִּים, איז איהם אַ קורצע צייט געשטאַנען אַנטגעגען. יעטצט האָט ער זיך בעשלאָסען, צו צונעהמען ביי פערסיען די לעטצטע מְדִינָה אַם מיטעללעָנדישען ים — דאָס לאַנד מִצְרַיִם. דער וועג אַהין איז פֿאַר איהם געווען ווי אַ שפּאַציער צום פֿערגניגען. עגיפּטען האָט מיט שִׂמְחָה אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך דאָס פערסישע יאָך און זיך גערן דעם גליקליכען מְנַצֵּחַ איבערגעגעבען. פֿאָהרענדיג איבער דען פֿלוסס נילוס אַראָפּ ביז צום מיטעללעָנדישען ים, האָט ער דאָרט געגרינדעט אַ נייע שטאָדט און אַ נאָמען געגעבען נאָך איהם — אַלעקסאַנדריאַ. וועגען איהר גוטע לאַגע ביים ים, איז די נייע שטאָדט באַלד געוואָרען בעריהמט דורך איהר מִסְחָר מיט דער וועלט און אַלס מיטעל־פּלאַטץ פֿון בילדונג און חָכְמוֹת און וויסענשאַפֿטען.

פֿערשטאָרקט דורך נייע צוגעקומענע חֲיָלוֹת פֿון די איינגענומענע פֿעָלקער, האָט זיך אַלעקסאַנדער אַ קעהר געטהון נאָך אַזיען, אום צו בעענדיגען דעם קריעג

מיט דעם פערסישען קעניג. גלייך נאך דער גרויסער מפלה ביי איסוס האט דאריוס געשיקט שלוחים צום גליקליכען קעניג פון מאקעדאניען; ער האט איהם אנגעבאטען א אונגעהייער גרויסע סומע, צום אויסלאזען די געפאנגענע קעניגליכע דאמען, האט איהם אנגעבאטען זיינע עלטערע פרינצעסין אלס פרוי און די גאנצע לאנג, פון אזיאטישער זייט, פון דעם העלעספאנט ביז צום טייך פרת צו נעהמען. „וואס מיינסט דו דערצו?" — האט אלעקסאנדער געפרעגט זיין ערשטען גענעראל פאר־מעניא. „וואלט איך זיין אלעקסאנדער, וואלט איך עס געוויס געטהון" — ענטפערט פארמעניא. „אויך איך וואלט עס געוויס געטהון, ווען איך וואלט פארמעניא זיין" — ענטפערט איהם אלעקסאנדער מיט א שמייכעל. ער האט זיך פון פריעדענספאר־שלאג אבגעזאגט. דאך האט ער פערשפראכען, דעם קעניג גוט צו בעהאנדלען, ווען ער וועט אליין קומען צו איהם. ווען אבער ניט — וועט ער איהם געוויס אויפזוכען.

נאך איין מאל האט דער פערסישער קעניג געוואלט זיין מזל פרובען און וויע־דער אויפגעשטעלט א גרויס חיל ביי דער שטאדט גויגאמעלא (אין לאנד אשור) ניט וויט פון דער שטאדט ארבעלא. די מאקעדאנישע גענעראלען זיינען אפהענדיג געווארען, זעהענדיג דאס שרעקליך גרויסע חיל פון דעם פיינד, און דעם קעניג אלעקסאנדער געראטען אם אבענד פאר דער מלחמה אבצווארטען די נאכט און דאן אויף די פערסער אנפאלען. „ניין! — ענטפערט דער קעניג שטאלץ און זיכער — איין נצחון נעהמט מען ניט בגנבה" — און דאן גאנץ רוהיג שלאפען געגאנגען. אויף מארגען האט איהם פארמעניא אויפגעוועקט און פערוואונדערט צו איהם געזאגט: „דו, מיין קעניג, שלאפסט אזוי רוהיג, ווי ווען די מלחמה וואלט שוין גליקליך אויסגעפיהרט". „און מיינסט דו דען ניט? — איז געווען דעם קעניגס תשובה — , מיר האבען שוין אזוי גוט ווי אויסגעפיהרט, ווען דאריוס שטעהט יעטצט פאר אונז און מיר דארפען זיך נאך איהם ניט מעהר אומיאגען אין די מדבריות ווי ביזהער". די מלחמה וואר זעהר א היטציגע, די פערזער האבען זייערע לעטצטע קראפטען אוועק־געלעגט, אבער אלעקסאנדערס חכמה אין קריעג האט גובר געווען און דעם פער־סישען חיל ווידער זעהר געשלאגען.

דורך דעם נצחון פון גויגאמעלא (אדער ארבעלא) אים יאהר 331, איז אלעק־סאנדער געווארען דער הערר איבער די גאנצע גרויסע מלוכה פון פערסיען. גאר אהן א מאאס איז געווען דער רויב אין די אלטע קעניגליכע שטאדט בבל, שושן און המדן (עקבאטאנא — די הויפטשטאדט פון מדי). עס איז א סברה דאס צום הערויס פיהרען די אוצרות אין גאלד, זילבער און קליינאדען פון די שאטצקאמערן פון פערזעפאלים

און פֿאַרזאַרגאַדאָ, די צוויי הויפּטשטאָדט פֿון פָּרַס אַליין, האָט מען געמוזט איינשפּאַנען טויזענדער מוילעזלען און קאַמעעלען.

דערווייל איז דער אונגליקליכער דאַריוס, געיאָגט פֿון אַלעקסאַנדער'ן, געלאָפֿען אָהן אַ אויפֿהער, פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון שטאָדט צו שטאָדט, אימער ווייטער און ווייטער. אָבער נאָך אַ גרעסערעס אונגליק איז געקומען אויף דעם גרויסען פּערסישען קאָניג: איינער פֿון זיינע אייגענע סאַטראַפּען נאָמענס בעסוס, גובערנאַטאָר פֿון דער מְדִינָה באַקטריען, האָט איהם געפֿאַנגען גענומען, און אַנטלויפֿענדיג פֿאַר דעם מאַקעדאָנישען חַיִל, האָט ער איהם מיטגעשלעפּט נאָך זיך צו די מדינות פֿון מִזְרָח. געוויס האָט ער געגלויבט, זיין גרויסעס לאַנד אַוועק צו נעהמען און צו יַרְשֶׁ'נען זיין מְלוּכָה נאָך זיין טויט. קוים האָט זיך אַלעקסאַנדער דערוואוסט פֿון דער שאָנדליכער מַעֲשֶׂה, האָט ער זיך געשווינד גענומען יאָגען נאָך איהם. ביי דער געיאָג איז ער מיט זיין אַרמעע אריינגעפֿאַלען אין אַ גרויסע סַכָּנָה, וואו זיי האָבען אַלע געקענט אומקומען, זיי זיינען פֿאַרקראָכען אין אַ גרויסען מִדְבָּר, וואו עס איז קיין טראָפּפֿען וואַסער ניט געווען דעם צונג צו בענעטצען, און זיי האָבען אַלע געקענט אומקומען פֿאַר דאָרשט. ענדליך האָט איין רייטער געפֿונען אין זאַמד עטוואָס וואַסער, האָט עס אָנגעשעפּט מיט זיין קאַסקע און צום קאָניג געבראַכט. אַלעקסאַנדער אָבער, זעהענדיג דאָס זיין חיל איז אויך אַזוי דאָרשטיג ווי ער, האָט ער געזאָגט: „פֿאַר איינעם איז עס צו פֿיעל, פֿאַר אַלע צו ווענינ", גענומען און אויסגעגאָסען דאָס וואַסער אין זאַמד פֿון מדבר. דאָס האָט זיינע סאָלדאַטען בּיים הערצען גערירט, און האָבען מיט בעוואונדערונג אין איין קול אויסגעשריען: „פֿיהר אונז ווייטער, טהייערער קאָניג, מיר זיינען גאָר נישט מיעד, מיר ווילען פֿון דורשט ניט שטערבען, ווען דו פֿיהרסט אונז!"

ענדליך האָט אַלעקסאַנדער דעם שאָנדליכען סאַטראַפּען אָנגעיאָגט און אימער נאָהנטער צו איהם געקומען. אַלס בעסוס האָט דערשמעקט, דאָס זיינע רוֹדְפִים זיינען שוין גאַנץ נאָהנט פֿון איהם, איז ער אָנגעפֿאַלען אויפֿ'ן קאָניג דאַריוס, אום פֿון איהם פָּטוּר צו ווערען, האָט ער איהם מיט אַ מעסער ערשטאָכען — און אַליין זיך הערויפֿגעהאַפּט אויף אַ פֿלינקען פֿערד און ווייטער געלאָפֿען. אַלעקסאַנדערס רייטער האָבען געפֿונען דעם ערשטאָכענען קאָניג פֿון פּערסיען ליעגענדיג אויף דער ערד, בעדעקט מיט בלוט און זאַמד, און די נְשָׁמָה געהט איהם אויס, פֿון זיינע וואונדען. ער האָט זיך געבעטען ביי זיי, איהם עטוואָס וואַסער צו געבען, ווייל עס האָט איהם געברענט דער דורשט. איינער פֿון די מאַקעדאָנישע רייטער האָט אויף איהם רַחֲמָנוּת בעקומען און איהם אין זיין קאַסקע אַ ביסעל וואַסער געבראַכט צו זיינער ערפֿרישונג. ערקוויקט האָט דער אונגליקליכער דאַריוס צום דעם סאָלדאַט געזאָגט: „ליעבער פֿריינד, מיין גרעסטער שמערץ איז, דאָס איך בין ניט אימשטאַנד דיך נאָך דיין ווערט צו בעלאָהנען,

פיר די ליעבע ערקוויקונג וואס דו האסט מיר געשאפט; אבער איך בין זיכער, דאס דער גרויסער אלעקסאנדער וועט דיך בעלאהנען ווי דו פערדיענסט. די געטער זאלען אויך איהם בעלאהנען, פיר אלעס גוטעס, וואס ער האט ערוויעזען מיין מוטער, מיין פרוי און קינדער! דורך דיך שיק איך איהם מיין טיעפען דאנק און הערצליכען גרוס". ביי די ווארטער איז איהם די נשמה ארויס. אין דעם אויגענבליק איז אנגעקומען אלעקסאנדער רייטענדיג, און ווי ער האט דערזעהען דעם בר־מינן, האט ער איהם בעדעקט מיט זיין מאנטעל; עס האט איהם טיעף געריהרט דאס הערץ, זעהענדיג פאר זיך דעם טוידטען קאניג, וואס ער האט איהם אזוי פיעל געראפט און אזוי אונגליקליך געמאכט, אהן א שום שנאה צו איהם צו האבען. ער האט בעפאהלען איהם אפצופיהרען נאך פערזעפאלים און דארט מיט גרויס עהרע מקבר צו זיין צווישען די קאניגליכע קברים. און באלד דארויף איז ער געשווינד אוועק געריטען, אום דעם שאנדליכען מארדער צו ערגרייפען, און האט זיך קיינע רוהע געגעבען ביז ער האט איהם ווירקליך געפאקט און איהם בעצאהלט ווי ער האט פערדיענט.

איצט איז ער מיט זיין לוסטיגע ארמעע געצויגען פון שטאדט צו שטאדט. אומעטום זיינען פאר דעם בעריהמטען העלדען טהיר און טויער געשטאנען אפען; דער וועג דורך די מדינות הירקאניען, אריען, באקטריען, און סאגדיאנא, איז פיר איהם און זיין חיל געווען ווי א פאראדנער שפאציער.

אבער דאך האט זיך דער זין פון זיינע סאלדאטען באלד פעראנדערט; זיי זיינען אויף איהם בייז געווארען, און האבען אנגעפאנגען זיך אויף איהם צו זשא־לעווען. זיי האבען בעמערקט דאס ער איז גאר אומגעביטען געווארען; ער איז שוין מעהר ניט קיין מאקעדאניער, ער וויל גאר ווערען א פערסער; דען באלד האט ער זיך גענומען א פערסישע פרוי און אנגענומען פערסישע מנהגים; האט אנגעפאנגען זיך פערסיש צו קליידען און פון זיינע לייט האט ער געפאדערט, זיי זאלען זיך פאר איהם בוקען ווי פאר איינעם אבגאט, זיך פאר איהם צו דער ערד ווארפען נאך דעם שטייגער פון די טיראנישע מלכים פון די מזרח־לאנדער, דערצו איז ער געווארען זעהר קאפריזנע און צו שטרענג. איינמאל ביי א קאניגליכער מאהלצייט איז געווארען א שמועס צווישען זיינע גענעראלען, וועגען די גרויסע גבורות פון די העלדען פון פאר צייטען. עס האבען זיך געפונען אזעלכע לייט וואס האבען זיך ליעב צו אונ־טערחנפ'נען, זיי האבען די מעשים פון יענע גבורים אוועק געמאכט פון דער האנד און האבען ערוויעזען, דאס זיי זיינען גאר בטל ומבטל געגען אלעקסאנדערס געוואלדיגע גבורות. אלעקסאנדער האט דערפון, ווי עס פערשטעהט זיך, רעכט הנאה געהאט. נור זיין אויסגעצייכענטער גענעראל קליטוס האט אפענהערציג געזאגט זיין מיינונג, דאס זיין פאטער פיליפ איז א גראסערער העלד געווען ווי ער.

דאָ האָט עס אַ הייב געטהון אַלעקסאַנדער'ן פון שטוהל, זיינע אויגען האָבען אויפגעפלאַקערט פאַר צאָרן. אויף אַלע איז געפאַלען אַ אֵימָה; זיי האָבען זיך ערשראָקען פאַר קליטוס'עס לעבען און איהם געשווינד אַרויסגעפיהרט פון זאַאַל, ער זאָל ניט זיין דעם צאָרניגען אַלעקסאַנדער פאַר די אויגען. אָבער קליטוס האָט ניט געאַכטעט אויף זייער וואַרנונג, זיך פאַר דעם קאָניגס צאָרן צו היטען, איז באַלד צוריק אין זאַאַל הערייין און מיט נאָך גרעסערן מוטה געזאָגט צו אַלעקסאַנדער'ן: „דו דאַרפסט מעהר קיין פרייע מאָנער ניט איינלאַדען צו דיין טיש, נור ווילדע מענשען און ניעדעריגע קנעכט, זיי זאָלען זיך פאַר דיין גאַרטעל קניען און דעם ראַנד פון דיינע קליידער קושען". — דאָ איז אַלעקסאַנדער אין גרימצאָרן אויפגעשפרונגען, האָט אַרויסגעריסען ביי איינעם פון זיינע סאָלדאַטען דעם שפיעס פון דער האַנד און צום טויט ערשטאָכען דעם מענשען, וואָס האָט אין דער מִלְחָמָה ביי גראַניקוס איהם פון טוידט גערעטעט (אויבען זייטע 8). אָבער קוים איז די בלוטיגע זאַך אָפגעטהון געוואָרען, איז ער ווידער צום זינען געקומען, עס האָט איהם אויפגעגרויעלט די רְצִיחָה, האָט זיך שטאַרק צווויינט, האָט זיין געטרייען קליטוס פיעל מאָל ביים נאָמען גערופען און זיך דעם טויט געוואונשען. דריי טעג מיט דריי נאַכט האָט ער זיך איינגעשלאָסען אין זיין געצעלט, קיין עסען, קיין טרינקען אין מויל גענומען און קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזען. ער האָט נור געוואָלט דעם טויט, אום דעם טהייערן קליטוס ניט צו איבערלעבען. ענדליך האָבען זיינע טרייע פריינד זיך ווי עס איז צוגעשלאָגען צו זיין געצעלט, איהם גענומען טרייסטען און איינרעדען, און איהם ווידער צו זיין חַיִל געבראַכט. אָבער זיין תְּשׁוּבָה און חֲרָטָה האָבען ניט לאַנג געדויערט. זיין האָפערדיגקייט איז געבליעבען די זעלבע ווי פריהער. ער האָט ווייטער געוואָלט, אַלע זאָלען איהם גאָטליכען כָּבוד אָבגעבען, און האָט ווידער איין גענעראַל צום טויט ערשטאָכען, דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט איהם ערקענען אַלס אָבגאָט. אַזעלכע מַעֲשִׂים האָבען די הערצער פון זיינע מאַקעדאָניער פון איהם מעהר און מעהר דערווייטערט, און אין די ווייטעריגע פאָחאָדען זיינען זיי שוין ניט מעהר געגאַנגען מיט דעם חֵשֶׁק ווי פריהער.

נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער האָט דורך געריזט אַלע פערסישע מְדִינוֹת פון צָפוֹן־זייט און פיעל שְׁבָטִים פון די ווילדע סקיטישע פעלקער אונטערטהעניג געמאַכט, האָט ער גרויס חֵשֶׁק בעקומען, די רייכע גאָלדלענדער פון אינדיען צו בעזוכען. אינדיען איז איינגעטהיילט אין צוויי חֲלָקִים, צו ביידע זייטען פון בענגאַלישען יַם: אין פאָרדער־אינדיען (הינדאָסטאַן און דעקאַן) צו צפון־זייט, און הינטער־אינדיען (אינדאָ—חינאַ) צו דָרוֹם־זייט. פאָרדער־אינדיען איז צו יענער צייט געווען

איין זעהר גוט בעפֿאָלקערטעס און בעאַרבייטעטעס לאַנד, מיט בליהענדע שטאָדט און דאָרפֿער (בעשרייבונג אים באַנד 1, זייטע 63—104).

איבער דאָס לאַנד האָבען דאַמאַלס געהערשט פֿיעל קליינע מְלָכִים, וואָס האָבען זיך שטאַנדיג געקריעגט און מִלְחָמוֹת געפֿיהרט און איינע די אַנדערע גאַנץ אָבגעשוואַכט, און דעריבער איז דעם גרויסען קאָניג אַלעקסאַנדער זעהר לייכט געווען, זיי אַלע איינצונעהמען. דאָס רוב פֿון זיי זיינען אַליין געקומען צו איהם, זיך איהם איבערצוגעבען. אַזוי איז ער געגאַנגען ווייטער און ווייטער ביז צום פֿלוס הידאַספּעס. דאָ האָט ער געטראָפֿען אַ גרויסען געגנער: אויף יענער זייט פֿלוס איז געשטאַנען דעם בעריהמטעסטער אינדישער קאָניג פּאָרוס מיט אַ גרויסען חַיִל, איהם ניט צו דערלאָזען דעם פֿלוס איבערצוגעהען. אין אַ שרעקליכער נאַכט, ווען עס האָט זעהר געדונערט און געבליטצט און פֿון הימעל האָבען זיך געגאָסען טייכען וואַסער, איז דער העלד מיט זיין אַרמעע דעם פֿלוס אַריבערגעשוואומען, גלייך אָנגעפֿאַלען אויף דעם געגנערס חיל און איהם שטאַרק געשלאָגען ביז דאָס גאַנצע חיל איז פֿאַר איהם אַנטלאָפֿען. פּאָרוס האָט זיך געוועהרט ווי אַ לייב און פֿון פלאַטץ ניט אָבגעטרעטען ביז ער איז מאַט געוואָרען פֿון וואונדען און פֿון דורשט, דאַן האָט ער זיך געמוזט איבערגעבען און מען האָט איהם געפֿאַנגען געבראַכט פֿאַר אַלעקסאַנדער'ן. ער איז איהם געקומען אַנטגעגען, האָט זיך זעהר פֿערוואונדערט אויף זיין הויכען וואוקס, זיינע שאָנע געשטאַלט און זיינע עדעלע מאַניערען און איהם פֿריינדליך געפֿרעגט: „ווי וואָלסט דו ווינשען פֿון מיר בעהאַנדעלט צו ווערען?“ „ווי אַ קאָניג!“ — האָט ער שטאָלץ געענטפֿערט — „און מעהר פֿערלאַנגסט דו גאָר נישט פֿון מיר?“ פֿרעגט אַלעקסאַנדער ווייטער. „מעהר גאָר נישט — ענטפֿערט יענער — דאָס איז כּוֹלֵל אַלעס“. זיין וואונש איז זעהר גערן ערפֿילט געוואָרען. אַלעקסאַנדער האָט איהם ניט נור צוריקגעגעבען זיין מְלוּכָה; ער האָט איהם נאָך פֿיעל לאַנד דערצו געשענקט. אויף דעם פֿעלד, וואו די מלחמה איז געוועזען, האָט אַלעקסאַנדער געלאָזען בויען אַ נייע שטאָדט און איהר אַ נאָמען געגעבען ניקאַא, דאָס הייסט: נִצָּחוֹן.

דער נצחון איבער פּאָרוס האָט פֿערברייטערט שרעקען איבער גאַנץ פֿאָרדער-אינדיען, די פֿאָלקער וועלכע האָבען זיך ניט איהם איבערגעגעבען, האָבען פֿערלאָזען זייער לאַנד און ערשראָקען אַנטלאָפֿען איבער דעם פֿלוס היפאַזיס. אַלעקסאַנדער האָט געוואָלט מיט זיין אַרמעע אויך אַהין ציהען, ווייל אָבער ער האָט בעמערקט, דאָס זיינע סאָלדאַטען האָבען גאָר ווענינ חֵשֶׁק דערצו, האָט ער בעשלאָסען צוריק-צוקעהרען. זיי האָבען זיך בעקלאָגט, דאָס זיי זיינען שוין פֿון זייער לאַנד מעהר

ווי זעקס הונדערט מיילען ווייט און עס איז נאָך אימער קיין סוף אין קיין עק ניט אַרויסצוזעהען. אַלע האָבען זיך פערביינגט נאָך זייער היים, דער חיל האָט אָנגע=פאַנגען געגען איהם צו קלאָגען זיך, פיעלע האָבען לויט געוויינט. דאָס האָרענדיג האָט דער קעניג מיט כעס זיך אָנגערופען: „איך ציהע ווייטער, און ווער עס וויל ניט מיט געהען, וועל איך איהם ניט פערוועהרען צוריק צו געהען; אָבער קומענדיג אַ היים זאָלט איהר אָנזאָגען, דאָס אין מיטען פון פיינדעס לאַגער האָט איהר אייער קעניג פאַרלאָזען". דאַן האָט ער זיך גאַנצע דריי מֵעֵת-לְעֵת בְּרוֹגֶז איינגעשלאָסען אין זיין געצעלט און קיינעם נישט געלאָזען פאַר זיינע אויגען. אַלס ער האָט אָבער בעמערקט, דאָס זיי זיינען פעסט ענטשלאָסען צוריק צו ציהען און ווילען בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט ווייטער געהען, האָט ער געמוזט נאָכגעבען און אָנגעזאָגט, דאָס ער געהט מיט זיי שוין צוריק. דאָ איז געוואָרען אַ גרויס פרייד אין גאַנצען לאַגער, אַלע האָבען זיך געשטופט צו זייער גוטען קעניג מיט גרויס דאַנק, דאָס דער אַלמאָכטיגער העלד האָט זיך ענטשלאָסען זיי נאָכצוגעבען און זייער געבעט צו ערפילען.

דער גרעסטער טהייל פון חיל האָט זיך אַוועקגעלאָזען מיטען וואַסער אויף שיפען איבער די אינדישע פליסע ביז צום ים און פון דאָרט געזעגעלט אויף דעם טייך פְּרָת ביז נאָך בָּבֶל. איין אַנדערע פאַרטיע איז אַוועקגעצויגען נאָך צפון ווייטער און ווייטער ביז צו זייער גריכענלאַנד צוריק. מיט דעם רעסט חיל האָט אַלעקסאַנדער געוואַנדערט צו דָּרוֹם=זייט דורך גרויסע סטעפען און מִדְבָּרִיוֹת, און נאָך פיעל צָרוֹת און ליידען זיך ענדליך דערשלאָגען צו דער שטאָדט בבל. עס איז ביי איהם גע=בליעבען, דיעזע שטאָדט אַלס רעזידענץ (הויפּשטאָדט) צו מאַכען, דאָרט אַלע איינ=גענומענע פאָלקער צו פעראייניגען און פון זיי אַ מאַקעדאָניש=פערסישע וועלט=קעניג=רייך צו גרינדען; דאָרט זאָלען אַלע חָכְמוֹת און וויסענשאַפטען אויפבליהען און דורך זיי די גאַנצע וועלט גליקליך מאַכען; אָבער אין מיטען פון זיינע גרויסאַרטיגע פלאַנען איז ער אין בבל פלוצלינג קראַנק געוואָרען פון די פיעל איבערטראָגענע מיהע און פון דעם הולטאַיסקען לעבען, אין וועלכען ער האָט זיך אַריינגעלאָזען. נאָכדעם ווי ער איז די אַלע צָרוֹת איבערגעקומען, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שווערען היטציגען פיעבער, וועלכעס האָט זיך אימער פערגראָסערט. אַלע גע=נעראַלען און פעלדהערען זיינען טרויעריג אַרום איהם געשטאַנען און ער האָט אָנגעפאַנגען, זיך מיט זיי צו זעגענען. ער האָט דעם קאָפּ מיט גרויס שוועריגקייט עטוואָס אויפגעהויבען, זיי אַלעמען אויפמערקזאַם אָנגעבליקט, אַ טיעפען זיפץ געטהון און מיט גרויס בעדייטונג געזאָגט: „איך פיהל, איך זעה, דאָס נאָך מיין טויט וועלען שווערע מלחמות אויף דער וועלט קומען". אַלס עס האָט זיך ביי איהם שוין

אָנגעפֿאַנגען די גְסִיסָה, האָבען זיי איהם געפֿרעגט: „וועמען וויל ער בעשטימען זיין יוֹרֵשׁ צו זיין?" „דעם יעניגען וועלכער איז עם מעהר ווערטה פֿון אַלעם", האָט ער שטיל געענטפֿערט אונ גלייך דאַרויף געשטאָרבען. דאָס איז געווען אים יאָהר 323 פ. ק., ער איז נור אַלט געווען 33 יאָהר אונ 12 יאָהר מיט 8 חדשים האָט ער רע-גיערט. זיין פֿריהער טויט איז געווען אַ גרויס אונגליק פֿאַר די אונטערגעטאָניגטע פֿעלקער, עס איז באַלד געוואָרען אַ גרויסע סוּמאַטאָכֶע, עס האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען אינטריגען אונ העטצעס צווישען אַלע זיינע גענעראַלען, יעדער האָט די געוואַלדיגע מְלוּכָה צו זיך געריסען אונ באַלד איז זי ווי אַ גרויסער בִּנְיָן אָהן אַ פֿעסטען פֿונדאַ-מענט אויף שטיקער אוים אֵיינאַדער געפֿאַלען.

די לעצטע ווערטער אַלעקסאַנדער מוקדון'ס, וועלכע ער האָט געזאָגט ליעגענ-דיג אויף'ן טויטען-בעט, דאָס „נאָך זיין טויט וועלען שווערע מִלְחָמוֹת אויף דער וועלט זיין" זיינען ריכטיג מְקוּיָם געוואָרען. צוערשט האָבען זיך אויפֿגעהויבען די גריכען, וועלכע האָבען זיך נאָך פֿריהער, בִּשְׁעַת אַלעקסאַנדער האָט נאָך געמאַרשירט איבער אַזיען, געפֿרובט זיך פֿון מאַקעדאָנישען יאָך צו בעפֿרייען. עס איז שוין דאַרויף גענוג בלוט פֿערגאָסען געוואָרען, אָבער אַלע זייער מיהע וואר אומזיסט. דאַפֿיר איז אויף זיי אַ שווערע שטראָפֿע הערויפֿגעלעגט געוואָרען: זיי זאָלען זייער בעסטען מֵלִיץ אונ בעריהמטען פּאַטריאָטען, דעם בעוואוסטען רעדנער דעמאָסטהענעס, דעם גרעסטען פֿיינד פֿיליפ'ס אונ אַלעקסאַנדערס, צו די מאַקעדאָניער הערויסגעבען, אום איהם מיט דעם טויט צו בעשטראָפֿען. עס איז אָבער דערצו נישט געקומען, דעמאָסטהענעס האָט זיינע אַטהענישע ברידער בעפֿרייט פֿון דער גרויסער חֶרְפָּה פֿאַר דער וועלט, זייער בעסטען מאַן צום טויט צו אָפּפֿערן. אַנטלויפֿענדיג פֿון זיינע יאָגער איז ער געקומען אויף דעם אינזעל קאַלאַאוריאַ, דאָרט האָט ער גיפֿט איינגענומען אונ זיך אַליין דעם טויט געמאַכט (322). אויך אין די אַנדערע לאָנדער זיינען נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבען, גרויסע מְהוּמוֹת געשעהען. עס איז נאָך איהם קיין פֿאָהיגער יוֹרֵשׁ געבליעבען, זיין גרויסע מְלוּכָה צו ערבען, אויסער אַ האַלב-משוגענער יונגערער ברודער אונ צוויי קליינע קינדער, וואָס דער יונגסטער איז ערשט נאָך זיין פֿאָטערס טויט אויף דער וועלט געקומען. אַזוי האָבען זיינע גרויסע פֿעלדהערען אַליין געוואָלט זיינע יוֹרְשִׁים ווערען. יעדער פֿון זיי האָט זיך גערעכענט ווערטה דערצו, ווייל ער אַליין האָט פֿיעל דאַצו מיטגעהאָלפֿען, די גרויסע וועלט-מלוכה צו גרינדען, אונ עס האָט זיך געפֿיהרט אַ בלוטיגער קריעג צווישען אַלעקסאַנדערס גענעראַלען צוויי אונ צוואַנציג יאָהרען לאַנג.

איינער פֿון זיינע גענעראַלען, פּערדיקוס, האָט זיך גערעכענט אַלס דער

גראָסטער פֿון אַלע, ווייל איהם האָט אַלעקסאַנדער איבערגעגעבען זיין זיעגעלרינג, איידער ער איז געשטאָרבען, דערמיט האָט ער ערהאַלטען דעם טשין אַלס ערשטער פֿיהרער אונ רעגיערער. איינער האָט בעקומען די דֵעָה איבער אַלע סאַטראַפּיען פֿון דער מְלוּכָה, אָבער מיט דער גְדוּלָה האָט ער זיך ערלויבט אַזוי צו פֿיהרען דאָס עס איז לייכט געוועזען צו דערקענען זיין כַּוָנָה אונ ווילען, די ביידע יונגע פּרינצען צו פֿערשטויסען אונ אַליין פֿיר זיך די מְלוּכָה צו נעהמען. דאַן האָבען זיך פֿיעלע גובערנאַטאָרען געגען איהם פֿערבונדען אונ דערצו געבראַכט, דאָס זיינע אייגענע סאָלדאַטען האָבען איהם גֶעהַרְגֶ׳ט. נאָך איהם האָט אַנטיגאָנוס אין קליין-אַזיען אָנגעפֿאַנגען די ערשטע ראָליע צו שפּיעלען. ער האָט אַריינגעכאַפּט דעם קעָניגליכען שאַטץ פֿון דער שטאָדט שוּשַׁן הַבִּירָה, דאַמיט פֿערגרעָסערט די צאָהל פֿון זיינע געדונגענע סאָלדאַטען אונ מיט זייער כּח האָט ער געהאָפֿט די מלוכה צו בעקומען; אָבער ווייל אַלע האָבען זיין כּונה ערקענט, דאָס ער וויל אַלעקסאַנדערס גרויסע וועלט-מלוכה פֿיר זיך נעהמען, האָבען זיך די גראָסטע פֿעלדהערען: סעלייקוס פֿון סיריען, פּטאָלאָמעאוס פֿון עגיפּטען אונ קאַסאַנדער פֿון מאַקעדאָניען, געגען איהם פֿערבונדען. עס איז געוואָרען אַ לאַנגער, האַרטנאָ-קיגער קריעג, וועלכער איז געפֿיהרט געוואָרען אין אַזיען אונ אין גריכענלאַנד אונ האָט געדויערט דרייצעהן יאָהר (301—314) ביז צו דער גרויסער מִלְחָמָה ביי דער שטאָדט לויפּזוס, אין דער מְדִינָה פֿריגיען (301 פֿ. ק.). דאָרט איז דער אַכציגיאָהריגער העלד אַנטיגאָנוס ערשלאָגען געוואָרען אונ זיין מוטהיגער זאָהן דעמעטריוס איז פֿון קריעגספּלאַטץ אַנטלאָפֿען. נאָך פֿיעלע איבערקעה-רענישען אונ פֿערשיעדענע טהיילונגען האָבען זיך צום סוף געבילדעט פֿון דער גרויסער אַלעקסאַנדרישער וועלט-מלוכה, אויסער אייניגע קליינע רעגיערונגען, דריי נייע מלוכות: 1) מאַקעדאָניען אונ גריכענלאַנד אונטער קאַסאַנדער; 2) אֶגיפּטען (מִצְרַיִם) אונטער פּטאָלאָמעאוס אונ 3) סיריען (אֲרַם) אונטער סעלייקוס.

1) מאַקעדאָניען אונ גריכענלאַנד.

מאַקעדאָניען האָט נון איהרע וועלטהערשאַפֿט פֿערלאָרען, דערפֿאַר האָט זי געזוכט, איהרע מאַכט ווענינסטענס איבער גריכענלאַנד צו ערהאַלטען. גריכענלאַנד אָבער האָט אַלע מעָגליכע מיטעל געפּרובט, כְּדֵי איהרע אַלטע פֿרייהייט ווידער צו געווינען. צו דעם צוועק האָבען זיך געבילדעט אין יאָהר 280 צוויי פֿעראייניגונגען, די אֶטאָלישע אונ די אכעאישע, אום פֿון מאַקעדאָניעס הערשאַפֿט פָּטור צו ווערען. אָבער קִנְאָה אונ שִׂנְאָה צווישען די ביידע חֶבְרוֹת, האָבען געשטאָרט זייער ציעל צו דערגרייכען. דורך פֿיינדליכע אינטריגעס האָבען זיי זיך איינאַנדער אָבגעשוואַכט ביז עס איז ענדליך אויפֿגעשטאַנען דער בעריהמטער העלדענקאָניג

פֿילאָפּעמאָן פֿון מעגאַפּאָליס און איז געוואָרען דער פֿיהרער פֿון דעם אַכֿעאישען בונד. ער האָט גובֿר געווען שפּאַרטאַ און זי געצוואונגען צום אַכֿעאישען בונד צו צוטרעטען, און דאַן זיך געקעהרט צו מעסעניען, וועלכֿעס איז געווען פֿיינדליך געגען דיזען בונד. דאָ אָבער האָט זיך זיינע מאַכֿט געענדיגט. אין טהאָל צו קאַראָנע איז ער געוואָרען פֿערוואונדעט און אַריינגעפֿאַלען אין די האָנד פֿון די מעסעניער, וועלכֿע האָבען איהם געצוואונגען גיפֿט איינצונעהמען. מיט דעם טויט פֿון דעם לעטצען העלדענהאַפֿטען גריכֿען איז די מאַכֿט פֿונ׳ם אַכֿעאישען בונד געבראָכֿען געוואָרען, און אין יאָהר 146 פֿ. ק. זיינען זיי נאָך אַ שווערער מלחמה אונטערפֿאַלען די ראָמער, וועלכֿע האָבען אָנגעפֿאַנגען זיך איבער אַלע לאָנדער צו פֿערברייטען און די גאַנצע וועלט איינצונעהמען. דאָס ערמאַטערטע און אָבגעשוואַכֿטע גריכֿענלאָנד איז אונטער דעם ראָמישען יאָך געזונקען. מאַקעדאָניען איז נאָך מיט צוויי יאָהר פֿריהער (168) פֿון די ראָמער איינגענומען געוואָרען.

2) אָגיפּטען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די פּטאָלאָמאָער.

ביי דער צערטהיילונג פֿון דער מאַקעדאָנישער וועלט=מלוכה איז אָגיפּטען צו געפֿאַלען אַלס קאָניגרייך אין די האַנד פֿון דעם גריכֿיש געבילדעטען אַלעקסאַנדער׳ס בעריהמטען פֿעלדהערן: פּטאָלאָמעאוס לאַגי, און נאָך זיין נאָמען האָבען אַלע מלכים וועלכֿע זיינען נאָך איהם געוועזען זיך אָנגערופֿען פּטאָלאָמאָער. אונטער די דריי ערשטע פּטאָלאָמאָער איז די אָגיפּטישע מלוכה גרויס און בעריהמט געוואָרען. פּטאָלאָמאָאוס I סאָטער (283—305) האָט די נייע שטאָדט אַלעקסאַנדריאַ אויסגעוואָהלט צו זיין די רעזידענץ פֿון זיין מלוכה און זי זעהר גרויס און פּראָכֿטיג געמאַכֿט. ער האָט דאָרט געגרינדעט אַ ביבליאָטהעק און אַ מוזעאום און האָט אין איהר פֿעראייניגט גריכֿישע קונסט און וויססענשאַפֿט. זי איז פֿיר די גאַנצע געבילדעטע וועלט אַיין נייעס אַטהען, און פֿיר דעם וועלט=האַנדעל איין נייעס טירוס (צור) געוואָרען. פֿון איהרע האַפֿען (פּאָרטען) האָט זי פֿאַרנאַנדער געשיקט סחורה פֿון דריי וועלט=טהיילען (איירופּא, אַזיען און אַפֿריקא) און דער העלער ליכֿט=שיין פֿון דעם בעריהמטען טהורם פֿאַרוס¹) האָט בעלייכֿטעט טויזענדע פֿון שיפֿען, וועלכֿע זיינען שטאָנדיג אַהין און צוריק געזעגעלט. פֿון דעם איינענעם גייסט איז געווען זיין זוהן פּטאָלאמאָאוס II פֿילאָדעלפֿוס (284—246), וועלכֿער האָט די ביבליאָטהעק פֿיעל פֿערגראָסערט. אונטער זיינע בעריהמטע

1) אַ שאָן געבויעטער טהורם צו גרויסע בעלייכֿטונג ביי דער נאַכֿט. איהם איז געגעבען דער נאָמען פֿון דער קליינער אינזעל פֿאַראָס, אין מערב פֿון אַלעקסאַנדריא און ווערט גערעכֿענט אַלס איינער פֿון די זעלטענע בנינים, וועלכֿע ווערען אָנגערופֿען „די זיבען וואונדער פֿון דער וועלט.

מעשים ווערט גערעכענט די אויסבעסערונג פון דעם איינגעפאלענעם קאנאל, וועלכער האט געדיענט צור פערבינדונג פון דעם ים־סוף מיט דעם מיטטעללאנדישען ים — אלס מיטעל דעם וועלט־מסחר צו פערגראססערן. מיט פטאלאמאאוס III אייערגעטעס ענדיגט זיך די גלאנצענדע צייט פון דער אגיפטישער מלוכה. אונטער פטאלאמאאוס IV פילאפאטאר האט זי אנגעפאנגען אימער טיעפער און טיעפער צו זינקען ביז זי איז אריינגעפאלען אין די האנד פון די ראמער, וועלכע האבען זי אין יאהר 30 (פ. ק.) אין גאנצען צוגענומען און מיט זייער גרויסע וועלט־הערשאפט פעראייניגט.

3) סיריען אונטער דער הערשאפט פון די סעלייקער.

עטוואס שפעטער נאך דער גרינדונג פון דער אגיפטישען מלוכה דורך פטאלאמאאוס I האט נאך איינער פון די בעסטע גענעראלען אלעקסאנדער מוקדון'ס סעלייקוס ניקאטאר, געגרינדעט זיין נייע מלוכה אין סיריען (ארם) מיט דער הויפטשטאדט בבל (312—280). דורך גליקליך געפיהרטע מלחמות האט ער איינגענומען אלע לאנדער פון גריכישען ים העללעספאנט ביז צום פלוס הינדוס, ד. ה. די אלע מדינות פון גריכענלאנד ביז אינדיען. זיין הויפט־לאנד איז געווען סיריען. דארט האט ער זיך א נייע רעזידענץ געגרינדעט אין דער ניי ערבויעטער שטאדט אנטיאכיא ביים פלוס ארארנטעס, וועלכער פליעסט ארוים פון די בערג לבנון. מיט דער הויפטשטאדט אנטיאכיא האט זיך נור געקענט פערגלייכען די צווייטע שטאדט סעלייקא, וועלכע איז פון איהם געגרינדעט געווארען ביים פלוס חדקל אין לאנד באבילאן (בבל), אנטקעגען וועלכער די אמאל בעריהמטע שטאדט בבל איז גאנץ בטל געווארען. דורך דיזע צוויי, ווי אויך דורך פיעלע אנדערע שטאדט, וועלכע זיינען געבויט געווארען פון די אנדערע שפעטעריגע מלכים נאך איהם, זיינען אין יענע לאנדער די גריכישע שפראכע מיט גריכישע בילדונג און אלע זייערע מדות און מנהגים אזוי וויט איינגעפיהרט געווארען, דאס די דארטיגע פאלקער האבען גאנץ דעם גריכישען כאראקטער בעקומען. אבער אין דער גרויסער מלוכה האט פון אנפאנג אן געפעהלט אחדות, געראדע ווי ביי די פטאלאמאער אין דער אגיפטישער מלוכה, און עס איז אונמאגליך געווען די אלע דארטיגע פערשיעדענארטיגע פאלקער אונטער איין איינציגען הערשער אויף לאנגע צייט צו פעראייניגען. דאריבער זיינען דארט געגרינדעט געווארען פיעל בעזונדערע סאטראפיען (גענעראל־גובערנעמענטס) וועלכע האבען זיך שוואך צוזאמען געהאלטען און האבען זיך שטענדיג געסטארעט זיך פון דער הויפט־מלוכה אבצורייסען. דאס האט זיך זיי ביסלעכוויז איינגעגעבען ביי די שפעטערע שוואכע און שלעכטע הערשער פון דער סעלייקישען פאמיליע. נור איין גוטער טיכטיגער קעניג איז נאך ביי זיי געווען: אנטיאכוס III, בעוואוסט אונטער דעם נאמען אנטיאכוס דער גרויסער.

ער איינער האָט נאָך קראַפּט אוּנ מוטה געהאַט, די מלוכה צוריק ווי אַמאָל צו פּעראייניגען. אָבער ביי דער געלעגענהייט האָט ער זיך פּערפלאָנטערט אין אַ קריעג מיט די מאָכטיגע ראָמער, וועלכע האָבען איהם גובר געווען, אוּנ נאָך פּיעלע שלאָג אוּנ מַפּלות פּאַר זיי, איז ער געצוואונגען געווען דאָס גאַנצע לאַנד אין אַזיען ביז צום בערג=לאַנד טאורוס די ראָמער אָבצוטרעטען. אוּנ אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז דורך בלוטיגע קריעג אוּנ מלחמות די גאַנצע סירישע מלוכה אויף שטיקער געריסען, ביז זי איז אין גאַנצען צו די וועלט=פּערשלינגענדע ראָמער אין די האַנד אַריינגעפאַלען.

די יודישע געשיכטע.

ניינטעם קאפיטעל.

די מאַקעדאָנישע הערשאַפט איבער די יודען אין אֶרץ ישראל. פּטאָלאָמאֶאוס לאַגוס. פּטאָלאָמאֶאוס פילאַדעלפוס. פּטאָלאָמאֶאוס אייערגעטעס. פּטאָלאָמאֶאוס פילאָפּאַטאָר. די סירישע הערשאַפט איבער די יודען אין ארץ ישראל. אַנטיוכוס דער גרויכער. סעלייקוס פילאָפּאַטאָר. אַנטיוכוס עפּיפאַנוס.

מיר האָבען פריהער (צווייטער באַנד, זייטע 63) גענוג פון דער יודישער געשיכטע ערצאָהלט, דאָס די יודען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָבען פיעל געליטען פון די פּערסישע דעספּאָטישע סאַטראַפּען, אונ זיינען דאַהער בְּדִיעֶבֶד צופריעדען געוועזען אַלס זייער לאַנד איז איינגענומען געוואָרען פון אַלעקסאַנדער מוקדון. איבערהויפּט האָבען זיי שטאַרק געליטען פון דעם לעצטען סאַטראַפּען באַגאָזעס, וועלכער האָט זייער לעצטען טראָפּען בלוט אויסגעזויגען. אין זיין צייט האָט זיך געטראָפען אַ סקאַנדאַל אין יְרוּשָׁלַיִם, אין סאַמע בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ. דאָס איז געווען נאָך דעם טויט פון יוֹיָדָע דעם כֹּהֵן גָּדוֹל (ג׳ אלפים תקצ״ח לבריאת עולם). פון זיינע צוויי זיהן, האָט יֵשׁוּעַ דער יונגערער זוהן מיט באַגאָזעס הילף (נאַטירליך דורך געלד) די כְּהוּנָּה גְדוֹלָה זיך גענומען. דערפון איז געוואָרען אַ מַחְלֹקֶת צווישען איהם אונ זיין עֶלטערן ברודער יוֹחָנָן, דעם בְּכוֹר, אונ אין דער היטץ פון דעם קריעג האָט יוחנן דעם יונגערן ברודער ישוע אין מיטען בית המקדש דערשלאָגען. דאָ איז באַגאָזעס געקומען נאָך ירושלים צו נעהמען דערפאַר נְקָמָה פון אַלע יודען, אונ האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט אַ שווערע קאָנטריבוציע, צו צאָהלען פיר יעדען מאָרגען־אָפּפער (עוֹלַת הַבֹּקֶר) ניט וועניגער אַלס 50 דראַכמען (בְּעֶרֶךְ 108 רובעל זילבער) טאָגליך. דאָס געלד האָבען די יודען געמוזט צאָהלען זיבען יאָהר נאָך איינאַנד,

ביז אַלעקסאַנדער מוקדון האָט איינגענומען דאָס לאַנד (ג״א תרנ״ח), אונ זיי דערמיט פֿון זייערע שווערע ליידען פֿריי געמאַכֿט.

אָבֿער ניט אַזוי לייכֿט האָבֿען זיך די יודען איבערגעגעבֿען צו דעם מוקדונישען העלדען. זיי האָבֿען ניט געקענט פֿערגעסען דאָס גוטע פֿון פּערסישען מֶלֶךְ כּוֹרֶשׁ, זייער ערשטען ערלאָזער פֿון גָלוּת בָּבֶל. אַלס אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען אין מִלְחָמָה אויף צור (זייטע 11), האָט ער געשיקט זיינע שְׁלוּחִים צו די יודען אונ די שומרונים, זיי זאָלען איהם שיקען איינע הילפֿס־אַרמעע אונ פּראָוויאַנט צו דער מלחמה אויף זייער גרעניץ. די שומרונים האָבֿען גלייך געפֿאָלגט זיין בעפֿעהל, די יודען אָבֿער האָבֿען איהם זיין פֿערלאַנג אָבגעזאָגט; זיי האָבֿען געענטפֿערט, דאָס זיי זיינען פֿערבונדען מיט אַ הייליגע שְׁבוּעָה טריי צו זיין דעם פּערסישען מלך, אונ טאָרען געגען איהם קיין האַנד אויפֿהייבֿען. דאָס האָט אַלעקסאַנדער׳ן שטאַרק פֿערדראָסען אונ ער האָט זיי געלאָזט זאָגען, דאָס קוים ווירד ער מיט צור פֿערטיג, וועט ער גלייך געהען אויף יְרוּשָׁלַיִם אום די אונגעהאָרזאַמע יודען צו בעשטראָפֿען. אונ קוים האָט ער צור חָרוּב געמאַכֿט, האָט ער זיך מיט זיין אַרמעע געווענדעט נאָך ירושלים, אום זיין וואָרט מְקַיֵים צו זיין. אויף די יודען איז געפֿאַלען אַ אֵימָה, זיי האָבֿען פֿיעל קָרְבָּנוֹת געבראַכֿט אונ צו גאָט מִתְפַּלֵל געווען, זיי צו רעטען פֿון דעם אונגליק, וואָס ערוואַרטעט זיי. דאָ האָט זיך געטראָפֿען אַ גרויסער נֵס: דער כֹּהֵן גָדוֹל איז אַרויס פֿון שטאָדט מיט אַלע כֹּהֲנִים אונ זְקֵנִים, געקליידט אין זייערע בעסטע מַלְבּוּשִׁים אונ בִּגְדֵי כְּהוּנָה, דעם שטרענגען העלדען מיט אונטערטהאֶניגקייט צו בעגעגנען. אַלס אַלעקסאַנדער איז נאָהנטער געקומען אונ דאָס דערזעהען, איז ער גלייך פֿון זיין רייט־פֿערד אַראָפּגעשפּרונגען, צום כהן גדול צו געלאָפֿען, מיט גרויס דֶרֶךְ אֶרֶץ צו זיינע פֿיס געפֿאַלען, ער האָט איהם אַרומגענומען פֿריינדליך, זיינע האַנד געדריקט, מיט איהם צוזאַמען אין די הייליגע שטאָדט געקומען אונ אין בֵּית־הַמִקְדָשׁ פֿיעל קרבנות געבראַכֿט. אַלס דער כהן גדול האָט איהם געוויזען, דאָס אויף איהם איז געמיינט די נְבוּאָה פֿון סֵפֶר דָנִיאֵל, דאָס ער וועט דעם מלך פָּרַס איינעהמען אונ די פּערסישע מְלוּכָה צערשטאָרען, האָט ער זיך דערמיט זייער געפֿרייט אונ די יודען אַלע פֿרייהייט פֿערשפּראָכֿען, ווען זיי וועלען האָבֿען דעם רָצוֹן, אין זיין חַיִל צו דיענען. דיעזעס אַלעס זעהענדיג אונ האָרענדיג, האָט זיך זיין פֿעלדהער פּאַרמעניאָ ניט געקענט איינהאַלטען אונ איהם געפֿראָגט: וואָס האָט ער אַזוינס געפֿונען אין דעם אַלטען יודישען כהן גדול, דאָס ער גיבֿט איהם אָפּ אַזוי אַ עהרע אונ איז צו זיין פֿאָלק אַזוי פֿריינדליך? דאַרויף האָט איהם אַלעקסאַנדער געזאָגט, דאָס גע־ראַדע אַזוי איין אַלטע הייליגע געשטאַלט האָט ער געזעהען אין חָלוֹם, נאָך אין דער היים זייענדיג, וועלכֿע האָט איהם געזאָגט די זעלבע נְבוּאָה, וועלכֿע ער האָט גע־האָרט פֿון דיעזעם אַלטען גאָטעס־דיענער.

פֿיעל לעגענדעס פֿון אַלעקסאַנדער מוקדון'ס לעבען זיינען אונז אין אונזערע תּלמודישע סְפָרִים געבליבען. פֿון אַלע קלייבען מיר אויס די איינע. עס ווירד פֿון איהם אַזוי ערצאָהלט: בְּעֵת ער האָט איינגענומען די וועלט, איז ער אַ מאָל געקומען זעהר וייט ביז הינטער די הָרֵי חֹשֶׁךְ (פֿינסטערע בערג, וועלכע ליעגען אָן עק וועלט) אונ איז מיט זיין חיל נאָך אימער ווייטער געגאַנגען. איינמאָל מאָרגענס איז ער געקומען אין אַ שאָנע פּראָכֿטיגע געגענד צו אַ העלע וואַסער־קוועלע. דאָ האָט זיך איהם פֿערוואָלט, אַ ביסעל אָפּרוהען, אונ האָט זיינע דיענער געהייסען איהם אַ פֿריהשטיק צו מאַכֿען. זיי האָבען מעהר ניט געהאַט ווי אַ פּאָר הערינג, אונ אום זיי ריין צו מאַכֿען האָבען זיי די הערינג אין דעם וואַסער־קוועל איינגעטונקט. מיט אַ מאָל האָט ער דערשמעקט זעהר אַ גוטען ליעבליכֿען רֵיחַ, וואָס האָט איהם זעהר פֿערוואונדערט. קוים האָט ער געענדיגט דעם פֿריהשטיק, האָט ער זיך איינער אַליין געלאָזען געהען, ביז ער איז געקומען צו איין הויכֿען פֿערשלאָסענעם טויער, — דאָס איז געוועזען דאָס טויער פֿונ'ם גַן־עֵדֶן. ער האָט דאָרט אָנגעקלאַפּט אונ אויסגערופֿען: „פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק" (אָפֿנעט מיר די טויערן פֿון גערעכֿטיגקייט!). האָט ער דערהאָרט אַ תְּשׁוּבָה: „זֶה הַשַּׁעַר לַה׳, צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ" (דאָס איז גאָטעס טויער, נור פֿרומע מענשען קאָנען צו איהם קומען). דאָ האָט ער געזאָגט: „איך בין דער גרויסער מלך אַלעקסאַנדער מוקדון, וועלכֿע האָט די גאַנצע וועלט איינגענומען, גיבט מיר עפּיס צום אַנדענקען, דאָס איך האָב געהאַט די זְכִיָּה, זיך ביים גַן־עדן צו געפֿינען!" דאַרויף האָט זיך בעוויעזען אַ האַנד אונ אַראָפּגעוואָרפֿען צו איהם אַ טוידטען מענשענקאָפּ. דער קאָפּ איז אָבער זעהר שווער געוועזען, דאָס ער האָט איהם קוים אין זיין געצעלט געבראַכֿט. דאָ האָט ער געוואָלט אָבוועגען דעם קאָפּ מיט גאָלד. ער האָט איהם געלעגט אויף אַ וואָגשאָל, אונ אַלע זיינע אוצרות אויף דער אַנדערער שאָל אויפֿגעוואָרפֿען, אָבער דער קאָפּ האָט אַלעס איבערגעוואָגען אונ די אַנדערע שאָל איז אַלץ געבליבען אין דער לופֿטען. אַלס ער איז פֿון דאָרטען צוריק געקומען האָט ער גערופֿען אונזערע חֲכָמִים, זיי זאָלען איהם די וואונדערליכֿע זאַך ערקלאָרען. האָבען זיי איהם געענטפֿערט: די שווערקייט פֿון דיעזעם טוידטענקאָפּ ליעגט נור אין דעם אויגען־גריבעל, דען דעם מענשענס אויג איז אַזוי גרויס, דאָס אַלעס איז פֿאַר איהם ווייניג; דאָס אָבוואָגען קען מען נור מיט איין זאַך, דאַביי האָבען זיי בעשאָטען דאָס אויגען־גריבעל מיט ערד — אונ מיט איינמאָל איז עס זעהר לייכֿט געוואָרען אונ די שאָל איז גאָר הויך אַרויפֿגעפֿלויגען. אָט דערמיט האָט זיך אַרויסגעוויזען די וואַרהייט פֿון דעם פָּסוּק אין מִשְׁלֵי (כ"ז כ') „וְעֵינֵי הָאָדָם לֹא תִשְׂבַּעְנָה" (דען מענשענס אויגען קענען קיין מאָל ניט זאַט ווערען). דערמיט איז געמיינט געוועזען אַלעקסאַנדער מוקדו'ן לוסט די גאַנצע וועלט איינצושליגגען

(מסכת מדות ל"ב:) אונ האָט פֿערגעסען, דאָס ער איז אויך אַזוי שטערבליך ווי יעדער זינדיגער מענש אויף דער וועלט.

די אַלמאָכטיגע מלוכה אַלעקסאַנדער מוקדונס איז נאָך זיין טויט געטהיילט געוואָרען צווישען זיינע גענעראַלען. איבער דאָס לאַנד סיריען — אין וועלכער עס איז אויך פּאַלעסטינאַ (אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל) געהערט געוועזען — איז אַ קאָניג געוואָרען פּטאָלאָמאֶאוס לאַגוס (ג"א תל"ז לב"ע). נאָכדעם ווי ער האָט זיך גענומען דאָס לאַנד סיריען, איז ער געצויגען נאָך אֶרץ־ישראל אונ אָנגעקומען אין יְרוּשָׁלַיִם געראַדע אַם שַׁבָּת, ווען די יודען רוהען, אונ מיט אַ מאָל איז ער אָנגעפֿאַלען אויף די יודען. פֿיעל פֿון זיי האָט ער אַוועקגעפֿיהרט געפֿאַנגען, אַ טהייל פֿון זיי אַלס שקלאַווען פֿערקויפֿט אונ אַ טהייל פֿון זיי אַלס סאָלדאַטען צוגענומען אין זיין חיל אַריין. דאָך האָט ער זיי נאָכהער גאַנץ גוט בעהאַנדעלט. וויסענדיג זייער עהרליכען אונ טרייען כאַראַקטער, האָט ער זיי איינקוואַרטירט אַלס גאַרניזאָנען אין זיינע פֿעסטונגען, האָט זיי אויך פּראַוועס געגעבען צוגלייך מיט זיינע מאַקעדאָנישע אונ אַלעקסאַנדרינישע סאָלדאַטען. אַנדערע פֿון זיי האָבען זיך ביי איהם דערדיענט צו משינען אונ עהרענשטעלען, זאָ דאָס פֿיעל פֿון אונזערע יודען זיינען אויך מיט גוטען ווילען געקומען, זיך אים לאַנד מִצְרַיִם צו בעזעטצען, אינ דערמיט די צאָהל פֿון אונזערע יודען אין אַלעקסאַנדריען פֿיעל פֿערגראָסערט. צו דער אייגענער צייט האָט אויך סעלייקוס ניקאַטאָר פֿון קליינאַזיען די יודען גלייכע פּראַוועס געגעבען מיט די גריכען אונ פֿיעלע פֿאַמיליען פֿון זיי האָבען זיך אויך אין זיין לאַנד בעזעטצט.

צו יענער צייט איז אין ירושלים געוועזען כֹּהן גדול חוניו דער ערשטער, דער זוהן יַדוּעַ'ס וואָס איז אונז בעקאַנט פֿון אַלעקסאַנדער מוקדונ'ס צייט, אונ נאָך חוניו I — זיין זוהן שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק וואָס איז בעוואוסט אַלס לעטצטער פֿון די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה אונ דער ערשטער פֿון אונזערע תַּנָּאִים. צו דער אייגענער צייט האָט זיך ביי יודען איינגעפֿיהרט אַ נייע אָפֿיציעלע צייטרעכנונג, בעקאַנט ביי אונז אונטער דעם נאָמען „מִנְיַן שְׁטָרוֹת". די צייט האָט זיך גערעכענט נאָך די רעגיערונגס־יאָהרען פֿון די סעלייקישע קאָניגע. דיזע צייטרעכנונג האָט נאָך פֿיעל הונדערטע יאָהרען ביי אונז געדויערט.

פּטאָלאָמאֶאוס II פֿילאַדעלפֿוס (285 פֿ. ק.=ג"א תע"ה לב"ע). דער זוהן פֿון דעם פֿאָריגען איז צו די יודען נאָך בעסער געוועזען, אַלס זיין פֿאָטער. ער האָט זיי געגעבען בעסערע פּראַוועס, ער האָט אַלע געוועזענע געפֿאַנגענע פֿון זיין פֿאָטער אויסגעקויפֿט אונ פֿריי געלאָזען. ער האָט חֵשֶׁק בעקומען פֿון אונזער תּוֹרָה איינע גריכישע איבערזעטצונג צו מאַכען אונ עס אַריינגעבען אַלס ציערונג פֿיר זיין

גראָסאַרטיגע ביבליאָטהעק (אָבען זייטע 20). צו דיזעם צוועק האָט ער געשיקט שלוחים צו אליעזר כהן גדול, דער זוהן פון שמעון הצדיק, מיט רייכע מתנות פאַר'ן בית־המקדש אונ אַ פריינדליכען בריעף צו איהם מיט דעם געבעט, ער זאָל איהם צושיקען געלערנטע יודען, וואָס פערשטעהען גוט לשון קודש אונ גריכיש, אום די יודישע תורה צו איבערזעטצען. דער כהן גדול האָט עס גערן געטהון, אונ איהם צוגעשיקט צוויי אונ זיבענציג געלערנטע מאָנער, די איבערזעטצונג צו מאַכען. דער קאָניג האָט זיי מיט גרויס כבוד אויפגענומען, האָט זיי 72 בעזונדערע קוואַרטירען בעשטעלט אויף דער אינזעל פאַרוס, וואו דער בעריהמטער לייכט־טהורעם איז געשטאַנען — אונ אין 72 טעג זיינען זיי מיט דער אַרבייט פערטיג געוואָרען. דער קאָניג האָט דאַן איינגעלאַדען געלעהרטע יודען פון אַלעקסאַנדריאַ, די איבערזעטצונג איבער צו זעהען אונ דאַרויף זייער מיינונג צו זאָגען. די אַלעקסאַנדרישע יודען האָבען זיך דערמיט זייער געפרייעט אונ לכבוד דעם אַ גרויסען יום־טוב געמאַכט, ווייל צו יענער צייט האָבען זיי אָנגענומען די גריכישע שפּראַכע, אונ לשון קדש איז זיי אַלע מאָל פרעמדער געוואָרען. זיי האָבען די גריכישע איבערזעטצונג פון דער תורה אפילו אין זייערע גאָטעס־הייזער צום לייענען איינגעפיהרט.

נאָך אליעזר כהן גדול'ס טויט איז אויף זיין אָרט געוואָרען זיין פעטער מנשה, ווייל שמעון הצדיק'ס צווייטער זוהן איז נאָך צו יונג געווען, דיזע עהרענשטעלע צו פערנעהמען, אַלס ער איז גרויס געוואָרען איז ער אונטער דעם נאָמען חוניו II כהן גדול געוואָרען.

נאָך דיזעם גוטען אונ האָכגעבילדעטען קאָניג האָט זיך אויף זיין אָרט געזעטצט פּטאָלאָמאָאוס III אייערגעטעס (247 פ. ק.=ג"א תקכ"ג לב"ע).

אין יענער צייט איז אויסגעבראָכען אַ קריעג צווישען איהם אונ סעלייקוס II, קאָניג פון סיריען. אייערגעטעס האָט אפילו גובר געווען, אָבער סעלייקוס האָט אין ירושלים פיעל אינטריגירט אום דאָס יודישע פאָלק פון דער אָגיפּטישער מלוכה אָבצורעדען. דער כהן גדול חוניו II האָט זיך געלאָזען פערפיהרען אונ האָט זיך אָבגעזאָגט דעם יאָהרליכען מס (אין גאַנצען 20 טאַלענט) דעם סעלייקישען קאָניג צו צאָהלען. דאָס האָט דעם איערגעטעס זעהר אין כעס געבראַכט אויף די יודען פון ארץ־ישראל, אונ האָט זיי מתרה געווען, דאָס ווען זיי וועלען זיך אַזוי עקשנען, וועט ער זיי פון זייער לאַנד פערטרייבען אונ דאָרט אַנדערע אומות בעזעטצען. דאָס האָרענדיג האָבען זיך אַלע זעהר ערשראָקען, נור חוניו כהן גדול'ס אַ קרוב, יוסף בן טוביה, האָט דעם קאָניגס אייערגעטעס כעס אויף יודען דורך חכמה איינגעשטילט, אונ קומענדיג נאָך אַלעקסאַנדריאַ האָט ער דעם יאָהרליכען מס פון גאַנץ ארץ־ישראל אויף 22 יאָהרען אויף זיין אייגענע רעכנונג אין אַרענדע גענומען אונ איז פון דאַמאַלס אָן אין קאָניגליכען אָגיפּטישען הויף אַ גרויסער תקיף געוואָרען.

דאָס איז אָבער פֿיר יודען אַ קנאַפּע טובֿה געווען, דען אויסערדעם דאָס ער האָט דאָס פֿאָלק זעהר בעריסען מיט די שווערע אַבגאַבען (מַס), וואָס ער האָט פֿון זיי דורך תְּקִיפֿות איינגעמאָהנט, האָט ער אויך דער יודישקייט פֿיעל שאָדען געבראַכט. יוסף אונ אַלע זיינע בעאַמטע (טשינאָווניקעס) האָבען שטהענדיג נאָהנט צו דער אֶגיפּטיש=גריכישער רעגיערונג, זיך צו אַלע גריכישע מִדות אונ מִנְהָגִים איינגעוואָהנט; די גאַנצע יודישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אָנגעהויבען פֿיהרען אויף גריכישער אויס=געלאַסענער גאָטצענדיענערישער אַרט אונ זיך ביסלאַכווייז פֿון הייליגען יודישען דַת גאַנץ אָבגעזאָגט. דאָס איז געווען די גראָסטע אורזאַכע (סִבָּה) צו די גרויסע צָרות אונ גְזֵרות רָעות, וואָס זיינען נאָכהער אויף די אֶרץ־ישראל'דיגע יודען געקומען.

פּ ט אָ ל אָ מ אֶ א ו ס IV פֿ י ל אָ פּ אַ ט אָ ר, (222 פֿ. ק.=ג"א תקמ"ח לב"ע), דער יוֹרֵשׁ פֿון אֶיערגעטעס האָט קריעגגעפֿיהרט מיט איינעם פֿון די סעלייקישע מְלָכִים, אַ נ ט י ו כ ו ס ד ע ם ג ר ו י ס ע ן. נאָך דעם ווי פֿילאָפּאַטאָר האָט איהם מְנַצֵחַ געווען אונ דאָס זייניגע אויסגעפֿיהרט, איז ער ביים צוריקגעהען פֿון דער מִלְחָמָה געקומען נאָך יְרושָׁלַיִם. אַנפֿאַנגס האָט ער זיך גאַנץ גוט געוויעזען, ער האָט בעזוכט דעם בֵּית־הַמִקְדָשׁ אונ קָרְבָּנות געבראַכט, נור דאָרט זייענדיג האָט זיך איהם פֿער=וואָלט, דעם קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים צו זעהען אונ האָט פֿערלאַנגט מען זאָל עס איהם ווייזען, אונ ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס דער כֹּהן גָדול, חוניו II, שמעון הצדיק'ס זוהן, האָט איהם ערקלאָרט, דאָס דער אַריינגאַנג אין דיעזען הייליגסטען טהייל פֿון בית־המקדש איז פֿיר ניט=יודען שטרענג פֿערבאָטען, דאָס אַהין קען נור קומען דער כהן גדול אונ דאָס נור איין מאָל אין יאָהר, אַם יום־כִּפּור, אונ ניט אַכטענדיג אויף דאָס געשריי אונ געפּילדער פֿון אַלע כהנים אונ אַלע פֿרומע יודען אויף אַזוי אַ חִלוּל הַשֵׁם וואָס דער קאֶניג וויל בעגעהען, האָט פֿילאָפּאַטאָר זיך בעשלאָסען זיך דאָרטען מיט מיליטאֶרישע געוואַלט אַריינצורייסען. אָבער פּלוצלינג איז אויף איהם געפֿאַלען אַ גרויסע מוֹרָא, עס איז איהם איבעל געוואָרען, אונ ער איז צו דער ערד געפֿאַלען אונ אָהן לָשון געבליעבען. זיין סוויטע האָט איהם פֿון דאָרט געשווינד האַלב טויט אַרויס=געטראָגען. וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען ווייס מען עד הַיום נישט, צו דאָס איז געווען אַ נֵס מִן הַשָׁמַיִם, אָדער עפּיס אַ מין קונץ פֿון די כֹּהנים. װעניגסטענס האָט זיי פֿילאָפּאַטאָר אין דעם חוֹשֵׁד געווען אונ איז אויף די יודען זעהר ערגרימט געוואָרען. אֱמֶת די יודען אין ירושלים האָט ער דערווייל גאָר נישט געטהון, זיין גאַנצען כעס האָט ער אויסגעלאָזען צו די יודען, וועלכע וואָהנען אין זיין לאַנד מִצְרַיִם. ער האָט ביי זיין פּאַלאַץ אַוועק געשטעלט אַ שטיינערנען גאָטץ אונ שטרענג בעפֿאָהלען, דאָס קיין יוד זאָל זיך ניט דערוואָגען פֿאַר איהם צו קומען, כָּל זְמַן ער האָט זיך צו זיין אָבגאָט ניט געבוקט; אויסערדעם האָט ער גוֹזֵר געווען אַלע זיינע יודען זאָלען

גאָטצענדיענער ווערין און ווען נים — וועלען זיי אַלע מענשליכע פּראַוועס פערליערן. זעהענדיג דאָס די בּאָזע גְזֵירָה העלפט אויך נים, איז ער שרעקליך ערגרימט געוואָרען און געהייסען, מען זאָל טויזענדע פון זיי אין קייטען שמיעדען און הינטער דער שטאָדט אַוועקשלעפּען אין זיין רייטער־מאַנעזש (צירק) און אויף זיי הערויפלאָזען זיינע עלעפאַנטען, זיי זאָלען זיי אונטער זייערע שווערע פיס צו טרעטען. אַם בּעשטימטען טאָג זיינען אין מאַנעזש צוזאַמענגעקומען אַלע גריכישע הערען און דאַמען און זיך איינגעזעצט אין די לאָזשעס אַרום דעם צירק. אויך דער קאָניג מיט זיין גלאָנצענדער סוויטע האָבּען זיך דאָרט איינגעפונען. די עלעפאַנטען האָט מען בּעטרונקען מיט וויין, זיי זאָלען שיכּורערהייד מיט גראָסערען אימפעט די אונגליקליכע יודען אונטער זייערע פיס צוטאָפּטשען. אָבער דאָ איז ווידער אַ גרויסער נֵס געשעהען: די פערשיכּור'טע חַיות, אַנשטאַט אויף די געשמיעדעטע יודען זיך צו וואַרפען, האָבּען זיך פאַר'נאַנדער געוואָרפען אויף דעם פובּליקום פון די לאָזשעס, און פיעלע פון זיי געהרג'ט. דאַן האָט דער קאָניג איינגעזעהען, דאָס דער יודישער גאָט שטעהט פאַר זיין פאָלק און העלפט זיי אוים. ער האָט אַלע זיינע גזרות מְבַטֵל געווען און די יודען אַלע פּראַוועס צוריק געגעבען.

נאָך פילאָפאַטאָרס טויט איז געבּליעבען אַ קליינער פינף־יאָהריגער זוהן, פּטאָלאָמעאָוס V עפּיפאַנעס. מיט דעם אומשטאַנד האָט זיך בּענוצט אַנטיוכוס III, דער גרויסער (224 פ. ק.=ג"א תקמ"ו לב"ע), קאָניג פון סיריען און אַריינגעכאַפּט אֶרץ־ישׂראל אין זיין רשות. די יודען אַליין האָבּען איהם דערצו צו געהאָלפען. ערשטענס, ווייל די אַפּוטרופּסים (אָפּיעקונעס) פון דעם קליינעם יורש זיינען מיט זייער חיל אָנגעפאַלען אויף אֶרץ־ישׂראל און ירושלים בּעראַבּעוועט; צווייטענס, האָט זיך אַנטיוכוס III פון אימער זעהר פריינדליך בּעוויעזען צו יודען. צוויי טויזענד יודישע פאַמיליען האָבּען זיך אַריבּערגעקליבען פון מעזאָפּאָטאַמיען (אֲרַם נַהֲרַיִם) אין זיין לאַנד און ער האָט זיי בּעשענקט מיט הייזער און פעלדער. זיי האָבּען איהם אַלזאָ געהאָלפען זייער ירושלים צו נעהמען, און ער האָט זיי דערפאַר אַלע פּראַוועס געגעבען און פון זיין קאַסע מְנַדֵב געווען דעם בּית־המקדש צו בּענייען און פיר זיין געלד די טאָגליכע קרבּנות צו פערשאַפען. ער האָט בּעפעסטיגט דאָס געזעטץ, אַז אַלע פרעמדע אומות איז שטרענג פערבּאָטען העריין צו קומען אין בּית־המקדש. ער האָט זיי אויך פון פערשיעדענע מסים בּעפרייט און די יודישע געפאַנגענע אין סיריען די פרייהייט געשענקט.

אין זיין צייט איז דער כּהן גדול חוניו II געשטאָרבּען און אַנשטאַט איהם איז חוניו III כּהן גדול געוואָרען. ער איז געווען אַ גרויסער ירא שמים און אַלע אפילו

די אומות העולם האבען איהם פיר זיין פרומקייט אונ זעלטענע עהרליכקייט זעהר געליעבט אונ געשאֶטצט.

אויך דער זוהן אונ יורש פון אנטיוכוס דעם גרויסען, סעלייקוס IV פילאָפּאַטאָר (107 פ. ק.=ג"א תקע"ג לב"ע) איז פריינדליך געווען צו יודען אונ צו זייער בית-המקדש גרוים כבוד בעוויזען אונ האט איהם אַלאַנגע צייט אויף זיינע הוצאות אויסגעהאַלטען. אָבער די רוהע איז צווישען די יודען אַליין געשטאָרט געוואָרען איבער אַ מחלוקת צווישען חוניו כהן גדול אונ שמעון דעם גבאי פון דער הייליגער קאַסע פון בית-המקדש — יעדער פון זיי האט געוואַלט האבען די גראָסטע דעה אין ירושלים. שמעון האט זיין רצון ניט אויסגעפיהרט אונ כדי צו נעהמען נקמה פון קהל האט ער געשיקט אַ מסירה (דאָנאָס) צום קאָניג סעלייקוס וועגען די גרויסע עשירות פון דער בית-המקדש-קאַסע אונ האט איהם געראַטהען זי פיר זיך צו קאָנפיסקירען. סעלייקוס איז דאַמאַלס געווען זעהר געדריקט אין געלד, ער האט געמוזט צאָהלען די ראָמער אַ גרויסע קאָנטריבוציע פיר זיין פאָטער אַנטיוכוס III. ער האט דאַהער גלייך זיין קאַנצלער העליאָדאָרוס נאָך ירושלים געשיקט, דעם אוצר פון בית-המקדש צו איהם צו ברייגגען. העליאָדאָרוס האט געשיקט נאָך דעם כהן גדול אונ פון איהם געפאָדערט, ער זאָל איהם דעם אוצר הערויסגעבען. דער כהן גדול אָבער האט איהם אָבגעזאָגט זיין פערלאַנג צו טהון. ער האט איהם ערקלערט, דאָס די עשירות פון בית-המקדש איז גאָר ניט אַזוי גרוים ווי מען מיינט, אונ דאָס ווענינע וואָס געפינט זיך איז נור פרעמדע איינגעלעגטע געלדער אויף בטחון אונ געזאַמעלטע נדבות פיר אלמנות אונ יתומים. דאָ האט העליאָדאָרוס בע-שלאָסען זיין זאַך אויסצופיהרען מיט געוואַלט אונ האט מיט גענומען זיינע אַ וואַך פון זאָלדאַטען אין בית-המקדש אַריין, די קאַסע אויפצוברעכען. אָבער דאָ האט איהם פאַסירט נאָך אָרגער ווי די געשיכטע מיט פטאָלאָמאָאוס פילאָפּאַטאָר פון מצרים. אויף די סירישע סאָלדאַטען איז געפאַלען אַ גרוים פחד אונ זיי האבען זיך פון דאָרט צו לאָפען פאַר שרעק. העליאָדאָרוס איז אין חלשות געבליעבען, אונ מען האט איהם פון דאָרט האַלב טוידט אַרויסגעטראָגען. ער האט דאַן צום קאָניג געשריעבען: „ווען דו האסט עפּיס אַ שונא, גיב איהם אויף אַזוי איין עסק אין יודישען בית-המקדש, זאָ וועסטו פון איהם גיך פטור ווערן". אָבער שמעון דער מסור האט זיך דערמיט ניט בערוהיגט, ער האט דעם כהן גדול בעשולדיגט, דאָס די זאַכע איז געווען אין גאַנצען איין אָנשטעל, האט געמאַכט אַ מהומה מיט אַ געשלאָג אין ירושלים, אונ מענשען זיינען צוליעב איהם אומגעקומען. חוניו III איז געווען געצוואונגען צו פאָהרען נאָך אַנטיוכיא, זיך פאַר דעם קאָניג צו פערענטפערן אונ אויף שמעון צו קלאָגען. ער איז אפילו געראַכט געבליעבען אונ שמעון איז בעשטראָפט געוואָרען צום טויט. אָבער קיין נוטצען פאַר דעם כהן גדול איז דערפון ניט אַרוים געקומען.

דען באַלד דאַרויף איז געוואָרען אַ איבערקערעהרעניש אין אַנטיוכיאָ, דעם קאָניג סעלייקוס פֿילאָפּאַטאָר האָט מען פֿאַר סַמְט און אויף זיין אָרט האָט זיך געזעטצט זיין ברודער אַנטיוכוס V עפּיפֿאַנוס (204 פֿ. ק.=ג"א תקנ"ו לב"ע).

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען די פֿרוכט פֿון די נייִמאָדישע גריכישע מִנְהָגִים, וועלכע זיינען ביי אונזערע יודען דורך יוֹסֵף דעם אַרענדאַטאָר און זיין אַריסטאָקראַטישע חֶבְרָה איינגעפֿיהרט געוואָרען. די יודען פֿון אַלעקסאַנדריען האָבען זיך מיט די גריכען רוהיג אַסימילירט; אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אָבער האָבען גוֹבֵר געווען די ריין=יודישע פֿרומע פּאַרטהייִ. און די יודיש=גריכישע פּאַרטהייִ האָבען צוליעב נִצָּחוֹן אַריינגעצויגען דעם קאָניג אַנטיוכוס צום נוטצען פֿיר זיי און צו אַ גרויסען אונגליק פֿיר יענע.

נאָך איז דער כהן גדול חוניו III געזעסען אין אַנטיוכיאָ און געוואַרט דער נייער קאָניג זאָל איהם בעפֿעסטיגען אין דער כְּהוּנָה גְדוֹלָה — איז פּלוטצלינג זיין יונגערער ברודער יֵשוּעַ, וועלכער האָט זיך געגעבען דעם גריכישען נאָמען יאַזאָן צו אַנטיוכוס געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן: ער זאָל איהם בעשטימען אַנשטאַט דעם ברודער חוניו כהן גדול צו ווערען און דערפֿאַר האָט ער איהם פֿערשפּראָכען צו בעצאָהלען 440 טאַלענטע אין גאָלד, און ביי די יודען די גריכישע מנהגים איינצופֿיהרען. אַנטיוכוס האָט דערצו גערן מַסְכִּים געווען, האָט חוניו III פֿון זיין שטעלונג אַראָפּגעוואָרפֿען און יאַזאָן'ען צום כהן גדול געמאַכט. באַלד האָט דער פֿערגריכישטער נייער כהן גדול איינגעפֿיהרט וויכטיגע נייעס. ער האָט אין ירושלים אויפֿגעבויעט אַ גריכישען טעאַטער פֿיר ערוואַקסענע און אַ גימנאַזיום פֿיר קינדער, זיי זאָלען, אַנשטאָט צו לערנען תּוֹרָה און מִדּוֹת טובות, זיך גלייבער בעשאֶפֿטיגען מיט גימנאַסטיק, ד"ה בַּחוּרִים און מאָדליך זאָלען צוזאַמען שפּיעלען און שטיפֿען, זיך האַלב=נאַקעט ראַנגלען און שטרייטען, צו ווייזען ווער עס איז שטאַרקער אין כח, און זיך צו אַלערליי אויסגעלאַסענע גריכישע שפּיעלען געוואָהנען. אָט די פּוסטע זאַכאַוועס זיינען אַזוי ווייט פֿיר מאָדע געוואָרען, דאָס כהנים פֿון בית־המקדש פּלעגען אַוועק וואַרפֿען זייער הייליגע עֲבוֹדָה און לויפֿען אין די גוטע ערטער, זיך מיט גימנאַסטיק צו בעשאֶפֿטיגען.

באַלד דאַרויף איז אַנטיוכוס געקומען נאָך ירושלים, דורכגעהענדיג מיט זיין חַיִל אויף אַ מִלְחָמָה אין מִצְרַיִם. יאַזאָן האָט נאַטירליך פֿיר איהם אַ גרויס פּאַראַד געמאַכט און זיך מיט זיינע נייע אָרדנונגען בעוויעזען — און דאָך האָט יאַזאָן'ס גְדוּלָה ניט לאַנג געדויערט! ער האָט בעדאַרפֿט צו שיקען אַ ראַטע געלד, אַ טהייל פֿון די 440 טאַלענטע וואָס ער האָט זיך מִתְחַיֵיב געווען דעם קאָניג צו געבען. ער האָט עס געשיקט דורך אַ פֿאַלשען פֿריינד, דורך איינעם בעוואוסטען גרעקאָפֿיל (גריכען=פֿריינד) מענעלעאוס (מיט'ן יודישען נאָמען: חוניו), אַ ברודער פֿון דעם שמעון, וואָס האָט געמאַכט די מְסִירָה אויף חוניו III. מענעלעאוס, האָט זיך בענוטצט מיט

דער געלעגענהייט, יאַזאָנ'ען אָבצושוואַרצען פֿאַר דעם קאָניג, אונ דורך חֲנִיפוֹת אונ אינטריגעם אונ דורך פֿערשפּרעכֿונג, איהם 300 טאַלענטע מעהר צו בעצאָהלען, האָט ער אַנטיוכס'ן איינגערעדט, יאַזאָנ'ען אַראָפּצוּוואַרפֿען אונ איהם אַליין צום כֹּהֵן גָדוֹל צו מאַכֿען, חאָטשי אייגענטלעך איז ער גאָר ניט געווען קיין כהן, ער איז גאָר געווען פֿון שֵׁבֶט בִּנְיָמִין; דאָס יודישע פֿאָלק איז דאַריבער געוואָרען האָכֿסט אויפֿגעבראַכֿט, אונ חאָטשי יאַזאָן איז אויך קיין צַדִיק ניט געווען, האָבען זיי שוין ליעבער איהם געוואָלט, ווי דעם ניעדריגען מענשען אַלס כהן גדול ביי זיך צו האָבען. מענעלעאוס האָט געמוזט פֿון ירושלים אַנטלויפֿען אונ צוריק פֿאָהרען צום קאָניג אַנטיוכוס, איהם אום הילפֿע צו ביטען. אַנטיוכוס האָט איהם צו געזאָגט צו העלפֿען, אונטער דעם תְּנַאי, ער זאָל זיך מיהען, ביי זיינע ברידער דעם גריכֿישען גאָטצענדיענסט איינצופֿיהרען אונ די יודישע אֱמוּנָה אויסצורייסען פֿון וואורצעל אַרוים. אַלס ער איז געקומען מיט מיליטאָר אין ירושלים, האָט שוין יאַזאָן געמוזט פֿון דאָרט אַנטלויפֿען. מענעלאוס האָט געהאַט פֿיעל רייכֿע גוטע פֿריינד פֿון דער גריכֿישער פּאַרטהיי, אונ דאָך איז ער ניט געווען אומשטאַנד, דעם קאָניג די פֿערשפּראָכֿענע סומע צו בעצאָהלען. ער האָט זיך אָבער אַ עֵצָה געגעבען. ער האָט אַרויסגענומען פֿיעל זילבערנע אונ גאָלדענע כֵּלִים פֿון בית-המקדש, אַוועקגעפֿיהרט צו פֿערקויפֿען אויף דעם האַנדעלסמאַרקט פֿון דער שטאָדט צ ו ר, אונ דעם קאָניג בעצאָהלט זיין חוב. אַלס דער כהן גדול, חוניו III, האָט זיך דאַפֿאָן דער-וואוסט, האָט ער זיך דאַפֿיר זעהר געקריעגט מיט דעם עוֹכֵר יִשְׂרָאֵל אונ איהם שטאַרק געזידעלט. מענעלעאוס האָט זיך געפֿונען בעליידיגט אונ אויף איהם געדונגען מאָרדער, אונ קורץ דאַרויף האָט מען חוניו כהן גדול אין אַנטיוכיאַ אַ געהרגיטען גע-פֿונען. אַלע האָבען דעם טויט פֿון דעם פֿרומען מאַן זעהר בעדויערט, אפילו די גאָטצענדיענערישע בַּעֲלֵי-בָתִּים פֿון אנטיוכיאַ — אום אַזוי פֿיעל מעהר די פֿרומע יודען אין ירושלים! זיי זיינען געווען אויסער זיך פֿאַר צאָרן געגען דעם ניעדריגען גאָטעס-לעסטעריגען מאָרדער, אָבער ער האָט זיך געשטיטצט אויף דעם אונטער-געקויפֿטען אַנטיוכוס, אונ האָט זיך פֿון זיינע ערביטערטע שונאים גאָר ניט געמאַכֿט. מיט אַ מאָל איז אין ירושלים אַרוים אַ קלאַנג, דאָס אַנטיוכוס איז געפֿאַלען אין אַ מלחמה אין מצרים. דאָ איז געוואָרען ביי די פֿרומע יודען אַ שמחה, יאַזאָנס פּאַרטיי האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ. באַלד האָט אַרום איהם זיך אויפֿגעקליעבען אַ חיל פֿון איבער טויזענד מאַן, האָבען פּלוטצלינג ירושלים איינגענומען אונ האָבען זיך געוואָלט נעהמען צו מענעלעאוס'ן, וועלכֿער האָט זיך איינגעשלאָסען אין דער ציטאַדעלע (פֿעסטונג) פֿון סירישען גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין ירושלים. יאַזאָן אונ זיין פּאַרטיי האָבען זייער גאַנצען כַּעַס אויסגעלאָזען צו מענעלעאוס'ענס חֶבְרָה אונ זיך אָן זיי נוקם געווען וויפֿיעל דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

די זאַך איז אָבער דערגאַנגען צום קעניג אַנטיוכוס, און ער האָט גאָר קיין שהיות ניט געמאַכט, ער איז גלייך געקומען מיט אַ גרויסען חיל אין ארץ ישראל און אויסגעלאָזען זיין גאַנצען גרים צאָרען צו די איינוואָהנער פֿון ירושלים; ער האָט דאָרט אַ גרויסע בלוט־באָד געמאַכט. פֿיערציג טויזענד מאַנן האָט ער אין דריי טעג אויסגעשניטען און בערך אַזוי פֿיעל געפֿאַנגען און אין שקלאַווערייא פֿערקויפֿט. זיין נקמה אויסצופֿיהרען איז ער מיט מענעלעאוסען אַריינגעגאַנגען אין בית־המקדש, און אום איהן מטמא צו זיין, האָט ער געהייסען בריינגען אַ שוויין אַלס אָפּפֿער אויפֿ'ן מזבח העולה, און פֿיעל פֿון זיינע גאָלדענע און זילבערנע כּלים צו זיך גענומען, און נאָכדעם ווי ער האָט די שטאָדט ביז אויף 1800 טאַלענט בעראַבעוועט, איז ער צוריק אין זיין הויפּטשטאָדט אַנטיוכיאָ אַוועק. אין צוויי יאָהרען שפּעטער האָט ער געשיקט זיין פֿעלדהערן אַפּאָלאָניוס מיט צוויי־און־צוואַנציג טויזענד מאַן חיל, די יודען אין ירושלים צו פֿערטיליגען. אַפּאָלאָניוס איז געקומען אין ירושלים כּלומר'שט פֿריינדליך; דאָרט האָט ער אָבגעוואַרטעט דעם שבת קודש. אַלס דאָס רוב יודען האָבען זיך פֿריה אויפֿגעקליבען צום דאַוונען, איז ער זיי איבערפֿאַלען, אַלע זכרים אויסגעהאַרגעט און זייערע פֿרויען און קינדער אין שקלאַווערייא פֿערקויפֿט, די שטאָדט ווידער געראַבעוועט, די בעסטע שאָנסטע הייזער פֿערברענט, און די פֿעסטונג, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם בערג מוריה, האָט ער אַרום גערינגעלט מיט זייער הויכע וואַנד און דאָרט אַ וואַך אַריינגעשטעלט איבער צו פֿאַלען אויף די יודען, וועלכע וועלען וואַגען צו קומען אין בית־המקדש מתפּלל צו זיין אָדער פֿאַר גאָט קרבנות צו ברענגען.

און דאָס אַלעס איז פֿאַר אַנטיוכוס נאָך אימער וועניג געוועזען. ער האָט אַרויס געגעבען אַ בעפֿעהל, דאָס די יודען אין אַלע מדינות פֿון זיין מלוכה זאָלען זיין אמונה אָננעהמען. די שומרונים האָבען תּיכּף געטהון זיין ווילען און פֿאַר זייער בית־המקדש אויפֿ'ן בערג גריזים (באַנד II, זייטע 60) גלייך אַוועקגעשטעלט דעם גריכישען אָבגאָט צעאוס, פֿיעל יודען האָבען אויס מורא זיך אָב־געשמדט און זיינען גאָטצענדיענער געוואָרען. די דאָזיגע אָבער, וועלכע האָבען זיך אָן זייער יודישקייט געהאַלטען, האָבען שרעקליכע צרות געהאַט אויסצושטעהען. די קרבנות אין בית־המקדש זענען בטל געוואָרען, מצות מילה, שבת און יום טוב זענען שטרענג פֿערבאָטען געוואָרען, אַלע ספרי תורה האָט מען צוריסען אָדער מיט אויסמאָלען פֿון די געשטאַלטען פֿון געצענבילדער מטמא געווען און דעם בית־המקדש אַליין צום גאָטצענ־דיענסט איבער געמאַכט. אַם פֿינפֿ־און־צוואַנציגסטען כּסלו (167 פֿ. ק.=ג"א תקצ"ג לב"ע) איז צום ערשטען מאָל געבראַכט געוואָרען אַ קרבן צום גריכישען גאָטצען צעאוס. אַזעלכע מזבחות האָט מען אויפֿגעבויעט אין אַלע שטאָדט און

שטאָדטליך פֿון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אונ די פֿרומע יודען, וועלכֿע זיינען צום גאָטצענדיענסט ניט צו געשטאַנען האָבען שרעקליכֿע צרות געמוזט אויסשטעהן. מעהר אַלס זעקס חֳדָשִׁים האָבען אַנטיוכֿס׳עס שווערע גְזֵרוֹת זיך געהאַלטען. ער אַליין איז נאָך ירושלים געקומען צו זעהען, ווי זיינע האַרטע בעפֿעהלען ווערען אויסגעפֿיהרט. פֿאַר די פֿערגריכֿישטע פֿאַלשע יודען איז עס געווען אַ גליקליכֿע צייט, זיי האבען פֿיעל טשינען אונ גרויסע בעלאָהנונגען בעקומען, די אֶמֶת׳ע פֿרומע יודען זיינען צולאָפֿען אין וויסטענישען אונ מִדְבָּרִיוֹת אונ אין אַלע פֿערבאָרגענע לאָכֿער פֿערקראָכֿען; די פֿון זיי, וועלכֿע זיינען אַריינגעפֿאַלען צו די שוֹנְאִים אין די האַנד, זיינען אומגעקומען אונ אויף קִידוּשׁ הַשֵּׁם צום טויט געמאַרטערט געוואָרען. אַזוי האָט עס געטראָפֿען מיט זיעבען ברידער וועלכֿע האָבען זיך מַקְרִיב געווען אויף קידוש השם, האָבען אַלע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת פֿערליטען; זייער אונגליקליכֿע מוטער האָט עס מיט איהרע אייגענע אויגען געמוזט צוזעהען, זי האָט זיי אַליין אויפֿגעמונטערט אונ זייערע הערצער בעשטאַרקט, זיי זאָלען אַלעס פֿערליידען אונ פֿון זייער אֱמוּנָה בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט אָבטרעטען. נאָכֿדעם ווי איהרע אַלע זיעבען קינדער זיינען שוין צוקאַליעטשעטע, פֿאַרסמאַליעטע אונ געקוילעטע צו איהרע פֿיס געלעגען איז זי אויף אַ הויכֿען מויער אַרויפֿגעקראָכֿען מיט היילינען געזאַנג, אונ פֿון דאָרט זיך אַראָפּגעוואָרפֿען אונ גאָט איהר נְשָׁמָה אַוועק געגעבען.

צעהנטעס קאפיטעל.

די מאַכאַבּעער.

מתתיהו הכהן און זיינע זיהן. יהודה מכבי. חנכּה. נייע מלחמות. אַנטיוכס אַאופּאַטאָר. יונתן. שמעון כהן גדול און פירשט. יודען אין מצרים. פּאַרטייען אים יודישען פאָלק. יוחנן דער כהן גדול און נשיא.

אין דער שווערער אונגליקליכער צייט פון אַזעלכע צָרות אויף יודען האָט געלעבט ניט ווייט פון מַעֲרִיב־זייט פון יְרוּשָׁלַיִם איין אַלטער גאָטטעס־פירכטיגער כֹּהֵן מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן פון דער פאַמיליע חַשְׁמוֹנָא. ער האָט געהאַט פינף זיהן: יוֹחָנָן, שִׁמְעוֹן, יְהוּדָה מַכַּבִּי, אֶלְעָזָר און יוֹנָתָן. בְּשַׁעַת דורך אַנטיוכוס גְזֵרָה זיינען אומעטום מִזְבְּחוֹת געבויעט געוואָרען צו זיין עֲבוֹדָה זָרָה, איז אין דער שטאָדטעל געקומען אַ סירישער בעפעהלסהאַבער אַפּעלעס מיט אַ קליינע שאַאַר סאָלדאַטען, געשיקט פון קאָניג אַנְטִיָכוּס צו מתתיהו מיט דעם פעלאַנג, דאָרט אויך צו שטעלען אַ מִזְבֵּחַ און איהם מיט זיינע זיהן גרויסע בעלאָהנונגען פערשפּראָכען, ווען זיי וועלען וויזען אַ ביישפּיעל פיר די איבריגע יודען פון מוֹדְעִים, אויף דעם מזבח צו רויכערן קְטוֹרֶת און מַקְרִיב זיין קָרְבָּנוֹת צו די גריכישע אָבגאָטער ווי דער קאָניג אַנטיוכוס פערלאַנגט. מתתיהו אָבער האָט איהם אָפען געזאָגט, דאָס ניט ער און ניט קיינער פון זיין פאַמיליע וועט זיך צו זייער יודישען גאָט אויף אַזוי איין אַרט פערזינדיגען. אין דער זעלבער צייט איז צוגעגאַנגען איין אַלטער בַּעַל עֲבֵירָה צום מזבח, אום אויף איהם קטורת צו רויכערן פאַר דעם גריכישען גאָטצען. מתתיהו איז געוואָרען פייער און פלאַם איבער אַזוי אַ אָפענעם חלול הַשֵּׁם, און האָט דעם מְשׁוּמָד צוזאַמען מיט אַפּעלעס'ן דערהרגיט און פון מזבח צו וואָרפען שטיינדליך־וויז. זיינע זיהן צוזאַמען מיט די אַנדערע יודען, האָבען געחאַפּט כְּלֵי־זַיִן און די סירישע וואַך טויטגעשלאָגען. דאַן האָט דער אַלטער מאַן צוזאַמען גערופען אַלע פרומע יודען און זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען מיט איהם צוזאַמענהאַלטען. ער איז מיט זיי צוזאַמען אַנטלאָפען צווישען די בערג פון לאַנד יְהוּדָה און זיך דאָרט פאַר די שׂוֹנְאִים בעהאַלטען אין די פערבאָרגענע האָהלען פון יענער ווילדער געגענד. אָבער די סירישע חֲיָלוֹת זיינען אַרויס זיי צו יאָגען און האָבען מֵמִית געווען יעדען יודען, וועלכער איז אין זייערע האָנד

אַריינגעפֿאַלען. אַזוי זיינען זיי איבערפֿאַלען אַ האָהל, וואו עס זיינען איבער טויזענד יודען מיט זייערע פֿאַמיליען פֿערבאָרגען געווען, און וויל דאָס איז געשעהן אַם שַׁבָּת, האָבען די פֿרומע מענשען זיך גאָר ניט געוועהרט. די סירער האָבען די האָהלע אַרום געלעגט מיט האָלץ און שטרוי און אונטערגעצונדען און די פֿערבעהאַלטענע יודען מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען פֿונ'ם רויך ערשטיקט געוואָרען. מתתיהו איז פֿון דעם נייען אונגליק אויסער זיך געוואָרען, האָט גלייך געמאַכט אַ אֲסֵיפָה פֿון די געלערנטע חֲבֵרִים, און עס איז געפַּסְקֶענט געוואָרען, דאָס ביי אַ סַכָּנָה פֿאַר'ן כְּלַל מעג מען מְחַלֵּל שַׁבָּת זיין, אום זיך צו רעטען. אַלס עס האָבען זיך אַרום מתתיהו שוין אויפֿגעזאַמעלט אַ רעכטע צאָהל בעוואַפֿענטע קריעגסלייט, איז ער אַרויס מִלְחָמָה צו האַלטען געגען די קליינע חֲיָלוֹת פֿון שונא, האָט זיי שטאָנדיג גובֵר געווען און דאַן זיך געלאָזען איבער די קליינע שטאָדטליך, האָט די זינדיגע יודישע גאָטצענדיענער בעשטראָפֿט, די גוֹיִשע מזבחות צושליידערט, דעם עולם צו יודישקייט צוריק געפֿיהרט, די אונבעשניטענע קינדער מַל געווען און פֿון די רעשטע סִפְרֵי תּוֹרָה וועלכע זיינען ריין און גאַנץ געבליעבען, פֿיעל קאָפּיעס אָבגעשריעבען און וויעדער די קְרִיאַת הַתּוֹרָה איינגעפֿיהרט פֿון זי צו לייענען.

אָבער דאָס אומלויפֿען און שטאָנדיגע וואַנדערן האָבען דעם מַתִּתְיָהוּ די לעצטע כּוחות צוגענומען און ער האָט אָנגעפֿאַנגען צו פֿיהלען, דאָס לאָנגער קען ער שוין ניט אויסהאַלטען, די קרעפֿטען געהען איהם אויס און ער האַלט שוין ביים שטערבען. דאָ האָט ער צוזאַמענגערופֿען זיינע פֿינף זיהן, האָט זיי אַ צַוָּאָה געלאָזען, זיי זאָלען בלייבען טריי צו גאָט און דעם יודישען פֿאָלק, האָט יְהוּדָה מַכַּבִּי וועגען זיין כּוֹח און גְבוּרָה, אויסגעקליעבען צום הויפּטאַנפֿיהרער, און נאָכדעם ווי ער האָט איהם אַליין געבענשט, איז ער איהם יאָהר 166 ג"א תקצ"ט לברי"ע נפטר געוואָרען, פֿון אַלע פֿרומע יודען טיעף בעוויינט און בעקלאָגט. יהודה מכבי (166—160—ג"א תקפ"ח—תקצ"ד לבריאת עולם) האָט זיך ערוויעזען זעהר ווערטה צו דעם צוטרויען וועלכען זיין פֿאָטער עָלָיו הַשָּׁלוֹם האָט צו איהם געהאַט. ער האָט אין זיין פֿאָטערס גאַנג מיט גרויס חֵשֶׁק ווייטער געאַרבייטעט, פֿיעל קליינע שטאָדט איינגענומען און בעפֿעסטיגט אום געגען די שׂוֹנְאִים צו בעשטעהען. דאָ איז אַרויס געגען איהם דער באָזער אַפּאָלאָניוס מיט אַ גרויסע מאַכט, יהודה האָט אָבער מַצְלִיחַ געווען געגען זיין חַיִל און איהם זעלבער צו טויט געשלאָגען. דורך דעם נִצָּחוֹן אויפֿגעמונטערט, האָט ער מוטה בעקומען הערויסצוגעהן אויף מלחמה געגען נאָך אַ גרעסערן חיל אונטער דעם סירישען פֿעלדהערן סעראָן, וועלכער איז אויף איהם געגאַנגען. יהודה האָט איהם געטראָפֿען ביי דער שטאָדט בֵּית חורון, האָט אויך די מלחמה געוואונען. סעראָן איז ערשלאָגען געוואָרען און זיין חיל איז אין אַלע זייטען צולאָפֿען.

צו יענער צייט איז אַנטיוכוס נאָך גאַר רוהיג געווען, ער איז געווען בעשעפטיגט אין זיינע צפון׳דיגע מְדִינות, פון זיי די אָבגאַבען (פּאָדאַטקי) מיט געוואַלט איינצוזאַמלען, און אַלס ער האָט דערהערט וועגען די צוויי מַפָּלות פון זיינע פעלדהעררען, איז ער אויסער זיך געוואָרען פאַר גרימיגען צאָרען. ווייל אָבער ער האָט אַליין אויך חיל בעדאַרפט צו האָבען, האָט ער זיינע אַרמעע צוטהיילט, איין טהייל האָט ער פיר זיך אַליין געלאָזען און דען גרעסטען טהייל האָט ער איבער געגעבען זיין בעסטען גענעראַל ליזיאַס מיט דעם בעפעהל, ער זאָל די יודען גאַנץ אויסטיליגען, דאָס לאַנד מיט אַנדערע אומות בעזעטצען און יְרוּשָׁלַיִם אין גאַנצען מַחֲרִיב זיין און זי גלייך מיט דער ערד מאַכען.

ליזיאַס איז הערויס געגען יהודה מכבי מיט הונדערט־טויזענד מאַן פוספאָלק און זיבענטויזענד רייטער אונטער קאָמאַנדאָ פון דריי גרויסע פעלדהעררען, וואָס דער גרעסטער פון זיי איז געווען ניקאַנאָר, וועלכער האָט געלאָזען אויסרופען אין אַלע סירישע לאֶנדער, דאָס ווער עס וויל האַנדלען גרויסע מְצִיאות, זאָל קומען נאָך אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דאָרט וועלען פאַרקויפט ווערען צו 90 פאַמיליעס נור פיר איין טאַלענט, ניט מעהר. אַזוי פיעל געפאַנגענע וועט ער דאָרט מאַכען. און עס זיינען זיך טאַקי צוזאַמען געקומען פיעל סירישע סוחרים אַזעלכע מציאות צו חאַפּען.

די דערשראָקענע יודען זיינען זיך צו לאָפען. עס זיינען ביי יהודה געבליבען נור זעקס טויזענד מאַן — און מיט זיי האָט ער געהאַט צו געהן אין דער מלחמה געגען אַזוי אַ שטאַרקע קריעגס־מאַכט! דאָך האָט יהודה זיין מוטה ניט פערלאָרען. פריהער האָט ער שטאַרק מִתְפַּלֵּל געווען צו גאָט, און דאַן האָט ער דאָס ביסעל חַיִל צוטהיילט צווישען זיינע העלדענהאַפטע ברודער. פון פיינדליכען לאַגער זיינען אַרויס 5000 מאַן פוספאָלק מיט 1000 רייטער אַנטקעגען יהודה׳ס חיל. אָבער ווי יהודה האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער ניט געוואַרט ביז זיי וועלען קומען צו איהם. ער האָט מיט חָכְמָה זיי אויסגעמידען און נאָך אין דערזעלבען נאַכט אָנגעפאַלען אויף ניקאַנאָרס הויפט־אַרמעע. פון אַזוי אַ אונגעריכטען איבערפאַל איז דער שׂוֹנֵא שטאַרק צומישט געוואָרען און זיך געלאָזען שניידען ווי בְּהֵמוֹת אין יאַטקע. דריי טויזענד סירער זיינען טויט געפאַלען און די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען. דאַן איז יהודה מיט זיינע גִבּוֹרִים אָנגעפאַלען אויף זייער לאַגער און איהם אָנגעצינדען. די 6000 מאַן חיל וואָס האָבען געזאָלט אָנפאַלען אויף יהודה׳ס חיל זיינען זעהר ערשראָקען געוואָרען און אַנטלאָפען. יהודה האָט זיי נאָכגעיאָגט, אייניגע טויזענד מאַן זיינען ווידער געהרג׳ט געוואָרען און די איבריגע זיינען זיך צולאָפען וואוהין די אויגען האָבען זיי געטראָגען. צו די יודען אין די האַנד איז זעהר פיעל רויב אריינגעפאַלען: זילבער, גאָלד און אֲבָנִים טובות — אַלעס וואָס די סירישע סוֹחֲרִים האָבען

מיט געבראַכט, אום די מְצִיאות צו קויפען. ניקאַנאָר אַליין האָט געמוזט אַנטלויפען און מיט חֶרְפָּה צוריק נאָך אַנְטיוכיא געקומען.

דאָ איז געווען אַ פּראָהליכער שַׁבָּת פאַר די גליקליכע יודישע גבורים, און קוים איז דער שבת אַוועק, האָט יהודה ווידער אַ גרויסען סירישען חיל צושלאָגען. עס איז נאָך מעהר רויב און עֲשִׁירוּת צו יהודה אין די האָנד געפאַלען. ער האָט מיט שֵׂכֶל און יוֹשֶׁר אַזוי אַ חֲלוּקָה געמאַכט: אַ טהייל האָט ער צוטהיילט צווישען יודישע אַלְמָנוֹת און יְתוֹמִים, און אַ טהייל האָט ער אָבגעלעגט, געווער און קריעגס-וואָפען צו פערפערטיגען.

די שלעכטע בְּשׂוּרָה פון דער גרויסער מַפָּלָה פון די סירישע חֲיָלוֹת אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט דעם ליזיאַס זעהר מְצַעֵר געווען און דעם אַנדערן יאָהר דאַרויף איז ער אַליין אַרויס אין פאָחאָד אויף אֶרֶץ-ישראל מיט אַ חיל פון זעכציג טויזענד מאַן פוס-פאָלק און פינף טויזענד מאַן רייטער און פיעל קריעגס-עלעפאַנטען. ביי בֵּית צוּר אין דְרוֹמִית-מַעֲרָבִית זייטע פון יְרוּשָׁלַיִם, איז יְהוּדָה אַרויס געגען די סירישע אַרמעע מיט נור צעהנטויזענד מאַן יודישען חיל און האָט אַ גלאָנצענדען נִצָּחוֹן ערהאַלטען. 5,000 סיריער זיינען אויף'ן פּלאַטץ טויט געבליעבען און די איבריגע זיינען זיך צו לאָפען. ליזיאַס האָט גאָר נישט אויסגעפיהרט, און געמוזט מיט האַרץ-וועהטיג אָפּ ציהען צוריק נאָך אַנְטוֹכְיָא. אין אַנפאַנג ווינטער פון זעלביגען יאָהר, איז יהודה געקומען מיט זיין חיל אין ירושלים. זעהענדיג דעם חורבן פון דער הייליגער שטאָדט האָבען זיי אַלע קְרִיעָה געריסען און ביטער געוויינט. דאַן האָבען זיי זיך גענומען צו בעפעסטיגען דעם הַר-הַבַּיִת (דער בערג, אויף וועלכען דער בֵּית-הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען) כְּדֵי צו זיין זיכער פאַר די שׂוֹנְאִים, די סירישע און די יודישע כּוֹפְרִים, וועלכע האָבען זיך בעפעסטיגט אין דער שטאָדט צִיוֹן. אַלעס וואָס האָט געהאַט אַ שַׁייכוּת צום גאָטצענדיענסט איז פון ירושלים אויסגעראָמט געוואָרען, דעם פאָריגען טְמֵא'דיגען מִזְבֵּחַ האָבען זיי צובראָכען און אויף זיין אָרט אַ נייען מזבח געבויעט. פון די אוצרות וועלכע זיינען זיי פון זייערע שונאים אין די האָנד אַריינגעפאַלען, האָבען זיי פיר דעם בית-המקדש נייע גילדענע כֵּלִים אויסגעגאָסען און אַם פינף און צוואַנציגסטען כסלו אין יאָהר ג׳ אלפים תקצ״ה לבריאת עולם (165 פ. ק.) אַם זעלבען טאָג אין וועלכען דער מזבח הָעוֹלָה איז דורך די סיריער נִתְחַלֵּל און טָמֵא געמאַכט געוואָרען, האָט מען דעם בית-המקדש ניי מְחַנֵּךְ געווען. אויף דעם נייען מזבח האָט מען אַ כָּשֵׁר'ן קָרְבַּן-עוֹלָה געבראַכט ביי געזאַנג פון קאַפּיטעלן תְּהִלִּים און מיט מוזיק פון שפּיעל-אינסטרומענטען. דאָס איז געווען פיר אונזערע יודען אַ גרויסער יום-טוב וועלכער האָט געדויערט אַכט טאָג נאָך אַנאַנד. דאַן האָט מען

מְיַסֵד געוועז, דאָס דיעזע פֿייערטאַגע זאָלען געהאַלטען ווערען יאָהרליך מיט בעלייכטונג אונ אילומינאַציעס פֿיר אַלע יודען צום עוויגען פֿראָהליכען אַנדענקען אָן דעם נֵס חֲנֻכָּה.

מיט די נִצְחוֹנוֹת איבער די סיריער איז נאָך אימער קיין ענדע ניט געוועז, יְהוּדָה האָט וויטער געמוזט זיין קריעגס=שווערט אין דער האַנד פֿעסט האַלטען, אונ מיט זיינע העלדען אַרויסטרעטען געגען די פֿיינדע אין אונ אַרום אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אויך האָט ער נאָך געהאַט פֿריי צו מאַכען יְרוּשָׁלַיִם אַליין פֿון דעם סירישען גאַרניזאָן אונ פֿון די פֿיינדליכע ברידער, די העלעניסטען. ער האָט זיי אין זייערע בעפֿעסטיגסטע ערטער בעלאַגערט אונ אָבגעוואַרט, ווען זיי וועלען פֿאַר הונגער זיך אונטערגעבען. אַנְטִיוֹכוֹס איז געוועזען שטאַרק בעשאָפֿטיגט מיט דער אונטערטהאָניגונג פֿון זיינע שְׁכֵנִישע פֿאָלקער, אונ פֿון גרויס אֶרגערונג אויף די גְבוּרָה פֿון די פֿעראַסטע יודען אונ דאָס זיינע דאָרטיגע מִלְחָמוֹת האָבען איהם ווייניג געגליקט, איז ער פֿערפֿאַלען אין אַ שווערע קראַנקהייט אין וועלכער ער איז גאַנץ פֿון זינען אַראָפּ, פָּשׁוּט מְשׁוּגָע געוואָרען, אונ אין צָרוֹת אין גרויסע יְסוּרִים איז איהם די נְשָׁמָה אַרויס. זיין פֿעלדהערר ליזיאַס האָט וויטער געפֿיהרט די סירישע מְלוּכָה אַלס אַפּטרופּס פֿון זיין יונגען זוהן אַנטיוכס V אאופּאַטאָר (164—162=ג' אלפים תקצ"ד—תקצ"ב לבריאת עולם).

די שִׁנוּיִם אין דער סירישער מלוכה האָבען יְהוּדָה מַכַּבִּי נאָך מעהר בעוועגט, מיט די פֿרעמדע אונ אייגענע שונאים אין ירושלים אַ סוף צו מאַכען. אייניגע העלניסטען אָבער האָט עס געגליקט פֿון דער בעלאַגערונג צו אַנטלויפֿען אונ צו קומען פֿאַר דעם נייען קאָניג אום הילף צו בעטען פֿיר זיך, אונ פֿיר זייערע בעלאַגערטע חֲבֵרִים, די סירישע סאָלדאַטען אין ירושלים. דאָ איז ליזיאַס וויטער אַרויס מיט נאָך אַ גראָסערן חיל פֿון הונדערט צוואַנציג טויזענד סאָלדאַטען אונ 32 קריעגס=עלעפֿאַנטען אויף אֶרץ ישראל צו געהען. דער יונגער קאָניג אאופּאַטאָר האָט אויך מיטגעצויגען מיט דער אַרמעע. גראַדע איז דאַמאַלס אַ שְׁמִיטָה=יאָהר געוועזן אונ יודען האָבען ווייניג געהאַט צו עסען, ווייל צוליעב דער מִצְוַת שמיטה, איז אין די פֿעלדער גאָר ניט געזאָהט אונ גאָר ניט געשניטען געוואָרען אונ אַלע האָבען זיך געמוזט ערנאָהרען נור פֿון די פֵּירוֹת פֿון די ביימען. דאָ איז אַ שווערע צייט געוועזן מלחמות צו פֿיהרען. יהודה האָט דיזעס מאָל גאָר ווייניג חיל געהאַט, פֿון דעסטוועגען האָט ער אַ קליינעם נצחון געוואונען. ער האָט פֿיר איהם אָבער צו טהייער בעצאָהלט: זיין פֿיערטער ברודער, א ל ע ז ר, איז אין דער מלחמה אום געקומען. עס איז געוועזן אַזוי אַ סִבָּה: אין רעכטען היטץ פֿון קריעג האָט ער דערזעהן אַ שיין געפּוצטען רייטער

אויף אַ קריעג=עלעפֿאַנטען שטרייטענדיג געגען יודישען חַיִל. דאָ האָט ער גערעכֿענט, דאָס עס איז געווים דער יונגער סירישער קאָניג, האָט ער זיך גלייך געלאָזען אויף איהם. ער האָט זיך דורכֿגעהאַקט ביז אונטער דעם עלעפֿאַנטען און איהם זיין שווערט אין בויך אַריינגעשטעקט, אום דעם רייטער צו פֿאַקען; ער איז אָבער אַזוי אונפֿאָרזיכֿטיג געווען, דאָס די צום טויט ערשטאָכֿענע חַיָה איז אויף איהם געפֿאַלען און ער איז אונטער דעם געפֿאַלענען שווערען קאָרפּער ערשטיקט געוואָרען.

יְהוּדָה׳ס קליינער נִצָחוֹן האָט ניט געקענט צוריקהאַלטען דעם אונגעהייער גרויסען פֿיינדליכֿען חיל אויף יְרוּשָׁלַיִם צו געהען; דאָ האָט זיך אַ דרעה געטהון דאָס רעדיל גאַנץ אונגעריכֿט און די יודען זיינען פלוטצלינג נִיצוֹל געוואָרען.

מיט אַ מאָל האָט זיך אויפֿגעהויבען געגען דעם יונגען יוֹרֵש פֿון דעם געוועזענען מְשׁוּגָענעם מֶלֶך אַ גרויסער פֿעלדהערר און האָט אויפֿגעזאַמעלט אַ חיל דאָס לאַנד אָבצונעהמען. ליזיאַס זעהענדיג דאָס די לאַגע איז קריטיש האָט ער דעם יורש בעוואָגען דאָס סירישע חיל געשווינד נאָך אַנטוכיאַ צוריק צו פֿיהרען אום די מְלוּכָה צו רעטען, און זאָ איז צווישען דעם קאָניג אַאוּפֿאַטאָר און דעם יודישען העלדען יְהוּדָה מַכַּבִּי געשלאָסען געוואָרען אַ שָׁלוֹם אונטער דיעזע תְּנָאִים: די יודען האָבען דאָס רעכֿט פֿריי צו לעבען נאָך זייער אֱמוּנָה, נור זיי בלייבען אונטערטהאָניג צו דער סירישער מלוכה. און אום די יודישע פֿאַטריאָטען צו בערוהיגען, איז בעשלאָסען געוואָרען דעם ניעדערטראָכֿטיגען מענעלעאוס, וועלכֿער איז אין די אַלע העטצעס צווישען אַנטיוכוס און די יודען שולדיג געווען — צום טויט צו פֿערמִשְׁפָּט׳ן. מען האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען ווי ער האָט עס פֿערדיענט. אַלס גאָטעסלאָסטערער, וועלכֿער האָט אַזוי פֿיעל מְחַלֵל הַשֵׁם געווען האָט מען איהם אַריינגעוואָרפֿען אין אַ טהורם, פֿול מיט אַש, דאָרטען איז ער ערשטיקט געוואָרען; ער האָט אֲפִילוּ ניט זוכֶה געווען צו קְבוּרָה צו קומען.

יאַזאָן האָט אויך אַ שלעכֿטען סוף געהאַט, דען ער איז פֿון ירושלים אַנטלאָפֿען פֿאַר אַנטיוכוס׳ן, ווי ער איז נור אין ירושלים געקומען דעם מענעלעאוס די כְּהוּנָה גְדוֹלָה צו געבען; פֿון דאַמאַלס אָן האָט ער געוואַנדערלט און געוואָגעלט פֿון שטאָדט צו שטאָדט און פֿון לאַנד צו לאַנד ביז ער איז געקומען נאָך שפּאַרטאַ און דאָרט אין אָרימקייט און עלענד געשטאָרבען.

אָבער די רוהע אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט ניט לאַנג געדויערט! אין די אינטריגען איבער דער מלוכה אין סיריען האָבען זיך אַריינגעמישט די ראָמער, וועלכֿע האָבען שוין דאַמאַלס אָנגעפֿאַנגען, די וועלט צו בעהערשען. דורך זי״ר בעפֿעהל איז ווי אַאוּפֿאַטאָר, זאָ זיין בעשיטצער ליזיאַס אומגעקומען, און אַאוּפֿאַטאָרס ברודער, דעמעטריוס, איז מיט הילף פֿון די מאָכֿטיגע ראָמער, אין סיריען קאָניג געוואָרען. אין ירושלים אָבער האָט יהודה מכבי זיך דערווייל גוט גערעכֿענט מיט די העלעניסטען;

ער האָט פֿון זיי אַש געמאַכֿט. דאָ האָבען זיך פֿיעלע פֿון זייערע אַסימילִיאַטאָרישע אַריסטאָקראַטען צו דעם נייען מֶלֶךְ געווענדעט פֿון איהם שוּטץ צו בעטען געגען יְהוּדָה מַכַּבִּי, געגען וועלכֿען זיי האָבען איהם שטאַרק אויפֿגעהעצט, און דאַריבער האָט דעמעטריוס איהם ניט דערלאָזען כֹּהֵן גָדוֹל צו ווערן און איהם און זיין פּאַרטהיי אויף לְהַכְעִיס ווידער איין העלעניסטען, נאָמענס אַ ל ק י מ ו ס, צום כּהן גדול געמאַכֿט. ער האָט געשיקט אַ גרויסען חַיִל אונטער דער פֿיהרונג פֿון דעם פֿעלדהערן ב אַ ק כֿ י ד ו ס, איהם נאָך יְרוּשָׁלַיִם צו בעגלייטען. יְהוּדָה האָט פֿון דאָרט שטילערהייד אָבגעטרעטען, און אַלקימוס האָט גלייך אַרויסגעוויזען וואָס ער איז. ער האָט אַריינגענאַרט צו זיך זעכֿציג יודען, פֿון די בעריהמטעסטע און געלעהרטעסטע פֿון ירושלים — און האָט זיי אַלע אין איין טאָג אויסגעקוילעט.

אַלס אַלקימוס איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָט ב אַ ק כֿ י ד ו ס איהם איבערגעלאָזען אַ שטאַרקע וואַכֿע פֿון זיין חיל און אַליין מיט דער הויפּטאַרמעע צוריקגעגאַנגען נאָך אַנטוכיאַ. דאַן איז דאָס פֿאָלק אין ירושלים אויפֿגעשטאַנען געגען מאָרדערישען כּהן גדול, און אַלקימוס האָט געמוזט לויפֿען צוריק נאָך אַנטוכיאַ, דעם קאָניג דעמעטריוס אום הילפֿע צו ביטען. דער קאָניג האָט בעשלאָסען, מיט איהם מיטצושיקען זיין גענעראַל ניקאַנאָר, וועלכֿער איז שוין איינמאָל געווען אין ירושלים. ניקאַנאָר האָט געוואָלט אַרייננאַררען דעם יהודה מכּבי צו זיך, יהודה אָבער האָט פֿערשטאַנען זיין פֿאַלשע און שלעכֿטע כַּוָנָה און איז מיט אַ קליינעם חיל אַנטלאָפֿען. ניקאַנאָר איז מיט זיין חיל אַרויס איהם צו פֿאַנגען. אָבער יהודה מיט זיין קליינעם חיל האָט גוֹבֵר געווען ניקאַנאָרס גרויסען חיל און ביי דער ערשטער בעגעגנונג זיינען גלייך פֿינפֿהונדערט פֿון די סיריער אויף'ן פּלאַטץ געבליעבען. ניקאַנאָר האָט אָבגעטרעטען צוריק אין ירושלים. דאָרט איז ער אַריין אין בֵּית־הַמִקְדָשׁ און די כֹּהֲנִים אַ שטרענגע הַתְרָאָה געגעבען, דאָס ווען זיי וועלען איהם ניט צושטעלען יהודה'ן אַ געבונדענעם זאָ וועט ער דעם בית־המקדש פֿערברענען. ער האָט אָבער ניט געהאַט די געדולד דאַרויף צו וואַרטען, און אַלס ער האָט דערהערט דאָס יהודה געפֿינט זיך ניט ווייט פֿון שומרון, האָט ער אַהין געאיילט מיט זיין חיל. ביי ב י ת ח ו ר ו ן האָבען זיך די חילות צוזאַמענגעטראָפֿען און האָטש יהודה האָט ניט מעהר געהאַט ווי דרייטויזענד מאַן פֿון דעסטוועגען איז זיין נצחון געווען גרויס. ניקאַנאָר איז געהרג'ט געוואָרען, זיין חיל האָט זיך צולאָפֿען און אין די יודישע דאָרפֿער גאַנץ אויסגעטיליגט געוואָרען. יהודה איז אַלס מְנַצֵחַ געקומען נאָך ירושלים און געהייסען צום צייכֿען פֿון זיין נצחון דעם קאָפּ און אַ האַנד פֿון ניקאַנאָרס גוף אויסהאָנגען אויף דער ציטאַדעל (פֿעסטונג) פֿון בית־המקדש.

זעהענדיג דאָס פֿון די סיריער איז קיין גוטעס צו ערוואַרטען, האָט יהודה זיך ענטשלאָסען אַן די רֹאמער צו ווענדען און זיי אום שוּטץ צו ביטען. זיינע שְׁלוּחִים

זיינען ביים ראָמישען סענאַט זעהר גוט אויפגענומען געוואָרען, מען האָט מיט איהם פאַרמאַלנע כּוֹרֵת בְּרִית געוועזען, דאָס עס טאָר זיי שוין קיינער ניט אָנ־ריהרען. אָבער די ראָמישע שְׁלִיחוּת אין סיריען האָט זיך אָבגעצויגען. דערווייל האָט זיך דעמעטריוס דערוואוסט פון ניקאַנאָרס מַפָּלָה, און האָט ווידער געשיקט באַקכידוס׳ן מיט זיין בעסטען חיל: 20,000 מאַן פוס-פאָלק און 2,000 רייטער גלייך אַרויס נאָך ירושלים. אויפ׳ן וועג אַהין האָבען זיי פיעל יודען צו קוילעט. יהודה האָט מעהר אַלס דרייטויזענד מאַן חיל ניט געהאַט, און ווייסענדיג אַז דאָס חיל וואָס געהט אויף זיי איז דאָס בעסטע אין סיריען, האָבען זיי דעם מוטה פערלאָרען און איבער 2,000 מאַן זיינען זיך צולאָפען. ביי יהודה האָבען זיך נור אָבגעשטעלט אַכטהונדערט מאַן, און דאָך האָט יהודה בעשלאָסען, זיך מיט דעם פיעל שטאַרקערן פיינד צו שלאָגען. אַ גאַנצען טאָג האָט די מלחמה געדויערט. אַנפאַנג איז עס גוט געגאַנגען. אָבער האָבענדיג אַזוי אַ גרויסען חיל האָט באַקכידוס זיי געלאָזען דאָס יודיש הייפעלע חיל פון אַלע זייטען אַרום רינגלען — דאָ האָט זיך אַלעס געענדיגט. יהודה איז געפאַלען; מיט זיין פאַל האָט די מלחמה גאַנץ אויפגעהאָרט, נור ווייניג מאַנער פון זיין חיל זיינען ביים לעבען געבליעבען. זיינע ברידער, יונתן און שמעון האָבען דעם גוף געבראַכט נאָך מוֹדְעִים און איהם אין פאַמיליען-קבר בעגראָבען. באַקכידוס האָט פיעלע שטאָדט מיט חיל בעזעצט און בעפעסטיגט. אין דער ציטאַדעלע פון ירושלים האָט ער פיעלע פון די מְיוּחָס׳ע מִשְׁפָּחוֹת אַלס מַשְׁכָּנוֹת אַרעסטירט פערהאַלטען. אַלקימוס איז שוין רוהיג און אונ־געשטאָרט כּהן גדול געבליבען, אָבער ניט אויף לאַנג...

נאָך יהודה מַכַּבִּי׳ס טוידט האָט דאָס יודישע פאָלק אויסגעקליבען זיין ברודער יוֹנָתָן צו ראַנגלען זיך געגען די סירישע מלוכה. אַלס יונתן איז געוואָרען פיהרער פון פאָלק, האָט ער אויסגעשטעלט זיין חַיִל אין אַ זיכערן אָרט ביים יַרְדֵן, די סירער זאָל ניט אַזוי לייכט זיין זיי איינצונעהמען; זייער גאַנץ פערמאָגען און בעוועגליכע גיטער (מִטַלְטְלִין) מיט זייערע ווייבער און קינדער האָט ער אַוועקגעשיקט אונטער דער הַשְׁגָחָה פון זיין עֶלטערן ברודער, יוֹחָנָן, צו די בעפריינדעטע נאַבאַטיאַנער (פון נאָהנטען שֵׁבֶט מוֹאָב) צו זיין אונטער זייער שוטץ ביז עס וועט איבערגעהען די שלעכטע צייט. אָבער דיעזע פאַלשע פריינד זיינען איבערפאַלען יוחנן מיט זיין וואַכע, האָבען איהם און זיי געטאָדעט און אַלעס איבריגע פאַר זיך גערויבט. יונתן האָט גלייך פון זיי נְקָמָה גענומען, ער איז איבערפאַלען איבער פיעלע פון זיי בְּשַׁעַת זיי זיינען צוזאַמען געקומען אויף אַ חֲתוּנָה אין דער שטאָדט מֵידְבָא און האָט ביי זיי אָבגענומען די טהייערסטע זאַכען.

באַקכִידוס איז אויף יונתן מיט זיין חַיִל אָנגעפאַלען, אויף זיין לאַגער ביים יַרְדֵן, ער האָט אָבער ערלִיטען אַ מַפָּלָה: 1000 מאַן פון זיין חיל זיינען געהַרְג׳ט געוואָרען אונ ער אַליין איז אויך געווען אין סַכָּנָה דאָרט זיין לעבען צו לאָזען. ער איז פון דאָרט אַוועק צוריק אין יְרוּשָׁלַיִם צו אונטערשטיצען דעם פאַלשען כֹּהֵן גָדוֹל אַלקימוס, וועלכער איז דאַמאָלס געווען בעשעפטיגט אָבצוברעכען די מְחִיצָה (אָבצוימונג) וואָס איז געווען געבויעט אין דער עֲזָרָה אָבצוהאַלטען די עֲרֵלִים זיי זאָלען ניט שטעהען אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ אויף איין אָרט מיט די יודען. ער האָט נאָך אַנדערע זאַכען געוואָלט אויף טהון, עס זאָל קיין אונטערשייד זיין צווישען די יודען אונ די גוים, די גאָטצענדיענער; נאָר ער איז פלוצלינג געפאַלען אונ געשטאָרבען פון אַ פּאָפּלעקסיע אונ דאַמיט איז געוואָרען אַ סוף פון זיינע אויפטהוענעשען. באַקכִידוס האָט שוין מעהר ניט געהאַט ווענען צו בעשיטצען אונ איז אַוועק צוריק אין אַנטוכִיאָ.

אין צוויי יאָהר שפּעטער אין וועלכע יוֹנָתָן האָט אוספעיעט זיך גענוג צו בעפעסטיגען אין דער געגענד פון יְרִיחוֹ, זיינען די פאַלשע העלעניסטישע יודען געקומען צו באַקכִידוס, אונ איהם אָנגערעדט צו געהען ווידער מִלְחָמָה האַלטען געגען יונתן, אונ פערשפראָכען איהם איבערצוגעבען אין זיינע הענד; אָבער יונתן צוזאַמען מיט זיין יונגסטען ברודער שִׁמְעוֹן, האָבען מיט איהם פון ביידע זייטען מלחמה געהאַלטען אונ באַקכִידוס האָט זיך געפונען צווישען זיי ביידען אין אַזוי איין ענגע לאַגע דאָס עס איז ביי איהם פעסט געבליבען דאָס לאַנד יְהוּדָה אין גאַנצען אָבצוטרעטען, יונתן האָט זיך דערפון דערוואוסט אונ האָט גלייך פאָרגעשלאָגען באַקכִידוס׳ן זיך אויסצובייטען מיט זייערע געפאַנגענע; באַקכִידוס איז גערן דערצו מְרוּצֶה געוואָרען אונ ביי דער געלעגענהייט זיינען זיי אין גאַנצען שָׁלוֹם געוואָרען.

די אינטריגעס וואָס האָבען זיך אָנגעפאַנגען צווישען די וואָס האָבען געוואָלט יַרְשְׁנֶ׳ן די מלוכה אין סיריען זיינען זעהר צו נוטץ געקומען פאַר יוֹנָתָן, יעדער האָט מוֹרָא געהאַט יוֹנָתָן זאָל ניט זיין צו הילף דעם אַנדערן, דאַהער האָט זיך יעדער צו איהם געחַנֶפְט. צוויי פרעטענדענטען וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט פרעטענזיעס צו יַרְשְׁנֶ׳ן די מלוכה: אַלקסאַנדער באַלאַס אונ דימיטרי סאָטער האָבען זיך געפלייסט איהם פאַר זיך צו געווינען. דימיטרי האָט איהם בעשטימט צו זיין בעפעהלסהאַבער אין לאַנד יהודה, דערמיט האָט זיך יונתן בענוצט די שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם צו בעפעסטיגען. אַלעקסאַנדער ווידער האָט געזוכט איהם פיר זיך צו געווינען, — ער האָט איהם בעשטימט צו זיין כֹּהֵן גָדוֹל אין בית־המקדש אונ האָט איהם געשיקט אַ גאָלדענע קרוין מיט אַ קאָניגליכען מאַנטעל. יונתן האָט עס גערן אָנגענומען אונ סֻכּוֹת פון יאָהר 152=3584 לב״ע האָט ער זיך געוויזען פאַר דעם עולם אין דער פּאַראַדנער קליידונג פון אַ כהן גדול. דערפון האָט זיך דערוואוסט דימיטרי אין האָט איהם געשיקט אַ זעהר פריינדליכען בריעף, האָט די מדינות פון גָלִיל אונ שומרון

אָבגעגעבען צו דער מֶמְשָׁלָה פֿון לאַנד יהודה, האָט פֿערשפּראָכען ירושלים גאַנץ צו בעפֿרייען פֿון סירישען חיל, אונ די יודען וואָס וועלען דיענען אין זיין חַיִל וועלען זיך קענען דער דיענען צו די האָכסטע טשינען. ער האָט אויך פֿערשפּראָכען צו מְנַדֵב זיין פֿיהל געשענקע אום אויף צו האַלטען די הוצאות פֿון בית־המקדש. דיעזע אַלע הַבְטָחות האָט יונתן פֿאַרגעשטעלט דעם יודישען פֿאָלק, וועלכעס האָט בעשלאָסען גלייכער צו האַלטען מיט אַלעקסאַנדער באַלאַס אַלס מיט דימיטרי. דיעזע אונטער־האַנדלונגען האָבען זיך געצויגען ביז צוויי יאָהר, אונ דערווייל האָט זיך יוֹנָתָן אַלץ מעהר געשטאַרקט. דער ווייל איז דימיטרי געשטאָרבען אונ אַלעקסאַנדער באַלאַס איז געוואָרען קאָניג אין סיריען, יונתן האָט געהאַט יעצט רעכט צו האָפֿען אויף פֿריעדען. אין דער זעלבען צייט האָט אַלעקסאַנער באַלאַס חתונה געהאַט מיט קלע־אָפּאַטרא פּטאָלאָמעי VII פּילאָמעטער אָדער טריפֿאָנס טאָכטער. אויף דער חתונה איז אויך יונתן געווען געלאַדען אונ דער חתן האָט איהם זעהר פֿיעל כבוד אָבגעגעבען. ער האָט איהם געשענקט אַ קאָניגליכען מאַנטעל, געזעצט נעבען זיך אונ אַלעמען פֿערבאָטען זיך אויף איהם צו בעקלאָגען (זאַלעווען). פֿיר דיעזעס אַלעס האָט איהם יונתן נאָכהער גוט אָבגעדיענט. דימיטרי II דימיטרי סאָטערס זוהן, וועלכער האָט זיך אויך אָנגערופֿען ניקאַטאָר, האָט זיך געגען איהם אויפֿגעהויבען די סירישע מלוכה אָב צו נעהמען, אונ איז צוערשט געגאַנגען אויף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אונ שוין געשטאַנען פֿעסט אין לאַנד פְּלִשְׁתִּים. געגען איהם איז אַרויס יונתן מיט זיין ברודער שמעון מיט אַ חיל פֿון צעהנטויזענד מאַן אונ נאָך אַ שווערע מלחמה האָט ער איינגענומען די שטאָדט עַזָּה אונ זי פֿערברענט, אויך די שטאָדט אשקלון איינגענומען אונ ניקאַטאָר'ן מיט זיין חיל צושלאָגען. דורך דעם נִצָחון איז יונתן נאָך תַּקִיפֶער געוואָרען ביי אַלעקסאַנדערן אונ ער האָט פֿון איהם בעקומען געשענקט אַ גאָלדענע שפּאַנגע צו פֿערשפּיליען אויפּ'ן מאַנטעל, וועלכע ציערונג עס טראָגען נור פּרינצען (בני מלכים). אויסערדעם האָט ער בעקומען געשענקט די שטאָדט עֶקְרוֹן (פֿון פלשתים) מיט איהר גאַנצער אומגעגענד, זי זאָל געהערען צו זיין לאַנד יהודה. דערווייל איז געוואָרען אין סיריען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. אַלעקסאַנדער איז געווען בעשאָפֿטיגט איינצונעהמען זיינע אונטערטהאַנען וואָס האָבען זיך געגען איהם געבונטעוועט, דימיטרי איז געגען איהם אַרויס מיט זיין חיל, עס איז געוואָרען צווישען זיי אַ מִלְחָמָה, אַלעקסאַנדער איז געוואָרען געשלאָגען אונ געטאָדטעט, דימיטרי איז געוואָרען קאָניג, נור טריפֿאָן, אַלעקסאַנדערס געוועזענער גענעראַל, האָט דורך הילף פֿון זיין חיל אויסגערופֿען אַלעקסאַנדער באַלאַס זוהן אנטיוכוס פֿעאָס, אַלס יורש פֿון זיין קאָנגליכען פֿאָטער, אַנטיוכוס האָט גובר געווען געגען דימיטרי אונ זיין חיל פֿון אַלע אָרטער פֿאַרטריבען. יונתן האָט זיך פֿעסט גענומען דאָס לאַנד יהודה צו בעפֿעסטיגען, ער האָט אויך אויפֿ'ס נייע כּוֹרֵת בְּרִית געוועזען מיט די ראָמער, זיי זאָלען איהם צו הילף זיין ווען

ער וועט בעדאַרפֿען. דערווייל אָבער האָט זיך טריפֿאָן ענטשלאָסען די סירישע מלוכה אַליין פֿיר זיך צו נעהמען, אונ וויסענדיג דאָס דער יודישער אַנפֿיהרער קען איהם פֿיעל שטאָרען אין זיינע פּלאַנען, איז ביי איהם געבליעבען פֿון איהם דורך ליסט (חיטראָסט) פּטור צו ווערען. יונתן איז דאַמאָלס געשטאַנען מיט אַ חיל פֿון פֿירציג טויזענד מאַן יודישע קריעגער. טריפֿאָן האָט איהם געשיקט זאָגען, ער זאָל זיין חיל פֿאַרנאַנדער לאָזען, אונ איהם האָט ער איינגעלאַדען צו קומען צו איהם אין דער שטאָדט עכּו (אים לאַנד פּלשתים) וועלכֿע ער וויל זי אָפּגעבען אין זיין רשות, זי זאָל פֿון איצט אָן געהאָרען צום לאַנד יהודה. דערמיט איז יונתן אַריינגעפֿאַלען אין זיין נעטץ. יונתן האָט פֿאַרנאַנדער געלאָזען זיין גאַנצען חיל אונ האָט ביי זיך איבער געלאָזען נור טויזענד מאַן וואָס מיט זיי איז ער געקומען אין עכּו, אום זיין חיל צו שטעלען אין דער פֿעסטונג פֿון דער שטאָדט. אָבער ווי נור זיי זיינען אַריין אין שטאָדט, זיינען די טויערן זאָ גלייך פֿערשלאָסען געוואָרען, די יודישע קריעגער פֿון יונתן׳ס וואַך זיינען זאָגלייך אויסגעשניטען געוואָרען אונ יונתן אַליין האָט מען געחאַפּט אונ אַרעסטירט. ווי די טרויעריגע נאַכֿריכֿט איז אָנגעקומען אין ירושלים, האָבען זיך די יודען זעהר ערשראָקען, אום זאָ מעהר אַלס זיי האָבען זיך דערוואוסט דאָס טריפֿאָן וויל געהן מיט זיין חיל איינצונעהמען ירושלים. יונתן׳ס יונגערער ברודער, שמעון, איז גלייך געקומען צו לויפֿען אין ירושלים, צוזאַמען גערופֿען די איינוואָהנער אונ זיי איינגעגעבען מוטה, זיי זאָלען זיך אַזוי ניט שרעקען. דער גאַנצער עולם האָט איהם אויסגעקליעבען אַלס אַנפֿיהרער, אונ ער האָט גלייך צוזאַמענגענומען אַ חיל, צו געהן מלחמה האַלטען מיט טריפֿאָנען. טריפֿאָן אָבער האָט איהם גלייך געשיקט זאָגען, דאָס מיט יונתן׳ס אַרעסט האָט ער קיין שום שלעכֿטע כּוונה ניט; ער האָט איהם פֿערהאַלטען אויף דעם קאָניגס בעפֿעהל, ווייל עס קומט פֿון איהם אַ סומע געלד וואָס ער איז שולדיג דער מלוכה; זאָל ער נור אָפּשיקען הונדערט טאַלענט אונ זיינע צוויי זיהן אַלס משכּון דאָס ער בלייבט דעם קאָניג טריי, וועט ער זאָגלייך בעפֿרייעט ווערען. שמעון האָט באַלד זיינע פֿאָרדערונגען ערפֿילט.

אָבער טריפֿאָן האָט יונתן ניט אַרויסגעלאָזען אונ זיך צוגעגרייט צו געהן מיט זיין חיל אויף ירושלים. דערווייל האָט ער בעקומען די פֿרייליכֿע ידיעה פֿון אַנטיוכוס טויט. דער וועג צו דער מלוכה איז פֿיר איהם געבליבען אָפֿען. דאָ האָט טריפֿאָן זיך געאַיילט צו ציהען נאָך אַנטוכֿיאָ, נור איידער ער איז אַרוים אין וועג האָט ער געמאַכֿט אַ סוף מיט דעם אונגליקליכֿען יונתן ער האָט איהם געטאָדט און זיין גוף געלאָזען ליעגען אין עכּו. ווי שמעון האָט זיך פֿון דער טרויעריגער בשורה דערוואוסט, האָט ער געשיקט זיינע מענשען צו ברייגנען דען גוף נאָך מודעים, זיין געבורטשטאָדט. דאָרט האָט ער איהם אויפֿגעשטעלט א שאָנע מצבֿה, פֿון ווייסען מאַרמאָר

אין דער פאָרם פון 7 ווײלען אַלס אַנדענקען פיר די עלטערן און די 5 מאַקאַבעאישע ברידער, פון וועלכע עס איז נור נאָך אײנער, שמעון, געבליבען אַם לעבען. דער גראָסאַרטיגער מאָנומענט איז לאַנג געשטאַנען, אפילו ביז נאָך חורבן יְרוּשָׁלַיִם. דאָס גאַנצע פאָלק האָט שטאַרק בעװײנט זײער גוטען אַנפיהרער יונתן, און האָבען זײן לעצטען ברודער בעשטימט צו זײן זײער אַנפיהרער אויף זײן אָרט (142—135 ג"א תרי"ח תרכ"ה לבר"ע).

מיט דער ערהעבונג טריפאָנס אויף דעם סירישען קעניגליכען שטוהל איז דאָס סירישע פאָלק גאָר װעניג צופריעדען געװעזען, און דאַהער האָט דימיטרי ניקאַטאָר מעהר אויסזיכט בעקומען די סירישע מלוכה צו געװינען. שמעון האָט ערנײערט זײן כְּרִיתוּת בְּרִית מיט די ראָמער, דאַן זיך בעגעבען צו זײן נאַטירליכען הערן, דעם סירישען קעניג דימיטרי ניקאַטאָר, ער האָט איהם געבראַכט רײכע מַתָּנוֹת מיט דער בַּקָּשָׁה צו בעפרײען דאָס לאַנד יהודה פון אַלע אָבגאַבען, װײל טריפאָן האָט דאָס לאַנד געגנוג בְּדַלּוּת געשטעלט. דימיטרי איז דערצו מְרוּצֶה געװאָרען און בעשטימט, עס זאָלען איהם געהערען די פעסטונגען װעלכע יונתן האָט אין זײן צײט געגרינדעט. דאָס האָט שמעון'ען געגעבען דען מוטה צו בעטראַכטען זײן לאַנד װי גאַנץ בעפרײעט פון פרעמדען יאָך. דיע שטרײט װאָס איז געװען צװישען דימיטרי מיט טריפאָנען האָט שמעון בענוצט נור צו זײן אײגענע טובה, ער האָט אַלע פעסטונגען אים לאַנד יהודה געזוכט שטאַרק צו מאַכען, אָנגעגרײט אין זײ פיעל װאָפען און אַ שטאַרקען חיל אין זײ געהאַלטען. ער האָט אויך אײנגענומען די שטאָדט גֶזֶר (גְּזָרָה), בעזעצט זי דורכאויס מיט יודען און זײן זוהן יוחנן אָדער יאָהאַן הורקנוס בעשטימט דאָרין צו זיצען אַלס נאַטשאַלניק. ענדליך איז ער אויך פָּטוּר געװאָרען פון דעם סירישען גאַרניזאָן װאָס איז געשטאַנען אין ציטאַדעלע פון ירושלים, און איז מיט אַ גרויס פאַראַד אַרײן װאָהנען דאָרטען אין אַ שאָנעם פאַלאַץ װעלכען ער האָט דאָרט אויס געבויעט. דאָס יודישע פאָלק האָט ערקענט שמעון'ס מאַכט אין יודישען לאַנד, זײ האָבען געלאָזען מינצעװען מַטְבֵּעוֹת אויף זײן נאָמען און צײכענען דאָרויף די יאָהרען פון זײן רעגירונג אין לאַנד װי אײן אֱמֶת'ער מלך.

שמעון האָט גאַנץ גליקליך רעגירט איבער דאָס לאַנד יְהוּדָה, עס איז אָבער שוין אַזױ בעשערט געװען, אַלע אונזערע מאַקאַבעאישע העלדען זאָלען שטאַרבען ניט מיט זײער טויט. אַזױ איז אויך געװען מיט שמעון'ן דעם לעצטען מאַקאַבעער. זײן טויט איז איהם געקומען דורך זײן אײגענעם אײדים, נאָמענס פּטאָלאָמעי חַבּוּב (אַ פּנים אויך אַ העלעניסט!). ער איז געװען זעהר רײך און האָט געװאָלט האָבען די מֶמְשָׁלָה איבער דאָס גאַנצע לאַנד. אָנפאַנגס האָט ער זיך דערשלאָגען צו רעגירען

איבער די געגענד פון יְרִיחוֹ, פון דאָרט האָט ער געוואָלט פערברייטען זיין הערשאַפט איבער דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, ער איז דאַריבער אַריין אין פערבינדונג מיט קאָניג אַנטיוכוס סידעט צו שטעלען זיך אונטער זיין שוטץ. שמעונ׳ס מִנְהָג איז געווען יעדעס יאָהר צו מאַכען אַ רונדרייזע איבער דאָס לאַנד יהודה צו זעהן ווי עס פיהרט זיך אין זיינע מְדִינוֹת, אויף אַזוי אַ רונדרייזע האָט ער מיט געפיהרט זיינע צוויי זיהן, יְהוּדָה אונ מַתִּתְיָהוּ מיט זיין פרוי, זייער מוטער. אַלס זיי זיינען געקומען צו דער געגענד פון יְרִיחוֹ, האָט דער אײדים פּטאָלאָמעי חַבוּב איינגעלאַדען דעם שווער מיט דער שוויגער מיט זייערע צוויי זיהן, זיינע שוואָגערס, אין זיין שלאָס פון יריחו. ער האָט געמאַכט פאַר זיי זעהר אַ רייכע מאָהלצייט, אונ נאָך זיין שאָנע, רייכע בעווירטהונג איז ער זיי פּלאָטצליך איבערפאַלען אונ זיי געטאָדטעט, דאָס איז געוועזען אויף דעם אַכטען יאָהר פון שמעונ׳ס רעגיערונג אין חוֹדֶש שְׁבָט אין יאָהר 137 פ. קר.=3625 לבר״ע, גלייך דאַרויף האָט פּטאָלאָמעי געשיקט אָנזאָגען צום קאָניג אַנטיוכוס סידעט און פון איהם פערלאַנגט ער זאָל איהם שיקען חיל איינצונעהמען דאָס לאַנד יהודה, אונ אין דער שטאָדט גֶזֶר (גַזְרָה) וואו עס איז געוועזען יוחנן, דער דריטער זוהן שמעונ׳ס, האָט ער אונטערגעשיקט מאָרדער, איהם אויך צו טאָדטען, עס זאָל פון זיין שווערס הויז קיינער מעהר ניט בלייבען דאָס לאַנד צו רעגיערען. יוחנן האָט זיך אָבער דערפון פריהער דערוואוסט, ער האָט די מאָרדער ערגריפען אונ געטאָדטעט אונ דאַן איז ער גלייך געלאָפען נאָך ירושלים אונ אָנגעזאָגט אַלעס. דאָס פאָלק האָט איהם זאָגלייך אויסגערופען אַלס אויסגעקליבענער הערשער אונ כהן גדול, אונ פאַר דעם מאָרדערישען שוואָגער פּטאָלאָמעי האָט מען די טויערן פון דער שטאָדט פערשלאָסען איהם ניט אריין צו לאָזען אין ירושלים. דאַן איז יוחנן הערויסגעטרעטען מיט זיין חיל געגען דעם מאָרדערישען שוואָגער, וועלכער האָט זיך בעוואָרנט פאַר איהם דאַמיט וואָס ער האָט פערהאַלטען די שוויגער, יוחנן׳ס מוטער פאַר אַ מַשְׁכּוֹן, דאָס ווען יוחנן וועט איהם וועלען עפּיס טהון וועט ער זי העראָבוואַרפען פון דעם הויכען מויער פון דער פעסטונג יריחו. די מוטער האָט אפִילוּ ערוויעזען דאָס אין איהר פליעסט דאָס אָמֶתע בלוט פון די העלדענהאַפטען מאַקאַבאָער, זי האָט אַליין געשריגען צו איהר זוהן יוֹחָנָן ער זאָל דאַרויף ניט קוקען אונ יריחו בעלאָגערן אונ זיין מאָרדערישען שוואָגער בעשטראָפען. יוחנן האָט עס אָבער פאָרט ניט געקענט טהון צוברייגנען זיין מוטער אין אַזוי אַ סַכָּנָה. קוים האָט יוחנן אָפּגעטרעטען פון יריחו, האָט פּטאָלאָמעי זיין מוטער טאַקי געהרג׳ט אונ אַליין אַנטלאָפען נאָך אַראַביען.

אין מִצְרַיִם איז די יודען לייכטער געוועזען צו פֿערטראָגען דעם שטורם פֿון די גריכען צו יענער צייט אַלס אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דאָרט האָבען די יודען לייכטער אָנגענומען די גריכישע שפּראַך מיט די גריכישע מִנְהָגִים און מִדוֹת, און דאַרום איז גרוים געווען די שִׂמְחָה פֿון די גריכישע עגיפּטישע יודען; אַלס זיי האָבען בעקומען די איבערזעטצונג פֿון זייער תּוֹרָה אין גריכישען, וועלכע איז דאָרט געווען זייער מוטערשפּראַך און די תּורה אין לְשׁוֹן קֹדֶשׁ האָבען זיי גאָר ניט פֿערשטאַנען. אין פּטאָלאָמעי פֿילאָמעטערס צייט מיט זיין ווייב קלעאָפּאַטרע זיינען געווען יודישע גִבּוֹרִים, וועלכע האָבען זיך דערדיענט צו זיין אָבערע פֿעלדהערן אין עגיפּטישען חיל. זיי האָבען אויך געהאַט פֿיעל בעריהמטע חֲכָמִים און פּערפֿאַסער פֿון זייערע בריעדער. צו יענער צייט איז אַהין געקומען דער זוהן פֿון כהן גדול חוניו III, וועלכער איז געהרג'ט געוואָרען אין אַנטוכיאַ. אין ירושלים צו זיין האָט חוניו IV אין יענער שלעכטער צייט מוֹרָא געהאַט פֿיר זיין לעבען — ער איז דאַהער געגאַנגען נאָך מצרים און זיך אויסגעצייכענט דיענענדיג אין עגיפּטישען חיל, און אַלס ער איז אַ תַּקִיף געוואָרען ביים מֶלֶךְ מיט דער מַלְכָּה פֿון מצרים, האָט ער זיי געבעטען איהם צו שענקען אַ פּלאַטץ צו ערבויען דאָרט אַ בֵּית־הַמִקְדָשׁ ווי אין יְרוּשָׁלַיִם. זיי האָבען איהם גערן געשענקט אַ שטיק לאַנד אין דער שטאָדט העליאָפּאָלים (עִיר הַחֶרֶס — ישעיה י״ט י״ח) (אים יאָהר 60 פּ. ק׳=3600 לב״ע). דאָרט האָט ער אויפֿגעבויעט אַ בִּנְיָן אין דער פֿאָרם אַקוראַט ווי אין ירושלים, האָט דאָרט איינגעפֿיהרט כֹּהֲנִים מיט קָרְבָּנוֹת ווי דאָרט און ער אַליין איז דאָרט געווען כֹּהֵן גָדוֹל. אַ גרויסע מַעֲלָה האָט דער בית־המקדש געהאַט מיט דער שאָנער אַחְדוּת וואָס דאָרט איז געווען איינגעפֿיהרט. דאָרט זיינען געווען איינגעטהיילט בעזונדערע פּלאָטצער פֿאַר די יודישע בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת, פֿאַר יעדער אומנות בעזונדער און ווען עס פֿלעגט אַהין קומען אַלס אֹרֵחַ וועלכער בעל מלאכה עס איז, פֿלעגען שוין פֿאַר איהם זיינע חֲבֵרִים פֿון דער איינענער אומנות זאָרגען איהם צו שאַפֿען אַרבייט און פֿערדיענסט, ער זאָל האָבען זיין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד (סוכה נ״א:). חוניוס בית־המקדש האָט אין מצרים געדויערט לאָנגער ווי דער בית־המקדש פֿון ירושלים וועלכער איז חרוב געוואָרען דורך די ראָמער.

דער פּאָליטישער צושטאַנד פֿין פֿאָלק אין דער צייט פֿון די מאַקאַבעער האָט מאַנכע פֿון די יודען אָבגעוואָהנט פֿון דעם ראָליגיאָזען פֿאַנאַטיזמוס און שִׂנְאָה צו די אַנדערע פֿעלקער, און ביסלאַכווייז איינגעוועהנט זייערע מִדוֹת און מִנְהָגִים צו דולדען און זיי אָנצונעהמען. בעזאָנדערס אָבער זייט די מאַקאַבעאישע פֿירשטען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו פֿערקעהרען מיט די מְלוּכוֹת פֿון די אַנדערע אוּמוֹת. די מאַקאַבעער האָבען איינגעזעהען דאָס מיט פֿאַנאַטיזמוס וועלען זיי ניט פֿיעל אויס-

פֿיהרען, אונ האָבען דאַהער אָנגעפֿאַנגען איינפֿיהרען ביי זיך מאַנכֿע פֿרייהייטען אונ מיט'ן גוטען ווילען אויפֿגעגעבען אַ זעלכֿע זאַכֿען וואָס זייערע עלטערן האָבען דאַפֿיר זייער גוט אונ בלוט פֿערגאָסען. מיר זעהען דאָס מאַנכֿע פֿון זיי האָבען גוטוויליג אומגעענדערט זייערע יודישע נעמען (יוחנן אויף יאָהאַן, תַּלְמַי אויף פּטאָלאָמעי א. ז. וו.) אונ אויך זייערע יודישע פֿרומע מִנְהָגִים אָן דער זייט אָבגעלעגט, אונ דאַריבער האָט דאָס רוב פֿון דעם פֿרומען יודישען פֿאָלק זיי אויפֿגעהאָרט טייער צו האַלטען אונ גערעכֿענט דאָס גאָט אַליין בעשטראָפֿט זיי פֿאַר זייערע זינד, וואָס קיינער פֿון זיי האָט ניט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען. איבערהויפּט זיינען אֱמֶת'ע פֿרומע יודען בייז געווען אויף זיי, פֿאַר וואָס זיי האָבען אָנגעפֿאַנגען זיך צו פֿערבינ־דען מיט די רוימער אונ ניט פֿערלאָזען זיך אויף גאָטעס הילפֿע, ווי מיר האָבען עס געזעהען ביי יְהוּדָה מַכַּבִּי, ביי יונתן אונ שמעון, אַזוי ווי דאָס הערץ האָט זיי געזאָגט, דאָס מיט דער צייט וועלען זיי פֿון דער מְחוּתָּנִישאַפֿט נישט גוט אָבשניידען. בִּכְלָל זיינען די מיינונגען פֿון די יודען צו יענער צייט געווען פֿאַרנאַנדער געטהיילט אין דריי סעקטען (כִּתּוֹת, פּאַרטייען): 1) פְּרוּשִׁים (פֿאַרִיסעער); 2) צְדוּקִים (צאַדוקייער) אונ 3) אַיִים (אָ[illegible]ער):

1) פּרושים ד. ה. אָבגעזונדערטע פֿון דעם וועלטליכֿען לעבען (חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה), נור געהיט צו מְקַיֵּם זיין אַלע מִצְוֹת פֿון דער תּוֹרָה ווי עס האָבען זיי געלערנט די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וועלכֿע האָבען מיט דער צייט אויסגעבילדעט די תּורה דורך די מִשְׁנָה אונ דעם תַּלְמוּד. צו דער פּאַרטהיי האָט געהערט דאָס גראָסטע חֵלֶק פֿון דעם פֿאָלק.

2) צדוקים, די פֿרייערע פּאַרטהיי (נאָך דעם נאָמען פֿון צָדוֹק וואָס איז געווען אַ פֿריי־גייסט). זיי האָבען ליעב געהאַט צו האָבען הֲנָאָה פֿון זייער לעבען. דאָס זיינען געווען די רייכֿע קלאַסע וועלכֿע האָבען זיך געפֿיהרט, אַזוי ווי די אַמאָליגע העללעניסטען.

3) די אַסִּאִים, אַ מין סאָרט בעשיידענע מענשען (צְנוּעִים), וואָס פֿלעגען לערנען אונ מקיים זיין די תורה מיט געוויסע סודות, האָבען געפֿיהרט אַ שטילען הייליגען לעבען, האָבען פֿיעל געהאַלטען פֿון זיך טוֹבֵל זיין ביים זאָננענאויפֿגאַנג אין וואַסער (טוֹבְלֵי שַׁחֲרִית) אונ דערצו זיך בענוצט מיט קַמֵיעוֹת אונ סְגוּלוֹת. די פּאַרטהיי איז ווייניג חשוב געווען ביי יודען, זי איז נור וויכֿטיג געווען נאָכהער, ווען פֿון זיי האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נייע תורה.

יוֹחָנָן דער כֹּהֵן גָּדוֹל אונ נָשִׂיא (פֿירשט) וועלכֿער האָט געהייסען יאָהאַן

הירקאנאס אדער הורקנוס האט זעהר גליקליך רעגיערט, די נאהנטע פיינדליכע פעלקער האט ער איינגענומען און אונטערטהעניג געמאכט, דאס קליינע פאלק אדום. וועלכעס איז געוועזן צו יודען זייער פיינדליך האט ער גאנץ איינגענומען און געצוואונגען זיך מגייר צו זיין. איין מאל קומענדיג צוריק פון זיינע גליקליך אויסגעפיהרטע מלחמות, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה און איינגעלאדען צו זיך אלע פרושים וואס האבען געפיהרט דאס פאלק. בשעת דער סעודה ביים טרינקען משקה האט הורקנוס אויף געפאָרדערט זיינע פרומע געסט, זיי זאלען איהם זאגען דעם אמת, אויב זיי זיינען מיט איהם צופריעדען. דא האט זיך געפונען איינער וואס איז געוועזן צוהיטצט פון די משקה און האט איהם געענטפערט: „ווען דו ווילסט, דאס מיר אלע זאלען זיין פון דיר צופריעדען, דארפסט דו זיך נור בעגניגען מיט דיינע נשיאות אין ניט מעהר מישען זיך צו דער כהונה, דען דיין מוטער איז געוועזן געפאנגען צווישען גוים, דארום טארסט דו ניט זיין קיין כהן, ווי דער דין איז פאר א זוהן פון א חללה (געפסלטע). די תשובה האט דעם פירשט שטארק בעליידיגט. ער האט געהייסען מאכען א אונטערזוכונג (סליעדסטוא) אויב די זאך איז אמת, און עס האט זיך ארויסגעוויזען דאס עס איז געוועזן גאר א ליגען. דער פירשט האט גלייך געהייסען איינארדנען סנהדרין (סענאט), דעם בעליידיגער צו בעשטראפען ווי ער האט פערדיענט. זיי האבען איהם צו געפאסקעט נור א לייכטע שטראפע, וואס האט הורקנוס נאך מעהר אויפגעבראכט. פון דאמאלס אן האט ער זיך אפגעקעהרט פון די פרושים און זיך גאנץ איבערגעגעבען צו די צדוקים, ער האט זיי פערטהיילט די העכסטע און גראסטע טשינען. נאך דרייסיגיאהריגער גליקליכער רעגיערונג איז הורקנוס געשטארבען. פאר'ן טויט האט ער זיינע טיטלען צוטהיילט, די רעגיערונג האט ער איבערגעגעבען צו זיין ווייב סאלאמעיא (שלומית) און די כהונה גדולה האט ער איבערגעגעבען דעם עלטערן פון זיינע פינף זיהן, יהודא אריסטאבול (106 פ. ק.=5437 לבריאת עולם).

פון דעם גוישען נאמען אריסטאבול קען מען שוין ערקענען דאס ער איז געוועזן א העלעניסט, וואס דאמאלס האט עס געהייסען א צדוקעער. ער האט זיך שטארק גערעכענט מיט די פרושים, וועלכע זיינען ביזהער געוועזן די הויפט=פיהרער פון פאלק, ער האט זיי זעהר גערודפט, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער אין דער יודישער געשיכטע.

געשיכטע פון די ראָמער.

ערשטעס קאפיטעל.

אַלטעסטע געשיכטע פון די ראָמער.

בעשרייבונג איטאַליענס. אָנפאַנגס געשיכטע פון ראָם. ראָם אונטער די מלכים ראָמולוס, רעמוס, נומאַ פּאָמפּיליוס, טולוס האָסטיליוס, אַנקוס מאַרציוס, טאַרקוויניוס פּריסקוס, סערוויוס טוליוס, טאַרקוויניוס סופּערבוס.

פון דָרום זייט פון די אַלפען=בערג ציהט זיך ביז ווייט אין מיטעללאָנדישען יַם, די האַלבאינזעל איטאַליען, אַלס שאָנער גאָרטען פון איירָאָפּאָ. צו מַעֲרָב=זייט ליעגט דער ים פון טאָסקאַנאַ (טיררענישער ים), פון מִזְרָח=זייט דער שטירמישער אַדריאַטישער ים. איין לאַנגע קייט פון בערג, וואָס מען רופט זיי אַפּעניגען ציהט זיך פון צָפון זייט ביז צו דרום אין דער לאָנגע פון גאַנצען לאַנד. פיעל טייכען ערגיעסען זיך פוןביידע זייטען פון די בערג, אָבער ווייל די האַלבאינזעל איטאַליען איז שמאָל ציעהען זיך די טייכען גאָר ניט לאַנג ביז צום ים, אונ דאָס רוב זיינען די טייכען ניט טיעף עס זאָלען אויף זיי קענען געהען שיפען, נור אין אָבער=איטאַליען וואו די וואַסער פון די אַלפען=בערג פליעסען זיך אויף צוזאַמען, געפינט זיך איין גרויסער שיפבאַרער טייך, דער פּאַדוס אָדער פּאָ, ווי מען רופט איהם היינט. ער קומט אַרויס פון די שנעיגע שפּיטצעל פון בערג פּיזאָ, ציעהט זיך פון מערב נאָך מזרח איבער גאַנץ אָבער=איטאַליען, אונ נאָכדעם ווי ער פערשלינגט אויף זיין לאַנגען וועג פיעל קליינערע טייכען פוןביידע זייטען, אונ אויך די צוויי גרעסערע טייכען דעם טיצינוס אונ די טרעבראַ, גיעסט ער זיך אַריין

אין אַדריאַטישען ים אין פֿיעל מינדונגען (דעלטאַס — זיהע 1=טען באַנד 106). פֿון די איבריגע טייכֿען אין איטאַליען פֿליעסען צו מערב=זייט דער מאַקראַ, אַרנוס, טיבער און סילאַרוס; צו מזרח=זייט — דער רוביקאָ, מענטאַורוס, פֿענטאָ און אַליפֿידוס. אַ לייכֿטע וואַרמע לופֿט לאָזט אויף די פֿעלדער פֿון איטאַליען די טייערסטע ליעבליכֿסטע פּרות צייטיג ווערדען, אַזעלכֿע וואָס ביי אונז וואַקסען זיי גאָר ניט, אָדער האָדעווען זיך קינסטליך נור אין די אינספּעקטען (טרייבהייזער) אין געוויסע צייטען פֿון יאָהר. וועגען די גרויסע שאָנהייט פֿון דער געבענשטען נאַטור איז געווען די אַפּענייניסשע האַלבאינזעל פֿון אייביג אָן ניט נור דער שטאָלץ פֿון די איינוואָהנער פֿון לאַנד, נאָר אויך דער וואונש און די שטאַרקע באָנקונג פֿון די פֿרעמדע, וואָס זייער הערץ האָט זיך שטענדיג צו איהר געצויגען. נאָך די דמיונות (פֿאַנטאַזיעס) פֿון די אַלטע פּאָעטען האָט מען גערעכֿענט, אַז דאָס געבענשטע לאַנד איז דאָס לאַנד וואָס דער גאָט סאַטורנוס האָט אויסגעקליעבען צו זיין הערשאַפֿט אויף דער ערד, און דאַרום האָט מען גערופֿען דאָס לאַנד „סאַטורניאַ“. אויך פֿאַר מסחר און וועלטפֿערקעהר האָט איטאַליע אַ זעהר גוטע לאַגע. דורך דעם מיטעל=לאָנדישען ים, וואָס רינגעלט זי אַרום פֿון דריי זייטען איז זי פֿערבונדען ניט נור מיט די לאָנדער פֿון אייראָפּאַ, נור אויך מיט די רייכֿע לאָנדער פֿון אַזיע און אַפֿריקאַ.

די געגענדען פֿונ׳ם לאַנד האָבען ניט געהאַט קיין איין נאָמען, נאָר ווי אין גריכֿענלאַנד איז יעדער געגענד געווען בעגראָנצט דורך איהרע בעזונדערע בערג און טייכֿען, נאָך וועלכֿע די איינוואָהנער האָבען זיך אָנגערופֿען. די גריכֿען פֿלעגען עס אָנרופֿען העספּעריען דאָס הייסט: מערב לאַנד ווייל דאָס איז געלעגען צו מערב פֿון גריכֿענלאַנד. איינגעטהיילט איז געווען דאָס לאַנד אין דריי טהיילען: אָבער=איטאַליען — פֿון די אַלפּענבערג ביז צו די טייכֿען רוביקאָ און מאַקראַ; מיטעל=איטאַליען — פֿון דיעזע צוויי טייכֿען ביז צו צוויי אַנדערע, סילאַרוס און פֿרענטאָ. און אונטער=איטאַליען — פֿון די צוויי טייכֿען ביז צום סוף לאַנד פֿון דרום=זייט.

I) אָבער=איטאַליען האָט כולל געווען: 1) דאָס ציזאַלפּינישע (פֿון יענעם זייט פֿון די אַלפּען) גאַליען. דער טייך פּאַדוס (פּאָ) האָט עס געטהיילט אין צוויי חלקים: אין גאַליען פֿון יענער זייט פּאָ (גאַליאַ טראַנספּאָדאַנאַ) מיט די שטאָדט: טערגעסטע (טריעסט), אַקווילעיאַ, פּאַטאַוויום (פּאַדואַ), ווערAָנאַ, מאַנטואַ, קרעמאָנאַ, בריקסיאַ (ברעשיאַ), מעדיאָלאַנום (מאַילאַנד), טיצינום (פּאַוויאַ), אוגוסטאַ׳ס טאורינאַרום (טורין) א. ז. וו. און אין גאַליען פֿון יענער זייט פּאָ (גאַליאַ ציספּאָדאַנאַ) מיט די שטאָדט ראַווענאַ, באָנאָניאַ, מוטינאַ (מאָדענאַ), פּאַרמאַ, פּלאַצענציאַ (פּיאַ=צענצאַ) א. ז. וו. דאָס רוב פֿון דיזע שטאָדט זיינען נאָכֿהער געווען ראָמישע קאָלאָניען.

2) ליגוריען, וואָס האָט זיך געצויגען פֿון טייך מאַקראַ ביז צום טייך וואַרוס ביים גרעניץ, וואָס האָט עס אָבגעשיידט פֿון אייגענטליכען גאַליען. איהרע וויכטיגסטע שטאָדט זיינען געוועזען: גענואַ און ניצאַ (ניצצאַ).

II) מיטעלאיטאַליען איז געוועזען דער עיקר פֿון דעם לאַנד און דער הויפּטפּלאַטץ וואָס דאַרויף האָבען די אַלטע ראָמער געווירקט, האָט כּולל געוועזען 6 מְדינות; דריי פֿון מַעֲרִיב־זייט פֿון די אַפּעניגען, נאָמליך: עטרוריען, לאַטיום און קאַמפּאַניען; און אַזוי אויך דריי פֿון דעם מִזְרָח־זייט פֿון די אַפּענינישע בערג, נאָמליך: אומבריען, פּיצענום און זאַמניום.

1) עטרוריען (אויך טוסקיען, פֿון וועלכען עס שטאַמט דער היינטיגער נאָמען טאָסקאַנאַ) מיט די שטאָדט פֿלאָרענציאַ (פֿלאָרענץ) קלוזיום (קהאַזי), פּאַלעריי א. ז. וו.; 2) לאַטיום מיט די שטאָדט: ראָם, אָסטיאַ, אַם ענדע פֿון דעם טייך טיבער, טיבור (טיוואָלי), טוסקולום (פֿראַסקאַטי), אַלבאַ, לאָנגאַ, לאַוויניום, נאַביי, אַרפּינום; 3) קאַמפּאַניען פֿון טייך לירים ביז צום סילאַרום, איין זעהר שאָנעס לאַנד, וועלכעס די ראָמער האָבען עס זעהר געליעבט. דאָרט האָט געוואַקסען דער וויינשטאָק פֿון 50 ביז 60 פֿוס (אַ פֿוס איז ½ עלען) לאַנג און געוועזען פֿאַרוויקעלט איבער די אולמען־ און טאָפּאָלען־ביימער און אויסגעזעהען ווי פֿאַרהאַנגענע גירליאַנדען; דאָרט זיינען געוועזען די שאָנע בליהענדסטע שטאָדט: קאַפּוּאַ, קוּמאָ, נאָלאַ, הערקולאַנום, פּאָמפּעי, סטאַביע, מיזענום, באַיאָ, זאַלערנום און נעאַפּאָליס (נעאַפּעל), און דער רויכענדער פֿייערשפּייענדער בערג וועזוף; 4) אומבריען מיט די שטאָדט: אַרימינום (רימיני), ספּאַלעטיום (ספּאַלעטאָ) און אורבינום; 5) פּיצענום מיט די שטאָדט: אַנקאָנאַ, אינטעראַמנאָ (טעראַנאָ) א. ז. וו.; — 6) זאַמניום אַ בערגיגעס לאַנד מיט די שטאָדט: בענעווענטום און קוידיום.

III) אונטער־איטאַליען, דער טהייל האָט אין זיך געהאַט פֿיעל גריכישע קאָלאָניען, דאַהער האָט ער אויך געהייסען גרויס גריכענלאַנד, האָט כּולל געוועזען 4 מְדינות, נאָמליך: אויף'ן קאַנט פֿון מערב: לאַקאָניען און ברוטיום; אויף'ן קאַנט פֿון מורח: אַפּוליען און קאַלאַבריען. 1) לוקאַניען מיט די שטאָדט: פּאָסטום, וועליאַ, הערַאַקלעאַ, מעטאַפּאַנטום א. ז. וו. דאָס רוב איז געוועזען גריכישע קאָלאָניען; — 2) ברוטיום מיט די שטאָדט: קאַנזענטיאַ (קאַזענצאַ), רהעגיום, קראָטאָן א. ז. וו.; 3) אַפּוליען מיט די שטאָדט: לוקעריאַ, אַסקולום, קאַנגאָ, ווענוזיאַ א. ז. וו.; 4) קאַלאַבריען אָדער מעסאַפּיען די לעטצטע שפּיטץ יַבָּשָׁה וועלכע ענדיגט זיך מיט דעם בערג יאַפּיגיום, מיט די שטאָדט: ברונדוזיום (בריינדיזע), דער געוואָהנליכער אָרט, וואָס מען פֿלעגט דורך דאָרט איבערפֿאָהרען נאָך גריעכענלאַנד, און טאַרענטום (טאַראַנטאַ) אַ שפּאַרטאַנישע קאָלאָניע.

איטאַליען אַליין איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אינזעלן.

1) סיציליען, וועלכע האָט אויך געהייסען טרינאַקריאַ, ווייל זי האָט געהאַט אַ דרייעקיגע פאָרם. די ים-ליניע וועלכע טהיילט עס פון אייגענטליכען איטאַליען, איז בְּעֵרֶך 4 מייל די ברייט, אין דער שמאָלסטען שטעלע אָבער ניט מעהר ווי אַ 1/4 מייל ברייט. די אינזעל איז אַ מאָל געווען גערעכענט פאַר זייער פרוכטבאַר: זי האָט געגעבען זעהר פיעל תּבוּאה, נור נאַכהער איז זי ביסלאַכווייז פערוויסט געוואָרען וועגען די פיעלע מִלְחָמוֹת, און זייט מען האָט אויסגעהאַקט און אויסגע-גראָבען די וואָלדער פון דער אינזעל. אַלס קרוין פון דעם אינזעל איז צו רעכענען דעם פייערשפייענדען בערג אֶטנאַ, וועלכער ערהעבט זיך גראָסאַרטיג איבער זיינע קליינערע בערג ביז צו 10,500 פוס די הויך, בְּעֵת דער וועזוף איז נור 3,600 פוס הויך. אויף יעדער מַדְרֵגָה פון דעם בערג איז איין אַנדערער קלימאַט מיט איין אַנדערע נאַטור. די אונטערשטע מַדְרֵגָה איז דורכאויס פון סאָדער און וויינגאָרטנער, די צווייטע מדרגה בעשטעהט פון גרויסע וואָלדער מיט הונדערטיאָהריגע דיקקע בוימער, די דריטע מדרגה איז נור אייז און שנעע און די פיערטע — נור רויך און פלאַמען. צו די וויכטיגסטע שטאָדט פון דיזער שאָנער אינזעל געהאָרען: טיראַקוזאַ (סיראַקוס), מעסאַנאַ (מעסינאַ), אַגריגענטום (גירגענטי), קאַטינאַ (קאַטאַניאַ), לעאָנטיני, ליליבאָום (מאַרזאַלאַ). אַלע זיינען געווען געגרינדעט פון גריעכען, אַנדערע אויך פון כנענים ווי פאַנאַראַמוס (פאַלעראַמאָ יעטציגע הויפטשטאָדט) און דרעפאַנאַ (טראַפאַני) וואָס האָט געהאָרט צו קאַרטאַגאָ.

2) סאַרדיניען, איין זעהר בערגיגע אינזעל מיט דער הויפטשטאָדט קאַ-ראַליס (די היינטיגע קאַגליאַרע), וואָס שטעהט ביים דָרוֹם-זייט פון ברעג יַבָּשָׁה פון איטאַליען.

3) קאָרסיקאַ, די אינזעל שטעהט נאָהנט פון סאַרדיניען, צווישען זיי איז אַ רְצוּעָה ים נור פון 2 מיילען וואָס הייסט היינט די רצועה פון סאַנקט באָניפאַציוס. זי איז דורכאויס בעדעקט פון וואַלדיגע בערג, און איז פאַרצייטען גאָר וועניג בעפלאַנצט געוועזען.

אין מיטען פון דער פראָכטיגער האַלבאינזעל האָט געוואָהנט דאָס זעהר בעריהמטע און מאָכטיגע פאָלק פון די ראָמער. זיי זיינען געוועזען פון קריעגערישער נאַטור נאָך מעהר ווי די שפאַרטאַנער. יעדער ראָמער איז געווען אַ געבאָרענער סאָלדאַט, מִלְחָמָה איז געווען זיין ליעבסטע בעשאָפטיגונג. זיי אַלע האָבען זיך גערעכענט אַלס קינדער פון דעם שרעקליכען קריעגסגאָט מאַרס, געגען וועלכען קיינער האָט ניט געקענט בעשטעהן. מוטה צום מלחמה איז פאַררעכנט געווען אַלס

די איינציגע מַעֲלָה פֿון אַ מאַנסביל, נור דערפֿאַר איז ער געווען געשאַצט אינ בעלאָהנט. צוזאַמען שטעהענדיג אין פֿעסט געשלאָסענע שורות, פֿול בִּטָחון אויף זיך אונ אויף די קריעגסגאָטער, זיינען זיי מוטהיג געגאַנגען געגען שונא; זיינען זיי מיט כּח צוריק אָבגעשטויסען געוואָרען, האָבען זיי זיך באַלד צוריק מיט פֿרישער קראַפֿט אויפֿגעשטעלט אונ ניט פֿריהער אָפּגערוהט פֿון קריעג ביז דער שונא איז געבליבען ליעגען צו זייערע פֿיס.

אַזוי האָט זיי געגליקט צוערשט זייערע נאָהנטע שְׁכֵנִים איינצונעהמען, דאַן האָט זיך איהרע הערשאַפֿט אַלץ מעהר אונ מעהר אַזוי וויט איבער איטאַליען אויסגעברייטערט, דאָס אין 500 יאָהר נאָך דער ערבויאונג פֿון זייער שטאָדט איז שוין גאַנץ איטאַליען אונטער זייערע הערשאַפֿט געוועזען. נאָך ניט צופֿריעדען דערמיט זיינען זיי אַריבער די מעסינישע ים=שפּיטצע אונ האָבען איינגענומען די גרויסע אונ רייכע אינזעל סיציליען, דאַן גאַליען (פֿראַנקרייך), שפּאַניען, מאַקעדאָניען, גריכענלאַנד, צפון=אַפֿריקאַ אונ פֿאָרדער=אַזיען אַזוי, דאָס צו דער צייט פֿון קריסטוס געבורט האָבען זיי פֿיר זיך איינגענומען אַ מְלוּכָה אַזוי גרויס אונ אַזוי ברייט ווי די דאַמאָליגע גאַנצע בעוואָהנטע וועלט.

אין פֿריעדענסצייט איז די בעשעפֿטיגונג פֿון די פֿאַרצייטיגע ראָמער געווען נור ערד=אַרבייט. די אַרבייט איז ניט געוועזען אָבגעגעבען אין די הענד פֿון די שקלאַווען (פּאָדאַנעס) ווי אין שפּאַרטאַ; אַדרבא, די גראָסטע אונ וויכטיגסטע בעלי בתים פֿלעגען צו געהן הינטערן אַקער-אייזען, פֿאַר זיך אַליין צוגרייטען זייער שפּייזע אונ זיך אַליין בעדיענען. נור ניט זעלטען פֿלעגען זיי אָבגערופֿען ווערן פֿון זייער פֿעלד אין שטאָדט אַריין, זיך צו שטעלען ביים חיל אַלס הערפֿיהרער אונ סאָלדאַטען.

די ראָמישע היסטאָריע טהיילט זיך איין אין 3 פעריאָדען.

1) ראָם אונטער מְלָכִים פֿון 753 ביז 510 פֿאָר קר. (זייט דעם אָנהויב ביז דער פֿערטרייבונג פֿון די מלכים).

2) ראָם אַ פֿרייעס לאַנד, פֿון 509—31 פֿאָר קר. (פֿון דער גרינדונג פֿון דער פֿרייע מלוכה ביז איהר אונטערגאַנג בָּטֵל ווערן).

3) ראָם אונטער קֵיסָרִים, פֿון 30 פֿאָר קר. ביז 476 נאָך קר. (פֿון אָנפֿאַנג פֿון דער מלוכה פֿון די קיסרים ביז אונטערגאַנג פֿון דער מערב=ראָמישע מלוכה).

דאָס שטאַרקע ראָמישע פֿאָלק האָט אָנגעפֿאַנגען פֿון זעהר קליין: אין לאַטיום איז געווען אַ שטאָדט געבויעט אויף אַ בערג, אַלבאַ לאָנגאָ, דאָס איז געווען דער אָרט פֿון זייערע ערשטע מלכים וואָס אפילו זייערע נעמען זיינען אונז ניט אין גאַנצען

בעקאַנט. מען געדענקט נור דעם נאָמען פּראָקאַס, פֿון וועלכֿען עס זיינען געבליי־
בען צוויי זיהן: נומיטאָר און אַמוליוס. זיי האָבען געהאַט בְשותּפוּת, צו
רעגירען. אַמוליוס זייענדיג צושטאָלץ, די מלוכה מיט זיין ברודער צו טהיילען,
האָט ער איהם אַוועקגעטריבען, זיינעם אַ זוהן געטאָדטעט און זיינע אַ טאָכֿטער,
נאָמענס רעאַ סילוויאַ געמאַכֿט פֿאַר אַ וועסטאַלין, ד. ה. צו זיין אַ כֹּהֶנת צו דער
גאָטין וועסטאַ (די גאָטין פֿון הויזליכֿען לעבען), און אַלס דיענערען פֿון דער גאָטען
האָט זי שוין ניט געטאָרט האָבען אַ מאַן און קינדער. פֿון דעסטוועגען איז זי אַזוי
אַ צִדְקָנִיוֹת ניט געבליבען, זי האָט געבאָרען צוויי זיהן צווילינגע ראָמולוס און רעמוס,
געזאָגט האָט זי אפילו דאָס זי האָט דעם צווילינג געבאָרען פֿון מאַרס (דעם גאָט פֿון
מלחמה). דער פֿעטער אַמוליוס אָבער האָט איהר ניט געוואָלט גלויבען, און האָט פֿאַר־
משפּט זי און איהרע קינדער צו אַ שרעקליכֿען טוידט, די מוטער האָט ער געהייסען בע־
גראָבען לעבעדיגערהייד און די זיהן אַריינלייגען אין אַ קאָרב און אַריינוואַרפֿען אין טייך
טיבער, זיי צו ערטרינקען. צום גליק איז דער טייך הערוים פֿון די ברעגעס און דער
קאָרב איז געבליעבען שווימען ביים ברעג; קורץ נאָך דעם איז דאָס וואַסער אָבגעפֿאַ־
לען און דער קאָרב איז געבליבען אויפֿ'ן ברעג, אים טראָקענען. די זאַגע דערצאָהלט,
דאָס צו יענער צייט איז אַהין אָנגעקומען אַ דורשטיגע וואָלפֿין און האָט די קינדער
אָנגעזויגען מיט איהר מילך און זיי ביים לעבען דערהאַלטען (פֿילייכֿט איז די כּוונה פֿון
דער זאַגע, דאָס דאַריבער איז פֿון זיי אַרוים אַ פֿאָלק מיט אַזוי אַ מִדָה פֿון אונמענש־
ליכֿע אַכזריות ווייל זיי האָבען זיך געקאָרמעט פֿון אַ וואָלפֿען). דאַן איז אַהין געקומען
אַ פּאַסטוך וועלכֿער האָט די קינדער אוים רַחֲמָנוּת גענומען צו זיך אין זיין געצעלט
און האָט זיי אָפּגעגעבען צו זיין ווייב, זי זאָל זיי האָדעווען. דאָרט האָבען די
קינדער זיך גליקליך אויפֿגעהאָדעוועט אין זיך אויסגעבילדעט צו בְּרִיוֹת פּאַסטוכֿער;
זיי זיינען געוואָרען גרויסע העלדען וועלכֿע האָבען זיך מוטהיג געיאָגט נאָך
רויבערישע מענשען און חַיוֹת, וואָס פֿלעגען וועלען רויבען זייערע סטאַדעס.
זייער מוטה איז אַלץ גרעסער געוואָרען, זיי האָבען זיך פֿעראייניגט מיט
אַנדערע רויבערישע פּאַסטוכֿער ווי זיי אַליין, און האָבען אָנגעפֿאַנגען צו דאַקוטשען
נומיטאָרס הירטען. יענע איז מֵאוּם געוואָרען צו פֿערטראָגען די הָעֲזָה פֿון די
2 ווילדע ברידער מיט זייער שאַיקע, זיינען ענדליך אָנגעפֿאַלען אויף דער חברה,
האָבען געחאַפּט דעם רעמוס און אַוועקגעשלעפּט צו זייער הערן אין אַלבאַ. דאַן איז
נומיטאָר געוואָהר געוואָרען ווער די ברידער זיינען, אַז דאָס זיינען גאָר זיינע איינקליך;
ער האָט זיי ערצאָהלט די רְצִיחָה פֿון זיין ברודער אַמוליוס און ו.ס. ער האָט פֿון
זייער מוטער געמאַכֿט און וואָס ער האָט געוואָלט מאַכֿען מיט זיי. קוים האָט זיך
רעמוס דערפֿון דערוואוסט האָט ער זיך פֿעראייניגט מיט זיין ברודער ראָמולוס

זיך אָבצורעכֿענען מיט זייער שלעכֿטען פֿעטער ווי ער האָט פֿערדיענט. זיי האָבען צוזאַמען געקליעבען זייערע לייט, אַריין שטיל צו איהם אין שטאָדט אונ האָבען מיט איהם געמאַכֿט אַ סוף, אונ גלייך נאָך זיין טויט האָבען זיי געזעצט זיין פֿערשטאָסענעם ברודער זייער עלטערפֿאָטער נומיטאָר, אויף זיין אָרט אַלס קאָניג. פֿון דאַנקבאַרקייט צו זיינע אייניקלעך, האָט ער בעשטימט דעם אָרט וואו זיי האָבען זיך ערצויגען אַלס פאַסטוכֿער, צו בויען דאַרויף אַ שטאָדט.

אָט דאָרט, אייגענטליך אַם טייך טיבער אויף דעם בערג וואָס הייסט פאַלאַטינוס, האָבען די 2 ברידער מיט זייערע לייט אים יאָהר 753 פֿאַר קר. געלעגט דעם פֿונדאַמענט צו דער שטאָדט ראָם, וועלכֿע איז דערנאָך געוואָרען אַזוי גרויס אונ בעריהמט. די מאָס פֿון דער שטאָדט האָט איינער פֿון די ברידער בעשטימט דערמיט, וואָס ער האָט אַרום געאַקערט דעם פאַלאַטינען בערגעל אונ אויפֿגעשיט פֿון ערד אַ וואַלל, דער אָרט איז באַלד אויסגעפֿיללט געוואָרען מיט קליינע הייזליך פֿון לעהם בעדעקט מיט שטרוי אונ קאַמיש (שילף).

גלייך ביים אָנפֿאַנג איז געוואָרען אַ מחלוקת צווישען ביידע ברידער, ווי מען זאָל די נייע שטאָדט רופֿען, אונ ווער זאָל אין איהר רעגירען. עס איז ביי זיי געבליבען דאָס ווער עס וועט ווערן בעשטימט דורך די נבואָה-פֿאָגעל, דער זאָל געבען דער שטאָדט דעם נאָמען אונ אויך בעהערשען. די ברידער זיינען הערויפֿגעגאַנגען אויף די שפיטצען פֿון צוויי נאָהנטע בערגליך, רעמוס אויף דעם אַווענטינישען בערגיל, אונ ראָמולוס אויף דעם פאַלאַטינישען. צוערשט האָבען זיך געוויזען פֿאַר רעמוס זעקס יאַסטרעב-פֿאָגעל, אונ ווי נור ער האָט עס געמעלדעט צום ברודער ראָמולוס, האָבען זיך געוויעזען פֿאַר ראָמולוס צוואָלף יאַסטרעב-פֿאָגעל, דאָ איז ווידער געוואָרען אַ טַעֲנָה צווישען די ברידער, רעמוס האָט געטענה'ט, דאָס ער דאַרף קעניג זיין, ווייל די נבואָה-פֿאָגעל האָבען זיך געוויעזען צו איהם פֿריהער, ראָמולוס אָבער האָט געטענה'ט דאָס די פֿאָגעל האָבען זיך געוויעזען צו איהם אין אַ דאָפּעלטע צאָהל. אַזוי קריגענדיג זיך איז געוואָרען צווישען זיי אַ געשלאָג אונ צום סוף איז רעמוס געהרג'ט געוואָרען, ראָמולוס איז דאַן געבליבען דער איינציגער הערשער פֿון דער נייער שטאָדט. פֿון איהם פֿאַנגט זיך אָן די רעכֿנונג פֿון די מלכים אין ראָם.

---

1) ראָמולוס, דער ערשטער ראָמישער קאָניג, ווי אויך די שפּאָטערע מלכים נאָך איהם האָבען געהאַט דעם טשין פֿון אַ כהן גדול פֿון אַ גלאַווגע קאָמאַנדאָיושצי אונ פֿון אַ אויבעריכֿטער (שופֵט). צו ווייזען די גרויסקייט אַלס מלך פֿלעגען פֿאַר איהם געהען 12 ליקטאָרען (שלוחים) טראָגענדיג בינדלעך ריטער צווישען וועלכֿע

עס זיינען געלעגען שארפע העק. די שטאדט ראם איז בעשטאנען פון 3 טריבוס (אב־טשעסטוועס). ווייל אין איהר זיינען געווען 3 ערליי פאלקער, וועלכע האבען ביי איהר גרינדונג זיך פעראייניגט. יעדער טריבוס איז בעשטאנען פון 10 קוריען (בראטס־טוועס, ברידערשאפטען) אונ יעדע קוריע — פון 10 גענטעס (משפחות) אזוי דאס אין גאנצען איז זי בעשטאנען פון 30 קוריען אונ 300 פאמיליען. פון די ערשטע חשובה פאמיליענאלטעסטע האבען זיי זיך איינגעארדנעט א סאוועט פון זקנים (סענא־טוס), וועלכע זיינען אנפאנגס בעשטאנען פון הונדערט גליעדער (טשליענעס), שפעטער אבער, אלס אין דער מלוכה זיינען אליין מעהר אונ מעהר געמיינדען אויפגענומען געווארען, האבען זיי זיך פערגרעסערט אויף 200 אונ ענדליך ביז 300. די זקנים זיינען געווען אויסגעקליבען אויף זייער גאנץ לעבען. זיי האבען געהייסען פאטרעס (פאטערס) אונ זייער בעשאפטיגונג איז געווען לטובת הכלל. אזעלכע בעלי בתים וועלכע האבען געהערשט איבערן כלל זיינען געווען אנגערופען פ א ט ר י צ י ע ר. די טשליענעס פון די קוריען פלעגען אויך האלטען זייערע אסיפות, וועלכע מען האט אנגערופען קאמיטיא קוריאטא ד. ה. קוריען־פערזאמלונג. פאר דעם חיל פלעגט יעדער גענס (פאמיליע) מחויב זיין צו שטעלען איין רייטער אונ 10 פוסגעהער סאלדאטען, איין לעגיאן פון וועלכער דער ראמישער חיל איז בעשטאנען פון 300 רייטער אונ 3000 מאן פיעהאטע.

צו פערמעהרען די צאהל פון זיינע אונטערטהאנען — ווירד ווייטער ערצאהלט — האט ראמולוס געמאכט זיין שטאדט פאר א עיר מקלט, וואהין יעדער געדריקטער אונ פעריאגטער מענש, יעדער פערזינדיגטער אונ געמשפטער מענש זאל דארט קענען קומען זיך צו בעזעצען אונ געפינען שוטץ. דורך דעם איינפאל זיינען צוגעקומען פיעל נייע איינוואהנער, נור פרויען האבען געפעהלט פיר די פיעלע מאנסלייט. אום צו קריעגען פאר זיי נשים, האט דער קעניג ארויסגעשיקט שלוחים צו די נאהנטע שכנישע פעלקער, זיי פריינדליך צו בעטען, זיי זאלען זיך מיט זיינע ראמער מתחתן זיין. אבער פון אלע זייטען האט מען זיי אפ געזאגט, קיינער האט ניט געוואלט פון זיי וויסען, אנדערע האבען זיי שטעכענדיג געענטווערט: פאר וואס ווערט ניט ראם בעשטימט אלס עיר מקלט פיר פערזינדיגטע פרויען, דאן וואלט זיי קיין כלה'ס ניט פעהלען. דא האט ראמולוס קיין אנדערע עצה ניט געפונען ווי צו אויספיהרען זיין זאך דורך געוואלט. זיי האבען זיך בעשלאסען צו מאכען א וחטפתם לכם איש אשתו ווי א מאל ביי אונז דער שבט בנימין (שופטים כ"א). ער האט איין מאל אויסגערופען צו מאכען א יום טוב פאר'ן גאנצען פאלק לכבוד נעפטון דעם גאט פון ים, דאס האט צוגעצויגען די שכנים פון די ארומיגע שטאדט. פריהער ווי אלע האבען זיך איינגעפונען די זאבינער מיט זייערע ווייבער אונ טאכטער אין א גרויסע צאהל. די ראמער האבען די פרעמדע געסט אריינגעבעטען צו זיך אין זייערע אויס־

געפּוצטע הייזער און זיי פריינדליך געוויזען אַלע בִנְיָנִים פון זייער נייע שטאָדט. די גאַסט האָבען אַלעס נייגעריג בעטראַכטעט און נאָכהער האָבען זיי זיך פאַרנאַנדער גע־זעצט צו בעטראַכטען זייערע שפּיעלען און זאַבאַוועס. אָבער בשעת אַלע אויגען זיינע געווען אָנגעשטעלט דאָס אַללעס גוט צו זעהן, האָבען די ראָמישע בחורים יעדער אַ חאַפּ געטהון אַ בתולה און אַוועק געשלעפּט צו זיך אין זיין געצעלט. די ערשראָקענע עלטערן זיינען זיך צו לאָפען מיט גרוים געשריי און קלאָג וואָס די ראָמישע רויבער האָבען זיי אָפּ געטהון.

די גערויבטע מאָדכען האָבען זיך פון זייערע מאַנער געלאָזט איינריידען און בערוהיגען, בְּעֵת די עלטערן האָבען געברענט ווי פייער און געטראַכט אויף בלוטיגע נְקָמָה. און בֶּאֱמֶת, ווען די שכנישע פאָלקער וואָלטען זיך פעראייניגט גענומען צו ראָם, וואָלט די יונגע מלוכה אונטער געגאַנגען. אָבער די בעליידיגטע עלטערן אין זייער גרויסען צאָרן, האָבען ניט געהאַט די געדולד צו וואַרטען אויף די שכנים ביז זיי וועלען פאַרטיג זיין צו געהען אויף דעם פיינד, און קומענדיג אַליין זיינען זיי פון די ראָמער בלוטיג צוריק געטריעבען געוואָרען.

די גראָסטע סכנה איז זיי פאָרגעשטאַנען פון דעם קריגערישען זאַבינער פאָלק. בעת זיי זיינען געקומען געוואָפּנעט אונטער זייער מלך טיטוס טאַציוס, נאָר בְּעֵת עס האָט זיך די מִלְחָמה שוין אָנגעצונדען און די פיילען זיינען געפלויגען, זיינען פּלוטצלינג אַרויסגעלאָפען די זאַבינישע גערויבטע מיידלעך און זיך געשטעלט צווישען די בַּעֲלֵי מלחמה, און האָבען מיט געוויין זיך געבעטען בייביידע צְדָדִים זיי ניט צו מאַכען פאַר אַלְמָנות. דער אָנבליק האָט גערירט די חֲיָלוֹת, אַלע האָבען געלאָזען זינקען זייערע געוועהר. די ביידע מלכים זיינען געריהרט אַרויס אין מיטען פּלאַטץ און צווישען זיך געשלאָסען פריעדען און פריינדשאַפט. אויף ווייטער איז געבליבען זאָלען זייערע ביידע מלוכות ווערען פעראייניגט אין ראָם, און צום סענאַט פון הונדערט ראָמער זאָלען אויך הונדערט זאַבינער אויפגענומען ווערען. דער בערגיל קווירי־נאַלים אויף וועלכען עס זיינען געזעסען די זאַבינער איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין קרייז פון דער שטאָדט ראָם. די ראָמער מיט די זאַבינער בְּשוּתפוּת זיינען אָנגע־רופען געוואָרען קווירישען און האָבען אַזוי געהאָרט צו די בעלי בתים פון דיעזער בשותפות׳דיגע שטאָדט. אָבער די דאָפּעלטע הערשאַפט פון די ביידע מלכים האָט גאָר ניט לאַנג געהאַלטען. אין 6 יאָהרען אַרום איז דאָס פאָלק ביי אַ אָפּפערונג פון אַ בְּשוּתפוּת׳דיגען קרבן ביוז געוואָרען אויף דעם מלך טאַציוס, דער עולם האָט גע־מאַכט אַ טומעל און האָט איהם ערשלאָגען. דער חשד איז געפאַלען אויף ראָמולוס, דאָס ער אַליין איז דער חַיָב, באַלד איז טאַקי ראָמולוס געפאַלען אַלס קרבן פון זיין תַּאֲוַת הַכָּבוֹד. איין מאָל איז געווען אין ראָם אַ מוסטערונג פון דעם חיל, פּלוצלינג איז געוואָרען אַ גרויסער שטורם און דער חיל האָט זיך צו לאָפען, אַלס דאָס חיל

האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט אויף זיין פּלאַטץ, האָבען זיך אַלע אַרום געזעהן דאָס דער קעניג ראָמולוס איז פֿאַרלאָרען געוואָרען אין טומעל. דער חָשַׁד איז געפֿאַלען אויף דעם סענאַט און דאָס פֿאָלק איז צוגעשטאַנען צו די סענאַטאָרען זיי זאָלען מודה זיין, וואָס זיי האָבען פֿון דעם קעניג געמאַכט. דאָ האָבען די סענאַטאָרען דערצעהלט, דאָס בְּשַׁעַת עס איז געוואָרען דער שטורם, איז ראָמולוס אַרויף אין הימעל אין דאָנער און בליטץ, אַזוי האָבען מִן הַסְּתָם די געטער געוואָלט. איינער פֿון די סענאַטאָרען האָט עס נאָך ערצעהלט מיט אַ וואָהרצייכען: דער גייסט פֿון ראָמולוס האָט זיך צו איהם איין מאָל פֿאַר טאָג געוויעזען פֿון הימעל, זיין פּנים האָט איהם זעהר געשיינט, האָט פֿערשפּראָכען זיינע ראָמער בְּרָכָה און הַצְלָחָה אויף לאַנגע צייטען, און אָנגעזאָגט דאָס ער איז פֿון די געטער אויסגעקליעבען געוואָרען צו זיין אַ גאָט ווי זיי אַליין, און דאָס אַלע זאָלען איהם אָפּגעבען געטליכע עהרע אונטער דעם נאָמען קווירינוס, וואָס דאָס בלייבט פֿון איצט אָן זיין נאָמען פֿאַר אייביג. אונטער דעם נאָמען האָט דאָס פֿאָלק איהם פֿערעהרט אַלס גאָט גלויבענדיג וואָס די סענאַטאָרען האָבען געזאָגט.

נאָך ראָמולוס טויט האָט דער סענאַט אַליין איבער גענומען די רעגיערונג אויף אַ גאַנץ יאָהר. זיי האָבען איינגעאָרדענט, דאָס יעדער טשליען פֿון סענאַט זאָל רעגיערען 5 טאָגע נאָך אַנאַנד מיט דער גאַנצער מאַכט פֿון איין קעניג. דאָס פֿאָלק אָבער איז דערמיט ניט צו פֿריעדען געווען און זיך געזאָלעוועט דאָס אַנשטאַט איין קעניג האָט ער איצט הונדערט, און האָט שטורמיש פֿערלאַנגט מען זאָל אויס וואָהלען אַ נייעם מלך. דאַן איז ביי זיי אַלעמען געבליעבען די ראָמער זאָלען אויסקלייבען אַ מלך פֿון די זאַבינער. עס איז אויסגעקליעבען געוואָרען נומאַ פּאָמפּיליוס דער איידעם פֿון טיטוס טאַציוס, איין זעהר בעריהמטער מאַן דורך זיין קלוגהייט און גערעכטיגקייט.

ווי אויפ'ן ערשטען קעניג רעכענט מען דאָס ער האָט איינגעפֿיהרט די הַנְהָגוֹת פֿון דער מלוכה אַזוי רעכענט מען אויף דעם צווייטען קעניג דאָס ער האָט איינגעפֿיהרט די מנהגים פֿון דער אֱמוּנָה. נומאַ האָט ליעב געהאַט צו לעבען אין פֿריעדען און האָט זיך בעמיהעט דורך גוטע מנהגים צו עדלען דעם כאַראַקטער פֿון'ם פֿאָלק. מעהר ווי אַלעם האָט ער געזוכט דאָס אויסצופֿיהרען דורך תפלה און עֲבוֹדָה; ער האָט פֿיעל טעמפּעל (בָּתֵּי תְּפִלָּה) און מִזְבְּחוֹת געבויעט, איבערהויפּט וויכטיג איז געווען די איינפֿיהרונג פֿון פֿאַרבייגעהען פֿאַר דער שטאַטוע (שטיינערנעם בילד) פֿון דעם גאָט יאַנוס. דער קעניג האָט אויך געאָרדנעט חַגָּאוֹת און קָרְבָּנוֹת און האָט זיך נור בעמיהט איינצופֿיהרען אַ פֿריעדליכען פֿאָלקסלעבען, ער האָט אויך געגרינדעט פֿערשיעדענע געזעלשאַפֿטען פֿון כהנים וועלכע זיינען נאָך זייער הייליגער בעשעפֿטיגונג געווען פֿאַררעכענט אַלס פּאַטריציער פֿון די ווייבליכע פּריע=

סטערינען (כֹּהֲנִיוֹת) זיינען אַם האָכסטען געווען געשאַטצט די 6 וועסטאַלינישען יונגפרויען, וואָס זייער אַרבייט איז געווען צו אונטערהאַלטען דאָס הייליגע פייער פון דער גאָטטין וועסטאַ (זיעהע אָבען זייטע 56). גלייך מיט דער בעשטימונג פון די ימים טובים האָט ער איינגעאָרדנעט דעם קאַלענדער. ער האָט פיעל געשטיצט די ערדאַרבייט, אונ געמאַכט תְּקָנוֹת קיינער זאָל ניט בערויבען דאָס וואָס געהאָרט צו פרעמדע. דער קאָניג האָט לאַנג געלעבט אונ אַזוי לאַנג האָט געדויערט דער פריעדען אונ גליק פון זיין פאָלק.

3) נאָך נומאַ האָט געקאָניגט טולוס האָסטיליוס. אין זיין צייט האָט אויסגעבראָכען די מַחְלוֹקֶת צווישען ראָם אונ איהר מוטער־שטאָדט אַלבאַ צו איין אָפענע מִלְחָמָה. עס איז געבליעבען דאָס נור די קריעגסגעוועהר זאָלל רעשען, וועך פון די ביידע שטאָדט זאָל הערשען, אָב ראָם איבער אַלבאַ אָדער אַלבאַ איבער ראָם. דער פעלדהערר פון אַלבאַ מעטיוס פופעטיוס, איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ גוטען חיל אין אַ בעפעסטיגטען לאַגער ניט וויט פון ראָם. טולוס איז הערויס ענטגעגען מיט זיין ראָמישען חיל אונ האָט זיך אויפגעשטעלט אין גוטער אָרדנונג אַנצופאַנגען די מלחמה אונ עס האָט געזאָלט די בלוטיגע געשלאָג זיך אָנפאַנגען; דאָ האָט זיך מעטיוס געשטעללט אין מיטען פון די ביידע חֲיָלוֹת אונ איינגעלאַדען דעם צווייטען צַד צו אַ געשפּראָך. „מיר קענען דאָך פון אונז ניט לייקענען — האָט ער זיי געזאָגט — דאָס נור די קִנְאָה טרייבט אונז צום שטרייט, זאָנסט וואָלטען מיר איינער צום אַנדערען גאָר ניט האָבען, היינט פאַר וואָס זאָלען מיר אונזער בלוט פערגיסען אונ איינער דעם אַנדערען אומזיסט אָבשוואַכען אום נאָך דעם אַריינצופאַלען צו איין אַנדערען שונא אין די האָנד ער זאָל אונז צוזאַמען בעהערשען. לאָמיר גלייכער הערוים זוכען איין קלוגען מיטעל צו געווינען די הערשאַפט אָהנע בלוט צו פערליערען" — דעם טולוס איז דער פאָרשלאַג געפאָלען געוואָרען אונ באַלד האָט זיך אַרויס געפונען אַ מיטעל די זאַך צו רעשען ווי מעטיוס האָט פאָרגעשלאָגען.

אין ראָמישען חיל האָבען דאַמאָלס געדיענט 3 ברידער דרילינגע, פון דער פאַמיליע האָראַציער; אין חיל פון אַלבאַ האָבען אויך געדיענט 3 ברידער צווילינגע פון דער פאַמיליע קוריאַצער, דיעזע צווילינגשע ברידער זיינען פון ביידע צדדים אויסגעקליעבען געוואָרען דורך זיי צו רעשען דעם קריעג, דאָס וועלכער צד פון זיי וועט גובר זיין אין אַ דועל, דעמס אומה זאָל זיך רעכענען פאַר אַ מְנַצֵּחַ אונ דער צווייטער צד זיך רעכענען פאַר גאַנץ איינגענומען.

נאָכדעם ווי ביידע צְדָדִים האָבען אויף דער פְּשָׁרָה געשוואָרען ביי זייערע גאָטער, זי הייליג מקיים צו זיין, האָבען די ברידערליכע שטרייטער זיך געשטעלט צו דער מלחמה. פון ביידע זייטען זיינען זייערע פאָלקער געשטאַנען אונ זיי מוטה צו־

געגעבען זיי זאָלען זיך פֿעסט האַלטען און זיך ניט אונטערגעבען אין שטרייט. אַלע זיינען געשטאַנען געשפּאַנט, צו זעהן דעם סוף. עס איז געגעבען געוואָרען דער סיגנאַל, די קריעגער האָבען זיך מיט אימפּעט געוואָרפֿען אויף איינאַנדער, די וואַפּען האָבען ערקלונגען, די שווערדען געבליצט, און די ביידע חילות שטעהען און ציטערן וואַרטענדיג אויפ'ן סוף. מיט אַ מאָל איז געפֿאַלען איין ראָמער, און גלייך נאָך איהם דער אַנדערער שטערבענדיג אַ פֿריידענגשריי האָט ערקלונגען ביי די אַלבאַנער, און ביי די ראָמער איז איינגעפֿאַלען דאָס הערץ און דעם מוטה פֿערשוואונדען. אָבער די 3 אַלבאַנער זיינען געוואָרען שווער פֿערוואונדעט און אָבגעשוואַכט. דער איינציג געבליבענער ראָמער האָט זיך דאַן פֿאַרנאַנדער געלויפֿען ווי ער אַנטלויפֿט כלומר'שט, און דערמיט די אַלבאַנער צושיידעט איינע פֿון די אַנדערע, יעדער איז געלויפֿען ווי ער האָט נאָך זיין אָבגעשוואַכטען כח געקענט. פלוצלינג איז ער אָנגעפֿאַלען אויפ'ן נאָהנסטען מיט זיין גאַנצען קראַפֿט, און איהם שוין פֿערטיג געמאַכט און זאָגלייך זיך געוואָרפֿען אויף דעם אַנדערן ברודער, אונטער טויזענדער צורופֿשטימען פֿון די ראָמער איהם צו ערמונטערן און איהם מוטה צוצוגעבען, האָט דער האָראַציער אויך דיעזען אַוועקגעלעגט און אַלס עס האָט איהם געגליקט אויך דעם דריטען קוריאַציער אוועק=צולעגען, וועלכער איז אָבגעשוואַכט און אָבגעמאַטערט שוין קוים אויף זיינע פֿיס גע=שטאַנען, איז געוואָרען אַ הורראַה אונטער די ראָמער און אַלע האָבען זיך געשטופּט צו דעם גליקליכען העלדען וועלכער האָט פֿיר זיי געוואונען דעם קריעג מיט די אַלבאַנער.

מיט גרויס שִׂמְחָה איז דער האָראַציער געגאַנגען אַהיים. זיינע פֿראָהליכע חֲבֵרִים האָבען פֿאַר איהם געטראָגען מיט פּאַראַד די 3 בעוואָפֿנונגען און די קליידער פֿון די ערשלאָגענע קוריאַציער. ווי עס איז געקומען צום טויער פֿון דער שטאָדט איז איהם אַנטקעגען געקומען זיין שוועסטער וועלכע איז נעביך געווען אַ כלה פֿאַר איינעם פֿון די געהרגיטע קוריאַציער. אַלס זי האָט דערזעהן אונטער די קליידער פֿון די הרוגים דעם וואָפֿענראָק פֿון איהר געפֿאַלענעם חתן, האָט זי זיך שטאַרק צו וויינט, האָט פֿון זיך די האָאָר געריסען און דעם נאָמען פֿון דעם ערשלאָגענעם חתן גערופֿען. דאָס קלאָגען פֿון דער שוועסטער ווען אַלע האָבען זיך אַזוי געפֿרייעט האָט איהר ברודער זעהר אויף גערייצט, צאָרניג האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שווערד און די שוועסטער ערשטאָכען אויסרופֿענדיג, „געה אין דער ערד אַריין מיט דיין ליעבע צו אַזוי אַ חָתָן וואָס צו ליעב איהם האָסטו פֿערגעסען דיינע ברידער און דיין פֿאַטערלאַנד, אַזוי אַ סוף וועט אויסגעהען יעדער ראָמערין וואָס וועט בעטרויערן דעם שונא פֿון איהר לאַנד".

דיזע רְצִיחָה האָט פֿאַרשטאָרט די גאַנצע שמחה פֿון די ראָמער, אַלע זיינען זעהר אויפֿגעבראַכט געוואָרען אויף דער שאָנדליכע אַקציע. דער שוועסטער=מאָרדער

איז געפּאָרדערט געוואָרען פאַר'ן געריכט, ער האָט געזאָלט פאַרמשפּט ווערען צום טויט, נור די ישועה וואָס ער האָט געבראַכט זיין לאַנד און זיין פאָלק, און די גע־ווינען און געבעט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך געבעטען מען זאָל איהם לאָזען לעבען, נאָך דעם ווי ער האָט שוין פערלאָרען 2 זיהן און 1 טאָכטער, דאָס אַלעס איז איהם בייגעשטאַנען איהם זיין לעבען צו שענקען; נור דעם פּסק האָט מען פיר איהם בעשטימט, ער זאָל מיט פערדעקטען פּנים און אונטער אַ שווערען קלאָטץ צום צייכען פון שאַנד דורכגעהען צווישען פאָלק, דער קלאָטץ איז געווען אַ צייכען פון קנעכטשאַפט ווי אַ קאַטאַרזשנער.

דערווייל אָבער האָט מעטיום פופעטיום ניט גערוהט און מיטעל געזוכט זיינע אַלבאַנער פון דעם יאָך פון די פערהאַסטע ראָמער צו בעפרייען; עס האָט איהם גע־גליקט די 2 נאָהענטע פאָלקער, די פידענאַטער און וועיענטער, צום קריעג מיט די ראָמער אויפצוהעטצען. טולוס איז אַרויס זיי ענטגעגען, האָט אויפגעפאָרדערט די אַלבאַנער צו הילפע צו איילען, און פערלאַנגט זיי זאָלען זיך שטעלען געגען די פידענאַטער, אַליין איז ער הערויס געגען די וועיענטער.

דער שטרייט מיט די וועיענטער האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אָבער מעטיום האָט זיך גאָר ניט געוואיילט זיך צו שטעלען מיט זיינע אַלבאַנער צום קריעג מיט די פידענ־אַטער; ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ נאָהנטען בערג כדי צו זעהן וואָס עס וועט זיך אויסלאָזען פון דעם קריעג צווישען די ראָמער מיט די וועיענטער, און צו האַלטען מיט דעם צד וואָס וועט די מלחמה אויספיהרען. מיט אַ מאָל איז געקומען אַ רייטער צו לויפען צום קאָניג און איהם אָנגעזאָגט דאָס די אַלבאַנער ציהען הינטער די בערג צו העלפען די שונאים. טולוס האָט זיך ערשראָקען, אָבער ער האָט זיך גע־מאַכט אַ האַרץ מיט מוטה און אַ געשריי געטאָהן צום רייטער בכדי די וועיענטער זאָלען עס האָרען; „גאַנץ גוט, אַזוי האָבען מיר דאָך אָפּ גערעדט צו טהון, זיי זאָלען אָנ־פאַלען אויף דעם פיינד פון הינטען" די ערמה האָט איהם זיך איינגעגעבען. צוערשט זיינען אַנטלאָפען די פידענאַטער מורא האָבענדיג פאַר די פאַלשע אַלבאַנער, זיי זאָלען זיי ווירקליך ניט איבערפאַלען פון הינטען, און אָבשניידען זיי דעם וועג צוריק. קוקענדיג אויף די פידענאַטער זיינען אויך די וועיענטער פון פּלאַטץ אָפּ־געטרעטען פון פּחד פאַר די ראָמער.

דאַנן האָט מעטיום זיך געאיילט צו טולוס און איהם מזל טוב געגעבען וואָס ער האָט זיין קריעג מיט די שונאים גליקליך אויסגעפיהרט. טולוס האָט זיך פער־שטעלענדיג איהם כלומרשט געדאַנקט פיר זיין פריינדשאַפט, נור אויף דעם אַנדערן טאָג האָט ער געהייסען דעם גאַנצען עולם אויפרופען צו אַ אַסיפה, ער דאַרף זיי נאָטהיג עטוואָס זאָגען. אויף מאָרגען פאַר טאָג האָט זיך דער גאַנצער עולם ראָמער און אַלבאַנער ווירקליך פערזאַמעלט אום אויסצוהאָרען וואָס דער קאָניג האָט זיי

צוזאָגען. אוים נייגעריגקייט האָבען זיך די אַלבאַנער אויפגעשטעלט נאָהנטער צו איהם ווי די ראָמער, דאַן האָט טולוס אַנגעהויבען צוהאַלטען אַ פייעריגע רעדע, שילדערינדיג די ניעדריגע פאַלשקייט פון די אַלבאַנער, וואָס האָבען ניט געהאַט אין זינען זיין בעפעהל צו פאָלגען נאָר איבערצוגעהן צו די שונאים, ווען זיי וועלען נור עפּים אָנפאַנגען גובר צו זיין. אָבער איך מיין גאָר נישט דאָס גאַנצע אַלבאַנישע פאָלק צו בעשולדיגען, שולדיג איז נור זייער פיהרער, וועלכער האָט זיי אַזוי גע-הייסען, דער פיהרער איז מעטיוס פופעטיוס, נור ער פערדיענט דעם גאַנצען פסק. „דו פאַלשער מענש, האָסט געטהיילט דיין הערץ צווישען ראָם און פידענאַ, דאַהער מוז אויך דיין לייב אַזוי געטהיילט ווערען”, און ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָבען זיין חיל מעטיוס'ן געהרג'ט.

אין אַלבאַ זיינען דערוויל אַרויסגעשיקט געוואָרען רייטער, צו טרייבען דאָס גאַנצע פאָלק אויסצוואַנדערן פון אַלבאַ און זיך צו בעזעטצען אין ראָם ווי אויך די שטאָדט אַלבאַ חרוב צומאַכען, עס זאָל פון איהר קיין זכר נישט בלייבען. טרויעריג האָבען זיך די איינוואָהנער איבערגעצויגען נאָך ראָם. טולוס האָט זיי אָנ-געוויזען דעם צאָלישען בערג זיך דאָרט צו בעזעטצען, און האָט אויך דיעזען בערג אַריינגעצויגען אין דעם קרייז פון דער שטאָדט ראָם.

פיער הונדערט יאָהר איז די אַלטע מוטער-שטאָדט פון ראָם געשטאַנען ביז עס האָט איהר די סבה געטראָפען און זי גאַנץ אָבגעמעקט פון דער וועלט.

דער פיערטער קעניג אַנקוס מאַרציוס, האָט פערלאַנגט רוה און פריעדען גלייך ווי זיין פעטער נומאַ. ווי די שכנים פון ראָם און איבערהויפט די לאַטיער האָבען בעמערקט דאָס איהר יעצטיגער מלך וויל זיטצען רוהיג און אויסווייכען אַלע מלחמות, האָבען זיי געמיינט דאָס יעצט איז געקומען די צייט זיך פון די ראָמער אָבצורייסען, און זיינען אָנגעפאַלען אויף דער נייער שטאָדט, איהרע איינ-וואָהנער צו בערויבען. דאָ האָט אַנקוס בעוויזען דאָס ער ווייס אויך דאָס שווערד ווי צוערגרייפען; ער האָט זיי אַלע צוריקגעטריבען, זייערע שטאָדט צושטאָרט און די איינוואָהנער אַריינגענומען קיין ראָם. דאָרט ער זיי אָפּגעגעבען דעם אווענטינישען בערג אום פיר זיך הייזער צו בויען. פון דיעזע נייע איינוואָהנער האָט ער געבילדעט אַ נייעם סאָרט פאָלק מיטען נאָמען פלעבס ד. ה. פראָסטער נאָראָד אָדער נייע איינ-וואָהנער, וועלכע האָבען שוין ניט געהאַט די פראַווים פון די אַלטע איינוואָהנער, די פאַטריציער, און ניט געהאַט אַ דעה צוזאָגען איבער די ממשלה און אַליין צו האָבען טשינען אין דער פיהרונג פון דער רעגיערונג. פון דעסטוועגען זיינען זיי געווען גערעכענט פאַר פריי; צו די איינוואָהנער איז געווען צוגערעכנעט נאָך אַ סאָרט צוגעהריגע און שוטץ געהאַלטענע וועלכע האָבען געהייסען קליענטען, און זיינען ווי עס ווייזט אוים געווען די זיהן פון די ערשטע איינגענומענע איינוואָהנער

פֿון לאַנד, וואָס זיינען געוואָרען אונטערטהעניג און דאַהער פֿערלאָרען זייערע פּראַוועס זיך צו רעכֿענען אַלס בַּעֲלֵי בָּתִּים. זיי זיינען תָּמִיד געווען אונטער דעם שוטץ פֿון אַ פּאַטריציער, וואָס האָט גענען זיי געהאַט דעם נאָמען פּאַטראָנוס און זיי די בעשיטצטע האָבען דאַן געהייסען קליענטען, דער פּאַטראָן גענען זיינע קליענטען איז געשטאַנען אין דער אייגענער בעציעהונג ווי אַ פֿאָטער צו זיינע קינדער.

אַנקוס האָט אויך פֿערברייטערט דאָס לאַנד ביז צום יַם, און דאָרט אים אָרט וואו דער ים פֿאַנגט זיך אָן, האָט ער אויסגעבויעט אַ פּאָרטאָווע שטאָדט מיטען נאָמען האָסטיאַ.

אין דער צייט פֿון דער רעגיערונג פֿון אַנקוס מאַרציוס, איז געקומען פֿון דעם נאָהנטען לאַנד עטרוריען איין רייכֿער און וויכֿטיגער מאַן מיט נאָמען לוקאָמאָ זיך אין ראָם צו בעזעטצען. זיין פֿאָטער דעמאַראַטוס איז געווען אַ רייכֿער גריעכֿע פֿון קאָרינטה, וועלכֿער איז אַנטלאָפֿען פֿון זיין היים איבער די פּאָליטישע אונרוהען אין גריעכֿענלאַנד, און האָט זיך בעזעטצט אין טאַרקוויניען אין דער מְדִינָה עטרוריען. נאָך דעם טויט פֿון דעם פֿאָטער האָט ליקאָמאָ זיין זאָהן מיט זיין פֿרוי די שטאָלצע און עהרעזוכֿענדע טאַנאַקוויל אויסגעוואַנדערט נאָך ראָם, האָפֿענדיג דאָס דאָ אין דיעזער נייע שטאָדט וועט זיך זיי לייכֿטער איינגעבען, זייער גליק צו מאַכֿען.

אין ראָם האָט ער בעקומען די פּראַוועס פֿון אַ בַּעַל הַבַּיִת, און דאָרט האָט ער זיך אַ נייען נאָמען געגעבען „טאַרקוויניוס". דורך זיינע עֲשִׁירוֹת און חָכְמָה האָט ער חֵן געפֿונען ניט נור ביים ראָמישען פֿאָלק, נור ביים קעניג וועלכֿער האָט איהם ליעב בעקומען און זיך מיט איהם מְיַשֵּׁב געווען אין אַלע זאַכֿען, און פֿאַר זיין טויט האָט ער איהם געמאַכֿט פֿאַר איין אַפּוטרופּס איבער זיינעביידע זיהן. ווי נור אַנקוס איז געשטאָרבען און די פֿאָלקספֿערזאַמלונג איז זיך צוזאַמען געקומען אויס צו קלייבען אַ נייען קעניג, איז דער חיטרער מענש געפֿאַלען אויף אַ הַמְצָאָה, און האָט די ביידע קעניגליכֿע יוֹרְשִׁים הערוים געשיקט אויף די יאַגד (פֿאָליעוואַניע), און ער אַליין איז געקומען צו דער אֲסִיפָה פֿון פֿאָלק; האָט זיך דאָרט פֿאַראַנאַנדער גערעדט וועלכֿע טובות דאָס פֿאָלק האָט פֿון איהם געהאַט, און פֿון זיי פֿערלאַנגט ער איהם צו מאַכֿען פֿאַר אַ קעניג בִּזְכוּת זיינע גוטע מַעֲשִׂים. זיין ווילען איז געטהאָן געוואָרען, מען האָט איהם אויסגעקליעבען אַלס קעניג און איהם אַ נאָמען געגעבען טאַרקוויניוס מיט דעם צונאָמען פּריסקוס ד. ה. דער אַלטער, צום אונטערשיעד פֿון דעם שפּעטערן קעניג וועלכֿער האָט זיך אויך אָנגערופֿען טאַרקוויניוס.

ווי די אַלע מְלָכִים האָבען זיך בעמיהט די שטאָדט צו פֿערגרעסערן און

מעהר צו פערזיכערן, אזוי האט זיך דער געבארענער גריעכע בעמיהט די שטאדט צו פערשאנערן. פון דעם רויב וואס ער האט אויפגעקליבען אין די מלחמות מיט די לאטיניער און עטרוסקער, האט ער אויסגעבויעט א שטיינערנע מויער אַנ=שטאט דעם געוועזענעם ערד=וואל. דעם אפענעם פלאץ צווישען פאלאטינישען און קאפיטאלינישען בערג האט ער א נאמען געגעבען פארום (מארקט, באזאר) ווייל דארט זיינען געוועזען די אסיפות פון פאלק, און האט עס אויסגעציערט מיט גאלערעען און זייל=גאנגען. ער האט געגרינדעט דעם „צירקוס מאקסימוס”. א קעניגליכען פרייען פלאץ אויף צומאכען דארט די קריעגסשפיעלע צום פאהרען און רייטען. ער האט דעם אנפאנג געמאכט צום בוי פון דעם בעריהמטען ק א פ י ט א ל י ו ם דעם טעמפעל=פעסטונג פאר דעם אבגאט יופיטער אויף דעם קאפיטאלינישען בערג.

נור וויכטיגער פאר אלעם איז געוועזען דער בוי פון די ק ל א א ק ע ן, דאס איז געווען א סיסטעמע פון קאנאלען וועלכע זיינען געוועזען געצויגען אונטער דער ערד, ארוים צופיהרען דורך זיי אללע שמוץ און אללע אונרייניגקייט פון דער שטאדט צום טייך טיבער, זיי זיינען געווען פעסט געמויערט, אזוי דאס נאכהער האבען זיי אויף זיך אויפגעהאלטען אלע טהורעמס און פאלאטצען פון דער שטאדט. אזעלכע קלאאקען זיינען זעהר נייטהיג געווען פאר דער שטאדט, ווייל זי איז געווען געבויעט צווישען בערג, און אין די פערטיעפונגען צווישען די בערג פלעגען צוזאמען רינען אלע רעגענוואסערן, פון וועלכע עס פלעגען זיך אנקלייבען בלאטעס און שמוטץ.

אין דער צייט פון דיזעם קעניג איז פערגראסערט געווארען די צאהל פון די מטשליענעם פון סענאט ביז אויף 300 מאן און פיעל פלעבישע פאמיליעס זיינען ער=הויבען געווארען צום שטאנד פון די פאטריציער.

אבער די צוויי זיהן פון אנקום האבען טארקוויניוס ניט געקענט מוחל זיין וואס ער האט פון זיי גערויבט זייער פאטערס ירושה פון דער מלוכה. זיי האבען דארום גע=זוכט עצות ווי פון איהם פטור צו ווערען, און זיי האבען אזוי געטהון: צוויי פון זיי אנגעשטעלטע פאסטוכער זיינען אריין מיט זייערע העק קריגענדיג און זידלענדיג זיך אין דעם קעניגס וואהנונג אויפפאדערנדיג איהם ער זאל רעשען צווישען זיי אין זייער קריעג, און אלם דער קעניג האט זיך היגעשטעלט אויסצוהערען זייערע טענות, האט איינער פון זיי איהם מכבד געווען מיט זיין האק און האט איהם א טויטען צו דער ערד אניעדער געלעגט. די מארדער האבען געלאזען די העק אין דעם ערשלאגענען קערפער און אליין זיינען זיי אנטלאפען.

פון דעסטוועגען האבען די זיהן פון אנקום מארציוס ניט אויסגעפיהרט זייער צוועק. גלייך נאך דער שרעקליכער מעשה האט טאנאקוויל געהייסען פערשליסען די טויערן פון דער קעניגליכער וואהנונג, און האט אויסגערופען צום פאלק וואס איז זיך צוזאמענגעלויפען, דאס דער קעניג לעבט נאך און ביז ער וועט געזונד ווערען

פֿערלאַנגט ער דאָס ס ע ר ו ו י ו ס ט ו ל י ו ס זאָל זיין פּלאַטץ פֿערנעמען אונ אַנשטאַט איהם קאָניג זיין. דיעזער אויסגעצייכֿענטער מאַן איז געווען אַ געבאָרענער פּרינץ (קאָניגסזאָהן) אונ טאַרקוויניוס אײדים. ווי אַנקוס זיהן האָבען זיך דערוואוסט דאָס ער איז געוואָרען קאָניג אונ אַז די צוויי פּאַסטוכֿער האָבען זיך מודה געווען דאָס זיי האָבען זיי אָנגערעדעט צו טעדטען דעם קאָניג, האָבען זיי מורא געקריעגען פֿאַר זייער נְקָמָה אונ פֿון דאָרט אַנטלאָפֿען. סערוויוס אָבער האָט זיך גלייך געוויעזען פֿאַר'ן פֿאָלק מיט דעם גאַנצען גלאַנץ פֿון אַ הערשער, אונ אַלס נאַמיעסטניק פֿון קאָניג האָבען איהם אַלע געפֿאָלגט. צום סוֹף, אַלס ער איז גאַנץ זיכֿער געווען אין דער טרייהייט פֿונ'ם פֿאָלק, האָט ער אָפֿען אויסגעזאָגט דאָס דער קאָניג איז טויד, אונ מיט דער איינוויליונג פֿון די פּאַטריציער איז ער קאָניג געוואָרען.

מעהר ווי אַלעס האָט זיך סערוויוס טוליוס בעריהמט געמאַכֿט דורך די איינפֿיהרונג פֿון די קאָניגליכֿע זאַקאָנעס, וועלכֿע האָבען געהייסען נאָך איהם די סערוויאַנישע געזעטצע. גראַדע ווי סאָלאָן אין אַטהען (זיעהע 2-טען טהייל זייטע 95) האָט ער בעשטימט די פּראַוועס אונ די חובות פֿון אַלע איינוואָהנער נאָך יעדענס פֿערמאָגען. פֿינף פֿערמאָגענסקלאַסען האָט ער איינגעאָרדענט. אין דער ערשטער קלאַסע זיינען פֿערשריעבען געוואָרען די בַּעֲלֵי בָּתִּים וואָס פֿערמאָגען ווענינגסטענס הונדערט טויזענד אַס[1]), זיי האָבען געהייסען ק ל אַ ס י צ י, ד. ה. אויסגעצייכֿענטע; די צווייטע קלאַסע האָט געמוזט האָבען 75 טויזענד אַס פֿערמאָגען, די דריטע — 50 טויזענד אַס, די פֿיערטע — 25 טויזענד אונ די פֿינפֿטע קלאַסע — 12 טויזענד פֿינף הונדערט אַס.

די קלאַסען זיינען אויך איינגעטהיילט געווען אין פֿיעלע צ ע נ ט ו ר י ע ן אָדער קאָמפּאַניען (ראָטעס); איבער יעדער איז געווען איין בעזונדערער צענטוריאָ (נאַטשאַלניק). די ערשטע קלאַסע איינוואָהנער וואָס איז געווען פֿון די רייכֿסטע בעלי בתים, האָט געהאַט 80 צענטוריען פֿוספֿאָלק (פּיעהאָטע), דערצו 18 קאָמפּאַניעס רייטער (קאָניצע); די 4 אַנדערע קלאַסען האָבען געהאַט צוזאַמען 90 צענטוריען אונ דערצו האָבען נאָך די אָרמסטערע לייט געהאַט 5 צענטוריען, אַזוי דאָס די צאָהל פֿון אַלע צענטוריען איז געווען 193. נאָך דער קלאַסע צו וועלכֿער יעדער איינוואָהנער האָט זיך גערעכֿענט האָט מען געוואוסט צו וועלכֿען חיל ער דאַרף געהאָרען, וועלכֿע אָבצאָהלונגען זיינען אויף איהם געלעגען אונ וועלכֿע דֵעָה ער קען האָבען אויף די אֲסֵיפוֹת. די ערשטע קלאַסע איז געווען גערעכֿנעט צו די שווערבעוואַפֿנעטע, די איבריגע קלאַסען, וואָס קליינער זיי האָבען זיך גערעכֿנעט, זיינען זיי אַלץ לייכֿטער

[1]) אַס, איז געווען אַ געוויסע מטבע פֿון אַ פֿונט קופּפֿער, וואָס דער ווערטה דאַפֿאָן איז אַלע מאָל פֿערקלענערט געוואָרען.

געוועזן בעוואָפֿענט, די אַרמסטערע איינוואָהנער האָבען געהייסען פּראָלעטאַריער (גאָר נישט פֿערמאָגענדע); די זיינען דאָס רוב אין גאַנצען פֿריי געוועזן פֿון קריעגעסדיענסט אָדער פֿעררעכֿענט געוועזן צום לאַנדשטורם (אָפּאָלטשענצי). די רייטעריי (קאָניצע) וועלכֿע איז געוואָרען גענומען נור פֿון די פּאַטריציער, איז פֿערגראָסערט געוואָרען דורך די רייכֿע פּלעבייער פֿון 6 אויף 18 קאָמפּאַניעס (צענטוריאָנען). יעדער רייטער פֿלעגט בעקומען איין פֿערד אויף די קאָסטען פֿון דער מְלוּכָה (קאַזיאָנע). אַזוי איז בעשטימט געוועזן די מַדְרֵגָה פֿון יעדען קריעגסמאַן און געגעבען געוואָרען אַ מיטעל ווי די פּאַטריציער זאָלען זיך פֿערשמעלצען מיט די פּלעבייער.

אַלע בעשטימונגען פֿון פֿאָלק זיינען געוועזן געאָרדנעט אין זייערע אֲסֵפוֹת נאָך דער צאָהל פֿון די צענטוריאָנען; אַזעלכֿע אספות האָבען זיך אָנגערופֿען ביי זיי קאָמיטיאַ צענטוריאַטאַ, ד. ה. פֿערזאַמלונגען פֿון די צענטוריען. פֿון די 193 צענטוריען וועלכֿע זיינען געוועזען, האָט יעדע צענטוריאַ געהאַט איין שטימע (דֵעָה) און אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטּוֹת; וועלכֿע דעה עס האָט געהאַט מעהר שטימען, די האָט אויסגעפֿיהרט. ווייל אָבער אין דער ערשטער קלאַסע איז געוועזן די גראָסטע צאָהל צענטוריען 98, מעהר ווי אין אַלע איבריגע, זאָ איז געוועזן זייער דעה טאַקי די גראָסטע, און די רייכֿע האָבען אַלזאָ שטאָנדינג אויסגעפֿיהרט.

ווייל דער פֿערמאָגענס-צושטאַנד פֿון די איינוואָהנער איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, און זיך אָפֿטער געביטען אויף אָרם און רייך, איז געוועזן בעשטעלט דאָס אַלע 5 יאָהר האָט געמוזט זיין אַ אָבשאַטצונג פֿאַר'ן כְּלַל. די אָבשאַטצונג האָט געהייסען צענזוס. איידער דאָס האָט זיך אָנגעהויבען האָט געדאַרפֿט געבראַכֿט ווערן אַ קָרְבָּן, צו רייניגען די עֲבֵרוֹת פֿון כלל. דיעזע צערעמאָניע האָט ביי זיי געהייסען לוסטרום (רייניגונג), דערפֿון איז ביי זיי איינגעפֿיהרט געוואָרען דאָס לוסטרום איז געוועזן אַ צייטבעשטימונג אויף 5 יאָהר. ביי דער ערשטער צאָהלונג (סקאַזקאַ) איז שוין געוועזן אַכֿטציג טויזענד מאַן בעוואָפֿענטע חיל. דיעזע האָט דער קאָניג סערוויוס איינגעטהיילט נאָך זייערע קוואַרטירונגען אין 30 קרייזען (אָקרוגען), וואָס האָבען ביי זיי געהייסען טריבום, און ווייל דער רייכֿערער טהייל פֿון פֿאָלק האָט ליעבער געהאַט צו וואָהנען אויפֿ'ן לאַנד ווי אין דער שטאָדט, דאַריבער איז אויף דער שטאָדט ראָם אויסגעקומען נור 4 טריבום. ביי זיי איז נאָכֿדעם געוועזן איינגעפֿיהרט דאָס עס איז גערעכֿענט געוואָרען אַלס שטראַפֿע ווען מען האָט אויף איינעם בעשלאָסען דאָס ער מוז זיך פֿון אַ לאָנדליכֿען טריבום אין אַ שטאָדטישען איבערזעטצען.

אין קאָניג סערוויוס צייט זיינען אויך די לעטצטע צוויי בערגליך פֿון ראָם מיט איינוואָהנער בעזעצט געוואָרען. זייט דאַמאַלס איז שוין ראָם געשטאַנען אויף זיעבען בערגליך און האָט זיך דאַהער אָנגערופֿען: די שטאָדט פֿון די זיעבען בערג.

שוין דאַמאָלס האָבען די קליינע לאַנדער פון די זאַבינער אונ לאַטינער פערדעכענט די שטאָדט ראָם אַלס זייער בעהעררשערין. סערוויוס האָט מיט זיי געמאַכט איין פריערענס-בונד אונ עס איז בעשטימט געווען זיך אויפצוקומען צוזאַמען אויף דעם יאַווענטינישען בערגל, אין דעם ניי אויפגעבויעטען טעמפעל (אַ הייליגער בנין) פון דער גאָטין דיאַנאַ, צו מאַכען לכבוד זייער בונד אַ יום־טוב.

מען קען זיך פאָרשטעלען, דאָס די נייעסען וואָס דער קאָניג האָט איינגעפיהרט האָבען איהם פיעל שונאים פערשאַפט, די צווי פערשטויסענע זיהן פון דעם געשטאָרבענעם קאָניג אינקוס מאַרציוס, אַרונס אונ לוציוס טאַרקוויניוס, האָבען גערעכענט דאָס יעצט איז געקומען די צייט אַריינקריגען פאַר זיך די מלוכה. סערוויוס, געדענקענדיג דעם סוף פון קאָניג טאַרקוויניוס האָט פאַר זיי מורא געהאַט אונ געזוכט מיט זיי שלום צו ווערען. ער האָט מיט זיי ביידען שדוכים געטהון, פאַר זיי חתונה געמאַכט זיינע צווי טאָכטער וואָס ער האָט געהאַט. ווי די צווי חתנים אַזוי זיינען די ביידע כלות געווען פערשידען פון חאַראַקטער, יעדע גאָר דער היפך פון דער אַנדערער. זיין יונגערע טאָכטער, טוליאַ, איז געווען ווילד אונ האָט געהאַט חשק צו הערשען איבער אַלע, גראַדע ווי לוציוס טאַרקוויניוס, זיין אַלטערע טאָכטער אָבער, אויך טוליאַ נאָך'ן נאָמען, איז געווען רוהיג, שטיל אונ גוטהערציג, ווי אַרונס טאַרקוויניוס. דאָ איז סערוויוס געקומען אויף דעם איינפאַל די ווילדע נאַטורען פון די ביידע חאַראַקטערן צו מאַכען געלאַסען אונ רוהיג דורך די פערקעהרטע חאַראַקטערן פון די אַנדערע, אונ האָט דאַהער בעשלאָסען די בייזע יונגערע טוליאַ חתונה צו מאַכען מיט דעם גוטען אַרונס, אונ די רוהיגע עלטערע מיט לוציוס טאַרקוויניוס. אָבער עס האָט זיך גאָר אַנדערש אויסגעלאָזען ניט ווי דער קאָניג האָט געמיינט אונ געהאָפט. די יונגערע טוליאַ האָט דערשטאָכען איהר מאַן, אונ לוציוס טאַרקוויניוס — זיינע פרוי אונ דאַן האָבען די שאָנע נפשות וואָס זיינען געבליעבען אַם לעבען זיך צוזאַמען פעראייניגט. אָבער דאָס איז נאָך ווייניג געווען פאַר זיי; זיי זיינען געקומען אויף אַ פּלאַן, דעם אַלטען סערוויוס, וועלכער איז געוואָרען ווי צובראָכען פון אַלטקייט אונ טרויער, אַראָפּ צו וואַרפען פון דער מלוכה. זיי האָבען איהם גענומען אויף די ציין, גערעדט אויף איהם פיעל רכילות, אונ האָבען אויפגעבראַכט געגען איהם אַ גרויסען טהייל פון סענאַטאָרען אונ פון פאָלק, האָבען זיי אונטערגעקויפט מיט מתנות אונ מיט גרויסע פערשפרעכונגען זיי נאָך מעהר צו בעלאָהנען ווען זיי וועלען איהם פערשטויסען פון דער מלוכה. צום סוף איז לוציוס געקומען אין דער פאָלקס-פערזאַמלונג, אָנגעשטעלט פון דער ניעדערטראַכטיגער פרוי, אויפגעפוצט מיט דעם גאַנצען פראַכט פון אַ קאָניג, אונ אַראָבגעוואָרפען דעם אַלטען סערוויוס פון די שטיינערנע טרעפּ, אונ דערנאָך האָט ער אונטערגעשיקט סאָלדאַטען, איהם צו טאָדטען. אין איינע פון די גאַסען וואָ די אונמענשליכע טאָכטער

איז הערייגגעפֿאָהרען מיט איהר מאַן זיך צובעגעגנען אונ געבען איהם „מַזָל־טוֹב" פֿאַר זיין נִצָחוֹן געגען איהר פֿאָטער. זי איז דורכגעפֿאָהרען מיט פֿאַראַד איבער דעם טויטען גוף פֿון איהר ערמאָרדעטען פֿאָטער, אונ איהר קאַרעטע איז בעשפריצט געוואָרען פֿון איהר פֿאָטערס בלוט! די גאַס אויף וועלכער עס איז די שאָנדליכקייט געשעהן, האָט פֿון דאַמאַלס אָן בעקומען דעם נאָמען „די שרעקליכע טוידטען־גאַס".

אַזוי אַ קאָניג ווי לוציוס וואָס איז אויף אַזוי איין אופֿן מֶלֶךְ געוואָרען, האָט די ליעבע אונ צוטרויען פֿון פֿאָלק ניט געקענט געווינען. איבער איהם איז דער קאָניגס־שטוהל, וועלכער איז צוויי מאָל פֿאַרפֿלעקט געוואָרען מיט בלוט, אַלעמען גאַנץ פֿערמיאוסט געוואָרען. ער האָט ניט געשאָצט דעם סענאַט, אונ די מאָנער וואָס האָבען מיט איהם ניט געשטימט, האָט ער געפּטֶרט מיט'ן טויט, ער האָט אויך ניט געשאָנעט זיינע אייגענע קְרוֹבִים, פֿון וועלכע ער האָט זיין פלעמיאַניק אַליין געטאָדטעט. דאָס פֿאָלק האָט איהם פֿיינד בעקומען אונ גערופֿען טאַרקוויניוס סופּערבוס ד. ה. דער האָפֿערדיגער הֶעֱזָהדיגער מלך. צו זיין זיכער מיט זיין לעבען האָט ער זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ לייבוואַכע פֿון אויסלאָנדישע חיל, דאָס פּראָסטע פֿאָלק האָט ער שטאַרק געדריקט מיט שווערע פֿאָדאַטקעס אונ דורך אַרבייט ביי די גרויסע פֿערבויאונגען, דען ניט נור מיט שרעקען האָט ער געוואָלט אַרומרינגלען זיין קאָניגס־שטוהל נור אויך מיט גרויס גלאַנץ. ער האָט פֿערשאָנערט דעם צירקוס מאַקסימוס אונ צו ענדע געפֿיהרט דעם בוי פֿון די קלאָאַקען אונ די וואַסער־קאַנאַלען פֿון דעם קאַפּיטאָלינישען טעמפעל. אין איינער געוואָלבע פֿון דיזעם פּראַכטיגען טעמפעל האָט ער געהאַלטען אויפֿגעהיט די סיבילינישע ביכער *), וועלכע דער קאָניג האָט פֿיר אַ אונגעהייערן פּרייז פֿון אַ אונבעקאַנטע אַלטע פֿרוי געקויפֿט. דאָס זיינען געווען ביכער פֿון נְבוּאוֹת, מיט וועלכע מען האָט זיך אין אַלע נאָטהיגע פֿאָליטישע געשעפֿטען מְיַשֵב געווען. דער מלך האָט זיך אונ ראָם גרויס אונ בעריהמט געמאַכט דורך גוט געפֿיהרטע מִלְחָמוֹת. די לאַטינער זיינען געווען געצוואונגען

---

*) סיבילען הייסען פּראָפֿעטישע פֿרויען, נביאות, וועלכע די ראָמער האָבען זעהר געשאָצט, די ביכער פֿון די סיבילען זיינען געוועזען אין שירים, טהיילס אין לשון קודש, טהיילס אין גריכישען געשריעבען. איין מאָל איז געקומען איין אַלטע פֿרוי צו דעם קאָניג טאַרקוויניוס סופּערבוס אונ האָט איהם געבאָטען ניין אַ זעלכע מגלות פֿאַר געלד צו קויפֿען; טאַרקוויניוס האָט אָבער ניט געוואָלט געבען דעם מקח, עס האָט איהם אויסגעוויזען פֿאַר צו טהייער. די פֿרוי אָבער איז זיכער געוועזען דאָס ער וועט אפילו נור פֿאַר איין חלק פֿון זיי דעם פֿערלאַנגטען מקח געבען, אונ האָט זיי אָנגעפֿאַנגען פֿאַר זיינע אויגען רייסען אונ וואַרפֿען אין פֿייער אונ פֿאַרברענגען, זעקס אַ זעלכע מגלות האָט זי איינער נאָך די אַנדערע אין פֿייער געוואָרפֿען, אונ צום סוֹף האָט זי אויסגעפֿיהרט, פֿאַר די לעצטע דריי האָט איהר טאַרקוויניוס בעצאָהלט דעם זעלבען פּרייז ווי פֿאַר אַלע. זיי זיינען געהאַלטען געוואָרען פֿאַר נייער הייליג.

צו ערקענען ראָם'ס נאַטשאַלסטוואָ איבער זיך. אויך די וואָלסקער און רוטולער זיינען פֿון ראָם איינגענומען געוואָרען, נור בְּשַׁעַת עס איז געפֿיהרט געוואָרען די מלחמה מיט דיעזע פֿאָלקער האָט דעם טאַרקוויניוס און זיין גאַנצעם הויז דאָס גראָסטע אונגליק געטראָפֿען.

צו דער צייט אַלס דער קאָניג האָט בעלאַגערט די שטאָדט אַרדעאַ אין לאַנד פֿון די רוטולער, איז איין מאָל אַם אַבענד אַרויסגעפֿאָהרען זיין זוהן סעקסטוס פֿון לאַגער פֿון חיל און אַריינגעפֿאָהרען אין דער שטאָדט קאָלאַציאַ נים ווייט פֿון ראָם. דער אויסגעלאַסענער יונגער מענש האָט דאָרט בעליידיגט די עהרע און עהרליכקייט פֿון אַ יונגע שאָנע און פֿאָן אַלעם געשאָטצע פֿרוי, לוקרעציאַ, וואָס איהר מאַן, קאַלאַטינוס, איז געשטאַנען אין לאַגער פֿון אַרדעאַ. די אונגליקליכע פֿרוי האָט איהר חֶרְפָּה נים געוואָלט איבערלעבען און פֿאַרטראָגען, זי האָט געשווינד געלאָזען רופֿען איהרען פֿאָטער פֿון ראָם און איהרען מאַן פֿון אַרדעאַ, וועלכע זיינען באַלד מיט זייערע גוטע פֿריינד געקומען צו לויפֿען; די געשאָנדעטע פֿרוי האָט זיי דערצאָהלט די שאַנדע וואָס איהר איז געשעהן, און אין איהר גרויסען שמערץ האָט זי זיך אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין הערצען פֿאַר זייערע אויגען און טויט געפֿאַלען. דאָ האָט זיך אויפֿגעהייבען צו אַלעמענס פֿערוואונדערונג, ברוטוס, דער פּלעמיאַניק פֿון קאָניג טאַרקוויניוס סופּערבוס, וועלכער האָט ביזהער זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר מְשׁוּגָע, אויס פּורכט פֿאַר דעם קאָניג ער זאָל איהם נים טאָדטען ווי זיינע איבריגע קרובים — און צו דער צייט, ווי דער פֿאָטער און מאַן לוקרעציאַס האָבען געוויינט און געקלאָגט אויף דעם אונגליק, האָט ער געהייסען אַרויסטראָגען דעם טוידטען גוף פֿון דער אונגליקליכער פֿרוי, אָפֿען אויף דעם מאַרק אַלע זאָלען עס זעהען, און בעשוואָרען דאָס פֿאָלק פֿאַר איהר בלוט אָן דער גאַנצער פֿאַמיליע פֿון דעם קאָניג זיך נוקם צו זיין. זאָגלייך האָט ער געהייסען פֿאַרשליעסען די טויערן פֿון קאָלאַציאַ, אַליין צוריק געלאָפֿען נאָך ראָם און דאָרט דאָס גאַנצע פֿאָלק אויפֿגעריהרט און ביי זיי אויסגעווירקט די רעשעניע: די מְלוּכָה גאָר אין גאַנצען אָבצושאַפֿען אויף אייביג. ווי דער קאָניג האָט דאָס דערהאָרט, איז ער געלאָפֿען מיט זיין חיל אין ראָם. ער האָט אָבער די טויערן פֿון שטאָדט געפֿונען פֿערשלאָסען, און בְּאֵין בְּרֵירָה האָט ער געמוזט מיט זיינע זיהן אויסוואַנדערן און אין גָלוּת געהען.

דאָס אויסוואַנדערונג פֿון געוועזענעם קאָניג טאַרקוויניוס איז אויסגעפֿאַלען אין יאָהר 516 פֿאָר ק"ה; אין דעם זעלבען צייט איז אַטהען בעפֿרייעט געוואָרען פֿון דעם טיראַנען היפּיאַס (2 באַנד זייטע 100). כִּמְעַט דריטהאַלבען הונדערט יאָהר האָט געדויערט די מלוכה אין ראָם, אין דער צייט האָט זיך ראָם זעהר בעקראָפֿטיגט, און דאָס פֿונדאַמענט צו איהרע קינפֿטיגע גרויסקייט געלעגט.

אַנשטאַט די געפֿאַלענע מלוכה איז איינגעפֿיהרט געוואָרען אַ רעפּובליק, אַ פֿרייע פֿאָלקס-רעגיערונג. 2 פּאַטריציער פֿלעגען אויסגעקליעבען ווערען יאֶהרליך צו פֿיהרען די רעגיערונג אונ דאָס פֿאָלק, אונ מיט דער הילפֿע פֿון סענאַט צו גרינדען פֿריעדען אָדער צו פֿיהרען קריעג. די 2 הערשער האָט מען אָנגערופֿען קאָנסולען, ד. ה. פֿיהרער פֿון דער מֶמְשָׁלָה, די צייט פֿון זייער רעגיערונג איז בע-שטימט געוועזען ניט מעהר ווי אויף איין יאָהר. אַלס ערשטע קאָנסולען זיינען אויס-געקליעבען געוואָרען ברוטוס אונ קאָלאַטינוס, וועלכע זיינען געוועזען די ערשטע וועלכע האָבען דעם פֿאָלק די פֿרייהייט געבראַכט.

צווייטעס קאפיטעל.

די ערשטע קריעגען פון דער ראמישער רעפובליק.

די ערשטע מלחמות פון דער נייער ראמישען רעפובליק. קריעג מיט פארזענא. האראציוס קאקלעס. מוציוס סצאוואלא. קלאליא. מלחמה מיט די לאטינער, מיט וועיי, מיט די גאליער, דער קריעג צווישען די פאטריציער מיט די פלעבייער. די דיקטאטור. די פאלקס־טריבונען. קאריאלאנוס. די געזעטצע פון די 12 טאפעלן. געזעטצע פון קאניולעיוס און זיינע חברים. לעצטער נצחון פון די פלעבייער.

שווערע מלחמות האט די יונגע רעפובליק געהאט אויסצושטעהען, נור צו ליעב דעם פערטריבענעם טארקוויניוס. ערשטענס האט ער אויפגעהעטצט צום קריעג געגען ראם דעם עטרוסקישען קאניג פארזענא. ער איז געשווינד ארויס מיט א שרעקליך גרויסען חיל, און געקומען נאהנט פון ראם ביז דעם טייך טיבער. דארט איז געווען א הילצערנע בריק איבער'ן טייך. דער קליינער ראמישער חיל וואס האט געהיט די בריק איז באלד פון פארזענא אבגעטריבען געווארען; די שונאים וואלטען געוויס באלד נאך דער וואך אויך אין שטאדט הערייין, נור צום גליק האט די וואך אויפגעהאלטען איין איינציגער העלדישער מאן, נאמענס האראציוס קאקלעס. „וואס וועט אייך העלפען דאס אנטלויפען פאר'ן שונא — האט ער אויסגערופען — ווען איהר וועט די בריק איבערלאזען פאר דעם פיינד, וועט ער באלד איילען נאך אייך אין דער שטאדט אריין. איהר זעהט ליעבער די בריק צו צושטארען, מיט פייער, מיט אייזען און מיט וואס איהר ווילט, טהוט איהר דאס אייערע און איך וועל דערווייל דעם שונא ניט לאזען הערייבער, ווי פיעל איין מענש קען נור אים שטאנד זיין". זיינע רייד האבען געווירקט; צוויי מענשען האבען זיך צו איהם פעראייניגט, און זאלבע־דריטט האבען זיי פארשפארט די בריק, קיינער זאל ניט קענען אריבער געהען, און אזוי האבען זיי אויפגעהאלטען מיט זייערע געוועהרען די גאנצע פיינדליכע ארמעע, בעת די אנדערע קריעגער פון ראם האבען זיך געווארפען אויפ'ן בריק זי פאראנאנדער צו טראגען. ענדליך זיינען זיי שוין פארטיג געווארען מיט זייער ארבייט; די בריק האט שוין געהאלטען ביים אריינפאלען אין וואסער. האראציוס אליין איז נאך געשטאנען אויף זיין ארט, און די שונאים נאך אלץ אבגעוועהרט, אזוי לאנג ביז די פרייליכע שטימען פון ראמישען חיל האבען זיך געלאזען הערען, דאס די בריק איז שוין איינגעבראכען געווארען. דאן איז דער העלד אריין געשפרונגען אין וואסער

און דעם טייך איבערגעשוואומען, ניט קוקענדיג אויף דעם רעגען פֿון פֿפֿיילען, וואָס די שונאים האָבען אויף איהם געשאָסען. זיינע חברים האָבען איהם מיט שמחה אַלס איהרען רעטער אויפֿגענומען.

דורך אַזוי אַ העלדענמוטה איז ראָם אויף דער מינוט געווען גערעטעט, דער אומגליק אָבער איז דערמיט נאָך ניט אָבגעקעהרט געוואָרען. פּאָרזענאַ האָט די שטאָדט געלאָזען איינשליעסען פֿון זיין בעלאַגערנדען חיל, כדי די בעלאָגערטע ראָמער זאָלען ניט האָבען וואָס צו עסען און זיך מוזען איבערגעבען. נור דאַן ווי די נויט איז געקומען צו דער העכסטער מַדְרֵגָה האָט זיך געפֿונען אַ יונגער מאַן, קאַיוס מוציוס (סקאָוואַלאָ), וועלכער האָט זיך גערעשעט פּאָרזענאַ דעם טוידט צו מאַכען. ער האָט זיך אַריינגעגנב'ט אין פֿיינדליכען לאַגער אין עטרוסקישע קליידער אין וועלכע ער האָט געהאַט אַ פֿערבאָרגענעם מעסער, אום דעם פֿיינד צו ערשטעכען. דאָרט האָט ער זיך צומישט צווישען די סאָלדאַטען, און זיך אַזוי שטילערהייד דורך געשטופּט צום קאָניגליכען געצעלט וואו מען האָט געטהיילט די זאַלאַוואַניע (שְׂכִירוֹת) צו די סאָלדאַטען. נעבען דעם קאָניג איז געזעסען דער שרייבער, ביידע אין גלייכע קליידער און ציערונג, נור מיט דעם שרייבער האָבען אַלע מעהר צו טהון געהאַט און זיך דאָס רוב אַן איהם געווענדעט. דאָ האָט מוציוס געמיינט אויף דעם שרייבער דאָס ער איז דער קאָניג און האָט זיך זאָגלייך געוואָרפֿען אויף איהם און איהם ערשטאָכען. די סאָלדאַטען האָבען גלייך געחאַפּט דעם מאָרדער און ביי איהם זיין געוועהר פֿון האַנד הערויסגעריסען, ער האָט אויסגעזאָגט ווער ער איז אין וואָס זיין כַּוָּנָה איז געווען צו טהון. „איך בין אַ ראָמישער איינוואָהנער, מיין נאָמען איז מוציוס און האָב געוואָלט טאָדטען אונזער שונא און פֿאַר דעם טויט האָב איך קיין מורא נישט. און דו, קאָניג, זאָלסט וויסען זיין, דאָס ניט איך אַליין, נאָר אַ גרויסע צאָהל יונגע לייט פֿון מיין אָרט האָבען איין האַנד געמאַכט דיר צו טאָדטען". איבער אַזוי אַ ווילדע הֶעָזָה איז דער קאָניג ערגרימט געוואָרען, און האָט דעם געפֿאַנגענעם געסטראַשעט דאָס ער וועט איהם הייסען לעבעדיג פֿערברענען, ווען ער וועט איהם ניט אויסזאָגען די מינוט ווער די איבעריגע פֿון דער שאַיקע זיינען. „קוק אַהער און לערן דאַרויס — ענטפֿערט מוציוס מיט פֿרייען מוטה — וואָס פֿאַר אַ צורה דאָס לעבען האָט ביי דעם וואָס איהם איז דער כבוד טהייערער אַלס דאָס לעבען", און דאָס זאָגענדיג האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד אויף דער פֿלאַמע פֿון ברענעדיגע קוילען און געלאָזען איהר זיך סמאַלען; אַ שרעק איז איבערגעפֿאַלען די וואָס האָבען דאָס געזעהן, דער קאָניג איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט, האָט אָבגעצויגען זיין האַנד פֿון בראַנד, און איהם גלייך געשענקט לעבען און פֿרייהייט. דאָ האָט דער חיטרע מוציוס איהם אויסגעזאָגט זיין סוד, ווי אויף צו בעצאָהלען איהם מיט דאַנק פֿאַר זיין חסד. „ווייס, — האָט ער געזאָגט — דאָס דריי הונדערט אונזערע יונגע לייט האָבען זיך פֿערשוואָרען

מיט דיך צו מאַכען אַ סוף, מיך האָסט דו געטראָפען צוערשט ווייל אויף מיר איז דער גורל געפאַלען צוערשט, אַלע איבריגע ווערען זיך אויך צו שטעלען ווענן עס וועט קומען די צייט דערצו״.

נאַטירליך האָט פּאָרזענאַ דעם חשק פערלאָרען צו האָבען עסקים מיט אַ זעלכע פיינדע. ער האָט גלייך אָנגעבאָטען, מיט זיי שלום צו מאַכען נור מיט דעם תנאי, זיי זאָלען דעם טורקוויניוס צוריק זעצען אויף זיין קאָניגס־שטוהל. אַזוי ערצאָהלען די ראָמישע היסטאָריקער דעם פאַלל, ווייל עס האָט זיי אַזוי געפאַסט; אין אמת אָבער איז גאָר אַזוי ניט געווען. דער קאָניג פּאָרזענאַ האָט זיי זייער שטאַרק געדריקט און איז מיט זיי נור אויף גאַנץ שווערע בעדינגונגען שלום געוואָרען.

קלאָליאַ. אונטער די נפשות, וואָס זיינען איבער געגעבען געוואָרען דעם קאָניג אַלס זאַלאָג פון ראָמישער זייטע, דאָס זיי וועלען היטען די פּונקטען פון דעם שלום איז אויך געוועזען אַ מאָדכען נאַמענס קלאָליא צוזאַמען מיט איהרע חברתות, אָבער ווי נור זי איז אָנגעקומען אין עטרוסקישען לאַגער, האָט זי ביי נאַכט אָבגענאַרט די וואָכטער, און מיט איהרע חברתות זיך געלאָזען אויף דעם טיבער־טייך און געקומען צוריק צו איהרע עלטער'ן. די ראָמער אָבער האָבען זייער וואָרט געהאַלטען, און אום מקיים צו זיין זייער אָברעדע, האָבען זיי די מאָדכען מיט איהרע חברתות צוריק אַוועקגעשיקט צו פּאָרזענאַ. אָבער דיעזער עדעלמוטהיגער קאָניג האָט געוויזען זיין חסד צו דער העלדענמוטהיגע מאָדכען, ניט נור דאָס ער האָט איהר צוריק געשענקט די פרייהייט, נאָר ער האָט איהר אויך ערלויבט אייניגע פון איהרע חברתות מיט זיך צו נעהמען אין ראָם.

נאָך דעם ווי פּאָרזענא האָט זיך פון טאַרקוויניוס אָבגעוואָרפען, האָט דער געוועזענער קאָניג פון ראָם נאָך אַלץ ניט אויפגעהאָרט די פעלקער געגען ראָם צו העטצען און די ראָמער אין מלחמות צו פערוויקעלן. צולעצט איז געוואָרען אַ מלחמה מיט די גוטינער. ביי דער אָזערע רעגיללוס איז אים יאָהר 496 געקומען צו אַ מלחמה, אין וועלכער די ראָמער האָבען אויסגעפיהרט. דאַן האָט שוין טאַרקוויניוס אַלע האָפנונגען פערלאָרען, ער האָט נאַכהער שוין ניט לאַנג געלעבט און אָהנע מוטה האָט ער זיין לעבען אין טרויער און אָרמקייט געענדיגט.

אין יענער צייט אַלס די ראָמישע רעפּובליק איז נאָך גאַנץ יונג געווען, האָט זי זעהר אָפט צרות געהאַט פון די שכנישע לאָנדער פון דרום־זייט, די אַעקווער און די וואָלסקער, און אין דער זעלבען צייט האָט ראָם געהאַט אויסצושטעהען פון די עטרוסקישע פיינד פון צפון־זייט, און נאָך מעהר האָבען זי געהאַט זיך צו וועהרען געגען די מאָכטיגע שטאָדט וועיי (אין עטרוריען). די שטאָדט איז געווען נור דריי שטונדען וועג פון ראָם אויף הויכע פעלזען, זי געוועזען זייער רייך און שטאַרק. פיעל מלחמות זיינען שוין געווען צווישען די ביידע שטאָדט, ביז ענדליך האָט

זיך אויסגערופען איין אַדעלס=פאַמיליע, די פאַביער, אַלע איהרע נְפָשות אין סַכָּנָה צו שטעלען, אום מיט דער לאַנגע מלחמה אַ סוף צו מאַכען, אַם טייבעל קראָערא ניט ווייט פון וועיי, האָט דיעזע פאַמיליע מיט איהר אייגענעם חיל געמאַכט אַ לאַגער אונ פון דאָרט אויס אָנגעפאַנגען די גאַנצע אומגעגענד צו פערוויסטען. נור איינמאָל זיינען זיי געקומען אין ראָם, אום דאָרט צו ברייגען אַ קָרְבָּן צו איהר גאָט, זיינען אויף זיי די פיינדע פּלוטצלינג אָנגעפאַלען אונ אַלע צוזאַמען 300 מאַן אויסגעשניטען. נור איין יונגעל פון דער עדעלער פאַמיליע, וועלכער איז געוועזען דאַמאָלס אין ראָם איז ניצול געוואָרען פון אונגליק אונ איז געוואָרען דער פאָטער פון דער פאַמיליע וואָס איז נאָכהער זעהר בעריהמט געוואָרען. נאָך פערשיעדענע מִלְחָמות צווישען די רָאמער מיט די וועיענטער איז עס צום סוף געקומען צו אַ גרויסע מלחמה, וועלכע האָט געדויערט פון יאָהר 405 ביז 396 פאָר קר.. די שווערסטע זאַך איז געווען די פעלזענשטאָדט וועיי צו בעלאָגערן אונ אין שטורם צו נעהמען. דאַמאָלס האָבען שוין די רָאמער געוויעזען די קונסט צו בעלאָגערן אונ איינצונעהמען פעסטונגען, מיט וואָס זיי האָבען זיך נאָכהער אויסגעצייכנעט, אונ די וועלט איינגענומען. 10 יאָהר האָט געדויערט דער קריעג ביז קאַמילוס דער גרויסער העלד האָט איינגעלעגט אַ מינע (אונטערגראָבונג) אינטער די מויערען פון וועיי אונ צו דערזעלבער צייט ווי די רָאמישע קריעגער האָבען געשטורמט די שטאָדט, זיינען אַנדערע געפאַנצערטע גִבּוֹרים פון דער אונטערגראָבונג אַריין אין דער שטאָדט אונ געעפנעט די טויערן פאַר זייערע חברים. פון דער איינגענומענער שטאָדט האָבען די רָאמער זייער פיעל עֲשִׁירות גערויבט. קאַמילוס, וועלכער איז געווען דאַמאָלס דיקטאַטור (דער הויפּטפיהרער), איז אַריינגעפאָהרען אין ראָם, אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט 4 ווייסע פערד גלייך אין קאַפּיטאָל (דעם הייליגען טעמפּעל פיר דעם אָבגאָט יופּיטאָר) אונ די ציטאַדעל פון דער שטאָדט. דאָס האָט אָבער דעם עולם אויסגעוויזען אַלס צו גרויסע גַאֲוָה, וואָס די גאָטער וועלען דערפאַר געוויס בעשטראָפען, דענן ווייסע פערד זיינען געוואָהנליך נאָר פאַר זייערע גאָטער הייליג געווען.

קאַמילוס האָט באַלד דאַרויף איינגענומען די אַנדערע עטרוסקישע שטאָדט פאַלעריי. פון דעסטוועגען איז דער גרויסער בַּעַל נִצָּחון ביים פאָלק אַלע מאָל אַראָפּגעפאַלענער געוואָרען, צום סוף זיינען זיי מיט זייערע פּרעטענזיעס געגען איהם דערגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס זיי האָבען איהם בעשולדיגט דאָס פון דעם רויב פון וועיי האָט ער דעם גרעסטען טהייל פאַר זיך צו גענומען, אונ די טריבונען (הערן פון יעדען טריבוס) האָבען איהם אויף געפאָדערט זיך פאַר דער פאָלקס=אסיפה צו שטעלען. ער איז אָבער צו שטאָלץ געווען זיך פאַר דעם גאַנצען פאָלק צו פערענטפערן, איז ער ליעבער מיט אייגענעם ווילען אַוועק אין גלות אין אַרדעא.

אין צפון־זייט פון איטאַליען האָבען זיך פון לאַנגע צייטען פיעל גאַלישע שְׁבָטִים בעזעצט. ווילד, קריעגעריש ווי זיי זיינען געוועזן, זיינען זיי אַלץ ווייטער אונ ווייטער געגאַנגען אונ די מדינה איינגענומען, זיי זיינען אַזוי אַריבער געגאַנגען דעם פּאָ אונ שוין איינגענומען די ברעגען פון דעם אַדריאַטישען ים. אין יאָהר 389 פאַר קר. קורץ פאַר דער צייט ווי די גריכען האָבען געמאַכט דעם אַנטאַלקידישען שלום מיט פּערסיען (2 באַנד זייטע 150), האָט דיזעס פאָלק זיך אַרויסגעלאָזען אין ווילדע שאַאַרען ביז צו קלוזיום די אַלטע קאָניגשטאָדט אין עטרוריען. דאָרט אין דער ־ייכער ווייך־ אין קאָרן־געגענד אונ אין די פעטעסטע פעלדער פון די אַפּעניניש בערג האָבען דיזע פרעמדע פאָלקער פערלאַנגט, דיזע ערטער זיי אָפּצוטרעטען אַלס וואָהנונג פאַר זיי. די ערשראָקענע איינוואָהנער פון קלוזיום האָבען געשווינד די ראָמער צו הילף גערופען, די ראָמער האָבען זאָגלייך אַרויסגעשיקט אַ פּאָסאָלסטוואָ (שליחות) פון דריי פּאַטריצישע יונגע לייט, אום צו מאַכען אַ פְּשָׁרָה מיט די גאַליער. „וועלכעס רעכט האָט איהר אין אַ לאַנד וואָס געהאָר צו פרייע לייט אַריינצוגעהען?“ — האָבען די יונגע לייט געפרעגט ביי ברענוס, דעם אָבעראַנפיהרער פון די גאַליער — „מיט דעם רעכט פון מיין שווערד — ענטפערט דער מאַן שטאָלץ — דעם שטאַרקען געהאָרט די וועלט“. איבער אַזוי אַ הֶעָזָה'דיגע תשובה זיינען די שלוחים זעהר אין כַּעַס געוואָרען, זיי האָבען זיך גלייך געשטעלט אן דער שפּיטצע פון די קלוזיער אונ אָנגעפאַלען אויף די גאַליער. איינער פון די שלוחים איז אָנגעפאַלען אויף אַ גאַלישען אַנפיהרער אונ איהם געטאָדט.

פאַר אַזאַ עַוְלָה, וואָס דער ראָמישער יונגערמאַן האָט בעגאַנגען צו ערשלאָגען אַ פרעמדען, וואָס דאָס טאָר קיין געזאַנדטער ניט טהון, האָט גאַנץ ראָם געמוזט האָבען איהר פְּסַק. אַם טייך אַלְיַא, זעקס שטונדען ווייט פון ראָם איז עס געקומען צו אַ מלחמה (389), ווי די ראָמער האָבען דערזעהען דעם אָנבליק פון די ווילדע גאַלישע מאָנער אונ זייערע מאָדנע ווילדע געוועהר, איז אָנגעפאַלען אַ שרעק אויף דעם גאַנצען ראָמישען חיל, זיי האָבען שוין געהאַלטען די שטאָדט פאַר פערפאַלען. זייער איינציגע האָפנונג איז נאָר געוועזען אויפ'ן קאַפּיטאָל, דער פעסטונג פון זייער שטאָדט. אַהין האָבען זיי צוזאַמענגעטראָגען אַלע טהייערסטע אוצרות פון ראָם, אונ האָבען מיט ציטערן ערוואַרטעט ווען די שׂוֹנְאִים וועלען אַהין קומען. די שונאים זיינען טאַקי געקומען; אָבער זיי האָבען זיך זעהר פערוואונדערט געפינענדיג אַלע טויערן אָפען אונ ניט בעזעטצט מיט סאָלדאַטען ווי אין אַ קריעג געהט זיך צו. זיי האָבען מורא געהאַט טאָמער איז עס אַ חיטראָסט פון די ראָמערס צד. גאַנץ לאַנגזאַם אונ פאָרזיכטיג האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַרום צו געהען איבער דער שטאָדט, אָבער קיין מענשען איז געוועזן צו זעהען, נור אַלע הייזער זענען פעסט צוגעשלאָסען. די גאַליער געהען ווייטער אונ קומען אַזוי אויף דעם מאַרקטפּלאַטץ, דאָ האָבען זיי דערזעהען

אַ בעוואָפֿנעטען חיל אויף דער מויער פֿון פֿעסטונג. נעבען זיי אָבער אויף דעם מאַרקט האָבען זיי דערזעהען אַ לאַנגע שורה אַלטע לייט, סענאַטאָרען און כּהנים זיטצענדיג אין זייערע פּאַראַדנע קליידער, אויף זייערע שטוהלען אַ עלפֿענ־ביינענע שטעקען אין דער האַנד, שווייגענדיג ערנסט און גרייט אויגענבליקס צו שטערבען אום דעם חורבן פֿון זייער שטאָדט ניט צו איבערלעבען. די גאַליער זיינען צו טומעלט געוואָרען ניט וויסענדיג וואָס צו טהון מיט די אַלטע לייט וואָס זיינען געזעסען פֿאַר זיי ווי ווען זיי וואָלטען גאָר ניט זיין קיין מענשען נור שטיינערנע בילדויילען פֿון גאָטער. אויס נייגיערינקייט צו זעהען אויב די געשטאַלטען זיינען בְּאֱמֶת מענשען אָדער ניט, איז איינער פֿון די גאַליער צו געגאַנגען צו איינעם פֿון די כּהנים און אַ טאַפּ געטהון איהם זיין לאַנגען באָרד, דער אַלטער איז בייז געוואָרען און האָט מיט זיין עלפֿענביינענעם שטעקען אַ קלאַפּ געטהון דעם גאַליער איבער דער האַנד. אָבער באַלד דאַרויף זיינען זיי אויף די ראָמער אָנגעפֿאַלען און זיי אַלע ער־שלאָגען, דאַן האָבען זיי צו ראַבעוועט די שטאָדט, דערנאָך אונטערגעצונדען און חָרוּב געמאַכט.

נאָך דער גרויסער שְׂרֵפָה האָט ברענוס בעלעגערט דעם קאַפּיטאָל, וועלכער איז שיער אין זיינע הענד אַריין געפֿאַלען. די גאַליער האָבען געפֿונען אַ פֿערבאָרגענעם וועג אהין צו צוקומען. און אין אַ שטילע לְבָנָה'דיגע נאַכט האָבען זיי אָנגעהייבען איינער נאָך דעם אַנדערען אַריבער צו קלעטערן. אויפֿ'ן קאַפּיטאָל האָט אַלעס געשלאָפֿען, אפילו די הינט האָבען זיך ניט גערירהט, נור פּלוטצלינג האָבען זיי דערזעהען די גאָנז וואָס זיינען געוואָרען געהאַלטען אויף אַ קָרְבָּן, און עס איז געוואָרען פֿון זיי אַ גרויסער רַעַש און אַ טומעל, דאָס דער סענאַטאָר מאַנליוס קאַפּיטאַליטוּס האָט עס דערהאָרט, און דערמיט איז דאָס קאַפּיטאָל געראַטעוועט געוואָרען פֿון דער גרויסער סַכָּנָה.

זיעבען חֳדָשִׁים כִּמְעַט האָט די בעלאָגערונג געדויערט, ביז וואַנען די ראָמער זיינען געצוואָונגען געוואָרען מיט ברענוס שלום צו מאַכען. ער אַליין האָט עס אויך זעהר נאָטהיג געדאַרפֿט, דען אין דער צייט וואָס ער האָט ראָם בעלאָגערט, האָט זיין חיל פֿיעל געליטען פֿון קראַנקהייטען און מַגֵּפוֹת, אויך איז איהם אָנגעקומען אַ יְדִיעָה פֿון דער היים, דאָס פֿרעמדע חֵילוֹת זיינען אָנגעפֿאַלען אויף זיין לאַנד. ער האָט זיך בעגניגט מיט טויזענד פֿונד גאָלד וואָס די ראָמער זיינען מוּשְׁוֶה געוואָרען איהם צו געבען, און ווי זיי האָבען זייער צוזאָג מְקַיֵּם געוועזען, האָט ער מיט זיין חיל אָבגע־טרעטען. די ראָמער דערצעהלען: דאָס בשעת מען האָט אָבגעוואויגען דאָס גאָלד פֿון דער קאָנטריבוציע־געלד, האָבען די גאַליער בענוטצט פֿאַלשע געוויכטען אום מעהר גאָלד פֿון זיי צו נעהמען, און אַלס די ראָמער האָבען זיך דאַרויף געזשאַלעוועט האָט זיי ברענוס געענטפֿערט זיי קראָנקונג צו מאַכען: „דער געשלאָגענער מוז אַלץ פֿער־

טראָגען". אין דערזעלבער מינוט איז קאַמילוס אַהין געקומען, דער בעריהמטער העלד האָט גלייך צוזאַמענגערופען זיינע שְׁכֵנִים אונ זיי געפיהרט געגען דעם שונא, אונ פיעל פון זיי געשלאָגען. ווי ער האָט דערזעהן ווי מען וועגט די קאָנטריבוציע, האָט ער פאַרנאַנדער געוואָרפען אונ צושאָטען די הויפענס גאָלד, וועלכע זיי האָבען פאַר ברענוס אויפגעקליעבען. „געהט אַוועק דער מיט!" — האָט ער אויף זיי אַ געשריי געטהון — „מיט אייזען אונ ניט מיט גאָלד דאַרף דער ראָמער זיין פאָטער־לאַנד אויס קויפען". ברענוס האָט פערלאַנגט מען זאָל מְקַיֵּם זיין דאָס וואָס איז צווישען זיי אָב־גערעדט געוואָרען, אָבער קאַמילוס האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, ווייל עס איז ניט מיט זיין רָצוֹן אָבגעמאַכט געוואָרען. דאָ האָבען די גאַליער זיך ווידער גענומען צו די וואפען, אָבער זיי האָבען אַ גרויסע מַפָּלָה ערליטען אונ ראָם איז נִצוֹל געוואָ־רען, חאָטשי עס זיינען פון איהר נור חוּרבות געבליעבען.

נאָך דער גרויסער שְׂרֵפָה פון ראָם אונ דורך די מִלְחָמָה מיט די גאַליער איז דאָס פאָלק אַזוי וויית פעראָרעמט געוואָרען, דאָס זיי האָבען שוין גאָר ניט געוואָלט די שטאָדט אָבצובויען, אונ שוין גלייכער געוואָלט זיך בעזעטצען אין דער שענער עטרוסקישער שטאָדט וועיי. אָבער קאַמילוס האָט נישט דערלאָזען דאַצו, באַלד האָט ראָם אָנגעפאַנגען זיך אָבצובויען. דעם קאַמילוס זיינען די ראָמער דאַנקבאַר גע־בליעבען. זיי האָבען איהם גערופען דער צווייטער ראָמולוס, וועלכער האָט די שטאָדט אויפס ניי ערבויעט, אונ ער איז ביי דעם כָּבוֹד געבליבען ביז אין זיין טוידט. ניט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזען מיט מאַנליוס, וועלכער האָט דאָס קאַפּיטאָל גערעטעט, זעקס יאָהר נאָך דער מַעֲשֶׂה איז ער בעשולדיגט געוואָרען אַלס פאַלשער מענש, וועלכער האָט געוואָלט ראָם איינער אַליין בעהעררשען אונ פערניכטען די רעכטע פון פאָלק, אונ דאַפיר האָבען זיי איהם פון אַ הויכען פעלזען פון דעם אייגענעם קאַפּיטאָל הערָאָבגעוואָרפען אונ צום טויט דער הרג'ט. צום אָנדענקען אָן די יְשׁוּעָה וואָס זיי האָבען געהאַט פון די גאָנז, האָט מען פאַר זיי געמאַכט אין דעם זעלבען טאָג פון יעדעם יאָהר אַ גרויסען יום טוב אונ זיי מיט פאַראַד איבער דער שטאָדט הערום געטראָגען.

דורך דעם פערטרייבונג פון טאַרקוויניוס איז די פערלאַנגטע רוה אין דער שטאָדט נישט צוריקגעקעהרט געוואָרען. די ראָמער אַליין זיינען צווישען זיך שונאים געוואָרען. אַנשטאָט די מלכים האָבען זיי יעצט געהאַט די פאַטריציער אַלס הערשער, וועלכע האָבען איבער זיי געוואָלטיגט אונ די פלעבייער שרעקליך אונ אָהן רַחֲמָנוּת געדריקט. אַלע טשינען אונ סִימָנִים פון כָּבוֹד האָבען זיי פאַר זיך אַליין גענומען.

און דאָס פֿאָלק האָבען זיי געמִשְׁפָּט נאָך זייער פֿרייען ווילען, די פֿעלדער און גאָרטנער און אַלע פֿרייע פּלאַטצער האָבען זיי פֿאַר זיך אַליין גענומען, און די פּלעבייער נאָר פֿאַר גאַנץ הויכע מְקָחִים פֿערדונגען. ביי די אָפֿטע מִלְחָמוֹת, וועלכע ראָם האָט געהאַט, פֿלעגט דער פּאַטריציער איבערלאָזען זיינע פֿעלדער און גאָרטנער פֿאַר די קליענטען זיי זאָלען זיי בעאַרבעטען ווי אֱמֶתע פּאָדאַנעס. דער אָרעמער פּלעבייער האָט דאַרום זיינע פֿעלדער געמוזט לאָזען פּוסט ליגען און זיין קליין פֿערמעגען פֿערקויפֿען, אום צו בעקומען אויף דער הוֹצָאָה פֿאַר זיך און זיין פֿאַמיליע זיך צו ערנאָהרען און געוועהר צו האָבען, דען עס איז געווען ביי זיי איינגעפֿיהרט, דאָס יעדער האָט זיינע וואַפֿען און געוועהר פֿיר זיך אַליין געמוזט קויפֿען. ווען דער קריעגער איז שוין מיט נצחון צוריק געקומען אַהיים, האָט ער געפֿונען זיינע פֿעלדער און גאָרטנער פֿאַרלאָזען, פֿערווילדעט אָדער גאָר פֿערוויסטעט און איז אַריינגעפֿאַלען מיט זיין ווייב און קינדער אין גרויס נויט און עלענד; ער איז דאַן געצוואונגען געווען זיך צו ווענדען צום פּאַטריציער ביי איהם הילפֿע צו בעטען, אָבער ער האָט ביי איהם געפֿונען אַכזריות אַנשטאָט רחמנות. פֿאַר דאָס געלד וואָס ער האָט בעקומען האָט ער געמוזט צו טהייערע פּראָצענט צאָהלען, האָט ער ווידער נישט געקענט בעצאָהלען צו דער צייט, האָט ער געמוזט זיינע פֿעלדער דעם ביטטערן בַּעַל חוב אָבטרעטען, ווען ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פֿערמַשְׁכּנ'ן האָט ער געמוזט פֿאַרקויפֿען זיינע קינדער אָדער זיך אַליין אַלס שקלאַווען. כּדי צו פֿערזיכערן פֿאַר אַזעלכע מַשְׁכָּנוֹת איז נאָך קיין געזעטץ נישט געווען, דער בעל חוב פֿלעגט איינמאָנען די חובות דורך זיטצען אין אָסטראָג און געפֿאַנגנים אָדער פֿערמשפּטען זיי צו קאַטאָרזשנע אַרבייט. דאָס האָט זיך אויסגעלאָזען פֿון די גרויסע העלדען, פֿון די בעשיטצער פֿון לאַנד, וועלכע האָבען זייער פֿאַטערלאַנד גרויס און בעריהמט געמאַכט.

די צָרָה פֿון כְּלַל האָט אַלע פּלעבייער פֿעראייניגט, און אַלס די לאַטינער האָבען אַרויס געטרעטען געגען ראָם, האָבען די פּלעבייער פֿון כַּעַס איבער די בעהאַנדלונג פֿון די פּאַטריציער ניט געוואָלט אַנטקעגען זיי אין מלחמה געהען; עס האָט זיי אויסגעוויזען אַלס נאַרישקייט די שוֹנְאִים אָבצוטרייבען כְּדֵי אַנדערע שונאים צו ערהאַלטען. די פּאַטריציער האָבען קיין מיטעל ניט געהאַט ווי זיך צו בעשיצען, זיי זיינען נור אויף איין איינפֿאַל געקומען: זיי האָבען פֿאַר דאָס לאַנד אויסגעקליבען אַ דיקטאַטאָר, ער זאָל אַליין הערשען איבער אַלעמען גלייך, אָבער נישט מעהר ווי זעקס חֳדָשִׁים, כּדי ער זאָל נישט ווערען קיין גרויסער תַּקִיף. צוואַנציג ליקטאָרען (פּאָליציייסקי מַשְׁגִיחִים) פֿלעגען פֿאַר איהם געהען מיט ריטער און העק צו בעשטראָפֿען די וועלכע האָבען ניט געוויזען קיין אונטערטהאָניגקייט פֿאַר איהם. ער אַליין פֿלעגט זיך אויסקלייבען נאַטשאַלניקעס זיינע בעפֿעהלע אויסצופֿיהרען. דער נייער טשין איז

איינגעשטעלט געוואָרען אין ראָם אין יאָהר 501. דער ערשטער איז געוואָרען דיקטאַטאָר טיטוס לאַרציוס נאָך איהם פּאָסטומיוס וועלכער האָט אויסגעפיהרט די מִלְחָמָה געגען די לאַטינער (אָבען זייטע 75). פון דאַמאָלס אָן איז ביי די רוימער געוואָרען אַ מִנְהָג דאָס יעדעס מאָל ווען דאָס פאַטערלאַנד איז געקומען אין אַ סַכָּנָה, פלעגען זיי זיך אַ דיקטאַטאָר אויסקלייבען. אַזוי איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען זיי האָבען זיך דעם דיקטאַטאָר אויסגעקליבען. דאָס פאָלק האָט איינגעזעהען די סכנה פאַר דאָס לאַנד און באַלד אַרויסגעגאַנגען עס צו רעטען פון די לאַטינער. אָבער זייערע האָפנונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען; דאָס אָרעמע פאָלק איז בעהאַנדעלט געוואָרען נאָך ערגער ווי פריהער, איבער דעם זיינען די אונרוהען אין דער שטאָדט נאָך גראָסער געוואָרען. די איינגענומענע פאָלקער פון אַרום האָבען דאָס זעהענד זיך אויפגעהייבען, האָפענדיג יעצט פון זייערע ראָמישע אונטערדריקער לויז צו ווערען, דאַן האָבען די פאַטריציער זיך ווידער געקעהרט צו די פלעבייער און פערלאַנגט פון זיי סאָלדאַטען צו נעהמען. אָבער די פלעבייער האָבען זיי געענטפערט שטעלענדיג: זיי מעגען אַליין די מלחמה מאַכען, וואָס סאַי וסאַי וועלען קיין אַנדערע דערפון קיין נוטצען האָבען. אָבער די סכנה וועלכע איז געוואָרען אַלץ גראָסער און שרעקליכער האָט די פאַטריציער געצוואונגען דאָס פאָלק איין צונעהמען מיט גוטען און מיט גרויסע פערשפּרעכונגען, זיי אַלע געלד־חובות צו שענקען ווענן זיי וועלען העלפען די שונאים איינצונעהמען. דאָס פאָלק האָט זיך דאַנן געגומען צו די וואַפען און דעם שונא מיט קראַפט אָבגעטריבען צוריק. אָבער קוים איז דער שונא אָבגעטריבען געוואָרען און די סכנה איז אַריבער, האָבען די פאַטריציער ניט מעהר געדאַכט אָן זייערע פערשפּרעכונגען, און עס האָבען זיך ערנייערט די אַלטע צָרוֹת. דאַ האָט דאָס פאָלק פערלאָרען די געדולד, אַלע צוזאַמען האָבען זיך אַנטגעגען זייערע אונטערדריקער געשטעלט אונטער קאָמאַנדא פון סיציניוס בעלוטוס, זיינען הערוים פון דער שטאָדט אויף דעם הייליגען בערג, אום דאָרט גאָר איינע נייע שטאָדט צו גרינדען; ראָס איז דאַמאָלס געווען אין דער גרעסטער סכנה, זי זאָל אונטערגעהן.

די מֶמְשָׁלָה איז געווען יעצט געדריקט פון אינעווייניג און פון דרויסען, און דאַריבער האָט זי זיך ענטשלאָסען דעם פאָלק נאָכצוגעבען. מען האָט געשיקט צום פאָלק אין שְׁלִיחוּת, דעם מענעלעאוס אַגריפּפּאַ, וועלכער איז דעם פאָלק זעהר ליעב געווען, און ער האָט פון די אונצופריעדענע פערלאַנגט צוריק צו געהען, אין זייער געבורטסשטאָדט. ער איז געווען זעהר קלוג, און ביים פאָלק צו פועלען וואָס ער האָט פערלאַנגט, האָט ער זיי געגעבען אַ שאָנעם מָשָׁל. „האָרט, ברידער, אַ געשיכטע — האָט ער זיי געזאָגט — אַ מאָל האָבען די אַלע גליעדער פון מענשענס קאָרפּער זיך אויפגערעדט אַנטגעגען דעם מאָגען, זיי האָבען מעהר ניט געוואָלט

ליידען דאָס ער איינער זאָל ליעגען רוהיג אין מיטען גוף און זיך פֿון אַנדערע פֿוטערן, האָבען אַלע מיט אַמאָל זיך ענטזאַגט איהם לאָנגער צו דיענען, די האַנד האָבען ניט געוואָלט מעהר קיין שפּייז נעהמען און פֿיהרען אין מויל הערײַן, דער מויל האָט די שפּייזע מעהר ניט געוואָלט אויפֿנעהמען, און די צאָהן מעהר קייען, אַזוי אַ ענטשלוס האָבען זיי לאַנג געהאַלטען, אָבער צום סוף האָבען זיי זיך אַרומגעזעהן דאָס זיי שאַדען נור זיך אַליין. זי האָבען ענדליך געפֿיהלט דאָס דער מאָגען טהיילט פֿאַראַנדער די זאָפֿטע פֿון די שפּייזע צו אַלע גליעדער און דורך דעם בעקומען זיי לעבען און קראַפֿט". דאָס פֿאָלק האָט פֿערשטאַנען די כּוונה פֿון דעם ערצאָהלטען משל, אַלע האָבען איינגעזעהען אַז דאָס פֿערנאַנדערטהיילען זיך מאַכט זיי אַלע נור שוואַך, און דאָס דער בונט געגען די רייכע וועלען נור זייערע קראָפֿטע אָבנעהמען, דאַרום האָט דאָס פֿאָלק איינגעוויליגט מיט זיי אַ פּשרה צו מאַכען אויף דיעזע פּונקטען: ערשטענס, האָט מען זיי די לאַגע פֿיעל ערלייכטערט און זייערע חובות פֿון זיי אַראָפּגענומען. אויסערדעם האָט מען דעם פֿאָלק געגעבען די פּראַווע אויסצוקלייבען פֿיר זיך טריבונען, וועלכע זאָלען נור פֿיר דאָס פֿאָלק זאָרגען און זיי פֿון די עוולות פֿון די קאָנסולען בעשיטצען, באַלד האָבען די טריבונען זיך אַליין פֿערברייטערט די פּראַוועס, יעדעם בעשלוס (רעשעניע) פֿון סענאַט צושטאָרען ווען ער ווערט זיי ניט געפֿאָלען, עס זאָל גענוג זיין אַ געשריי צו טהון דאַרויף זייער וועטאָ (איך ערלויב עס ניט), און דאַן מוס עס זאָגלייך בטל ווערען. נאָך דעם ווי די פּשרה איז געוואָרען, זיינען די פּלעבייער צוריק אין שטאָדט אַריין. דער דאָזיגער נצחון האָט באַלד געפֿיהרט צו נאָך גראָסערע נצחונות; פֿון דאַמאַלס אָן איז געווען אַ שטאָנדיגע מחלוקת צווישען זיי מיט די פּאַטריציער אום גלייכע פּראַוועס מיט זיי האָבען. זייערע בעשיטצער, די טריבונען האָבען פֿיר זיי שטענדיג מיט די פּאַטריציער צו טהון געהאַט, און האָבען דאָס פֿאָלק געפֿיהרט פֿון איין נצחון צום אַנדערן, ביז צום סוף איז אַיינגעריסען געוואָרען די מחיצה צווישעןביידע פּאַרטייען. די פֿאָלקס=טריבונען זיינען אַנפֿאַנג געווען נור צוויי, נאַכהער פֿינף און ענדליך ביז צעהן געשטיעגען. צו זיי זיינען נאָך העלפֿער (פּאָמאָצניקעס) צוגעגעבען געוואָרען, זיי האָבען געהייסען אֶדילען, וועלכע האָבען געהאַט השגחה צו געבען אויף די אָפֿענטליכע (אָבשצעסטווענע) פּלאָטצער, בנינים און גאַסען, אום צו פֿערהיטען אַז דאָס פֿאָלק זאָל נישט צאָהלען קיין איבעריגע מקחים אויף סחורות און צו גרויסע פּראָצענטען פֿאַר הלוואות. זיי זיינען אַלזאָ געווען אַ מין פּאָליציי פֿאַר'ן כּלל.

דער יונגער פּאַטריציער קאַיוס מאַרציוס קאָריאָלאַנוס (488), איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך פֿערטראָגען די ממשלה פֿון די פּלעבעיישע נאַטשאַלסטוואָ. פֿון איהם ווירד, אונטער אַנדערע מעשׂיות, פֿאָלגענדעס ערצאָהלט: אלס דאָס פֿאָלק איז אָבגעטרעטען פֿון ראָם

אויף דעם הייליגען בערג און עס האָבען ניט אויפֿגעהערט די מלחמות פֿון די נאָהנטע פֿעלקער, זיינען די פֿעלדער אין דער אומגעגענד פֿון ראָם געבליעבען ניט בעאַרבייטעט און די שטאָדט איז געבליעבען אָהן ברויט. דער סענאַט האָט אפילו אַ ביסעל תבואה אויפֿגעקויפֿט פֿאַר דער שטאָדט, אָבער דאָס איז וועניג געווען אום אַלעמען זאַט צו מאַכען. ענדליך זיינען אָנגעקומען שיפֿען געפּאַקט מיט תבואה פֿון אינזעל סיציליען, איינגעקויפֿט פֿון היעראָ, דעם קעניג פֿון סיראַקוס אַלס מתנה פֿיר ראָם. דאָס רוב סענאַטאָרען זיינען געווען ביי דער מיינונג, מען זאָל אַ טהייל פֿון די תבואה צו שענקען דעם פֿאָלק און די איבריגע פֿאַר געלד פֿיר אַ ביליגען פּרייז פֿערקויפֿען, אָבער דער שטאָלצער פֿערעקשנטער קאָריאָלאַנוס האָט געפֿאָדערט מען זאָל דעם פֿאָלק ניט געבען קיין ברויט, ביז עס וועט מסכים זיין די טריבונען ווידער אָבצושאַפֿען, ווייל זיי בעקומען יעדען טאָג מעהר העזה געגען די פּאַטריציער. „זאָל דער פּראָסטער עולם צוריק געהען אויף זיין הייליגען בערג קיינער וועט מעהר נאָך זיי ניט שיקען", דאַס האָט דאָס פֿאָלק דערהערט און ערגרימט געוואָרען פֿאַר כּעס, עס איז צווישען זיי אַ גוואַלד געוואָרען: די פּאַטריציער ברעכען זייער וואָרט און קאָריאָלאַנוס מוז דערפֿאַר געשטעלט ווערען פֿאַר דעם משפּט פֿון פֿאָלק. די טריבונען האָבען דאַרויף איינגעשטימט און געשיקט צו קאָריאָלאַנען אַ איינלאַדונג זיך פֿאַר דעם פֿאָלקס-געריכט צושטעלען. די פּאַטריציער האָבען נאָכגעגעבען ווייל זיי זיינען זיכער געוועזען די טריבונען וועלען ניט האָבען די העזה קאָריאָלאַנען צו בעשטראָפֿען. קאָריאָלאַן אַליין האָט זיך פֿון דער איינלאַדונג גאָר ניט געמאַכט, דאַן האָבען די טריבונען געמאַכט אַ פֿערזאַמלונג און איהם אין חרם געלעגט, ד. ה. אַלע זיינע רעכטע צוגענומען און איהם געהייסען בעהאַנדלען אַלס ווילד פֿרעמדען.

דעם פּסק האָט קאָריאָלאַנוס גאָר ניט ערוואַרט, און באַלד ווי דער פּסק איז אַרויס פֿון געריכט איז ער אַוועק צאָרניג פֿון ראָם און געשוואָרען נקמה צו נעהמען פֿון דער גאַנצער שטאָדט. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו די ביטערע פֿיינדע פֿון די ראָמער, צו די וואָלסקער און האָט זיי אויפֿגעהעצט אַרויס צו טרעטען אין אַ מלחמה געגען ראָם. ער אַליין האָט זיך געשטעלט אַן דער שפּיטצע פֿון אַזוי אַ פֿיינדליכען חיל און איז מיט שטורם געגאַנגען אויף לאַטיום, וואָס האָט געהערט צו ראָם. עס איז אָנגעפֿאַלען אַ ציטערניש אויף אַלע ראָמער. קאָריאָלאַנוס האָט אויפֿגעשטעלט זיין לאַגער פֿאַר דער שטאָדט און האָט אָנגעפֿאַנגען די פֿעלדער צו פֿערוויסטען. די שטאָדט זעהענדיג זיך אין אַ געדריקטער לאַגע, האָט אָנגעפֿאַנגען שיקען צו איהם אין שליחות די פּאַטריציער, איהם איינצושטילען, ער זאָל אָבשטעהען פֿון דער בעלאַגערונג און צוריקקעהרען נאָך ראָם. אָבער קאָריאָלאַן איז געווען צו גערייצט ער זאָל פֿון זיין כּעס אָבטרעטען. דאַן זיינען צו איהם אַרויס זייערע כּהנים אין פּאַראַדנער פֿאָרעם געקליידעט איהם איינצובעטען אַראָבצונעהמען די בעלאַגערונג

פֿון זיין פֿאַטערשטאָדט. קאָריאָלאָנוס האָט די כֹּהֲנִים מְקַבֵּל געווען מיט גרויס כָּבוֹד, אָבער זייער ביטע האָט ער אָבגעזאָגט. די לאַגע פֿון דער שטאָדט איז דערגאַנגען צו דער ערגסטער מַדְרֵגָה, די מאָנער זיינען הערוים אויף דער מויער פֿון דער שטאָדט מיט זייער געוועהר, אונ די פֿרויען זיינען געגאַנגען אין די טעמפּלען זייערע גאָטער אום רעטונג צו בעטען. צום סוף זיינען צו איהם געשיקט געוואָרען די גרעסטע געשעטצטע פֿרויען, צווישען זיי איז אויך געווען **וועטוריאַ** קאָריאָלאָנס מוטער מיט איהרע קינדער אונ **קאָלומניאַ** זיינע פֿרוי מיט זיינע אייגענע קינדער. ווי ער האָט דערהאָרט, דאָס זיינע מוטער אונ זיינע פֿרוי געהען איהם בעטען אום רַחֲמָנוּת, האָט ער אַנפֿאַנג אויך זיי ניט געוואָלט האָרען, אונ זיי פֿאָרגעשלאָגען דאָס פֿאַלשע ראָם צו פֿערלאָזען אונ ביי איהם צו בלייבען. אָבער אַלס די מוטער איז געפֿאַלען מיט געבעט צו זיינע פֿיס אונ זיינע פֿרוי אונ קינדער האָבען זיך צו איהם געטוליעט מיט געוויין, דאָ האָט דאָס מענשליכע נאַטור גוֹבֵר געווען איבער אַלעם; ער האָט די מוטער מיט געריהרטעם הערצען פֿול ליעבע צו זיך אויפֿגעהייבען, מיט געוויין אויף איהר האַלז געפֿאַלען אונ געזאָגט: „אָ מוטער, ליעבע מוטער, דיינע שטאָדט האָסט דו געראַטעוועט, דיין זוהן אָבער האָסט דו אויף אייביג פֿערלאָרען!" דאַן האָט ער די פֿרויען אַוועקגעשיקט, דאָס חיל פֿון זיך אָטפּראַוועט, אונ ווי די אַאָלסקער האָבען דערזעהען דאָס ער וויל ניט האָבען קיין מִלְחָמָה מיט ראָם, זיינען זיי איהם צאָרניג איבערפֿאַלען אונ דעם טויט געמאַכט. די ראָמער אָבער האָבען אויפֿגעשטעלט לְכָבוֹד די פֿרויען, אויף דעם זעלבען אָרט וואו זיי האָבען קאָריאָלאָנוס הערץ מיט זייערע געבעטען וייך געמאַכט, אַ טעמפּעל צו זייערע גאָטער.

די געזעטצע פֿון די צוועלף טאַפֿלען (451 אונ 450). קוים האָב'ן די ראָמער אָבגעצויגען דעם אָטהעם אונ זיך געפֿיהלט פֿרייער אויפ'ן הערצען, זאָ האָבען זיך שוין ווידער אָנגעפֿאַנגען די אַלטע אינטריגעס אונ קריעגערייען. דאָס פֿאָלק האָט פֿערלאַנגט זיין פֿערזיכערט דורך פֿעסטע געזעטצע, אונ זיין זיכער דאָס מען וועט איהם מעהר קיין שלעכטס טהון. דער טריבון **טערענטילוס אַרזאַ** איז דאַרויף בעשטאַנען מעהר ווי אלע צו אַזעלכע יושר'דיגע פֿאָדערונגען. די פּאַטריציער האָבען בְּשׁוּם אוֹפֶן (462). ניט געוואָלט מַסְכִּים זיין. איינינע יאָהרען האָט געדויערט די עַקְשָׁנוּת וואָס האָט געבראַכט צו גרויסע מַחֲלוֹקֶת, וועלכע האָט ווי געוועהנליך אויך קריעג פֿון אויסען צו געצויגען: די סאַבינער זיינען אונטער אַנפֿיהרונג פֿון אַ געוויסען העלדען, **מאַרדאַניוס**, אַריין געדרונגען אין דער סאַמע שטאָדט, וואו זיי האָבען געהאַפּט אויף די שטיטצע פֿון די אונצופֿריעדענע איינוואָהנער, אָבער פֿון דער סַכָּנָה איז ראָם גיך פָּטוּר געוואָרען. צום סוף האָבען די פּלעבייער בענוצט דאָס געוועהנליכע מיטעל, ניט צו העלפֿען פֿיהרען די מלחמות פֿון דער שטאָדט, אונ דאָס האָט גע=

וואהנליך געהאלפען. זיי האבען געבראכט דערצו, דאס די פיהרער פון די פאטריציער האבען געראשעט ארויס צו שיקען שלוחים נאך גריכענלאנד, אום אויסצושטודירען יענע מנהגים אונ געזעטצע, וועלכע פעריקלעס האט אין אטהען איינגעפיהרט, אום די פראקסיס פאר זיך אין ראם צו בענוטצען. אין יאהר 451 זיינען פון די פאטריציער אויסגעקליבען געווארען צעהן מאנער (דעצעמווירען), וועלכע האבען זיך גענומען צוזאמענשטעלען געזעטצע אום אין ראם ארדנונג צו ברייגען. צום סוף יאהר האבען זיי אויפגעצייכענט די געזעטצע אויף צעהען מעטאלענע טאפעלען (טאבליצעס) אונ ווייל די ארבייט איז ניט פערטיג געווען אין איין יאהר האט מען אבגעגעבען צו די צעהן מאנער די תקופות אויף נאך א יאהר, אין וועלכע עס זיינען צוגעקומען נאך צוויי אזעלכע טאפעלן, דיזע צוואלף טאפעלן האבען געהאט אין זיך אלע רעגעלן פון ראמישע פראוועס, וועלכע זיינען נאכהער אזוי בעריהמט געווארען.

די צעהן מאנער האבען וועניג חשק געהאט אפצוגעבען זייער שטעלע, וואס האט זיי געמאכט פאר די ערשטע מאכטיגסטע מאנער אין ראם. ניט פרעגענדיג ביים סענאט אונ פאלק, האבען זיי געפיהרט זייער ראלע ווייטער אונ ערהאלטען זייער מאכט אויך אויף דעם דריטען יאהר. אבער די העזה האט אלעמען אין צארן געבראכט, די פאטריציער אונ פלעבייער צוזאמען. לסוף איז געקומען דאצו דאס זייער אנפיהרער נאמענס אפפיוס קלודיוס האט ענדליך זיין פסק בעקומען. דער שטרענגער מענש האט זיך ערלויבט אבצונעהמען א מאדכען נאמענס ווירגיניא, וואס איז שוין געווען א כלה פאר איהרען א חתן, אונ ער האט געהייסען זי מיט געוואלט נעהמען פון איהר פאטערס הויז אונ פיהרען צו זיך א היים, זאגענדיג אויף איהר דאס זי איז די טאכטער פון זיינע א שקלאווין (פאראנע), אונ זי געהערט אלזא צו איהם. דער אונגליקליכער פאטער זעהענדיג דאס מיט'ן לעבען וועט ווירגיניא פון דעם טיראנישען אפפיוס קלודיוס ניט פריי ווערן, האט ער אין זיין גרויס לייד געכאפט א מעסער, אריינגעשטאכען איהר אין הערצען מיט דעם אויסרוף: „געה, מיין טאכטער ווירגיניא, אויף יענער וועלט ריין אונ פריי, מיט'ן לעבען קענסט דו מיין קינד דאצו ניט קומען, קום זע חאטש מיט'ן טוידט!" דאן איז ער געלאפען דורך אלע גאסען צווישען דעם אויפגעלויפענעם פאלק אונ גערופען נאט אונ לייט א נקמה צו נעהמען פון דעם טיראנישען אפפיוס. דאס גאנצע פאלק איז אויפגעבוי-טעוועט געווארען, אפפיוסען האבען זיי געחאפט אונ אין געפאנגנים אריין געווארפען, דארט האט ער זיך אליין א טויט געמאכט, די איבריגע צעהן מאנער זיינען אנטלאפען פון ראם. אזוי האט זיך געענדיגט די ממשלה פון די דעצעמווירען אויפ'ן דריטען יאהר

פֿון זייער הערשען. אונ די קאָנזולען אונ די טריבונען זיינען ווידער אויף זייערע אָרטער הערויף געקומען.

די איינפֿיהרונג פֿון געשריבענע געזעטצע האָט פֿאָרט ניט איינגעבראַכט אַחְדוּת אונ מְנוּחָה אין לאַנד. די פּאַטריציער אונ פּלעבייער זיינען נאָך אַלץ גע-שטאַנען ווי ערבּיטערטע שׂוֹנְאִים געגען איינאַנדער אָנגעפֿיהרט פֿון פֿערשיעדענע פּאַרטייען, די איינע פֿון די קאָנזולען אונ די אַנדערע פֿון די טריבונען. מען האָט געקענט פֿאָראויסזעהען, דאָס די שִׂנְאָה פֿון די צְדָדִים וועט ניט אויפֿהערען, נור ביז עס וועט אויפֿהערען צו זיין איין אונטערשיעד צווישען פּאַטריציער אונ פּלעבייער. דאַריבער איז אָנגעשטאַנען דער פֿאָלקס-טריבון ק אַ נ ו ל י ע י ו ס אַז עס זאָל בָּטֵל ווערען דאָס געזעטץ וואָס איז געווען איינגעצייכענט אין די מעטאַלענע טאַפֿעלן: דאָס עס טאָרען צווישען פּאַטריציער אונ פּלעבייער קיין שִׁדּוּכִים געשלאָסען ווערען (445). דער איינגענער טריבון האָט אויך געפֿאָדערט, דאָס די פּלעבייער זאָלען האָבען דאָס רעכט צו אויסקלייבען קאָנזולען פֿאַר דאָס פֿאָלק. דאָס האָבען שוין די פּאַטריציער בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט געוואָלט נאָך געבען. זיי האָבען יעצט קלאָר איינגעזעהען דאָס מען ציעלט דאַרויף זייער פּאַטריצישע פּראַווע, וועלכעס עקזיסטירט שוין פֿון הונדערטער יאָהרען, אין גאַנצען פֿון זייערע האַנד אָפּצונעהמען. אַכטציג יאָהר נאָכאיינאַנדער האָבען זיי זיך פֿאַר דיעזע רעכט געוועהרט, זיי האָבען פֿיעל קליינע זאַכען נאָכגע-געבען אום די גראָסערע צו ערהאַלטען, זיי האָבען פֿערגראָסערט דאָס רעכט פֿון די טריבונען זיי זאָלען זיין ווי קאָנזולען, צוערשט דריי, נאָכהער פֿיער, אונ צולעטצט זעקס. די פּאַטריציער זיך האָבען גענומען דאָס רעכט צו זיין צענזאָרען (444). עס וואָרען זייערע צוויי, אַנפֿאַנג זיינען זיי אויסגעקליבען געוואָרען אויף אַ לוסטרום ד. ה. אויף פֿינף יאָהר, נאָכדעם אָבער אויף ניט מעהר ווי 18 חֳדָשִׁים, זייער אַרבייט איז געווען, צו פֿיהרען רעכנונגען איבער דעם פֿערמאָגען פֿון די בַּעֲלֵי בָּתִּים, נאָכ-דעם איז זיי צוגעקומען די הַשְׁגָּחָה איבער די עהרליכע אויפֿפֿיהרונג פֿון די איינ-וואָהנער, אונ וועמעס הַנְהָגָה עס איז ניט אָרדענטליך געווען, האָבען זיי רעכט געהאַט צו פֿערהאַלטען אונד בעשטראָפֿען אונ אויך צונעהמען ביי זיי די רעכטע אַלס איינ-וואָהנער פֿון ראָם.

אויך נאָכדעם ווי ראָם איז אויפֿגעבויט געוואָרען נאָך דער שְׂרֵפָה פֿון די גאַליער, האָט זיך געצויגען די אַלטע מַחֲלוֹקֶת צווישען די פּאַטריציער אונ די פּלעבייער. בְּעִיקָר האָבען דאַרין געאַרבייטעט די צוויי טריבונען ל י צ י נ י ו ס אונ ס ע ק צ י ו ס, זיי האָבען שטאַרק געפֿאָדערט דאָס די פֿיהרונג פֿון מִלְחָמוֹת דורך טריבונען זאָל אָבגע-שאַפֿט ווערען, אונ אַנשטאָט דעם זאָל איבערגעגעבען ווערען די פֿיהרונג צו קאָנזולען, נור

מיט דעם תְּנַאי דאָס יעדעס מאָל זאָל איינער פון די קאָנזולען זיין אַ פלעבייער. אויך האָבען זיי געפאָדערט דאָס קיין ראָמער זאָל ניט טאָרען האָבען מעהר אַלס 500 מאָרגעס קאַזיאָנע ערד, און ווען איינער האָט צופיעל מוז ער די איבריגע ערד אַוועק געבען צום נוטצען פאַר די אַרעמע איינוואָהנער. דיעזע און אַנדערע פאָדערונגען האָבען געבראַכט די פאַטריציער אין גרעסטען צאָרען. אַ לאַנגע צייט האָבען די פאַרטייען געשטאָרט אוים צו קלייבען קאָנזולען און קריעגס־טריבונען, אָבער נאָך לאַנגער עַקְשָׁנוּת, האָבען די פאַטריציער ענדליך געמוזט נאָך געבען, און די פלעבייער האָבען דערלעבט די פריידע איין אייגענעם קאָנזול פון זייערע ברידער צו האָבען, און דאָס אַלעס האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען זייער שְׁתַּדְּלָן סעקציוס, וועלכער איז אויסגעקליעבען געוואָרען פאַר זיי קאָנזול צו זיין. אויך דעם געזעטץ וועגען די מאָס פון די ערד איז אָנגענומען געוואָרען. איבערהויפט האָט דער אַלטער דיקטאַטור קאַמילוס פיעל געהאָלפען צום שָׁלוֹם, ווייל אַלע האָבען איהם זעהר האָכגעשאָצט און געאַכטעט. די פאַטריציער האָבען נור איינס אויסגעפיהרט, דאָס דער טשין פון ריכטער (שוֹפֵט) זאָל ניט זיין פעראייניגט מיט דעם טיטעל קאָנזול; אַ שופט צו זיין איז געוועזען בעשטימט איין אַנדער טשין אונטער דעם טיטעל פראָטאָר.

לְכָבוֹד דעם שָׁלוֹם, וועלכער איז בעשלאָסען געוואָרען, האָט מען געמאַכט אַ פיערטאָגיגען יום־טוב, און נאָך דעם אַלטען מִנְהָג זיינען געוואָרען געמאַכט פערשיעדענע שפיעלען און פובּליטשנע בעלוסטיגונגען פאַר דאָס פאָלק; דאָס אַלעס — איז געשטימט געוועזען פון די אֶדילע — זאָל זיין אויף הוֹצָאוֹת פון דער מֶמְשָׁלָה. און אַלס די ממשלה האָט ניט געוואָלט מַסְכִּים זיין אויף די צוגרויסע הוֹצָאָה, האָבען די פאַטריציער אויסגעלעגט די הוצאות פון זייערע קעשינע. דערפון איז אַרויס געקומען אַ נייעס געזעטץ דאָס פון די פאַטריציער זאָלען אויך אוים געקליעבען ווערן זייערע אֶדילען. זיי האָבען געהייסען אֶדילעס קורולים ווייל זיי האָבען דאָס רעכט געהאַט צו זיטצען אויף בעזונדערע שטוהלען אונטער דעם נאָמען סעללא קורולים (מיט עלפענביין אויסגעלעגט) געראַדע ווי די קאָנזולען, צענזאָרען און פראָטאָרען; זאָנסט זיינען די אֶדילען נור פלעבעאישע געוועזען.

ווי באַלד די פאַטריציער זיינען אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון זייערע פראַוועס, וועלכע זיי האָבען נור אַליין געהאַט, איז שוין פאַר די פלעבייער געבליעבען נור איין פראַגע ווען דאָס וועט אַרויסקומען, זיי זאָלען גלייכע פראַוועס מיט די פאַטריציער האָבען, דען דערצו איז שוין קיין מְנִיעָה ניט געוועזען. און באמת האָבען אָנגעפאַנגען אַלע טשינען אויסגעקליבען צו ווערען פון זיי אַליין, אַזוי איז אויסגעקליבען געוואָרען פון זייער מיטטע נאָך 2 יאָהרען (364) אַ אֶדילוס קורולים, 9 יאָהר

יאָהר 14 ווידער און א צענזאָר (350) דארויף יאָהר 5 , א דיקטאטאָר (355) שפּאָטער
שפּאָטער (336) אפילו א פּראָטאָר, און אלס אין יאָהר (300) איז א פּלעבייער, גע=
וואָרען א כהן, בּעת ביז א הין זיינען א זעלבע געווען נור פון פּאטריציער, איז שוין אָבּ=
געפּאלען די לעצטע מחיצה וואס האָט פריהער דיביידע קלאסען אָבגעשיידעט פון
איינאנדער. דער נצחון פון געמיינעם פּאָלק איז ערשט געקומען נאָך דעם ווי זיי
האָבּען 200 יאָהר פאר זייערע זכיות געשטריטען.

דריטעס קאפיטעל.

די מלחמות פון די ראמער.

ראָמס מלחמות איטאַליען צו בעהערשען. מלחמה געגען די טאַרענטינער. מלחמה בּיי הערַאקליאַ, בּיי אַסקולום, בּיי בּענעווענטום. ערשטער פּינישער קריעג. אורזאַכע פון ערשטען פּינישען קריעג. געפאַנגענעהמונג פון רעגולוס. נצחון אויפ׳ן ים דורך פּוליוס. מלחמה בּיי די אַגאַטישע אינזעלן אונ דער פריעדען. דאָס צונעהמען פון סאַרדיניען אונ קאָרסיקאַ. מלחמה מיט די איללירער מיט די גאַליער.

נאָך דעם ווי די איינוואָהנער פון ראָם האָבּען מיט איינאַנדער שָׁלוֹם געמאַכט, האָבּען זיי שוין געקענט זיך ערנסט נעהמען צו די אויסוועניגסטע שׂוֹנְאִים אום מיט זיי איין ענדע צו מאַכען, די וויכטיגסטע זיינען געוועזען פינף מִלְחָמוֹת, דורך וועלכע ראָם האָט בּעקומען די הערשאַפט איבּער דעם גראָסטען טהייל פון דעם אינטאַליענישען האַלבּ־אינזעל. די מלחמות זיינען געוועזען: 1) **דער ערשטער זאַמניטער קריעג** (340—342); 2) **דער לעטצטער לאַטינער קריעג** (337—339); 3) **דער צווייטער זאַמניטער קריעג** (304—325); 4) **דער דריטער זאַמניטער קריעג** (290—298); 5) **ראָמס קריעג געגען די שטאָדט טאָרענט אונ דעם קריעג פון פּיררהוס** (282—272 פּ. קר.).

וויכטיגער אַלס אַלע מלחמות פון ראָם בּיז אַהער, איז געוועזען די מלחמה וואָס איז געפיהרט געוואָרען געגען דאָס קריעגערישע בּערג־וואָהנענדע פאָלק פון די **זאַמניטער**. די מלחמה האָט די ראָמער אַריינגעצויגען אין עֲסָקִים מיט די אַלע איבּריגע פעלקער פון אונטער־איטאַליען. די אורזאַכע צו דיעזעם קריעג איז געוועזען דיעזע: די זאַמניטער זיינען אַמאָל אָנגעפאַלען אין קריעג אויף די **סידיצינער**; די סידיצינער האָבּען געזוכט הילף בּיי די קאַפּאַניער, אונ נאָכדעם ווי זיי האָבּען בּעקומען 2 מַפָּלוֹת, האָבּען זיי זיך געקעהרט אום הילף צו די ראָמער. אָבּער וויל די ראָמער האָבּען פריהער כּוֹרֵת בְּרִית געוועזען מיט די זאַמניטער אונ זיי איז ניט פּאַסענד געוועזען אַריינצוטרעטען אין קריעג מיט זייערע געוועזענע גוטע פריינד, האָבּען זיך די קאַמפּאַניער צו זיי איבּערגעגעבּען אין גאַנצען. די ראָמער האָבּען שוין איטצט ניט געהאַט אַ פרעמדעס לאַנד צו בּעשיטצען, נור איין אייגענעס. דאָ האָבּען זיי זיך שוין גאָר ניט געהאַט מְיַשֵּׁב צו זיין, אונ זיינען דאַרום גלייך אַרויסגעטרעטען אין אַ קריעג מיט די זאַמניטער.

דיעזער קריעג האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין יאָהר 342, צו דער זעלבער צייט, אין וועלכער פֿיליפּ דער קעניג פֿון מאַקעדאָניען האָט געבראַכט אַ אֵימָה אויף די גריעכען מיט זיין פֿאַלאַנקס. דער קריעג האָט מיט וויינינגע הֶפְסֵקוֹת איבער 50 יאָהר געדויערט ביז די זאַמניטער זיינען אונטערטהעניגט געוואָרען.

די שענסטע צייט אום זיך אויסצוצייכענען אַלס העלדען, איז געוועזען פֿאַר די רוימער די דאָזיגע צייט פֿון די מלחמות, אין וועלכע אַלע גלייך, די פֿעלדהעררען און די סאָלדאַטען האָבען זיך געפֿלייסט אויסצוצייכענען זיך מיט זייערע גְבוּרָה און ליעבע צו זייער פֿאַטערלאַנד. אפילו דער קאָנזול אַליין פֿלעגט זיך אויך ניט פֿערשאָנען אין סַכָּנָה זיך צו וואַרפֿען פֿאַר דאָס פֿאַטערלאַנד, און מיט זיין איינשטעלען דאָס לעבען פֿלעגט ער געבען אַ ביישפּיעל ווי מען דאַרף זיך ניט שאַנעווען אום נור דאָס פֿאַטערלאַנד צו ראַטעווען. אזוי האָט זיך געאָפּפֿערט דער קאָנזול דעציוס מוס און אויך זיין זוהן פֿון דעם אייגענעם נאָמען, פּ. דעציוס מוס אין בלוטיגען קריעג מיט די לאַטינער, דער ערשטער אין דער גרויסער מִלְחָמָה ביים וועזוּף און דער צווייטער ביי דער גרויסער מלחמה ביי סאַנטינום (295). ווען מען האָט געדאַרפֿט דעם חיל ערהיטצען אין דער מלחמה מיט'ן שטאַרקען שׂונא, פֿלעגען די קאָנזולען נעהמען דעם אָדלער, דעם צייכען פֿון דעם רוימישען חַיִל, און וואַרפֿען אין מיטען פֿון דעם שׂונא'ס חיל, כּדי די רוימער זאָלען זיך וואַרפֿען אין די רעכטע געדיכטקייט פֿון די שׂוֹנְאִים צו ראַטעווען זייער אָדלער, דעם צייכען פֿון זייער גבורה, און דעם פֿיינד מְנַצֵחַ זיין. עס זיינען אויך געוועזען ביי זיי שטרענגע געזעטצע צו בעשטראָפֿען די בַּעֲלֵי מִלְחָמָה, וועלכע האָבען ניט געוואָלט זייער לעבען איינשטעלען; אָבער נאָך שטרענגער איז ביי זיי געוועזען פֿערבאָטען זיך אין אַ געשלעג מיט איינעם אַריין צו לאָזען, ווען עס איז נאָטהיג געוועזען זיך צו שלאָגען מיט אַ רַבִּים, וואו די סכנה איז גרעסער און די גבורה נאָטהיגער, אַזוי איז בעוואוסט די מעשה פֿון דער קאָנזול מאַנליוס טאַרקוואַטוס מיט זיין זוהן, וועלכער האָט בעדאַרפֿט געהען מיט אַ שאַר פֿון רייטער אוים צו קוקען דעם שטאַנד פֿון דעם שׂונא (די לאַטינער). דער אַנפֿיהרער פֿון שׂונא האָט אַרוים גערופֿען דעם זוהן פֿון קאָנזול מיט איהם צו שלאָגען זיך איינער געגען דעם אַנדערן. דער יונגער פּ. מאַנליוס טאַרקוואַטוס האָט איינגעווילינגט און איהם טאַקי טויט געשלאָגען, און איז מיט שִׂמְחָה געקומען צום פֿאָטער אין לאַגער, ברייגענדיג איהם די געוועהר פֿון דעם ערשלאָגענעם שׂונא צו ווייזען זיין נִצָחוֹן; דער פֿאָטער האָט איהם אמת געלויבט פֿאַר זיין גבורה, אָבער אַלס אונגע־הערזאַמער סאָלדאַט וואָס האָט ניט געפֿאָלגט וואָס דער קאָנזול האָט געהייסען און אַריינגעטרעטען אין אַ געשלעג מיט אַ איינציגען שׂונא, האָט ער זיין אייגענעם זוהן פֿערמשפּט צום טויט.

נור ניט שטענדיג איז געוועזען די הַצְלָחָה אויף די זייט פֿון די רוימער, איבערהויפּט

ביי די מלחמות פון דעם צווייטען זאַמניטער קריעג. אין יאָהר 321 האָט פ אָ נ ט י ו ס דער זוהן פון ה ע ר ע נ י ו ס, אַנפיהרער פון די זאַמניטער, פיעל מאָל פאָרגעשלאָגען די ראָמער צו מאַכען פריעדען מיט זיי; אָבער די שטאָלצע ראָמער האָבען גאָר ניט געוואָלט הערען און שלאָגענדיג זיך ווייטער האָט פאַנטיוס געהאַט דאָס מַזָל דעם גאַנצען ראָמישען חיל אַריינצוּנאַרען אין אַ ענגען גאַנג דורך די בערג, צווישען קאַפּוּאַ און ב ע נ ע ו ע נ ט ו ם, און פלוטצלינג זיינען אויף זיי די זאַמניטער אָנגעפאַלען און זיי אַרומגערינגעלט; די ראָמער האָבען זיך מיט גרויס חַרְפָּה און שווערע פונקטען פון זיי אויסגעקויפט, אויסער דעם גרויסען קְנַס וואָס זיי האָבען געמוזט אַרויסצאָהלען, האָט מען זיי אַנדערש ניט אַרויסגעלאָזען נור אָבנעהמענדיג אַלע זייערע קליידער און געוועהר און אַזוי האַלבנאַקעט האָבען אַלע ראָמישע חיל, אַפִילוּ זייערע פיהרער און קאָנזולען געמוזט געהן צווישען די לאַכענדע שונאים אונטער אַ תְּלִיָה, וואָס דאָס איז געווען פערעכענט פאַר דער גרעסטער חַרְפָּה. נור קוים האָבען זיך די ראָמער פון זיי בעפרייעט, האָבען זיי אַ שווערע נְקָמָה פון זיי גענומען. דער קאָנזול פ י ל פ י ס ו ס ק ו ר ז י א ָר און דער דיקטאַטאָר פ אַ ב י ו ס האָבען זיי געבראַכט איין מַפָּלָה נאָך דער אַנדערע, און צום סוף האָט קוריוס דענטאַטוס אויף זיי געבראַכט די לעטצטע מפלה און גאַנץ אונטערטעהניג געמאַכט (290).

נאָכדעם ווי די זאַמניטער זיינען אונטעריאָכט געוואָרען, האָבען די ראָמער בעקומען חֵשֶׁק די שאָנע און רייכע לענדער פון אונטער-איטאַליען איינצונעהמען. די שאָנע שטאָדט און די אומגעגענדען האָבען גראָסטענטהיילס געהאָרט צו די גריעכען. די שאָנסטע און רייכסטע שטאָדט פון דיזע איז געוועזען די בעריהמטע ים-שטאָדט ט אַ ר ע נ ט. די טאַרענטינער אַליין האָבען די ראָמער צום קריעג גערייטצט; זיי האָבען ראָמישע שיפען געראַבט און מיט גרויס חוּצְפָּה דעם ראָמישען שָׁלִיחַ פ אַ ס ט ו מ י ו ס, וועלכער האָט געפאָדערט זיי זאָלען די ראָמער מְפַצֶה זיין, אָפּען בעליידיגט. די רייכע איינוואָהנער פון טאַרענט זיינען געווען צופיל פערעדעלט און צו תַּעֲנוּגִים געוואָהנט, זיי זאָלען זיך אַריינלאָזען אין מלחמה מיט די קריעגסגעוואָהנטע ראָמער, דאַהער האָבען זיי צו זיך גערופען דעם קעניג פון צפון פון גריכענלאַנד, פ י ר ר ה ו ס פון ע פּ י ר ו ס, ער זאָל פאַר זיי דעם קריעג מיט די ראָמער פיהרען. פּיררהוס איז געווען איינער פון די בעריהמטעסטע פעלדהעררן פון יענער צייט; ער איז געווען אַ קָרוֹב פון אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניען, און נאָך זיין מעטהאָדע קריעג געפיהרט. ער האָט געוואָלט די ראָמער פערשטאָרען פון גרויסגריעכענלאַנד (אַזוי האָט זיך דאַמאָלס אונטער-איטאַליען אָנגערופען) און די קאַרטאַהגער (פון וועלכע מיר וועלען שפּעטער רעדען) פון סיציליען. ער האָט זיך איינגעשיפט מיט זיין עִיקָר חיל 25,000

מאַנן גוטע בַּעֲלֵי־מִלְחָמָה מיט 20 צום קריעג־געוואָהנטע עלעפאַנטען.

אָט דאָס איז געווען איין ערנסטער שונא מיט וועלכע די ראָמער האָבען זיך יעצט געהאַט צו שלאָגען, אונ דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי האָבען געהאַט זיך אַריינצולאָזען אין אַ מלחמה מיט אַ גוטען געלערנטען גריכישען חיל. אָבער די ראָמער האָבען דעם מוטה ניט פערלאָרען, אונ מיט בעזינונג זיך צוגעגרייט צו דער מִלְחָמָה, זיי האָבען די צאָהל פון חיל גרויס געמאַכט, די שוואַכע שטאָדט בעפעסטיגט אונ מיט חיל בעזעצט. אין דער שטאָדט פראֶנעסטע וואו עס זיינען געווען ניט קיין זיכערע פיהרער אויף וועלכע מען האָט זיך ניט געטאָרט פערלאָזען האָט מען זיי געחאַפּט אונ צום טויט פערמשפט, דאַן זיינען זיי רוהיג אונ זיכער אַרויסגעטרעטען געגען דעם גריכישען העלדען, אונ חאָטש זיי האָבען שוין 2 מפּלות פון איהם געהאַט, האָבען זיי דעם מוטה ניט פערלאָרען אונ שטאַרק געהאָפט דאָס סוף כָּל סוף וועלען זיי אויספיהרען.

מלחמה ביי הערַאַקלעאַ (280). די ראָמער זיינען פירהוס מוטהיג ענטגעגען געקומען אונ אין יאָהר 280 פאַר קר. איז ביי דער שטאָדט הערַאַקלעאַ אין לוקאַניען צו אַ מלחמה געקומען. די ראָמער האָבען מיט זייער כח געשטריטען אַנטגעגען די תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה פון די גריכען, אונ וואָלטען גובר זיין געגען פירהוס'ן, ווען ער וואָלט ניט געטהון דאָס לעצטע מיטעל אונ אַרויס לאָזען זיינע עלעפאַנטען געגען די ראָמער. דיעזע שרעקליכע חַיוֹת זיינען אַרויס מיט גרויס צאָרן געגען די פיינדע, יעדער פון זיי האָט געטראָגען אויף זיך אַ הילצענעם טהורם, אין וועלכען עס זיינען געווען גריכישע סאָלדאַטען, דאָ איז אָנגעפאַלען אויף זיי אַ גרויסע אֵימָה, זיי זיינען זעהר צומישט געוואָרען, אַזעלכע חיות האָבען זיי פאַר זיך נאָך קיין מאָל ניט געהאַט. זייערע פערד זיינען אויך ערשראָקען געוואָרען אונ האָבען זייערע רייטער פון זיך אַראָפּ געוואָרפען, די מפּלה פון די ראָמער איז געווען שרעקליך, ווער עס האָט ניט אויספּעיעט צו אַנטלויפען איז צוטרעטען געוואָרען פון די פיס פון די שווערע אומגעלומפּערטע עלעפאַנטען, אָדער ערשאָסען געוואָרען פון די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען פערשטעקט אין זייערע טהורעמס. 7,000 געהרגיטע קריעגער האָבען פערדעקט דאָס פעלד פון דער מלחמה. אָבער אויך פירהוס'ן האָט דער קריעג גענוג טהייער געקאָסטעט, זיינע בעסטע סאָלדאַטען 4,000 אין דער צאָהל זיינען געלעגען ערשלאָגען, ער אַליין איז אויך געווען אין סכּנה געהרגיט צו ווערען. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּלויבען די גבורה פון די ראָמער, ער האָט געזאָגט אויף זיי: „מיט אַזעלכע סאָלדאַטען וואָלט איך די גאַנצע וועלט איינגענומען”.

נאָך דיעזער מלחמה ביי הערַאַקלעאַ האָט פירהוס גערעכענט וועלען די ראָמער ביי זיך אַראָפּפאַלען אונ איהם בעטען שלום צו מאַכען. דאַהער האָט ער געשיקט ציִנעאָס זיינעם אַ מיניסטער אונ גרויסען חכם אין דער פּאָליטיק, וואָס אויף איהם

פֿלעגט דער קאָניג זאָגען, דאָס ער האָט מעהר שטאָדט איינגענומען מיט זיין צונג ווי ער אַליין מיט זיין שווערדט, צו ריידען מיט די רוימער וועגען שלום מאַכֿען. דורך זיינע חיטרע רייד האָבען שוין פֿיעלע רוימער איינגעוויליגט שלום צו מאַכֿען. מיט אַ מאָל האָט זיך געוויעזען דער אַלטער סענאַטאָר, אַפּיוס קלוידיוס. ער איז אויף אַ רוימישע אֲסֵיפָה שוין לאַנג ניט געוועזען, ווייל ער איז געוועזען בּלינד אונ שוואַך. נאָר דאָס מאָל האָט ער געהייסען מען זאָל איהם בּרענגען צו טראָגען אין סענאַט אונ דאָרט אַזוי געזאָגט: „בּיז אַהער האָבּ איך נאָר בּעדויערט וואָס איך בּין בּלינד אונ קען ניט זעהען, איצט אָבּער וואָלט איך ווינשען אויך טויב צו זיין, אום ניט צו הערען די אונאַנשטאָנדיגע רייד פֿון אייער פַּחְדָנות. צו דאַרום האָט איהר זיך שטענדיג געריהמט מיט אייער גְבוּרָה, אום אַם ענדע פֿאַר אַזעלכֿע מענשען צו ציטערן וועלכֿע האָבּען שטענדיג געציטערט פֿאַר די מאַקעדאָניער". ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט בּיז ער האָט זיין ווילען אויסגעפֿיהרט, אונ דער סענאַט האָט אָבּגעלאָזען דעם ציניעאָס מיט דער דאָזיגער תשובה: „עס קען פֿון פֿריעדען גאָר קיין רעדע זיין כָּל זְמַן פּירהוס וועט זיך געפֿינען אין איטאַליען". דער מיניסטער האָט עס דעם גריכֿישען קאָניג איבּערגעגבּען אונ מיט פֿערוואונדערונג נאָך דיזע ווערטער צוגע־געבּען: „דער סענאַט ווייזט מיר אויס אַלס אַ צוזאַמענקומען פֿון גרויסע מְלָכִים, אונ דאָס פֿאָלק ווייזט מיר אויס נאָך מעהר אין צאָהל אונ מוטה ווי פֿריהער".

בּאַלד האָט פּירהוס געהאַט אַ געלעגענהייט זיך טאַקי אַליין דערפֿון צו איבּער־ציינען. די רוימער האָבּען צו איהם געשיקט שְׁלוּחִים זיך אומצובּייטען מיט די געפֿאַנגענע. בְּראש פֿון די שלוחים איז געוועזען דער סענאַטאָר פֿאַבּריציוס, דיזער בּעריהמטער מאַן איז גיוועזען זעהר אַרעם, הֲגַם אין דער מֶמְשָׁלָה האָט ער געהאַט די גרעסטע משינען אונ טיטולען. זיינע גאַנצע זילבּער געפֿעס איז בּעשטאַנען נור פֿון אַ איינציגען בּעכֿער. פּירהוס האָט דעם עדעלען מענשען מְקַבֵּל פָּנִים געוועזען מיט גרוים כָּבוד אונ האָט איהם גרויסע מַתָּנוֹת געוואָלט געבּען אַלס ציינכֿען פֿון אַכֿטונג אונ פֿריינדשאַפֿט, אָבּער ער האָט זיי בְּשום אופֿן ניט געוואָלט נעהמען; אויף דעם אַנדערן טאָג האָט דער קאָניג געוואָלט זעהן אַ פּראָבּע ווי ווייט ער איז ניט קיין עדשראָקענער מענש, ער האָט אין דעם געצעלט וואו ער האָט מיט איהם געהאַט צו ריידען בּסוד הינטערן פֿאָרהאַנג זיין גראָסטען עלעפֿאַנטען אַריינגעלאָזען, אונ ווי עס איז געקומען די צייט דערצו איז דער פֿאָרהאַנג אויפֿגעהויבּען געוואָרען, אונ די שרעקליכֿע חיה איז צוגעגאַנגען מיט אַ גרוים געשריי אויף פֿאַבּריציוס. אָבּער ער האָט זיך אומגעווענדעט אונ גאַנץ געלאַסען צו איהם געזאָגט: „ווי ווענינ דיין גאָלד האָט מיך געריהרט נעכֿטען אַזוי ווענינ ריהרט מיך היינט דיין עלעפֿאַנט". פּירהוס איז נִבְהָל וּמִשְׁתּוֹמֵם געוואָרען איבּער דעם אונערשראָקענען מוטה פֿון דיעזען מאַן, עס האָט זיך איהם געגלוסט פֿרידען צו מאַכֿען מיט דעם פֿאָלק פֿון אַזוי אַ אוים־

געציי־כענטען מאַן, ער האַט פערלאַנגט זיינע געפאַנגענע פון די האַנד פון די ראָמער אויסצולאָזען, דאַגעגען האַט ער פאָרגעשלאָגען זייערע געפאַנגענע אומזיסט פריי צו לאָזען. פערלאַנגענדיג דעם פריעדען האַט ער ערלויבט די ראָמישע געפאַנגענע צו געהן נאָך דאָם צוגלייך מיט דיזע שלוחים צוזיין מיט זייערע שכנים צו זאַמען אויף אַ ראָמישען יום־טוב וואָס איז אויסגעפאַלען צו זיין בקרוב. ווען דער סענאַט אָנ־גענומען זיין פאָרשלאַג, קאָנען זיי צו הויז פריי בלייבען, ווען אָבער נישט, זאָ וועלען זיי מוזען צו איהם צוריק זיך שטעלען. דער סוף איז געוועזען, דער סענאַט האָט זיינע פאָרשלאָגע ניט אָנגענומען, און די געפאַנגענע זיינען צו איהם צוריק געקומען.

מלחמה ביי אַסקולום (279). אום צו צווינגען די ראָמער מיט איהם שלום צו מאַכען, איז פירהוס געצויגען נאָך אַפּוליען און דאָרט איז עס געקומען ביי דער שטאָדט אַסקולום (אַסקאָלי) אין יאָהר 279 צו אַ צווייטע גרויסע מלחמה. אויך אין דיזער מלחמה האָט פירהוס דורך זיינע עלפאַנטען מנצח געוועזען; ער האָט אָבער אַזוי פיעל סאָלדאַטען פערלאָרען, דאָס ער האָט ערשראָקען אויסגערופען! „אָך, נאָך אַזוי איין נצחון בין איך פערלאָרען!". אין דעם אַנדערן יאָהר האָט פאַבריציוס אַליין אַנגע־פיהרט דעם ראָמישען חיל. מיט אַ מאָל האָט ער בעקומען אַ בריעף פון פירהוס לייב־דאָקטאָר, וואָס אין איהם האָט ער זיך אָנגעבאָטען דעם קאָניג צו פערגיפטען. פאַבריציוס איז אויפגעשוידערט געוואָרען דאָס לעזענדיג. ער האָט געוואָלט מנצח זיין איבער דעם שונא עהרליך, מיט דעם געוועהר אין דער האַנד, אָבער ניט דורך פאַלשקייט, דורך אַריינגעמישטען סם. מיט געדעכטען כעס האָט ער אַריינגעשריבען אַ בריעף צו פירהוס, ער זאָל וויסען ווער איז זיין אמת'ער פיינד, צו די וואָס שטעהען עהרליך אין קריעג, צו די וואָס פערשטעלען זיך דאָס זיי בעדיענען איהם און ווילען איהם פערגיפטען. אַלס דער קאָניג האָט עס דורכגעלעזען האָט ער אויס־גערופען: „יאָ, דאָס איז דער זעלבער פאַבריציוס, וועלכען מען קען ניט אויף קיין פאַל אַראָפפיהרען פון עהרליכקייט ווי די זאָנגע פון איהר אייביגען גאַנג צום ער־לייכטען די וועלט". דאַרויף האָט ער געהייסען דעם ניעדערטראָכטיגען דאָקטאָר הענגען; צו די ראָמער אָבער האָט ער אָבגעשיקט די אַלע וואָס זיינען דורך איהם געפאַנגען געוועזען, ניט נעהמענדיג פאַר זייער פרייהייט קיין אויסקויפגעלד. און דער־ביי האָט ער די ראָמער ווידער פאָרגעשלאָגען מיט איהם שלום צו מאַכען. ער האָט אָבער ווייטער די זעלבע תשובה פון זיי ערהאַלטען, דאָס כל זמן ער האָט ניט אָפּגעטרעטען פון איטאַליען איז גאָר ניט צו ריידען פון אַ שלום. פאַר די בעפרייעטע געפאַנגענע פון זיין חיל האָט ער צוריק בעקומען אַזוי פיעל גריכישע געפאַנגענע פון זיין חיל.

פון אַזוי אַ מין פעסטקייט פון די ראָמער איז פירהוס געבליבען אָן איין עצה ווי צו ווערען מיט זיי שלום: צו דערוועגען זיך צו נאָך אַ מלחמה, אין וועלכער

ער האָט געקענט פּערליערען אַ האַלבען חיל, אָדער אומצוקעהרען זיך אַהיים צוריק מיט חרפּה. פון דער צומישטע לאַגע האָט איהם אַרויסגעהאָלפען די אינזעל סיציליען, וועלכע האָט איהם צו הילפע גערופען געגען די קאַרטהאַגער, איהרע פיינדע. ער האָט געאַיילט אַהין און האָט צו זיך פעראייניגט אַלע גריכישע שטאָדט פון דער אינזעל, אום די קאַרטהאַגער צוריק צושטויסען; אָבער באַלד זיינען אַלע אונצופרידען געווען מיט דעם קאָניגס שטרענגע פיהרונג פון זיין חיל, דאַן ווידער האָבען די טאַרענטינער איהם שטאַרק געבעטען ער זאָל איילען זיי צו הילף, אַלזאָ איז ער נאָך צוויי־יאָהריגעם זיין אויף סיציליען צוריק געצויגען נאָך ראָם. נאָר פאַר זיין אַרויסגעהן פון דאָרט האָט ער פאָרויס געזאָגט אז צוליעב די אינזעל וועט אַמאָל אַרויס שפּרינגען אַ גרויסע שׂנאה צווישען ראָם און קאַרטהאַגאָ. די ראָמער האָבען איהם אַנטגעגען געשיקט זייערע ביידע קאָנזולען מיט אַ גרויסען חיל. איינער פון די ביידע קאָנזולען איז געווען קוריום דענטאַטוס, וועלכער איז געוועזען עדעל און עהרליך ווי פאַבריציוס. אַלס ער איז צום ערשטען מאָל געוואָרען קאָנזול, האָבען די זאַמניטער צו איהם שלוחים געשיקט, ער זאָל זיי העלפען. ווי זיי זיינען צו איהם געקומען האָבען זיי איהם געפונען ווי ער זיצט און עסט פון איין הילצערנע שיסעל ריבען, וועלכע ער אַליין האָט זיי אויסגעקאָכט. זיי האָבען איהם זייער בַּקשה געזאָגט, און גרויסע מַתּנות דערפאַר פאָרגעשלאָגען. ער האָט אָבער קיין זאַך ניט אָנגענומען. דער דאָזיגער עהרליכער מאַן איז איצט געשטאַנען געגען פּירהוס, אָבער אויך גאַנץ ראָם האָט זיך געגען דיעזען געפאָהרליכען שונא געשטעלט, און זיך גוט צו געגרייט צו אַ מלחמה מיט איהם. און אַלס פּירהוס איז נאָך איטאַליען צוריקגע־קומען, האָט ער געפונען, דאָס די אומשטאָנדע האָבען זיך זעהר צו זיין רָעָה פער־אָנדערט, און די באַלדיגע מלחמה האָט עס טאַקי בעוויזען.

אין דער מלחמה ביי בענעווענטום (275), האָט פּירהוס ווידער גע־רעכענט אויף זיינע עלעפאַנטען, דאָס זיי וועלען איהם דעם נִצָּחון ברייגען. אָבער די ראָמער האָבען יעצט אַ גוט מיטעל געפונען אַנטקעגען זיי, ווי זיך פון זיי צו העלפען. זיי האָבען צו זיי געברויכט שמשון הגבור'ס מיטעל (שופטים ט״ו ד׳), האָבען צווישען זיי אַריינגעוואָרפען ברענענדע פעך שטאָלקאַרצען, זאָ דאָס זיי זיינען ווי משוגע זיך צולאָפען, און דעם גאַנצען חיל פון פּירהוס צומישט און אין שרעקען געבראַכט. דאָס חיל איז גאַנץ צושלאָגען געוואָרען און דער מלך אַליין איז מיט איניגע רייטער געשווינד אַנטלאָפען. קוריוס דענטאַטוס וואָס האָט גע־וואונען דעם נצחון איז צוריקגעקומען אַהיים מיט גרוים פאַראַד צור פריידע פון זיין גליקליכעם פאָלק.

איינִיגע וואָכען נאָך דער מַפּלָה איז פּירהוס פון איטאַליען אָפּגעטרעטען, און מיט דעם רעשט פון זיין חיל אין שיפען איבער דער שטאָדט טאָרענט צוריק אַהיים

געפֿאָהרען. באַלד נאָכֿדעם האָט ער זיך פֿערוויקעלט אין אַ מִלְחָמָה ביי אַרגאָס אונ פֿעלעפּאָנעז אונ דאָרט איז ער געהרג'ט געוואָרען. טאַרענט איז יעצט שטאַרק גע־דריקט געוואָרען פֿון צוויי זייטען, אויף דער יַבָּשָׁה פֿון די ראָמער אונ אויפֿ'ן יַם פֿון די קאַרטהאַגער, אונ האָט זיך סוף כָּל סוף צו די ראָמער גאַנץ איבערגעגעבען (272). מיט טאַרענט איז צו ראָם גאַנץ אונטער־איטאַליען צוגעפֿאַלען, אונ ראָם איז אַזוי גרויס געוואָרען, דאָס אין יאָהר 266 פֿאַר קר. האָט גאַנץ איטאַליען פֿון די דרום־שפּיטצען ביי רהעגיום אונ לויקאַ ביז צום צפֿון ביי די גרענץ־טייכֿען רוביקאָ אונ מאַקראַ שוין צו ראָם געהערט. אום די איינגענומענע לאַנדער צו זיך פֿעסט צו צובינדען, האָבען די ראָמער צווישען זיי זייערע אָרעמע ברידער בעזעצט אַלס קאָלאָניסטען, אונ זיכֿערע וועגען געאָרדנעט צו זייערע שטאָדט, עס זאָל לייכֿט זיין צו זיי צו צוקומען.

די מלחמות מיט פירהוס זיינען געווען פֿאַר די ראָמער אַ גוטע שולע, די חַכְמֵי מִלְחָמָה גוט צו ערלערנען. אָבער ניט נור די מיטעל ווי מלחמות צו פֿיהרען האָבען די ראָמער ערלערנט פֿון די גריכֿען, זיי האָבען אויך פֿון זיי גענאַשט גריעכֿישע בילדונג. די טהייערסטע זאַכֿען, בילדער געמאָלטע אונ אין שטיין גע־האַקטע (סטאַטוען), וועלכֿע מען האָט פֿון די איינגענומענע שטאָדט נאָך ראָם גע־בראַכֿט; איבערהויפּט פֿון דער שטאָדט טאַרענט, האָבען געדיענט פֿאַר די בילדונג פֿון די ראָמער אַלס גוטע פֿאָרמען פֿון זיי צו לערנען ווי עס צו מאַכֿען. גריעכֿישע שקלאַווען האָבען געדאַרפֿט זיין לעהרער ביי זייערע קינדער, אונ אַזוי איז ראָם ביסליכֿ־וויז צייטיג געוואָרען צו ווערען וועלט־בעריהמט, ניט נור דורך גְבוּרָה אין איהרע מלחמות, נור אויך דורך חָכְמָה אין אַלערליי קינסטע אונ וויסענשאַפֿטען.

ערשטער פּונישער קריעג (264—241).

נאָכֿדעם ווי די ראָמער האָבען אָבגענומען דאָס לעצטע פֿאָלקערשאַפֿט אין אונטער־איטאַליען אין יאָהר 266 פֿאַר קר. אונ די גאַנצע איטאַליאָנישע האַלב־אינזעל אונטער געטהאָניגט, זיינען זיי באַלד פֿערוויקעלט געוואָרען אין מלחמות מיט אַנדערע אומות. פֿון דרום־זייט האָבען זיי איינגענומען אַם ברעג ים דעם צפֿון־טהייל פֿון אַפֿריקאַ, אין מערב־זייט די פירענעישע האַלב־אינזעל (שפּאַניען אונ פּאָרטוגאַל), אין מזרח־זייט די גריעכֿישע האַלב־אינזעל; אפילו אין אַזיען האָבען זיי אָנגעפֿאַנגען נייע לאַנדער איינצונעהמען. אַזוי האָבען זיי אין פֿערלויף פֿון די וויטעריגע אַנדערטהאַלבען הונדערט יאָהרען די וויכֿטיגסטע לאַנדער אַם מיטעל־מעער (יַם הַתִּיכוֹן) איינגענומען. אונ די וויכֿטיגסטע אונ די גראָסטע מלחמות וועלכֿע זיי האָבען צו דיעזעם צוועק גע־פֿיהרט, זיינען די דריי פּונישע קריעגען געגען קאַרטהאַגאָ, וועלכֿע איז זעהר מאַכֿטיג געווען אין מִסְחָר פֿון יענער צייט.

אויף דעם שאָנען, רייכען אינזעל סיציליען אין דרום=זייט פון איטאַליען, האָבען די פהאָניציער (כְּנַעֲנִים) פון גאַנץ אַלטע צייטען געבויעט קאָלאָניעס פאַר זייערע אייגענע ברידער, צו וועלכע עס האָבען זיך צוגעזעללט פיעל שטאָדט בעזעצט פון גריעכען. צווישען זיי איז די שטאָדט סיראַקוס געווען די וויכטיגסטע. איהרע איינוואָהנער האָבען בעקומען ביסלעכווייז די אויבער=האַנד איבער דעם מזרח=זייט פון דעם אינזעל, בְּעֵת די לאָנדער פון מערב=זייט זיינען ביסלעכווייז איינגענומען געוואָרען פון די קאַרטהאַגער, וועלכע זיינען הערוים געקומען פון די פהאָניציער.

קאַרטהאַגאַ דער אייגענטליכער אָרט וואו די אייניקלעך פון די כנענים האָבען געוואָהנט, איז געווען אין צפון=זייט פון אַפריקאַ אויף דעם ברעג ים וואו עס איז איצט דאָס לאַנד טונים. פון איהר ווירד ערצאָהלט: דאָס זי איז געבויט געוואָרען אין נײַנטען יאָהר הונדערט פאַר קר. פון דער פהאָניצישען קאָניגין דידאָ, בְּשַׁעַת זי איז ענטלאָפען פון איהר פיינדליכען ברודער פיגמאַליאָן, דעם מאָרדער פון איהר מאַן זיכאָלים. אַלס די קאָניגין איז ענטלויפענדיג אָנגעקומען צו דעם ברעג יַם, פון וועלכען די איינוואָהנער זיינען געווען בעפריינדעט מיט פהאָניציען איהר פאַטערלאַנד, האָט זי פון זיי פערלאַנגט מען זאָל איהר געבען אַזוי פיעל לאַנד וויפיעל עס קען פערנעהמען די פעלל פון אַ אָקס, אָבער ווי פערוואונדערט זיינען די לייט געוואָרען נאַכהער, אַלס דידאָ האָט צושניטען די אָקסען=הויט אויף זעהר דינע פאַסען (ריעמען), אונ עס האָט זיך ערוויזען דאָס די ערד פערנעהמט אַ רעכט ווייטען פלאַטץ. אויף דיעזען פלאַטץ האָט זי ערבויעט אַ ציטאַדעל אָנגערופען בירזאַ, ד. ה. „אָקסענפעלל". ביסלעכווייז זיינען צוגעקומען הייזער אונ בִּנְיָנִים ביז עס איז אַרום דער „בירזאַ" געוואָרען אַ גרויסע שטאָדט, אונ דורך דעם גרויסען מִסְחַר אויף דער יַבָּשָׁה אונ דעם ים, איז קאַרטהאַגאַ אַזוי גרויס געוואָרען, דאָס אין איהר גוטע צייט איז די צאָהל פון איהרע איינוואָהנער דערגאַנגען ביז זיעבען הונדערט טויזענד מאַן. זי איז פול געוואָרען מיט גראָסאַרטיגע פּאַלאַטצען צו דער זייט פון ים, וועלכע האָבען זיך געצויגען געראַדע צו דער ציטאַדעלע אונ זיינען דאָס רוב געוועזען 6 שטאָק (גאָרען) די הויך. ווייל די איינוואָהנער זיינען עַל פִּי רוב געווען פהאָניציער, פלעגט מען זיי רופען צו פערקירצען זייער נאָמען פּאָנער אָדער פּוּניער. נאָך דעם חאַראַקטער פון די כנענים איז מסחר אונ אומפאָהרען אין שיפען געווען דער עִיקָר פון זייער בעשעפטיגונג, אונ דורך דעם איז די נייע קאָלאָניע געוואָרען גרויס דאָס זי האָט געהעררשט איבער אַלע יַמִּים. אויסער די הערשאַפט פון די פּוּניער אין אַפריקאַ, האָבען זיי אויך איינגענומען די גרויסע אינזעל סאַרדיניען אין מיטעל=ים, אַ גרויסען טהייל פון שפאַניען, אונ ווי מיר האָבען פריהער געזעהען אויך פון סיציליען. זיי האָבען דַוְקָא געוואָלט בעהעררשען אויך די גרויסע

רייכע האַנדעלס-שטאָדט טאָרענט, און טאַקי באַלד נאָכדעם ווי פּירהוס איז אָב-געטראָטען פון איטאַליען, איז אַהין געקומען זייער פלאָטטע זו איינצונעהמען, אָבער די ראָמער האָבען עס פאַר האַפּט אויף פריהער, און זייט דאַמאָלס האָט זיך אָנגע-הויבען אַ גרויסע קִנְאָה צווישען די ביידע מאָכטיגע פעלקער, קאַרטהאַגאָ און ראָם. דער עִיקר האָבען זיי צוזאַמען געגלאָצט די אויגען אויף די רייכע סיציליען, וועלכע איז געלעגען צווישען דעם רְשוּת פון ביידע פעלקער. ביי אַזוי אַ אַנגעשטעלטקייט פון ביידע צְדָדִים, האָט געמוזט יעדע קליינע אורזאַכע ברייגגען צו אַ גרויסען קריעג צווישען ביידע. אַזוי איז מְקוּיָם געוואָרען די נְבוּאָה וועלכע פּירהוס האָט געזאָגט. ביידע האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו מישען אין די עֲסָקִים פון די סיציליאַנער און דער פון האָט אויסגעבראָכען צווישען זיי אַ גרויסער קריעג.

אַגאַטהאָקלעס דער געוואַלט-הערשער פון סיראַקוס האָט צו זיך צוגע-צויגען אַ חַיִל פון גִבּוֹרִים, וועלכע האָבען זיך אָנגערופען מאַמערטינער ד. ה. זיהן פון דעם קריעגסגאָט מאַרס. נאָכדעם ווי אַגאַטהאָקלעס האָט זיי פון זיך אַוועקגעלאָזען, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו רויבען און צו טהון גרויסע רְצִיחוֹת אין גאַנצען לאַנד, בְּעִיקָר אין דער שטאָדט מעסאַנאַ (מעסינאַ). צו הילף פון דער שטאָדט האָט געאיילט היעראָ, וועלכער איז געווען פריהער פעלדהערר און נאָכהער קעניג פון סיראַקוס, און האָט זיי בעלאַגערט. אַלס די מאַמערטינער זיינען פון איהם שטאַרק בעדראָנגט געוואָרען, האָבען זי זיך אַרום געזעהען נאָך פרעמדע הילף, אָבער ביי זיי איז קיין אַחְדוּת ניט געווען, דערום האָבען זיי זיך געטהיילט: די האָבען געוואָלט שוטץ זוכען ביי ראָם, און די — ביי קאַרטהאַגאָ. דער ראָמישער סענאַט האָט אֲפִילוּ ניט געפונען פיר פּאַסענד זיך פאַר אַזוי אַ באַנדע רויבער אָנצונעהמען, אָבער דער נוטצען האָט איבערגעוואָגען איבער אַלעס. דערווייל האָבען די מאַמערטינער אויפגענומען צו זיך אין מעסאַנאַ די קאַרטהאַגער. פאַר די קאַרטהאַגער איז דאָס געווען זעהר וויכטיג, דען נעהמענדיג דיעזע שטאָדט וואָלטען זיי געהאַט אַ טהייל אין רהעגיום צוגלייך מיט די ראָמער, און וואָלטען גלייך מיט זיי געהאַט די מֶמְשָׁלָה איבער דעם שפּיטץ ים דאָרט. די ראָמער האָבען דאַריבער אַלץ פּרובירט אום פון די קאַרטהאַגער פון דאָרט פָּטוּר צו ווערען: אויף צוזאַמען געבראַכטע שיפען זיינען זיי אָנגעקומען מיט זייער קאָנזול אַפּפּיוס קלוידיוס אין מעסאַנאַ, האָבען דורך אַלערליי מיטעל אַריינגעכאַפּט די מֶמְשָׁלָה איבער דער שטאָדט, און די קאַרטהאַגער פון דאָרט אַרויסגעטריעבען. אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען דער ערשטער פּונישער קריעג, וועלכער האָט 23 יאָהר געדויערט.

די ראָמער האָבען וועניג געהאַט צו האָפען אין אַ קריעג מיט די קאַרטהאַגער

עטוואס אויסצופיהרען, דען די ראָמער זיינען נור געווען תּקיפים אויף דער יַבָּשָׁה גיט אויף'ן אָפענעם ים. זיי האָבען געהאַט נור האַנדעלס-שיפען, בְּעֵת די קאַרטהאַגער האָבען געהאַט אַ שרעקליכע קריעגס-פלאָטע מיט אַ גענימען חיל אויף'ן ים. אָבער די ראָמער האָבען געזוכט און געפונען מיטעל צו אַלעם. אַזוי ווירד ערצאָהלט, דאָס זיי האָבען געפונען אַ קאַרטהאַגישע, פון פעליזען צובראָכענע, קריעגס-שיף, און האָבען פון דער שיף אַראָפּגענומען אַ פאָרמע, און נאָך איהר הונדערט און צוואַנציג קריעגס-שיפען אויפגעבויעט.

כְּדֵי די ראָמער זאָלען ניט האָבען קיין מַפָּלָה פון די קאַרטהאַגער דורך דעם וואָס די קאַרטהאַגער זיינען פלינקער און געשיקטער אויף'ן ים ווי זיי, האָט דיליום דער אָנפיהרער פון דער ראָמישער פלאָטע ערפונדען די האַקקען צום ענטערן, ד. ה. צו איינטשעפען דאָס ראָמישע מיט דאָס קאַרטהאַגישע שיף דורך אַ וואַנד וואָס פעראייניגט איינעם מיט דעם אַנדערען עס זאָל ווערן צווישען ביידע ווי אַ גלייכע פּאָדלאָגע, אויף וועלכע די חֲיָלוֹת שטעהען געגען איינאַנדער צום שלאָגען זיך, גערצדע ווי אויף דער יבשה. די פּראָבע האָט זיך איינגעגעבען. און אין יאָהר 260 האָט דיליום דורך די ענטער-האַקען ביי מילאַ, דאָס היינטיגע מילאַצאָ, נאָהנט ביי רהעגיום, דעם ערשטען נִצָּחוֹן ערהאַלטען איבער די קאַרטהאַגער מיט זייערע שיפען. פאַר אַזוי אַ אונגעוואָהנליכען נצחון, האָבען איהם די ראָמער ערוויעזען אַ אונגעוואָהנליכען כָּבוֹד, זיי האָבען צו זיין כבוד אויפגעשטעלט אויף'ן מאַרק אַ מאַרמאָרנע זיילע מיט אַ אויפשריפט „לִכְבוֹד דעם גרויסען מְנַצֵּחַ".

געפאַנגענעהמונג פון רעגולוס (255). נאָך דעם ווי די ערשטע פּראָבע האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבען, האָבען די ראָמער געשיקט זייער קאָנזול אַטטיליוס רעגולוס נאָך אַפריקאַ, אום די קאַרטהאַגער אין זייער אייגענעם לאַנד איבערצופאַלען. אין אַנפאַנג איז דאָס אויך זעהר גוט געגאַנגען. אויף זיין רייזע אין אַפריקאַ איבערן ים, האָט רעגולוס אין יאָהר 256 ביים דָרוֹם ברעג פון סיציליען בעגעגנעט אַ גרויסע קאַרטהאַגישע פלאָטע, אויף וועלכע ער איז אָנגעפאַלען און זי גאַנץ צושלאָגען. נאָכדעם איז ער אַרויס אויף דער יַבָּשָׁה פון אַפריקאַ, האָט דאָרט פיעל שטאָדט איינגענומען און באַלד געשטאַנען פאַר די טויערן פון קאַרטהאַגאַ, און האָט זיך שוין צוגעגרייט אָנצופאַנגען זי צו בעלאַגערן. נור אין דער גרויסער נויטה האָבען די קאַרטהאַגער פּלוֹצליך בעקומען אַ אונגעריכטען רעטער. איין שפּאַרטאַנישער פעלדהערר קסאַנטיפּוס איז אָנגעקומען מיט אַ גוטען ערפאַהרענעם חיל פון געדונגענע סאָלדאַטען צוהילפע. רעגולוס האָט זיך געהאַלטען פאַר זיכער דאָס ער וועט מנצח זיין און איז דאַהער געווען אונפאָרזיכטיג, און האָט געהאַט

א שרעקליכע מַפָּלָה ביי טונעס. ער אַליין איז געפֿאַנגען געוואָרען, אונ פֿון די קאַרטהאַגער מיט גרויס פֿרייד אין זייער שטאָדט געבראַכט געוואָרען (255). דאַגע-גען האָבען די רוֹמער באַלד נאָכהער (250) איינגענומען די וויכטיגע שטאָדט פּאַ-נאָרמוּס אין סיציליען, דער עִיקר פּלאַטץ פֿון די וואָפֿען וועלכע די קאַרטהאַגער האָבען דאָרט געהאַלטען, אונ דאַן האָט סיציליען אויסגעוויזען פֿאַר די קאַרטהאַגער שוין גאַנץ פֿערלאָרען צו זיין.

ביי דער שלעכטער לאַגע האָבען די קאַרטהאַגער געשיקט שְׁלוּחִים נאָך רוֹם אום אויסצובייטען צווישען זיך זייערע געפֿאַנגענע, אונ אויב עס איז מעגליך שָׁלוֹם צו מאַכען. אום עס צו פּויעלען ביי די רוֹמער, האָבען די קאַרטהאַגער מיטגעשיקט מיט זייערע שלוחים אויך דעם רעגולוס, אום אָבצורעדען די פּונקטען אויף שלום. נור איידער ער איז אַוועק אין וועג, האָבען זיי פֿערלאַנגט פֿון איהם ער זאָל זיי שוואָרען, דאָס אויב עס וועט פֿון דער שלום גאָר נישט ווערען, זאָל ער צו זיי אַלס געפֿאַנגענער צוריק אומקעהרען. רעגולוס איז אַוועק נאָך רוֹם, אָבער אַנשטאַט זיי אַנצורעדען צו שלום, האָט ער זיי נאָך מעהר דערהיטצט צו דער מִלְחָמָה, ער האָט די רוֹמער אויפֿגעוויזען דאָס נור שוואַכקייט אונ אָראָפּגעפֿאַלענקייט ביי זיך צווינגען די קאַרטהאַגער זיך וועגען שלום צו בעמיהען. אונ דאָס האָט ער אַליין צוגערעדט האָטשי ער האָט גוט געוואוסט, דאָס דערפֿאַר וועט ער האָבען אַ מִיתָה מְשֻׁנָּה. מיט זיין עֵצָה האָבען די רוֹמער זיך אָבגעזאָגט פֿון שלום. דאַן האָט רעגולוס זיך נאָך קאַרטהאַגאָ אומגעקעהרט אונ טריי זיין שְׁבוּעָה געהאַלטען, נישט קוקענדיג אויף די געבעטען אונ געוויינען פֿון זיין ווייב אונ קינדער, זיי האָבען איהם בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט געקענט צוריקהאַלטען. ער איז נאָך קאַרטהאַגאָ צוריק געקומען אונ דאָרט האָבען זיי איהם מיט אַ שרעקליכען טויט פֿערמאַטערט.

באַלד דאַרויף האָט זיך די גאַנצע מאַכט פֿון דער מלחמה געקעהרט אויף דעם צָפוֹן-מַעֲרָב ברעג פֿון סיציליען. דאָרט זיינען געלעגען די לעצטע פֿעסטע ערטער ליליבוּים אונ דרעפּאַנום. דער הֶעלד האַמילקאַר באַרקאַס, דער פֿאָטער פֿון דעם בעריהמטען העלדען האַניבאַל, איז דאָרט בעפֿעהלסהאַבער געווען. אָבער צום סוף האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסע מפלה, און די קאַרטהאַגישע פֿלאָטע, וועלכע האָט געזאָלט אויפֿנעהמען זיין ערמידעטען חיל ביי די אַגאַטישע אינזעלן, אַנט-קעגען דעם אָרט ליליבוּים, איז פֿון דעם רוֹמישען קאָנזול לוטאַציוּס אין יאָהר 241 אין גאַנצען צושלאָגען געוואָרען. דאָ האָט שוין קאַרטהאַגאָ קיין בְּרֵירָה נִיט געהאַט אונ געמוזט רוֹם אום פֿריעדען בעטען, האָט אָבער דערביי געמוזט דעם טהייל סיציליען אונ אַלע אינזעלן צווישען איטאַליען אונ איהר, צו די רוֹמער אָב-טרעטען, אונ דערצו נאָך שאָנע עטליכע מיליאָנען טהאַלער קריעגס-קאָסטען בעצאָה-לען, די שאָנע סיציליען, נור חוץ סיראַקוס, איז געוואָרען אַ רוֹמישע פּראָווינץ.

פראָווינץ האָט געהייסען יעדעס לאַנד וועלכעס די רעמער האָבען פאַר זיך אָבגענומען, אַהין פלעגט דער סענאַט שיקען יעהרליך איין פּראָטאָר ד. ה. גובערנאַטאָר מיט דער גראָסטער דֵעָה אין ציוויל אונ מיליטער עִנְיָנִים אונ דערצו אַ קוועסטאָר ד. ה. דער הויפט טשינאָווניק איבער די הַכְנָסוֹת פון דעם לאַנד.

זייט דעם עס האָט זיך איינגעגעבען צו געווינען דעם קריעג איבער אזוי אַ געפעהרליכען שונא, איז דער יֵצֶר־הָרָע פון ראָם צו פערשלינגען אַלעס אַרום זיך געוואָרען גרויס אָהן אַ שִׁיעוּר. די קאַרטהאַגער האָבען געהאַט פיעל געדונגענעם חיל, וועלכע פלעגען זיך גאַנץ לייכט בונטעווען זאָבאַלד מען האָט זיי ניט געצאָהלט זייער זשאַלאָוואַניע אין דער צייט. איינמאָל בשעת דער געדונגענער חיל האָט זיך געבונטעוועט, האָבען די רעמער אַוועקגענומען אָהן רעכט אונ יושר די אינזעל סאַרדיניען, וואָהין עס האָט זיך דער בונט פון דעם געפאַנגענען חיל פערבּרייטערט, אונ פעראייניגט מיט דער אינזעל קאָרסיקאַ, וואָס האָט פריהער געהאָרט צו די עטרוסקער, אונ עס צוזאַמען מיט סאַרדיניען צו איין רעמישער פּראָווינץ געמאַכט. אונ אַלם די קאַרטהאַגער האָבען די רעמער איבער דיזען שענדליכען רויב פאָרגעהאַלטען, האָבען זיי זיי געסטראַשעט מיט אַ רויסרופען צו איין אָפענע מלחמה, אונ האָבען פון זיי נאָך געפאָדערט אומצוקעהרען די הוֹצָאוֹת וואָס זיינען ביי זיי געפאַלען דיעזע אינזעלן צוצונעהמען. די פוניער האָבען פון נויטה דאָס אַלעס אַראָפּגעשלונגען אונ פערשוויגען, אָבער אין הערצן האָבען זיי דעם כַּעַס געהאַלטען ביז די צייט וועט קומען זיך אָבצורעכענען מיט זיי פאַר אַלעם.

באַלד דאַרויף האָבען די רעמער געלעגענהייט געהאַט צו ווייזען זייער כֹּחַ אויך אויף דעם אַדריאַטישען ים. די אילליריער, וועלכע האָבען געוואָהנט אַם אַדריאַטישען ים ביז צו מאַקעדאָניען, האָבען זיך בעשעפטיגט מיט רויב אויפ'ן ים, אונ אַלם עס איז איינמאָל געקומען אַ שְׁלִיחַ פון ראָם פאָרצוהאַלטען זיי וועגען דעם, האָט די מַלְכָּה געהייסען דעם רעמישען שליח אין דער שטיל ערמאָרדען. באַלד דאַרויף האָט ראָם אָנגעפאַנגען אַ מלחמה (229), די אילליריער זיינען פון אַלע ערטער געיאָגט געוואָרען אונ האָבען פון די רעמער קיין מְנוּחָה ניט געהאַט ביז זיי האָבען געמוזט זיך אונטערגעבען. זיי האָבען געמוזט אָפּגעבען די רעמישע סוֹחֲרִים אַלעס וואָס זיי האָבען פון זיי געראויבט, אָדער בעצאָהלען זייער ווערטה. פון זייערע שיפען האָבען זיי ניט געטאָרט האַלטען אויפ'ן יאָנישען ים ניט מעהר ווי צוויי. פאַר די רעמער איז געווען וויכטיג דאָס זיי האָבען אויפ'ן מִזְרָח־זייט פון אַדריאַטישען ים בעקומען פּלעצער צו האַלטען זייערע שיפען. פון דעם פְּסַק פון די אילליריער זיינען אַלע גריעכען זעהר צופריעדען געווען, אונ צו ערווייזען די רעמער אַ בעזונדערן כָּבוֹד, האָבען זיי זיי ערלויבט זיך צו מישען אין זייערע נאַציאָנאַל־שפּיעלען. אָבער עס האָט זיך זיי גאָר ניט געחָלוֹמט, דאָס באַלד וועלען די רעמער זייערע הערשער ווערן.

באלד נאך דיזעם קריעג האט אנגעפאנגען א נייע מלחמה מיט די גאליער (252). זייט דעם ערשטען אנפאל דורך ברענוס זיינען זיי אפט אנגעפאלען אויף איטאליען, אויף דאס פלאכע לאנד פון איבערן טייך פא און לעטצטער צייט אין יאהר 225 זיינען זיי געקראכען מיט א גרויסען חיל ביז איבער קלוזיום. אבער די ראמער האבען זיי אין דריי מלחמות געשלאגען און זיי האבען גאנץ אבער-איטאליען מיט מיילאנד און אנדערע שטאדט געמוזט אן די ראמער אבטרעטען. די פרוכטבארע שטיקער לאנד פון ביידע זייטען פון טייך פא, האבען בעקומען דעם נאמען גאליא ציסאלפינא (ד. ה. גאליען פון דעם זייט אלפען) און געווארען אלס ראמישע פראווינץ פערעכענט.

האניבאל. ווי די ראמער אזוי אויך די קארטהאגער האבען געהאט שווערע מלחמות אויסצושטעהען. אין יאהר 236 פאר קר. האבען זיי זייער פעלדהערר דעם האמילקאר געשיקט נאך שפאניען, איינצונעהמען דאס רייכע לאנד וואו זייערע אורעלטערן די אלטע טהאניציער האבען זייט טויזענדער יאהרען אוצרות געקליעבען, און דערמיט צו ערפילען וואס זיי איז דורך די ראמער איטאליענישע אינזעלן אפגעקומען. נאך דעם ווי ער האט זיעבען יאהר מלחמות געהאלטען איז ער געשטארבען אלס העלד אין א מלחמה מיט די שפאניער, און זיין איידעם, האזדרובאל, האט נאך איהם וויטער די מלחמות געפיהרט, און האט דארט געגרינדעט א קארטהאגישע מלוכה און די שטאדט ניי-קארטהאגע אם ים, וועלכע היינט הייסט קארטהאגענא. אזעלכע זאכען וואס די קארטהאגער האבען אויסגעפיהרט, האבען די ראמער ניט געקענט פארגינען, זיי האבען דאהער כורת ברית געווען מיט די גריעכען פון דער שטאדט צאקינטהאס אדער סאגונט, און האבען בעשטימט פאר די קארטהאגער דעם איבערגאנג פון דעם טייך עברא אלס לעטצטע גרענעצע פון מזרח-זייט, דאס מעהר טארען זיי ניט אריבערגעהען, דאס ווען זיי וועלען זיך וואגען דאס צו טהון אדער סאגונט צו טשעפען וועט עס הייסען אלס זיי האבען די ראמער צום קריעג אנגערופען. די קארטהאגער האט עס זעהר בעליידיגט; זיי האבען אבער געמוזט נאכגעבען. זייער פאטערלאנד האט נאך געמוזט זיך אויסרוהען און ניט דענקען אן קריעג מיט אזעלכע בעלי דברים ווי די ראמער. מיט אמאל איז האזדרובאל אין יאהר 221 פאר קר. ערשטאכען געווארען. צו יענער צייט האט דאס גאנצע חיל פון קארטהאגא, אויסגעקליעבען האניבאל, דעם זוהן האמילקארס, פעלדהערר איבער זיי צו זיין. האניבאל איז שוין לאנג געווען פון די סאלדאטען ווי פערגאטערט. בשעת האמילקאר האט זיך צוגעקליעבען אריבער צו ציעהען אין שפאניען איז האניבאל נאך געווען א יונגער מאן פון 19 יאהר, און איז דאמאלס זעהר צוגעשטאנען צום פאטער ער זאל איהם מיטנעהמען אויף דער מלחמה. דער פאטער האט איהם זיין ווילען געטהון, נאר פריהער האט ער פון איהם א שטרענגע שבועה גענומען,

דאָס ער וועט די רוימער אייך אייביגער שונא בלייבען. די שבועה האָט האַניבאַל זעהר עהרליך מְקַיֵּם געוועזען. שפּאַניען איז געוועזען דער אָרט וואו האַניבאַל האָט נאָך אַלס יונגעל געלערנט תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה ביי זיין פֿאָטער האַמילקאַר, וועלכער האָט איהם פֿון יוגענד אָן געזוכט איינצופּליסען אַ אייביגע שִׂנְאָה צו די רוימער. באַלד ווי האַניבאַל איז אויסגעקליבען געוואָרען צו זיין פֿעלדהעררער איבערן חיל, האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, ווי ער זאָל קאַרטהאַגא גרויס מאַכען און ווי ראָם שוואַך און קליין מאַכען. קיין סַכָּנָה איז איהם געוועזען שרעקליך, קיין מיהע — צו שווער, ער האָט פֿראָסט און היטץ לייכט ערטראָגען, ער האָט זיך קיין מאָל ניט געיאָגט נאָך פֿערגניגען און תַּעֲנוּגִים פֿאַר זיין גוף, פיר שלאָפֿען און וואַכען איז ניט געוועזען ביי איהם קיין בעשטימטע צייט, אָפֿט פֿלעגט ער שלאָפֿען צווישען דעם פּראָסטען חיל, זיין צוגעדעקט מיט'ן מאַנטעל און ליגען אויף הייליער ערד, ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זיין אַנדערש ווי זיי, נאָר זיינע וואָפען און זיין רייטפֿערד האָבען געמוזט זיין אויסגעצייכענט, אויך איז ער אימער געוועזען דער ערשטער ווען מען האָט געדאַרפֿט צו מלחמה געהען, און דער לעטצטער, ווען מען האָט געדאַרפֿט צוריקגעהען.

פֿאַר אַזוי אַ מאַן פֿון אַזעלכע מַעֲלוֹת און וואָס האָט זיך אומגעטראָגען נור מיט דעם געדאַנקען פֿאַר די חֶרְפָּה פֿון די רוימער און פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד די בלוטיגסטע נְקָמָה צו נעהמען, האָט זיך באַלד געפֿונען אַ גוטע געלעגענהייט זיך מיט די רוימער אין אַ קריעג צו פֿערוויקלען. ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס איז געוועזען אָפּגעמאַכט מיט די רוימער האָט האַניבאַל צוגעטרעטען צו דער שטאָדט סאַגונט, און זי אָנגעפֿאַנגען צו בעלאַגערן. שטעהענדיג אין לאַגער פֿאַר דער שטאָדט האָט מען איהם אָנגעזאָגט דאָס עס זיינען שְׁלוּחִים פֿון ראָם געקומען, איהם פֿאַרצוהאַלטען וואָס ער האָט געבראָכען דעם פֿריעדען מיט ראָם. ער אָבער האָט זיי ניט געלאָזען פֿאַר איהם צוקומען, ער האָט זיי נור שלוחים פֿון זיין זייט ענטגעגען געשיקט זיי אָנצוזאָגען, זיי זאָלען זיך פֿון זיין לאַגער גיכער אָפּטראָגען, דען דער כּעס אויף זיי איז זייער גרויס, אויך האָט ער פֿיעל וויכטיגערע געשעפֿטען אַלס מיט זיי צו שמועסען. מיט גרויס צאָרן זיינען זיי גלייך אַוועק געגאַנגען נאָך קאַרטהאַגא, האָבען זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף זייער אַנפֿיהרער האַניבאַל און דַוְקָא פֿערלאַנגט זיי זאָלען איהם הערויסגעבען אין די האַנד פֿון ראָמישען סענאַט איהם געהאָריג צו בעשטראָפֿען. קאַרטהאַגא האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט האָרען און זיי זיינען ענדליך מיט גאָרנישט צוריק אַוועק. דאַן איז הערויסגעטרעטען איינער פֿון די ראָמישע שלוחים נאָמענס פֿ אַ ב י ו ס, וועלכער האָט נאָכהער בעקומען דעם טיטול ק ו נ ק ט אַ ט אָ ר (לאַנגזאַמער), האָט גענומען דעם מאַנטעל און איהם צוזאַמען געלעגט, און צו די קאַרטהאַגער געזאָגט: „אָט דאָ טראָג איך דעם קריעג און דאָ—דען פֿריעדען, קלייבט

איך אוים וואָס איהר ווילט!" — „גיב וואָס די ווילסט!" האָבען יענע געענטפֿערט. „אַז אַזוי, טאָ נעהמט דעם קריעג"!" האָט פֿאַביוס גאַנץ ערנסט געענטפֿערט — און אַזוי איז בעשלאָסען געוואָרען דער קריעג.

אין דער צייט וואָס דאָס איז פֿאָרגעקומען אין קאַרטהאַגאַ, איז האַניבאַל אין שפּאַניען ניט ליידיג געזעסען. מיט גרויס אינפּעט האָט ער געשטורמט אויף סאַגונט און נאָך אַכט חָדָשִׁים'דיגע בעלאַגערונג איז זי אַיינגענומען און אַ טהייל פֿון איהר צערשטאָרט געוואָרען. דאַן האָט דער יונגער העלד אין שפּאַניען איבערגעלאָזען אַ גאַנצען חיל אונטער דעם פֿיהרונג פֿון זיין יונגערן ברודער האַזדרובאַל, צום היטען די איינגענומענע אָרטער, און אַליין איז ער הערויס איבער דעם טייך עֶבּראָ מיט איין חיל פֿון פֿונפֿציג טויזענד מאַן פֿוס=פֿאָלק, ניין טויזענד רייטער און 37 עלעפֿהאַנטען, און אַזוי ווי פֿריהער האָבען די רעָמער אויף זיין פֿאַטער=שטאָדט זיך הערויפֿגעלאָזען, אַזוי האָט ער בעשלאָסען מיט די רעָמער זיך אויף זייער אייגענע ערד אָבצורעכענען. מיט גרויס נִצָּחוֹן איז ער אַלץ געגאַנגען ווייטער, איז איבערגעגאַנגען די בערג פֿון שפּאַנישער גרעניץ, די הויכע פּירענאָען, נאָכדעם דורך גאַליען (וואָס הייסט יעטצט פֿראַנקרייך) און נאָכדעם ווי ער האָט צו זיך צוגעצויגען אין בינדנים די גאַלישע פֿירשטען, איז ער אויפ'ן פֿינפֿטען חודש ווי ער איז אַרויס פֿון ניי=קאַרטהאַגאַ געבליבען שטעהען אונטער די אַלפּען. דאָרט אָבער האָט אויסגעוויזען דאָס די נאַטור אַליין פֿון דיעזער געגענד האָט אַ גרעניץ געשטעלט דעם גאַנג פֿון זיין נִצָּחוֹן.

אויף דער גרעניץ צווישען איטאַליען און גאַליען שטעהען די שרעקליך הויכע אַלפּען=בערג, ווי אַ מויער צושיידען צווישען ביידע לאָנדער. די שפּיטצען פֿון דיעזע בערג זיינען בעדעקט מיט אייביגען שנעע און אַייז, קיין וועג איז צווישען זיי ניטאָ אום מען זאָל קענען איבערגעהען, און דאָרט האָט האַניבאַל געהאַט אַ גאַנצען חיל אַריבער צופֿיהרען און גראַדע אין דער צייט פֿון יעסיען, וואָס דאַמאָלס איז די נאַטור דאָרט נאָך פֿיעל ווילדער און נאָך דערצו אַ חיל וואָס איז געוואָהנט צו די היטצען פֿון שפּאַניען און אַפֿריקאַ. דער גאַנצער חיל איז געבליבען ביי די בערג שטעהען ווי צומישט. נאָר האַניבאַל האָט זיך ניט ערשראָקען, ער האָט נור צוזאַמענגערופֿען זיינע סאָלדאַטען און האָט זיי אַ קראָפֿטיגע רעדע געהאַלטען זיי אויפֿצומונטערן און פֿרישען מוטה איינצוגעבען. דאַן האָבען זיי פֿריש לעבענדיג אָנגעפֿאַנגען צו קלעטערן, אָבער ווי נור זיי זיינען עפּיס האָכער געקומען האָבען זיי אויף די אייז ניט געקענט זיך האַלטען; איינציגווייס האָבען זיי אָנגעפֿאַנגען זיך האַסטיג הערונטער צוגליטשען און געניזקט צוווערן, און ווען זיי האָבען זיך פֿערהאַלטען מיינענדיג דאָס זיי האָבען אויף אַ זיכערן אָרט געטראָפֿען, איז דאָס גאָר געווען אַיין אָנגעשאָטענער

לייבטער שנעע, וואָס אויבען איז געווען צוזאַמענגעפרוירען און אונטען פוסט און אַ טיעפער אָבגרונד פאַר די וואָס פאַלען אַראָפּ, אום ניט מעהר לעבענדיג הערויסצוקריעכען. דאָ פאַלט אַ עלעפאַנט, דאָרט פליהט אַראָפּ אַ וואָגען און שלעפּט אַלעם מיט זיך נאָך. אויסערדעם פאַלען זיי די ווילדע בערגאיינוואָהנער איבער, און טאָרטען לייבט די פון שווערען קלעטערן ערמידעטע. אַלע זיינען געבליעבען אָהן האָפנונג אַרויסצוקומען, נור איין האַניבאַל האָט אומעטום געאיילט זיינע סאָלדאַטען צו שטאַרקען און מוטה איינצוגעבען. „אָט, אָט, געהען מיר שוין אַריבער, מיר וועלען פּטָערן דעם שפּיטץ בערג וועט עס שוין פיעל בעסער געהען!”. נאָך אַזוי פיעל שווערע מיהע זיינען זיי ענדליך בְּאֶמֶת אַריבער די שפּיטץ בערג. דאָרט צווישען די שנעע־פעלדער, האָט ער די אויסגעהונגערטע, ערפראָרענע סאָלדאַטען געלאָזען אַ ביסעל זיך אויסרוהען, דאַן האָט מען מיט איין אַנדערן פרישערן מוטה אָנגעהויבען הערונטער צו שטייגען, אָבער די שווערקייטען דערביי זיינען נאָך גרעסער געווען, יעדער טריט איז געווען מיט לעבענסגעפאַהר, יעדע מינוט האָט מען פאַר זיך אַ נייע סַכָּנָה געזעהען, עס איז געווען גאָר איבער מענשליכע קראַפט די געפאָהרליכע וועגען אַראָבצושטייגען. ענדליך נאָך פונפצעהן שרעקליכע טאָג זיינען די פערמוטשעטע סאָלדאַטען אויף די גלייכע שאָנע פעלדער פון אָבער־איטאַליען אָנגעקומען.

נון האָט האַניבאַל צאָהלענדיג זיין חיל דערזעהען דאָס אַ גאַנצע העלפט פון חיל איז אומגעקומען! עס זיינען איהם ניט מעהר געבליעבען ווי בְּעֵרֶךְ זעקס און צוואַנציג טויזענד מענשען און נור עטליכע עלעפאַנטען, און דאַריבער האָט ער זיך בעמיהט די איינוואָהנער אונטער די בערג, די גאַליער, וועלכע זיינען געווען שונְאים צו די ראָמער אויף זיין צד אַריבערצוציעהען און מיט זיי זיין חיל צו פערשטאַרקען.

האַניבאַלס נצחונות אין איטאַליען (215—218). מלחמה ביים טייך טיצינוס (218). דאָס האָט זיך קיין מענש אין ראָם ניט פאָרגעשטעלט, דאָס דער יונגער אַפריקאַנער, זאָל מיט אַ גאַנצע אַרמעע אויף ווילדע וועגען אין דער קאַלטער אָסיען־צייט איבער די אַלפען געהען, איבער וועלכע עס קען אֲפִילוּ אים זומער קיינער זיך ניט איינשטעלען אָהן אַ בעזונדערן פיהרער אַריבער צוגעהען. געשווינד ווי מאָגליך האָט זיך דער קאָנזול קאָרנעליוס **שציפיאָ** געאיילט מיט אַ חיל איהם ענטגעגען צו שטעלען. אויף יענער זייט פון פאָ, ביים טייך טיצינוס (טעססין) האָבען די ביידע חיל'ס־פיהרער זיך בעגעגענט, און עס איז געקומען צו אַ היטציגע מלחמה צווישען זייערע רייטער. האַניבאַל האָט מְנַצֵּחַ געווען, שציפיאָ אַליין איז שווער פערוואונדעט געוואָרען, און איז נור דורך זיין בעריהמטען זעלטע־

נעם מוטה און די גְבוּרָה פֿון זיין נור זיעבצעניאָהריגען זוהן, דעם נאַכֿהעריגען שציפּיאָ אַפֿריקאַנוס, פֿון טויט ניצול געוואָרען.

דער סוף פֿון דער ערשטער מִלְחָמָה האָט די ראָמער געבראַכֿט אין גרויס פֿער־וואונדערונג אָבער ניט אין אַ שרעקען, דען דער צווייטער קאָנזול, סעמפּראָניוס, איז מיט נאָך אַ חיל אַהין געאײלט. אויף דיזען האָבען זיי געהאָפֿט דאָס ער וועט זיך שוין אָברעכֿנען מיט דעם אַלפּען־שפּרייזער, און פֿון זיין ערמידעטען חיל אַ סוף מאַכֿען. זיי האָבען זיך אָבער אין זייער האָפֿנונג זעהר גענאַרט! ביי דעם טרעביאָ, אַ זייטענטייך פֿון דעם פּאָ, האָט דער חיטרער פּוניער געוואוסט זיך אַזוי גוט צו שטעלען געגען די ראָמער, דאָס זיי האָבען דעם קאַלטען ווינד און רעגען און שנעע אין געזיכֿט בעקומען; דאָרט איז דער גראָסטער טהייל פֿונ'ם ראָמישען חיל פֿערניכֿ־טעט געוואָרען. גאַנץ אָבער־איטאַליען איז יעטצט צום מְנַצֵחַ אַריבער געגאַנגען, און האַניבאַל האָט נאָך מעהר דורך זיין עדעלמוטה און גיטע גענומען ווי דורך זיין גרויסע גבורה.

מיט דעם פֿריהלינג פֿון דעם קומענדיגען יאָהר 217 איז האַניבאַל אין מיטעל־איטאַליען אַריין. דאָרט איז דער טייך אַרנוס אַרויסגעטרעטען פֿון זיינע ברעגען און די גאַנצע געגענד מיט וואַסער פֿערטרונקען; דריי טאָג און דריי נאָכֿט האָבען די סאָלדאַטען געמוזט בראָדזיען אים וואַסער, ביי די פֿערד זיינען אַראָפּגעפֿאַלען די פּאָדקאָוועס, די בְּהֵמוֹת צום פֿיהרען מַשָׂאוֹת זיינען פֿאַרקראָכֿען אין בלאָטע און זומפּף. האַניבאַל אַליין האָט פֿון די שאָדליכֿע זומפּפֿען דאַמפּפֿען (פּאַרע) איין אויג פֿער־לאָרען. און קוים איז ער אַרויף אויף אַ טרוקענעם אָרט איז געוואָרען אויף איהם אַ בֶּהָלָה, דאָס אָט קומט דער קאָנזול פלאַמיניוס מיט אַ גרויסען חיל איהם ענט־געגען. האַניבאַל האָט זיך געמאַכֿט אַלס ער ענטלויפֿט פֿאַר איהם, ביז ער האָט איהם אַריין גענאַרט אין דעם בערג אומרינגטען טהייל ביי דעם אָזיערא טראַזימענוס (לאַגאָ די פּערודזיאַ), וואָס דאָרט האָט ער ניט געקענט איהם מיט זיין חיל בעמערקען, וויל די פּאַרע האָט זיי פֿון איהם פֿערשטעלט. דער קאָנזול וועלכֿער האָט זיך געהאַלטען פֿאַר זיכֿער דאָס ער האָט שוין אויסגעפֿיהרט, איז דאַפֿיר בעצאָהלט געוואָרען מיט אַ גרויסע מַפָּלָה. דער אינפּעט און די היטץ פֿון דער מלחמה איז אַזוי גרויס געווען, דאָס זיי האָבען גאָר נישט געפֿיהלט די ערדציטערניש וועלכֿע האָט גאַנץ איטאַליען אויפֿגערודערט. נאָך דעם נִצָּחוֹן איז פֿאַר דעם פּונישען העלדען דער וועג נאָך ראָם אָפֿען געשטאַנען, נאָר האַניבאַל האָט בעשלאָסען צו געהען אָן אַ זייט פֿון ראָם אין לאַנד פֿון די פּיצענטער, און פֿון דאָרט אין אַפּוליען צו קומען. פֿריהער האָט ער אַלעם געוואָלט איינגעהמען און צו זיך צובינדען און ערשט דאַן אויף דער הויפּט־שטאָדט זיך אַרויפֿלאָזען.

די ראָמער האָבען זיך אַרומגעזעהען אויסצוזוכען פֿאַר זיך דעם בעסטען

פעלדהערר אונ האבען אויסגעקליעבען דעם פאביוס אלס דיקטאטאר. ער איז געוועזען זעהר פארזיכטיג אונ האט זיך געהאלטען נור אויף די בערג, ער זאל שטאנדיג זעהען וואס ער האט צו טהון אונ וואפיר ער מוז זיך היטען, ניט אריינצופאלען דעם שונא אין די האנד. רעכטס אונ לינקס, פון פארנט אונ פון הינטען וואהין האניבאל האט זיך נור געקעהרט, האט ער אלץ געזעהען דעם פאביוס האנגענדיג איבער איהם ווי א שווערער דונער־וואלקען, אונ האט זיך אויף קיין פאלל ניט אריינגעלאזען אין א מלחמה, וואו עס קען זיין פאר די ראמער עפּיס א סכנה. אבער די ראמישע סאלדאטען וועלכע זיינען געוואהנט געווען אויף דעם שונא זיך פריהער צו ווארפען, זיינען שטארק אונצופריעדען געווען פון פאביוסעס מאניער, האבען אנגענומען דאס ער איז נור א טרוס אונ טהוט עס נור פון פחדנות, אונ צו שפאטען איבער איהם האבען זיי איהם אנגערופען „קונקטאטאר” ד. ה. זוימענדיגער. בעזונדערס האבען פון איהם חוזק געמאכט די יונגע צענטוריאנען אדער די ניט געניטע אפיציערליך, זיי פלעגען זאגען, זייער דיקטאטאר פערשאפט זיי אויף די שפּיטץ בערג שאנע געגענדען צו קוקען אויף זיי אונ צו זעהען דעם וועג צום הימעל, זיך דארט עפּיס פאר זיך אויסצוזעהען, ווייל אונטען אויף די ערד האבען זיי שוין גאר נישט וואס צו מאכען. פאביוס אבער האט זיך דורך קיין זאך ניט געלאזען פערפיהרען, איהם איז געוועזען פיעל וויכטיגער פון איין קלוגען פיינד צו ווערען געפירכטעט אלס פון נארישע פריינד צו ווערען געלויבט אונ געאכטעט, ער האט געהאפט דאס מיט זיין אבציעהען דעם קריעג וועט האניבאל זיך קיין עצה ניט געפינען ווי מיט איהם דעם עסק צו פטרען, אויך האט ער געהאפט דאס דער ־מציגער אונגעדולדיגער פוניער וועט פערליערען די געדולד צו ווארטען אונ וועט אונפארזיכטיגערהייד א פעהלער מאכען, וואס וועט איהם צום אונגליק בריינגען. אונ אזוי איז עס טאקי געוועזען, האניבאל איז אריינגעפאלען אין א טיעפען טהאל צווישען די בערג, אונ עס איז איהם אונמעגליך געווען פון דארט ארוים צוקומען, דען אלע דורכגאנגע זיינען געווען דורך פאביוס חיל בעזעטצט; נור האניבאל האט זיך פארט איין עצה געגעבען, ער האט געהייסען פיעל אקסען צוזאמענבריינגען, אונ צווישען זייערע הארנער איינבינדען פעק פון דינע צווייגליך, ווי נור נאכט זיי אנצוצינדען אונ די אקסען טרייבען אין דער הויך אוועק. דורך דעם פלאקערנדען פייער צווישען זייערע הארנער זיינען די ערשראקענע אקסען משוגע ווילד געווארען, אונ זיך פאראנדער געלאפען אין הויכע וואלדיגע ארטער; אלע ראמער האבען אהין געאיילט ווייל זיי האבען גערעכענט דאס געוויס וועלען די פוניער זיך דארט דורכברעכען, דערווייל אבער איז דער דורכוועג פריי געווארען אונ האניבאל איז דארט מיט זיין חיל רוהיג דורכגעצויגען. ערשט ווען עס האט אנגעפאנגען צו טאגען, האט זיך פאביוס ארומגעזעהען דאס דער פיינד האט איהם חיטרע אבגענארט. דא זיינען די ראמישע סאלדאטען נאך מעהר אין כעס געווען, זיי האבען

זיך אֲפִילוּ ערלויבט צו זאָגען, דאָס זייער דיקטאַטאָר האָט איין האַנד געמאַכֿט מיט דעם שונא. אונ דער שונא האָט דערוויל אָנגעטהון די ראָמער צָרוֹת אָהן אַ שיעור, וואָרום בְּשָׁעַת פֿאַביוס האָט אַלץ געשפּאַציערט צווישען די הויכֿע בערג האָט האַניבאַל שפּאַציערט אין די טהאָלען, אונ אַלע פֿעלדער אַרום ראָם פֿאַרוויסט אונ חָרוּב געמאַכֿט דורך פֿייער אונ שווערדט, אונ ווי מיט פּליים האָט דער שונא נור געשאָנט אַלע גיטער וואָס האָבען געהערט צו פֿאַביוס אום אויף איהם אַ גרעסערן חֲשַׁד צו ברייננגען.

דער אונטער=פֿעלדהערר פֿון פֿאַביוס'ן מינוטיוס, האָט זיך שטענדיג פֿאַר די סאָלדאַטען גרוים אונ זעהר וויכֿטיג געמאַכֿט, אונ שטענדיג געריהמט דאָס ווען ער וואָלט האָבען די הויפּט=דֵעָה וואָלט ער עס מיט דעם האַניבאַל גאָר קורץ אונ שאַרף געמאַכֿט ער וואָלט איהם באַלד פֿעריאָגט, ער איז באַלד ווירקליך געוואָרען גלייך אין טשין מיט פֿאַביוס. דער פֿאָרזיכֿטיגער פֿאַביוס האָט דאַרויף גאָר ניט גערעדט אונ האָט געטהיילט דעם חיל אויף גלייכֿע צוויי חֲלָקִים, ער זאָל טהון מיט זיינע סאָלדאַטען וואָס ער וויל. מינוטיוס איז דערמיט זעהר צופֿריעדען געוועזן, אונ פֿאָללער פֿריידע האָט זיך מינוטיוס זאָגלייך צוגעגרייט אויף האַניבאַל'ן אָנצופֿאַלען. דיעזער האָט זיך אויך דאַרויף ערפֿרייעט אונ איז פֿאָרזיכֿטיג אָבגעצויגען צוריק. דאָס האָט מינוטיוס אָנגענומען אַלס דער שׂוֹנֵא אַנטלויפֿט אוים פַּחַד פֿאַר איהם, אונ האָט געצויגען פֿאַר איהם הינטער הער. אָבער איידער מינוטיוס האָט זיך אַרום געזעהן איז ער אין די בערג פֿון האַניבאַלס חיל געוואָרען איינגעשלאָסען, ער וואָלט דאָרט געווים מיט זיין גאַנץ חַיִל אומגעקומען, נור אויף אַ נֵס איז דער עהרליכֿער גוטער פֿאַביוס, וועלכֿער האָט די סַכָּנָה בעמערקט צו זיין הילף געאַיילט. ווי באַלד האַניבאַל האָט דערזעהן דאָס פֿאַביוס קומט אָן, האָט ער זיך באַלד צוריק געצויגען אונ געזאָגט: „יעצט האָט זיך צוגערוקט די שוואַרצע חמאַרע צו ברייננגען דעם דונער פֿאַר וועלכֿען איך האָב מורא". דער ערלאָזטער מינוטיוס האָט יעטצט דערקאָנט זיין פֿעהלער אונ מיט געריהרטעם הערצען צו זיינע סאָלדאַטען געזאָגט: „היינט האָט פֿאַביוס אונז פֿון אונגליק מַצִיל געווען, לאָמיר איילען צו איהם מיט דאַנק ווי צו אַ פֿאָטער וואָס האָט אונז געראַטעוועט"! אַלע האָבען מיט חֲרָטָה צו איהם צוריקגעקעהרט, אונ ער האָט זיי גיטיג צוריק צו זיך אונטער זיין קאָמאַנדאָ אויפֿגענומען. פֿון דאַמאָלס אָן איז פֿאַר פֿאַביוס דער נאָמען קונקטאַטאָר, וואָס איז געווען אַ נאָמען צו שפּאָט געוואָרען צו זיין לויב אונ רוהם.

אויפֿ'ן אַנדערען יאָהר האָבען די ראָמער אויסגעקליבען צוויי נייע קאָנזולען: אַמיליוס פּוילוס אונ טערענטיוס וואַראָ; לעצטערער איז געווען אַזוי אַ גראָסשפּרעכֿער אונ בעריהמער ווי מינוטיוס; ער האָט אויך זיך אַלץ בעריהמט דאָס אין איין גרויסע מִלְחָמָה וועט ער מיט האַניבאַל אַ ענדע מאַכֿען. ביי די ברעגען

פֿון דעם טייך אופֿידוס (אָפֿאַנטאָ) ביי דער קליינער שטאָדטיל קאַנוּאָ אין אַפּוליען האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די מלחמה (216), די שרעקליכסטע פֿון אַלע אין גאַנצען קריעג מיט קאַרטהאַגאַ. אין איין טאָג זיינען געפֿאַלען זיעבציג טויזענד ראָמער, אונטער זיי זעכציג סענאַטאָרען און די בעסטע יונגע רייטער, אויך דער קאָנזול אַמיליוס פּוילוס איז געווען צווישען די געהרג׳טע. ער איז פֿערוואונדעט (געראַניעט) געוואָרען, און חאָטשי מען האָט איהם נאָך געקענט אויסהיילען האָט ער אַליין זיך דער פֿון אָבגעזאָגט; ער האָט דעם אונגליקסטאָג ניט געוואָלט איבערלעבען. נור טערענטיוס וואַראָ איז געשווינד אַנטלאָפֿען און האָט זיך דערמיט זיין לעבען גערעטעט.

די בְּשׂוֹרָה פֿון אַזוי אַ שרעקליכע מַפָּלָה האָט אויף די גאַנצע שטאָדט ראָם געבראַכט אַ גרויסען שרעקען, אַלע זיינען געווען אין איין מוֹרָא, דער שטאָלצער מְנַצֵּחַ זאָל זיך ניט גלייך פֿאַר דער שטאָדט ווייזען, און זי אין אינפּעט איינגעהמען. דער היצטיגער מ אַ ה אַ ר ב אַ ל, דער בעפֿעהלסהאבער פֿון די קאַרטהאַגישע רייטער, האָט דעם האַניבאַל טאַקי אַזוי געראַטהען צו טהון, און אַלס האַניבאַל האָט זיך אָבגעזאָגט איהם צו פֿאָלגען, האָט ער מיט כַּעַס דאַרויף צו איהם געזאָגט: דו קענסט נור מְנַצֵּחַ זיין אָבער דו ווייסט ניט ווי דעם נִצָּחוֹן צו דיין טובה צו בענימצען. האַניבאַל האָט מורא געהאַט צו רעזיקירען זיין גליק. ער האָט נאָך געהאַלטען די שטאָדט פֿאַר גענוג שטאַרק און די איינוואָהנער פֿאַר גענוג קראָפֿטיג און מוטהיג זי זאָל גוֹבֵר זיין איבער זיין חיל וועלכער איז געווען צוּמִיד און מאַט. ער האָט ליעבער זיך ענטשלאָסען די אַרומיגע געגענדען איינצונעהמען, ער האָט זיך אַלזאָ אַרויף געלאָזען אויף אונטער־איטאַליען. יענע פֿאָלקער האָט ער געזוכט צוערשט צובעקומען, און זיי איז ווירקליך געווען זעהר ליב זיין אויפֿרוף צו געהאָרכען כּדי צוריק צו בעקומען זייער פֿרייהייט, און צו נעהמען אַ נְקָמָה פֿון ראָם פֿאַר די שאַנדע פֿון דער קנעכטשאַפֿט, וואָס ראָם האָט אויף זיי אַרויפֿגעלעגט. אַלע דאָרט האָבען זיך איינגעשטעלט פֿאַר האַניבאַל. די רייכע און בליהענדע שטאָדט ק אַ פּ וּ אַ, די צווייטע וויכטיגע שטאָדט אין איטאַליען האָט איהם מיט פֿריידען געעפֿנעט איהרע טויערן, דאָרט האָט ער אויף דעם קומענדען ווינטער זיך גאַנץ אויסגערוהט, כְּדֵי מיט דעם נייעם זומער אַרויסטרעטען צו נייע מִלְחָמוֹת. ער האָט אויך געמיינט פֿון זיינער היימאַט אין אַפֿריקאַ רעכטע אונטערשטיצונג צו בעקומען. אין זיין פֿאַטערשטאָדט איז אָבער דאַמאָלס אויפֿגעשטאַנען אַ גרויסער און שטאַרקער צַד, אַלע זיינע גרויסע וויכטיגע פּלאַנען מְבַטֵּל צו זיין, און איהם מיט קיין געלד אָדער חיל צו שטיצען. ווייענדיג אַזוי פֿון זיינע אייגענע ברידער פֿאַרלאָזען, האָט ער געמוזט זיך פֿערשטאַרקען נור דורך גאַנץ פֿרעמדע פֿעלקער, און דער עִיקָר — פֿון סיציליען און מאַקעדאָניען.

זייט דער אפריקאנישער לייב האט זיך ארויסגעריהרט פון זיין ווינטער-לאגער אין קאפוא, האט איהם זיין פריהריגעס גליק אלץ מעהר און מעהר פערלאזען. די רעמער, וועלכע האבען זיך דערוויל פון זייער ערשטען שרעקען ערהויבען, האבען זיך אנגעפאנגען שטארק צו בעוואפענען, אפילו זייערע שקלאווען האבען זיי צו דער קומענדער מלחמה צוגעגרייט, און איינען אויסגעצייכנעטען מאן אויסגעקליבען, מארצעלום, זייער פעלדהערר צו זיין. זיי פלעגען אזוי זאגען: „פאביום איז געוועזן אונזער פאנצער, אבער מארצעלום איז אונזער שווערד". ווירקליך האט ער מיט זיין שווערד פיעל וויכטיגעס אויפגעטהון, איבערהויפט אלס ער איז אנגעפאלען אויף האניבאל פון דער פעסטונג נאלא (215), וואו האניבאל האט דאס ערשטע מאל פון איהם א מפלה געהאט.

אלע קליינע נצחונות ראמס איבער האניבאל זיינען וועניג געוועזן אומצוקעהרען זיי דעם גרויסען שאדען, פערליערענדיג סיראקוס די הויפטשטאדט פון דעם אינזעל סיצילען. האניבאל האט זי ביי די רעמער אבגעריסען און צו זיך פעראייניגט. יעטצט האט מארצעלום געאיילט אהין זי צוריק פאר ראם אפ צו נעהמען, איז אויף זי אנגעפאלען מיט איין זעהר גרויסען און שטארקען חיל פון דעם זייט פון ים און פון דער יבשה, און געגען איהר אלע זיינע שטורם-מאשינען אויף געריהרט. אזוי א שטארקען אנפאל האט סיראקוס ניט געקענט אויסהאלטען. נור צום גליק פון דער שטאדט, האט זיך דארט געפונען איין מאן וועלכער האט זי גאנצע דריי יאהר בעשיטצט און אלע אנפאלונגען פון די רעמער צו גאר נישט געמאכט. דאס איז געוועזן דער בעריהמטער מאטהעמאטיקער ארכימעדעס. פריהער האט ער זיך אין קיין זאך ניט געמישט און נאכגעטראכט, נאר געוועזן פערנומען מיט זיינע ערפינדונגען, איצט האט ער זיינע מעכאניק בענוצט אום זיין פאטערשטאדט צו רעטען. הינטער דער מויער פון פעסטונג, האט ער אויפגעשטעלט זיינע קונציגע מאשינען, מיט וועלכע ער פלעגט אויפהייבען גרויסע שטיינער און באלקענס, וואס האבען אויף זייערע שפיטצען שרעקליכע משאות געהאט, און זיי ווארפען אויף די רעמישע שיפען און זיי צושמעטערן און אין ים פערטרינקען. פון זייערע מאשינען איז אזוי א שרעק געפאלען אויף די רעמער, דאס ווי נור זיי פלעגען דערזעהען פון דער וואנד, הערויס האנגענדיג א שטריק אדער עפיס א ברעט, פלעגען זיי באלד אנטלויפען מורא האבענדיג טאמער האט שוין ווידער ארכימעדעס זיינע קונסטשטיק געמאכט אום זיי א רשעות אפצוטהון.

מארצעלום האט זיך געזעהען גענאטהיגט אבצוציהען וויטער פון דער שטאדט און זי נור פון וויטען איינגעשלאסען צו האלטען. דאן האבען די סיראקוזאנער אויפגעהערט פאר דעם שונא מורא צו האבען, און דאס האט זיי געבראכט צום פער-דערבען. איינמאל אין א שטיללער נאכט, בשעת אלע איינוואהנער פון דער שטאדט

זיינען נאָך אַ גרויסע גוליאַניע און בעלוסטיגונג געלעגען אין טיעפֿען שלאָף, האָבען די ראָמער געפֿונען אַ ניעדריגען איינוואָהנער פֿון דער שטאָדט, וועלכער האָט זיי געאָפֿענט די שטאָדט־טויערען, און די ראָמער זיינען פֿון אַלע זייטען אין שטאָדט אַריין, אָנגעפֿאַלען אויף די איינוואָהער און דאָס רוב פֿון זיי אויסגעהרג'ט, צווישען זיי אויך זייער בעשיטצער אַרכימעדעס. גראַדע איז ער דאַמאָלס געזעסען זייער פֿערטראַכט איבער זיינע מאַטהעמאַטישע צייכענונגען, וועלכע ער האָט פֿאַר זיך געצייכנעט מיט זיין שטעקעל אין זאַמד, און האָט גאָר ניט געהערט דאָס די שטאָדט איז שוין איינגענומען. און אַלס אַ ראָמישער סאָלדאַט איז שוין געשטאַנען איבער איהם, האָט ער איהם נאָך ניט ערקענט און קאַלטבליטיג צו איהם געזאָגט: „מענש, טרעט ניט נאָהנט און צוטרעט מיר מיינע צירקעל ניט“! דער ראָמער האָט בְּוַדַאי ניט געוואוסט ווער ער איז, און האָט איהם מיט זיין שווערדט ניעדערגעשטאָכען. מאַרצעלוס אַלס ער האָט זיך דערוואוסט פֿון זיין טויט האָט ער איהם, זעהר בעטרויערט און מיט גרויס כָּבוד מְקַבֵּר געווען. מיט דעם פֿאַל פֿון סיראַקוס (212) איז גאַנץ סיציליען איינגענומען געוואָרען. דיעזע שאָנע אינזעל איז איבערגעגאַנגען גאַנץ אין רְשות פֿון ראָם און אַלס ראָמס פּראָווינץ געמאַכט געוואָרען. ניט לאַנג דערנאָך איז מאַרצעלוס געשטאָרבען אין אַ מלחמה. אַלס פֿעלדהערר איז ער אַוועק אין יאָהר 208 אויסצוזעהן די געגענד פֿון ווענוסיאָ (אין פּאָטענצא) און איז איבערפֿאַלען פֿון פֿיינדליכע רייטער ערשלאָגען געוואָרען. האַניבאַל האָט כּבוד געגעבען דעם בעריהמטען שונא און געשיקט די אַשע פֿון זיין פֿערברענטען גוף (ווי דער מִנְהָג ביי גרויסע לייט) און אַ זילבערנע געפֿאָס צו זיינע קְרוֹבִים אין ראָם.

האַניבאַל אין אונגליק (206—201). ווי גליקליך די ראָמער זיינען געווען אין סיציליען, אַזוי גליקליך זיינען זיי אויך געווען אין איטאַליען. דאָרט האָט האַניבאַל געמוזט פֿון איין שטאָדט נאָך דער אַנדערער אָבטרעטען; זיין לאַגע איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרען אָרגער. דאַמאָלס ערשט האָבען די קאַרטהאַגער בעשלאָסען איהם ענדליך הילפֿע צו שיקען, און האָבען צו איהם געשיקט זיין ברודער האַזדרובאַל מיט אַ חיל פֿון שפּאַניען אין איטאַליען אַריין. דיעזער האָט אויך אַריבערגעפֿיהרט דעם חיל איבער די אַלפּען, און דאַן איז ער געגאַנגען אין געשווינדע מאַרשען ביי דעם מזרח־ברעג נאָך דעם דרום פֿון איטאַליען אום זיך צו פֿעראייניגען מיט זיין ברודער. דערווייל האָט האַניבאַל זיך געאיילט נאָך צפֿון־זייט איהם אַנטגעגען צוקומען, און איז געקומען נאָך קאַנוזיום און דאָרט אַ פֿעסטעס לאַגער פֿאַר זיין חיל געמאַכט. דאָ האָט דער קאָנזול קלודיוס נעראָ, וועלכער איז איהם אַנטגעגען געשטאַנען זיך געוואָגט צו אַ סַכָּנָה'דיגען מיטעל. עס האָט נור איין קליינעם

טהייל געלאָזען שטעהען אַנטגעגען האַניבאַל, אונ מיט דעם גרעסטען טהייל האָט ער זיך אין דער שטיל געלאָזען אין צפון־זייט, אונ ביי דער נאַכט זיך פֿעראייניגט מיט דעם אַנדערען קאָנזול ליוויוס סאַלינאַטאָר, אונ צוזאַמען מיט דיעזען איבער־געפֿאַלען אויף דעם נייען האַזדרובאַלס חיל. אַם טייך מעטאורוס איז געווען אין יאָהר 207 אַ גרויסע מִלְחָמָה, אין וועלכער עס איז אַ סוף געוואָרען פֿון קאַרטהאַ־גאַס חיל, אונ אויך פֿון דער גאַנצען אונטערנעהמונג אין איטאַליען. האַזדרובול איז אויך געהרג'ט געוואָרען פֿון די רעמער. אַלס האַניבאַל איז פֿון דעם אונגליק געוואָהר געוואָרען, האָט ער מיט גרויס שמערץ אויסגערופֿען: „אוי וועהע! איצט זעה איך דעם פֿינסטערן סוף פֿון מיין פֿאַטערלאַנד. קאַרטהאַגאָ איז פֿערלאָרען!“

אונ בֶּאֱמֶת איז זיין נְבוּאָה באַלד געקומען. די רעמער האָבען געשיקט זייער אויסגעצייכנעטען פֿעלדהעררן פּובליוס קאָרנעליוס סציפּיאָ, וועלכער האָט שוין שפּאַניען פֿון קאַרטהאַגאָ אָבגעריסען, נאָך אַפֿריקאַ (204) אום אָנצופֿאַלען אויף די קאַרטהאַגער אין זייער אייגען לאַנד, אונ דערמיט וועט איהם אֶפְשֶׁר גליקען דעם רעמישען גרויסען שונא פֿון איטאַליען אָבצוציעהען. די קאַרטהאַגער האָבען זיך פֿאַר זייער הויפּטשטאָדט ערשראָקען, אונ האָבען באַלד געשיקט נאָך האַניבאַל ער זאָל געשווינד אַיילען צו רעטען זייער פֿאַטערשטאָדט פֿון די רעמישע האַנד. דער עהרליכער גִבּוֹר האָט געפֿאָלגט מיט שמערץ אונ מיט גרויסען צאָרן, אויסרופֿענדיג: „ניט די רעמער וועלכע איך האָב אַזוי פֿיעל געשלאָגען, נור דער סענאַט פֿון קאַרטהאַגאָ האָט דורך קִנְאָה אונ רְכִילוּת דעם האַניבאַל אַ מַפָּלָה אָנגעגרייט! דערנאָך איז ער אַרויף אויף דאָס שיפֿף, וועלכעס האָט איהם אַוועק געפֿיהרט פֿון דעם לאַנד, אין וועלכען ער האָט זיין גְבוּרָה בעוויעזען. אין ראָם איז געוואָרען אַ גרויסע שִׂמְחָה אַלס מען האָט זיך דער־וואוסט פֿון האַניבאַלס אַוועקפֿאָהרען, עס איז אַ גרויסער יום־טוב געווען. האַניבאַל איז הערויס אין אַפֿריקאַ אויף דער יַבָּשָׁה ביי דער שטאָדט לעפּטים, אונ זיך געשטעלט אויף די ערד פֿון זיין פֿאַטערלאַנד נאָכדעם ווי ער איז 36 יאָהר אין דער פֿרעמד אָבגעווען.

מלחמה ביי צאַמאַ (202). באַלד ווי האַניבאַל איז געקומען אין אַפֿריקאַ, האָט ער גלייך געזוכט צו ברייגנען זיין חיל אים שטאַנד זיך צו וועהרען געגען דעם שׂוֹנֵא. ער האָט געמאַכט אַ נייען נאַבאָר, נייע חיל אויפֿגעקליעבען אונ כּוֹרֵת בְּרִית געווען מיט די נאָהנטעסטע שְׁבָטִים זיי זאָלען איהם פֿערד אונ רייטער געבען. די קאַרטהאַגער האָבען גאָר אָבגעלעבט אונ פֿרישען מוטה געקריגען, אונ אין זיכערן בִּטָחוֹן אויף אַ גרויסען נִצָּחוֹן, האָבען זיי אַזוי וויט פֿערגעסען זייערע איצטיגע לאַגע, דאָס זיי האָבען זיך ערלויבט די רעמישע שלוחים צו בעליידיגען אונ רעמישע שיפֿען וועג צונעהמען. פֿאַרבאָזט איז סציפּיאָ אָנגעקומען אונ אַדראַמעטום וואָ־

האַניבאַל איז געשטאַנען, דאָס לאַנד פון די שונאים האָט ער אומעטום חָרוב גע=
מאַכט מיט פייער און שווערדט. אין דער געגענד פון צאַמאַ האָבען זיך בעגעגנעט
ביידע גרויסע חַיָלות. האַניבאַל האָט ריכטיג איינגעזעהען ווי וויט סציפּיאָ איז תַּקִיף׳ער
אַלס ער, און האָט דאַרום געוואָלט ריידען פון שלום, אַזוי זיינען זיי זיך צו=
זאַמענגעקומען, סציפּיאָ אין די בעסטע יוגענד=יאָהרען און אין גלאַנץ פון זיין
גליק, האַניבאַל, אָבער אַלט און געבייגט פון דַאֲגָה און טרויער. האַניבאַל,
האָט געראַטהען צום שלום, ווייזענדיג זיין געגנער דאָס אַלץ קענן אַנדערש ווערען,
בי עס איז צו זעהען פון איהם אַליין. ער האָט דעם ראָמער געבאָטען איהם אָבצו=
רעטען שפאַניען און אַלע אינזעלן פון מיטעל=לאַנדישען ים. אָבער סציפּיאָן איז
אָם נאָך וועניג געווען, און זייענדיג זיכער דאָס דער נצחון איז זיינער, האָט ער גע=
פאָדערט דאָס קאַרטהאַגאָ זאָל זיך גאַנץ אונטערגעבען, און אָהן אַ שום תְּנַאי אָננעהמען
פון די ראָמער וואָס זיי וועלען נור הייסען. דאָ האָט האַניבאַל פּלוטצלינג אויפגע=
הערט מיט איהם צו טַעֲנה׳ן, און עס איז געבליבען, דאָס נור דאָס שווערדט מוז
צווישען זיי רעשען. אויף דעם אַנדערען טאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בלוטיגער
קריעג. ביידע חילות האָבען זייערע קראַפטען אַוועקגעלעגט אויסצופיהרען, אָבער
די כּוחות זיינען גאָר ניט גלייך געווען. האַניבאַל האָט אויסער די וועניגע הויפּט=חילות
וועלכע ער האָט פון איטאַליען מיט געבראַכט, געהאַט נור ניט געניטע פרישע
רעקרוטען און דערצו פאַר געלד געדונגען. ער האָט אפילו געזוכט זיי דורך זיינע
רייד צו דער מלחמה אויפצומונטערן, אָבער זיינע רייד האָבען ניט געהאָלפען. פון
אַלע זייטען האָבען די טרוסליווע רעקרוטען זיך צו לאָפען וואָהין מען האָט נור גע=
קענט. נור די אַלטע בַּעֲלֵי מִלְחָמָה פון איהם אַליין געפיהרט, האָבען זיך גוט
געפאָכטען. ער אַליין איז געשטאַנען אין דער רעכטער איינגשאַפט וואו די סַכָּנָה איז
געווען אַם גראָסטען, און די מלחמה אַם היטציגסטען. אַלע אָנפאַלונגען פון די ראָמער
זיינען פון איהם מיט זיין בעסטען חיל מיט גרויס גבורה צוריקגעטריעבען.
צום סוף אָבער האָט זייער אָנגעשטראָנגטע קראַפט פאָרט ניט אויסגעהאַלטען, און
האַניבאַל איז מיט אַ קליינעם חיל קוים אַנטלאָפען אין אַדראַמעטום.

יעצט איז קאַרטהאַגאָ ביי זיך זעהר געבייגט געוואָרען, און אַלע פונקטען פון
שָׁלום געמוזט פון ראָם אָננעהמען (201) זי האָט זיך געמוזט מְיָאֵשׁ זיין פון שפאַניען,
איהר פלאָטע פון 00: שיפען אין גאַנצען איבערגעבען, און זיך ניט מעהר איבערלאָזען
ווי 10, זי זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו בעשיטצען געגען די ים=רויבער, און 50 יאָהר
נאָך איינאַנדער צאָהלען אַ קאָנטריבוציע פון צעהן טויזענד טאַלענטע (בְּעֵרֶך 15
מיליאָנען טהאָלער הוֹצאוֹת פאַר די מִלְחָמָה), און הייליג צוזאָגען, קיין מלחמה ניט אָנ=
פאַנגען אָהנע די ערלויבנים פון ראָם צו האָבען. די קאָנטריבוציע, איז געווען זייער

א בעשווערליכע אבצאהלונג פאר יעדען, אלע האבען דארויף שטארק געוויינט, נור האניבאל האט דארויף ביטער געלאכט זאגענדיג: ניט יעצט נור דאמאלס האט איהר געדארפט וויינען ווען איהר זייד פאר דעם שונא געלאפען אונ אייערע שיפען איהם אבגעגעבען.

סציפיא האט אומגעקעהרט א היים איבער סיציליען. דער גאנצער וועג דורך איטאליען איז געוועזן פאר איהם איין גרויסער פאראד צו זיין עהרע. אלע זיינען גע-לויפען אנקוקען זייער העלד וואס האט זייער גראסטען שונא איינגענומען אונ זייער פאטערשטאדט געבראכט אויף די גראסטע מדרגה פון כח אונ כבוד. ווי ער איז גע-קומען נאהנטער צו ראם, זיינען איהם ארויס ענטגעגען אלע סענאטארען אונ דאס גאנצע פאלק, איהם גליק צו ווינשען. דאן איז איינגעפיהרט געווארען צו זיין כבוד דער ערשטער גראסטער פאראד. דער גאנצער חיל איז נאך זיין קארעטע מיט גע-גאנגען, אויסער דעם האט מען געפיהרט אלע טהייערע זאכען וואס מען האט צו-גענומען פון דעם לאנד אלס רויב. מען האט אפילו געוואלט אויפשטעלען פאר דעם בעריהמטען מנצח זיין בילד אין אלע ערטער פון זייער לאנד, נאר ער האט אליין ניט געוואלט אזוי פיעל עהרע האבען, ער האט נור ערלויבט צו זיין נאמען צוצוגעבען דעם נאמען א פ ר י ק א נ ו ס, ד. ה. דער מאן, וועלכער האט זיך אזוי אויסגעצייכענט אין אפריקא.

אזוי א שווערע מפלה ווי זיין פאטערלאנד האט בעקומען, האט האניבאל ניט געקענט פארטראגען, אונ האט זיך נאך אלע געלעגענהייט אונרוהיג אויסגעקוקט, ווי זיין ערניעדריגטעס לאנד פארט ארויס צוהעלפען. דאמאלס האט געהערשט אין סיריען א שטארקער מלך נאמענס אנטיוכוס מיט דעם טיטעל ד ע ר ג ר ו י ס ע ר, צו איהם האט האניבאל געשיקט בסוד בריעף, ער זאל זיך פעראייניגען מיט די אונצו-פריעדענע גריכען אונ אנפאלען אויף די ראמער אין איהר אייגענעם לאנד. אבער די ראמער זיינען גלייך געוואהר געווארען פון דעם פלאן. דאנן זיינען געקומען ראמישע שלוחים נאך קארטהאגא אונ האבען געפאדערט מען זאל הערויסגעבען דעם האניבאל צו ראם, אום איהם צו בעשטראפען פיר זיין באזען ווילען, אונ ווען ניט וועט דאס גאנצע לאנד דערפאר מוזען ליידען. האניבאל איז זיך שטיל אין א שיפף אוועק געפאהרען מיט איניגע פון זיינע געטרייע פריינד גלייך צום קאניג אנטיוכוס.

אויף אנטיוכוס'ן איז אנגעפאלען איין אנדערער סציפיא, וועלכער האט בעקומען דעם טיטעל „אזיאטיקוס" וועגען די גבורות וועלכע ער האט געוויזען אין אזיען, אונ האט איהם גאנץ אונטערטהאניג געמאכט, אונ אויסער אלע חיובים האט זיך אנטיוכוס געמוזט מחייב זיין דעם האניבאל אין סציפיאס הענד איבערצוגעבען. אבער דאס האט יענער דערשמעקט אונ האט זיך באלד אבגעט-טאגען צום קאניג פון ב י ט ה י נ י ע ן, וועלענדיג אויך דיעזען אויפצוהעצען געגען ראם.

אָבער איידער ער האָט נאָך אויספּעיעט אַהין צו קומען זיינען שוין די שְׁלוּחִים פֿון ראָם אַהין געקומען, אונ געפֿאָדערט האַניבאַל זאָל צו זיי אין האַנד אַריין געגעבען ווערען. דער ביטהינישער קעניג האָט זיך זעהר ערשראָקען פֿאַר ראָם, אונ האָט בעפֿאָהלען צו בעוואַכען דאָס הויז אין וועלכעס האַניבאַל האָט זיך געשטעלט אונ איהם אַלע וועגען צו פֿערשטעלען ער זאָל ניט קענען אַנטלויפֿען. דאָ איז פֿאַר האַניבאַל קיין אַנדער מיטעל געוועזען זיך צו בעפֿרייען פֿון ראָמס שטראָף — אַלס גיפֿט איינצונעהמען, ער האָט גענומען דאָס גיפֿט זאָגענדיג די ווערטער: „ווי באַלד די ראָמער זיינען אין אַנגסט פֿאַר מיר, מוז איך זיי בעפֿרייען פֿון זייער פַּחַד".

אַזוי איז דער גרויסער העלד געשטאָרבען אין יאָהר 183, ער האָט אַזוי וועניג געהאַט הֲנָאָה פֿאַר זיינע שווערע מיהען ווי זיין מְנַצֵּחַ סציפּיאָ אַליין. סציפּיאָ האָט ערלעבט די חֶרְפָּה, צוזאַמען מיט זיין ברודער בעשולדיגט צו ווערען, דאָס ער האָט געלאָזען זיך דורך שוחד אונטערקויפֿען פֿון אַנטיוכוס ביים מאַכען דעם פֿריעדען מיט ראָם. פֿון פֿערדרוס האָט סציפּיאָ אַזיאַטיקוס אַרויסגעוואַנדערט פֿון זיין היים, אונ געשטאָרבען ביי ליטערניום אין דעם אייגענעם יאָהר וואָס האַניבאַל האָט זיין לעבען געענדיגט — ביידע גלייך האָבען דערלעבט די שִׂנְאָה אונ קִנְאָה פֿון זייערע מִתְנַגְּדִים.

אין דער צייט צווישען דעם 2-טען אונ 3-טען פּונישען קריעג, זיינען די ראָמישע סאָלדאַטען ניט לעדיג אומגעגאַנגען; אין פֿאָרדער-אַזיען, אונ אויף דער גריעכישער האַלב-אינזעל איז פֿאָרגעקומען אַ גוּזְמָה גליקליכע נִצְחוֹנוֹת פֿאַר די ראָמער.

אינהאלט.

די גריכישע געשיכטע.

(פאָרטזעצונג).

די מאַקעדאָנישע מלוכה.

אכטעס קאפיטעל. פיליפּ דער צווייטער פון מאַקעדאָניען. די מלחמה אין חאֶראָנעאַ. אַלעקסאַנדער (מוקדון) דער גרויסע. דער פילאָזאָף דיאָגענעס. אַלעקסאַנדער אין קליין־אַזיען. מלחמה ביי׳ם גראַניקוס. מלחמה ביי איסוס. אַלעקסאַנדער אין כנען אונ מצרים. אַלעקסאַנדער אין פרס. איינגעהמונג פון סיריען אונ מצרים. מלחמה ביי גויגאַמאַלאַ. דער סוף פון קאָניג דריוש קאָדאָמאַנוס פון פרס. אַלעקסאַנדער אין הודו. זיין צוריק־קעהר אונ טויט. טהיילונג פון זיין מלוכה. מאַקעדאָניען אונ גריכענלאַנד. די מלוכה אין מצרים. די מלוכה אין סיריען . . . . 3—22

די יודישע געשיכטע.

(פאָרטזעצונג).

נײַנטעס קאפיטעל. די מאַקעדאָנישע הערשאַפט איבער די יודען אין אֶרץ ישראל. פטאָלאָמעֶאוס לאַגוס. פטאָלאָמאֶאוס פילאַדעלפוס. פטאָלאָמאֶאוס אייערגעטעס. פטאָלאָמאֶאוס פילאָפּאַטאָר. די סירישע הערשאַפט איבער די יודען אין ארץ ישראל. אַנטיוכוס דער גרויסער. סעלייקוס פילאָפּאַטאָר. אַנטיוכוס עפּיפאַנוס . . . 23—34

די מאַכּאַבעער.

צעהנטעס קאפיטעל. מתתיהו הכהן אונ זיינע זיהן. יהודה מכבי. חנכה. נייע מלחמות. אַנטיוכוס אַאוּפּאַטאָר. יונתן. שמעון כהן גדול אונ פירשט. יודען אין מצרים. פּארטייען אים יודישען פאָלק. יוחנן דער כהן גדול אונ נשיא . . 35—50

געשיכטע פון די ראָמער.

אַלטעסטע געשיכטע פון די ראָמער.

ערשטעס קאפיטעל. בעשרייבונג איטאַליענס. אָנפאַנגס געשיכטע פון ראָם. ראָם אונטער די מלכים ראָמולוס, רעמוס, נומאַ פּאָמפיליוס, טולוס האָסטיליוס, אַנקוס מאַרציוס, טאַרקוויניוס פּריסקוס, סערוויוס טוליוס, טאַרקוויניוס סופערבוס. 51—72

די ערשטע קריעגען פון דער ראָמישער רעפובליק.

צווייטעס קאפיטעל. די ערשטע מלחמות פון דער ראָמישער רעפובליק. קריעג מיט פּאָרזענאַ. האָראַציוס קאָקלעס. מוציוס סצעוואָלאַ. קלאָליאַ. מלחמה מיט די לאַטינער, מיט וועיי, מיט די גאַליער. דער קריעג צווישען די פּאַטריציער מיט די פּלעבייער. די דיקטאַטור. די פאָלקס־טריבונען. קאָריאָלאַנוס. די געזעטצע פון די 12 טאָפעלן. געזעטצע פון קאַניולעיוס אונ זיינע חברים. לעצטער נצחון פון די פלעבייער. 73—88

די מלחמות פון די ראָמער.

דריטעס קאפיטעל. ראָמס מלחמות איטאַליען צו בעהערשען. מלחמה געגען די טאַרענטינער. מלחמה ביי הערַאקליאַ, ביי אַסקולום, ביי בענעווענטום. ערשטער פונישער קריעג. אורזאַכע פון ערשטען פונישען קריעג. געפאַנגענעהמונג פון רעגולוס. נצחון אויפ'ן ים דורך פוליוס. מלחמה ביי די אַגאַטישע אינזעלן אונ דער פריעדען. דאָס צונעהמען פון סאַרדיניען אונ קאָרסיקאַ. מלחמה מיט די איללירייער, מיט די גאַליער. 89—115

ספעציעלע אויסגאַבע פיר די אַבאָנענטען פון „דעם יוד".

די וועלט-געשיכטע

(פון די עלטעסטע צייטען ביז אויף די געגענוואַרט).

בעאַרבייטעט און צוזאַמענגעשטעלט

פון ה.

פערלאַג חברת „אחיאסף".

פיערטער באַנד.

וואַרשא
דרוק שולדבערג עט קאָמ., טוואַרדאַ 6.
תרס"ב.

ДИ ВЕЛЬТГЕШИХТЕ

т. е. **Всемірная исторія**
по новѣйшимъ источникамъ.

Изд. Тов. „АХІАСАФЪ".

Часть IV.

ВАРШАВА, 1902.
Типографія Шульдберга и Ком., Твердая 6.

Дозволено Цензурою.
Варшава, 30 Іюля 1902 г.

געשיכטע פון די רױמער.

(פאָרטזעצונג).

ערשטעס קאפיטעל.

די רױמישע רעפובליק.

מלחמה פון אנטיוכוס דער דריטער. די מאַקעדאָנישע מלחמות. צערשטאָרונג פון קאָרינטה. דריטער פונישער קריעג. מלחמות פון די רױמער אין שפאַניען. די אינוועניגסטע מהומות בשעת די גראַקכען. בעריהמטע מעשים פון קאיוס מאַריוס.

אַנטיוכוס דער דריטער, קעניג פון סיריען (192—186 פ. קר.), וועלכען זיינע אונטערטהאַנער האָבען איהם צו חנפענען אָנגערופען אַנטיוכוס דער גרויסער, האָט בעקומען חֵשֶק זיין כּח איבער קליין־אַזיען און אפילו איבער אַ טהייל פון אייראָפּאַ אויסצובּרייטען. זיין חַיִל, וועלכער ער האָט נאָך גריעכענלאַנד געשיקט זיינען עטליכע מאָל דורך די רױמישע אַנפיהרער אַזוי מיאוס געשלאָגען געוואָרען, דאָס אַנטיוכוס דער גרויסער איז וואָס צום געשווינדסטען ענטלאָפען אין קליין־אַזיען. אָבער די רױמער זיינען אונטער אַנפיהרונג פון לוציוס סציפּיאָ, דעם שפּאָטעריגען „אַזיאַטיקוס", אויך אַהין געקומען, און ניט וויט פון סמירנאַ איז עס געקומען אין יאָהר 190 פאַר קר. ביי מאַגנעזיא אַם בערג סיפּילוס צו אַ גרויסע מִלְחָמָה, וועלכע האָט זיך פאַר אַנטיוכוס'ן שלעכט אויסגעלאָזען. אים נאָכהעריגען שָלום האָט ער געמוזט דעם גראָסטען טהייל פון קליין־אַזיען אָפּטרעטען די רױמער, זעהר אַ גרויסע קאָנטריבוציאָן (קְנַס פאַר דער מלחמה) צאָהלען און זיין גאַנצע פלאָטע חוץ נור 10 שיפען צו די רױמער אָבגעבען.

זייט דער מלחמה בּיי קאַננאָ האָבּען די ראָמער אַ שרעקליכע שׂנאה געטראָגען אין הערצען צו די מאַקעדאָניער, דען זייער קאָניג פֿיליפּ דער דריטער האָט זיך אין יאָהר 212 פֿאַר קר. מיט האַניבּאַל פֿערבּונדען מיט זיי קריעג צו פֿיהרען. עס האָט אָבּער די ראָמער זיך איינגעגעבּען פֿיליפּ׳ן דעם קאָפּ צו פֿערדרעהען מיט זיינע אייגענע פֿיינדע, צו די גריעכען וויעדער האָבּען זיי זיך גענומען שפּעטער, אין צווייטען מאַקעדאָנישען קריעג (200—197), ווען זייער מלחמה מיט די פּוניער איז שוין געווען געענדיגט. דער קאָנזול קווינטיקוס פֿלאַמינוס איז אַריין מיט אַ גרויסען חיל אין עפּירוס, האָט אַריינגענאַרט אַהין די מאַקעדאָניער אונ בּיי קינאַסקעפּהאַלאָ אין טהעסאַליען ניט וויט פֿון פֿהאַרזאַלוס האָט ער ערהאַלטען אַ פֿאָלען נצחון איבּער פֿיליפּ׳ן (197). די גאַנצע פֿלאָטע האָט פֿיליפּ געמוזט אָבּגעבּען, זיין חיל אָבּלאָזען, טויזענד טאַלענטע (אַנדערהאַלבּען מיליאָן טהאָלער) קאָנטריבּוציאָן בּעצאָהלען אונ פֿון גריעכענלאַנד זיך גאַנץ אָבּזאָגען. די גריעכען האָבּען מיט פלאַמינום זיך זעהר שטאַרק געפֿרייט אים האַלטענדיג פֿאַר זייער משיח, וואָס האָט זיי פֿון פֿיליפּ גערעטעט.

אָבּער פֿיליפּ׳ם זוהן אונ יורש, פּערזעאוס, האָט געזוכט פּלאָנער ווי זיך פֿון ראָם צו בּעפֿרייען, אונ אַזוי איז געקומען צו אַ דריטע מלחמה פֿון מאַקעדאָניען (171—168). 2 יאָהר נאָכאיינאַנדער האָט דער יונגער העלד געגען ראָם גוט געפֿאָכטען, בּיז די ראָמער האָבּען געגען איהם דעם עמיליוס פּאַולוס הערויסגעשיקט, דעם זוהן פֿון דעם פּאַולוס, וועלכער איז געפֿאַלען בּיי דער מלחמה פֿון קאַננאָ. די שרעקליכע מלחמה בּיי פּידנאָ אין מאַקעדאָניען (168) האָט דעם קאָניג געקאָסט זיין מלוכה אונ זיין פֿרייהייט. נאָך דער איינגעפֿיהרטער מאָדע פֿון די ראָמישע מנצחים, איז דער אונגליקליכער מלך געפֿיהרט געוואָרען נאָך אָמיליוס פּאולוס קאָטש (דער פּאַראַד פֿלעגט זיך אָנרופֿען טריאומף) אונ איז נאָכהער געשטאָרבּען אַלם געפֿאַנגענער שקלאַווע אין שווערער געפֿאָנגענים. דאָס לאַנד מאַקעדאָניען, וועלכעס האָט פֿריהער די גאַנצע וועלט בּעהערשט איז יעצט געוואָרען אונטערטהאָניגט פֿון ראָם; צוואַנציג יאָהר שפּאָטער איז עס אין גאַנצען אַ ראָמישע פּראָווינץ געוואָרען (148).

איללירען, וועלכעס איז געווען פֿערבּונדען מיט מאַקעדאָניען, האָט אויך בּעקומען דעם אייגענעם פּסק. איהר קאָניג גענטיום איז געפֿאַנגען געוואָרען אונ אויך אין טריאומף געפֿיהרט געוואָרען ווי זיין חבר פּערזעאוס.

צערשטאָרונג (חורבן) פֿון קאָרינטה (146 פֿאַר קר.). גריעכענלאַנד, וועלכעס האָט זיך אַזוי געפֿרייעט מיט ראָם, האָט אויך די זעלבּע מפּלה דערלעבּט.

דעם גראָסטען פּ֫ק האָט געהאַט די שאָנע שטאָדט קאָרינטה, זי איז איינגענומען געוואָרען פֿון דעם קאָנזול מומיוס, אַלע זְכָרִים זיינען אין איהר געטאָדעט געוואָרען, די ווייבער און קינדער זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרען אין שקלאַווערײַ (צום אייביגען דיענסט און אַרבייט), די שטאָדט אַליין איז צושטערט געוואָרען, גערויבעוועט און דאָן אָנגעצונדען און פֿערבּרענט. די קונסט=זאַכען וועלכע קאָרינטה האָט זעהר פֿיעל געהאַט, האָט דער מְנַצֵחַ אַ טהייל פֿערקויפֿט און אַ טהייל געפֿיהרט אין שיפֿען אום מיט זיי צו ציערען די שטאָדט ראָם, וועלכע איז דורך איהרע גרויסע נְצָחוֹת אַ וועלט=שטאָדט געוואָרען. מומיוס האָט נאָך קיין יְדִיעָה געהאַט וועלכען ווערטה די קונסט=זאַכען האָבען, דערום האָט ער געסטראַשעט די סאָלדאַטען וואָס האָבען זיי אין די שיפֿען געפּאַקט, זי זאָלען זיך היטען זיי פּאַקענדיג קיין זאַך צו צובּרעכען, ווען ניט — וועלען זיי עס אויף זייער רעכנונג מוזען אָבמאַכען... גאַנץ גריעכענלאַנד איז אַ פּראָווינץ פֿון ראָם געוואָרען. דער גרויסער מנצח האָט ערהאַלטען דעם כּבוד דאָס מען האָט איהם געמאַכט אַ טריאומף און דעם טיטעל אַחאַיקוס געגעבען. פֿיעל גריעכען זיינען נאָך זייערע מנצחים נאָך ראָם געגאַנגען, און דאָרט זייער בּילדונג געבּראַכט און אין אַלע ערוועקט דאָס געפֿיהל פֿאַר קונסט און וויססענשאַפֿט.

דער דריטער פּונישער קריעג (146—149 פֿאָר קר.). אֲפִילוּ נאָך דער טיעפֿער מַפָּלָה פֿון קאַרטהאַגא האָבען די ראָמער נאָך אַלץ מוֹרָא געהאַט פֿאַר איהר, דען איהר האַנדעל האָט בּיסליכווייז אָנגעפֿאַנגען ווידער אויפֿצובליהען און דאָס פֿאָלק האָט ווידער אויפֿגעלעבּט. איצט האָבען שוין די ראָמער חֲרָטָה געהאַט פֿאַר וואָס זיי האָבען מיט איהר בּאַלד נאָך זייער גרויסען נִצָחוֹן בּיי צאַמאַ ניט געמאַכט אַ סוף ווי מיט קאָרינטה. בְּעִיקָר האָט זיי דערצו גערייצט אַ סענאַטאָר מיט דעם נאָמען קאַטאָ, יעדע רעדע וועלכע ער האָט פֿאַר'ן עוֹלָם געהאַלטען פֿלעגט ער אַלץ אויספֿיהרען מיט די וואָרטער: „און איצט געדענקט וואָס איך זאָג אייך אָן: קאַרטהאַגאַ מוז צושטאָרט ווערען, ווען ניט וועט איהר צום סוף זעהר חֲרָטָה האָבען".

דאָ האָט געטראָפֿען, דאָס מאַסיניססאַ, דער מֶלֶךְ פֿון נאָהנטען נומידיען, אַ פֿריינד און פֿערבּינדעטער פֿון די ראָמער איז אָנגעפֿאַלען אויפֿ'ן גרעניץ פֿון קאַרטהאַגאַ, און אֶפְשָׁר האָבען עס די ראָמער אַליין אָנגעשטעלט דעם מאַסיניססאַ, כְּדֵי זיי זאָלען זיך צוטשעפּען צו די קאַרטהאַגער אום זיי צו פֿערניכטען. די קאַרטהאַגער האָבען נישט געטאָרט אָנהויבען מיט וועמען אַ מִלְחָמָה אָהן ראָמס הַסְכָּמָה. איינִיגע מאָל האָבען זיי זיך פֿאַר דעם ראָמישען סענאַט בּעקלאָגט, האָבען אָבער קיין ריכטיגע תְּשׁוּבָה ערהאַלטען, בּיז צום סוף האָבען זיי פֿערלאָרען די געדולד און זיך גענומען צו די וואָפֿען. אָבער אין דער זעלבען צייט האָבען זיי געשיקט שְׁלוּחִים נאָך ראָם צו

ערקלערען דאָס זיי זיינען געצוואונגען זיך צו וועהרען. דער רעמישער סענאט אָבער האָט זיי בעפֿאָהלען זיך גאַנץ אונטערצוגעבען, אונ צום צייכען פֿון איהרער הַכְנָעָה מוזען זיי אַריינשיקען 300 יונגע לייט פֿון זייערע גראָסטע, ווילכטיגסטע פֿאַמיליעס. זיי האָבען אויך דאָס געפֿאָלגט, אונ די גראָסטע לייט האָבען מיט יאָמער אונ געוויין זייערע קינדער אַלס לעבענדיגע מַשְׁכָּנוֹת נאָך ראָם איבערשיקט; פֿון דעסטוועגען זיינען ראָמס קאָנזולען איבער סיציליען אין זייערע שיפֿען אַרויס אום פֿון קאַרטהאַגאַ איין ענדע צו מאַכען. נאָך אַ מאָל זיינען געקומען שְׁלוּחִים פֿון קאַרטהאַגאַ אום שָׁלוֹם צו בעטען: זיי קענען פֿערלאַנגען וואָס זיי ווילען. נון האָבען די רעמער פֿערלאַנגט זיי זאָלען אַלע זייערע שיפֿען הערויסגעבען, די קאַרטהאַגער האָבען אויך דאָס געטהון, דאָ האָבען די רעמער גענומען זייערע שיפֿען אונ זיי לעבענדיג אַלע פֿערברענט, דאַן האָבען זיי בעפֿאָהלען די קאַרטהאַגער זאָלען זיי אַלע זייערע וואַפֿען אונ געוועהר אַרויסגעבען. מיט מוֹרָא אונ פַּחַד האָבען די אונטערטהאָניגע קאַרטהאַגער אויך דאָס געטהון, אונ נאָכדעם ווי זיי זיינען געבליעבען אָהן אַ שום מיטעל זיך צו בעשיטצען, האָבען די רעמער געגעבען דעם שטרענגען בעפֿעהל אַרויס צו געהען מיט ווייב אונ קינדער פֿון זייער היים, וועלכע מוז חָרֵב ווערען. צוויי מיילען פֿון ברעג יָם מאָגען זיי זיך נייע הייזער בויען, דאָס קאָנע די רעמער ערלויבען אונ ניט אַנדערש!

דיעזע האַרטע צָרָה האָט די קאַרטהאַגער געבראַכט אויסער זיך, אַלע האָבען געשוואָרען ליעבער מיט זייער פֿאַטערשטאָדט אונטערצוגעהען איידער זי צו לאָזען אַזוי שאָנדליך פֿאַלען, זאָגלייך האָבען זיך אַלע צו געוועהר געשטעלט, די טויערן האָבען זיי פֿערשפּאַרט, דעם האַפֿען (פּאָרט) מיט אַ לאַנגער קייט פֿאַרשפּאַרט, די שפּיטצען פֿון זייערע הייזער האָבען זיי אַראָפּגעטראָגען אום פֿון זיי שיפֿען צו בויען, גאַנץ קאַרטהאַגאַ איז געוואָרען ווי איין גרויסע פֿאַבריק; אין אַלע גאַסען האָבען געקלאַפּט די האַמער, מען האָט געהובעלט, געשמאָלצען, די פֿרויען האָבען אָבגעגעבען זייער גאָלדענע אונ זילבערנע ציערונג דערפֿון פֿפֿיילען צו מאַכען, די לאַנגע האָר האָבען זיי געלאָזען אָבשניידען אום שטריק צו די פֿפֿייל אונ באָגענס צו מאַכען, אַ גאַנצע האַלבע מיליאָן מענשען האָבען זיך געפֿלייסט וואָס גראָסערע אונ טהייערע קָרְבָּנוֹת צו בריינגען זייער פֿאַטערלאַנד צו ראַטעווען. פֿאַר די טויערן איז געשטאַנען זייער פֿעלדהערר האַזדרובאַל מיט אַ גרויס חיל.

צוויי יאָהר נאָך אַנאַנדער האָבען זייערע גִּבּוֹרִים זיך געוועהרט ווי לייבען אונ אַלע אַנפֿאַלונגען פֿון די בעלאַגערנדע צוריק געשלאָגען. דאַן האָבען די רעמער אַרויס געשיקט דעם קאָנזול סציפּיאָ אָמיליאַנוס, דעם זוהן פֿון אָמיליוס פּאולוס, דער מְנַצֵּחַ פֿון מאַקעדאָניען — אונ דער בעריהמטער קריעגסהעלד האָט אים דריטען יאָהר פֿון דער בעלאַגערונג אין יאָהר 146 איינגענומען די מויערן אונ

די ראָמער זיינען אין דער שטאָדט אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע מאָרדעריי אין אַלע ווינקלען; זעקס טאָג האָט מען זיך געשלאָגען אונ געהרג'ט אין מיטען צווישען די שְׂרֵפוֹת אונ חורבות פון דער אָנגעצונדענער שטאָדט. זיעבענצעהן טאָג נאָכאַנאַנדער איז זי געשטאַנען אין הוילע פייער; ווער עס איז ניט געפאַלען פון דעם ראָמערס שווערדט, האָט זיך זעלבסט געגעבען דעם טויט. טויזענדער האָבען זיך געוואָרפען אין די פלאַמען, אונטער זיי אויך האזדרובאַלס ווייב אונ קינדער, בְּשַׁעַת ער אַליין האָט זיך דעם מנצח צו די פיס געוואָרפען אונ אום גנאָדע גע־בעטען. דער עדעלער מאַן סציפיאָ, זעהענדיג דאָס גרויסע אונגעהייערע אונגליק פון דער גרויסער שטאָדט, האָט דאַרויף טהרערען פערגאָסען אַזוי ווי דאָס הערץ וואָלט איהם געזאָגט וואָס פאַר אַ סוף עס ווערט אַ מאָל זיין אייגענע שטאָדט אויסגעהען. נאָך דער מאָרדערישע הֲרֵיגָה זיינען נאָך פונפציג טויזענד מאַן אונגליקליכע געבליעבען, וועלכע זיינען צו שקלאַווערייא געבראַכט געוואָרען. גוטס איז דאָרט אָנגערויבט גע־וואָרען אָהן אַ מאָאָס אונ נאָך ראָס געבראַכט געוואָרען. סציפיאָ האָט פון דאָרט גע־מאַכט אַ גלאָנצענדען טריאומפ־צוג אונ בעקומען דעם נאָמען אַפריקאַנוס. דאָס גאַנצע קאַרטהאַגענישע לאַנד איז געוואָרען אַ פּראָווינץ ראָמס אונטער דעם נאָמען אַפריקאַ.

אַזוי איז געפאַלען די האַנדעלס־קעניגין פון דער וועלט, נאָך דעם גלאַנץ פון זיעבענהונדערט יאָהר איז זי געוואָרען איין אָרט פיר ווילדע חיות אונ פערוויל־דעטע פאָלקער. אויף דער ים, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגען שיינע האַנ־דעלס־שיפען איז געוואָרען איין אָרט פיר ווילדע רויבער אונ באַרבאַרען.

מלחמות פון די ראָמער אין שפּאַניען. אין קיין לאַנד האָבען די ראָמער אַ זעלכע שווערע מלחמות געהאַט ווי אין שפּאַניען, אָמֶת זיי האָבען די קאַרטהאַגער פון דעם שאָנעם לאַנד פערשטויסען, אָבער פאַר זיך איינ־צונעהמען דיעזעס לאַנד האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. זייערע אַרגסטע פיינד אין דיעזעס לאַנד זיינען געוועזען די צעלטיבערער אונ דאָרט ווייטער — וואו עס איז יעצט פּאָרטוגאַל — די לוזיטאַניער. די גראָסטע ראָמישע פעלדהעררען האָבען דאָרט געהאַט מַפָּלוֹת, איבערהויפט זייט וויריאַטהוס האָט זיך געשטעלט אַן דער שפּיטצע פון די לוזיטאַנער. דער העלד איז געוועזען פריהער אַ פּאַסטוך נאָכהער אַ יאָגער, האָט צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד (149—139) מלחמה געהאַלטען, אונ אַלע געגען איהם אויסגעשיקטע חיל אַריינגענאַרט צווישען די ווילדע בערג אונ אויסגעהרג'ט. צום סוף האָבען זיך די ראָמער געפּיהלט געצוואונגען מיט איהם שָׁלוֹם צו מאַכען אונ איהם זיינע לאַנדער פריי איבערלאָזען, אָבער ווי נור זיי האָבען שלום געמאַכט אונ דער עהרליכער העלד האָט זיך געהאַלטען רוהיג, האָבען

די פֿאַלשע ראָמער צו איהם אונטערגעשיקט מאָרדער אונ איהם שאָנדליך געטאָרטעט, דאַמאָלס נור אַלס מען האָט דעם הויפּט-העלד פֿון די לוזיטאַנער דעם טויט געמאַכֿט, האָט מען דעם חיל בּיסליכֿווייז איינגענומען.

אונ נאָך שאָנדליכֿער האָבען די ראָמער זיך בּעגאַנגען געגען דער שטאָדט נומאַנציאַ, היינטיגע טאָריאַ, אַם טייך דועראָ אין אַלט-קאַסטיליען. די נומאַנציער, געטרייע חֲבֵרים פֿון די לוזיטאַניער, האָבען צוויי מאָל נאָכֿאַנאַנד אויסגעהאַלטען אַ בּעלאַגערונג אונ די ראָמער מוטהיג צוריקגעשלאָגען, אונ צום דריטען מאָל האָט דער קאָנזול האסטילוס מאַנוציוס געפּרובּירט זיי צו בּעלאַגערן, אָבער זיי האָבען איהם מיט זיין חיל אַרומגערינגעלט אונ שוין געוואָלט פֿערניכֿטען, דאַן האָט האסטיליוס זיך געפֿיהלט געצוואונגען מיט זיי שלום צו מאַכֿען. אָבער קוים האָבען די ראָמער זיך אַרויס גערעטעט פֿון די נומאַציער, האָבען זיי זייער וואָרט געבּראָכֿען אונ ווייטער מיט זיי מלחמות געפֿיהרט, חאָטשי זיי האָבען אויך יעטצט גאָר נישט אויסגעפֿיהרט. צום סוף האָבען די ראָמער הערויסגעשיקט זייער סציפּיאָ אמיליאַנוס דעם מְנַצֵּחַ פֿון קאַרטהאַגא. איהם, האָבען זיי גערעכֿט, וועט ניט שווער זיין אין דער מלחמה אויסצופֿיהרען, אָבער די שטאָדט נומאַציאַ איינצונעהמען האָט זיך איהם אויך ניט איינגעגעבען. ער האָט זי דאַהער רינגסאום מיט חיל איינגעשלאָסען, זי צו צווינגען דורך הונגער זיך איבּערצוגעבּען. אונ בֶּאֱמֶת איז שוין דאָרט דער הונגער אַזוי גרויס געווען, דאָס מען האָט שוין אֲפִילוּ מענשענפֿלייש פֿערקויפֿט אום דאָס לעבּען דורך דער שפּייזע צו ערהאַלטען; דאַמאָלס ערשט האָבען זיי אָנגעפֿאַנגען אָנצובּיטען שליסען פֿרידען. אַלס אָבער דער ראָמישער קאָנזול האָט געפֿאָדערט זיי זאָלען זיך גאַנץ אָן אַ שום תְּנַאי אונטערגעבּען, האָבען די נומאַציאַנער אַלע האָפֿנונג אויפֿגעגעבען איהר לעבּען צו ערהאַלטען, אונ זייענדיג לְאַחַר יֵאוּש האָבען זיי איינע די אַנדערע אויסגעקוילעט, אונ גאַנץ ווענינע האָבען זיך צו די ראָמער איבּערגעגעבּען. נומאַציאַ איז נאָך ניין-יאָהריגען קריעג אין גאַנצען צושטאָרט געוואָרען, דער בּונט פֿון לאַנד האָט זיך איינגעשטילט; שפּאַניען האָט זיך ווידער אונטערגעגעבען, חאָטשי זי האָט ניט אויפֿגעהאָרט זיך בּיי יעדער געלעגענהייט צו בּונטעווען. סציפּיאָ האָט נאָך דעם נִצָּחוֹן בּעקומען דעם טיטעל פֿון כָּבוֹד „נומאַנטינוס".

די אינוועניגסטע מְהוּמוֹת בְּשַׁעַת די גראַקכֿען (133—121 פֿאַר קר.). אין דער צייט ווען ראָם האָט אויסגעבּרייטערט איהר הערשאַפֿט אויף אַלע זייטען, איז איהרע אינעווענינסטע גְדוּלָה אַלץ מעהר אונ מעהר געזונקען; איהר צו גרויסעס גליק איז געווען איהר אונגליק, אונ איהרע אוננאַטירליכֿע גרויסקייט — איהר גראָסטע איינזינקעניש. די אַלטע פְּשׁוּט'ע מִנְהָגִים, דורך וועלכֿע דיעזע מֶמְשָׁלָה

איז פֿון קליין אַזוי גרויס געוואָרען, זיינע אַלץ מעהר בָּטֵל געוואָרען, וואָס מעהר די ראָמער האָבען זיך איינגעוואָהנט צום אַזיאַטישען ראָסקאָשנעם לעבען. דורך דעם גרויסען רויב אויף די מלחמות און דורך די שווערע יאָהרליכֿע אָבגאַבען (פֿאָדאַטקעס), וועלכֿע זיי האָבען אַרויפֿגעלייגט אויף די איינגענומענע לאָנדער, האָבען די איינוואָהנער פֿון ראָם זיך איינגעוואָהנט אַלע תַּעֲנוּגִים צו גאָנען. די אייניקליך פֿון יענע איינפֿאַכֿע בַּעֲלֵי בָּתִּים, וואָס פֿלעגען אַליין הינטער דער סאָכֿע געהען און אַלע שווערע אַרבייט אין זייערע הייזער טהון, האָבען זיך אויסגעלערנט ראָסקאָשנע צו לעבען און זיך פֿון קיין פֿערגניגען ניט אָבזאָגען. די ערד בעאַרבייטען איז שוין געווען גערעכֿנעט פֿיר אַ ניעדריג בעשעפֿטיגונג, וואָס מען האָט איבערגעגעבען די שקלאַווען; קיינער האָט ניט געוואָלט אַליין אַרבייטען, יעדער האָט נור תענוגים פֿאַר זיין גוף געזוכֿט, די אֱמוּנָה האָט שוין ניט געהאַט קיין דֵעָה אויף דעם מענשענס לעבען, גַאֲוָה, כָּבוד און גרויסקייט זיינען זעהר אין דער מאָדע געוואָרען. ביי דער גראָסטער עֲשִׁירוּת פֿון וועניגע איז די אָרימקייט פֿון געמיינעם עולָם געווען גאָר אָהן אַ גרעניץ, מיטעל=שטאָנדיגע מענשען האָבען גאַנץ געפֿעהלט. די גרויסע עשירות האָט זיך נור געפֿונען ביי איינציגע פֿאַמיליען, וועלכֿע האָבען אין די מלחמות די ערשטע טשינען געהאַט און דערביי די גראָסטע דֵעָה און חֲשִׁיבוּת און כבוד. זייט דעם עס איז פֿערשוואונדען געוואָרען דער אונטערשיעד צווישען אַריסטאָקראַטיע (פֿאַטריציער) און פֿלעביייער, איז אַראָפּ דער יִחוּס מִשְׁפָּחָה און עס איז נור געבליעבען דער יחוס פֿון טשין און פֿון טיטעל, וועלכֿע זיינען געווען געווענדעט נור אָן עשירות. דער עָשִׁיר האָט שטענדיג ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגען צו זיך אַלעם גוטס פֿון די איבריגע איינוואָהנער, זאָ דאָס זיי האָבען קיין קאָפּ ניט געקענט אויפֿהויבען. און אַלע מַעֲלוֹת פֿון חָכְמָה, גְבוּרָה, שאָנהייט און געלערנטקייט, האָט נור געהערט צו די רייכֿע און זייערע קינדער און קְרוֹבִים ווייטער קיינעם ניט. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט דאַגעגען געלעבט אין מאַנגעל און נויט און אָבהאָנגיג פֿון אַנדערע. צו דיעזע זיינען נאָך צוגעקומען אַ גרויסער צאָהל שקלאַווען געקויפֿטע אָדער געפֿאַנגענע דורך וועלכֿע יעדע אַרבייט איז ביליג געוואָרען, און די אָרעמע אַרבייטער האָבען ניט געהאַט אויף חִיוּנָה. עס איז קיין וואונדער ניט דאָס פֿון דאַמאָלס אָן איז די ראָמישע געשיכֿטע פֿול געווען קִנְאָה און שִׂנְאָה, העטצעס און אינטריגעס וועלכֿע האָבען געבראַכֿט צו בלוטיגע קריעג צווישען זייערע אייגענע שְׁכֵנִים.

מיט שטאַרקע אויפֿריהרונגען און בלוטפֿערגיעסונגען זיינען פֿול געווען די קריעג פֿון די ביידע גראַקכֿען, פֿון מאַריוס און סולאָ, פֿון פֿאָמפּעיוס, צעזאַר אַנטאָניוס און אָקטאַביאַנוס.

טיבֿעריוס גראַקכֿוס (133). דער שטאַרקער אונטערשייד צווישען דעם רייכטהום פֿון איינִיגע פֿאַמיליען אונ דעם שרעקליכֿען דַלות פֿון די איבֿריגע, האָט ענדליך געמוזט בריינגען עס זאָל דער גאַנצער בִּנְיָן פֿון דער ראָמישער מֶמְשָׁלָה צושאָטען ווערען. עס האָט זיך געפֿונען איין גוטער עדעלער מאַן, וועלכֿער האָט אוים רייִנסטער מענשענפֿריינדשאַפֿט אונ פֿאַטערלאַנדס=ליעבֿע זיך גערעשעט, זיין אַרמעם פֿאָלק פֿון זיינע צָרות אַרויסצוהעלפֿען. דאָס איז געוועזען דער טריבֿון **טיבֿעריוס גראַקכֿוס** אַ אייניקעל פֿון דעם אָלטערן סציפּיאָ אַפֿריקאַנוס. אין יאָהר 133 פֿאָר קר. האָט ער אויפֿגעזוכֿט איין אַלטע אַקקער=געזעטץ פֿון פֿאַר צוויי־הונדערט יאָהרען, וואָס דער עולם האָט דאַראָן גאַנץ פֿערגעסען. נאָך דעם געזעטץ האָט קיין ראָמישער איינוואָהנער געטאָרט מעהר אַלס פֿינפֿהונדערט מאָרגעס קאַזיאָנע ערד בעזיטצען, אַלע איבֿריגע ערד מוז צוטהיילט ווערען דורך אַ גורל צווישען די אָרעמע לייט. די רייכֿע זיינען זעהר בֿאָז געוואָרען אונ אָנגעפֿאַלען אויף דעם קאַפּיטאָל וואו גראַקכֿוס האָט עבֿען געהאַלטען אַ פֿייערדיגע רעדע געגען זיי, זיי האָבֿען איהם אונ דרייהונדערט פֿון זיינע חֲבֵרִים טויטגעשלאָגען, דעם גוף פֿון דעם געהרגעטען אום געשלעפּט איבֿער די גאַסען, אונ נאַכֿהער אַריינגעוואָרפֿען אין טייך טיבֿער.

קאַיוס גראַקכֿוס. טיבֿעריוס איז געפֿאַלען, אָבֿער זיין אוקאַז ניט; צעהן יאָהר נאַכֿהער איז זיין יונגערער בֿרודער **קאַיוס גראַקכֿוס** אויסגעקליבֿען געוואָרען צו זיין פֿאָלקס=טריבֿון, אונ מיט דער מאַכֿט וואָס מען האָט איהם געגעבֿען, האָט ער זיך גענומען, דעם פּלאַן פֿון זיין געהרגעטען בֿרודער אויסצופֿיהרען. ער האָט בֿענייט דעם פּלאַן די פֿערבֿינדעטע שְׁכֵנִים (בַּעֲלֵי בְּרִית) פֿון די אַנדערע פֿאָלקער גלייכֿע בֿירגער=רעכֿטע (גראַזשדאַנסקע פּראַווּעס) צו שענקען, צו בֿעלויהנונג דערפֿאַר וואָס זיי האָבֿען אַזוי פֿיעל גוט אונ בלוט פֿאַר ראָם מַקְרִיב געווען, אונ צוליעבֿ דעם איז עס געקומען צו נייעם קריעג אונ בלוט פֿערגיעסען.

איבֿער דרייטויזענד געטרייע פֿריינדע פֿון קאַיוס גראַקכֿוס האָבֿען זייער לעבֿען פֿערלאָרען, קאַיוס אַליין איז אויך אין דיעזעם ווילדען טומעל געהרג׳ט געוואָרען (121) אונ עס איז קיין זאַך ניט אויסגעפֿיהרט געוואָרען. די קאַזיאָנע ערד איז ניט פֿאַרטהיילט געוואָרען צווישען די אָרעמע אונ די אַנדערע פֿאָלקער איז די ראָמישע גראַזשדאַנסטוואָ ניט געגעבֿען געוואָרען. אָבֿער דער פּלאַן איז שוין איינמאָל אויפֿגעגעבֿען געוואָרען אונ עס איז אונמאָגליך געוועזען איהם גאַנץ מְבַטֵּל צו זיין. שוין אין יאָהר 88 פֿאָר קר. האָבֿען די איטאַליענישע פֿאָלקער אין אַ בלוטיגען קריעג, וואָס ווערט אנגערופֿען דער **מאַרזישער קריעג**, מיט תְּקִיפוּת זייער רעכֿטע בעקומען (90—88 פֿאָר קר.).

אָבער דיזע נייע פּראָוועס האָט טויזענדער מענשען דאָס לעבען געקאָסט, און גרויסע לאַנדטהיילען איטאַליענס זיינען צו חָרֵבֿ׳דיגע מִדְבָּרִיוֹת געוואָרען.

ניט נור ביי די פֿרייע איינוואָהנער אַליין נור אויך ביי די שקלאַווען האָט זיך דאַמאָלס ערוועקט דער ווילען זיך צו בעפֿרייען. אָפֿטע בונטען זיינען צווישען זיי געווען, בעזאָנדערס אויף סיציליען; עס איז געווען ווי אַ וויטע שטאַרקע שְׂרֵפָה, קוים האָט אין איין אָרט דאָס פֿייער אויפֿגעהערט, האָט מיט אַ מאָל דאָס פֿייער אין איין אַנדער אָרט אויסגעבראָכֿען. דאָס איז געווען ווי איין הַקְדָּמָה צו די שרעק־ליכֿע זאַכֿען וועלכֿע האָבען ראָם צום חוּרְבָּן געפֿיהרט. די שלעכֿטע אויפֿפֿיהרונג איז וואָס אַ מאָל אָרגער געוואָרען, דעם פֿאָלק האָט מען געמוזט שענקען די פּאָדאַטקעס, אַלע וואָך האָט געמוזט ברויט אונטער דעם הֲמון פֿערטהיילט ווערען, און דורך דעם האָט זיך דער המון גאָר אָבגעוואָהנט פֿון אַרבייט. אויך האָט מען געזוכֿט מיטעל דעם פֿאָלק צו בעשאָפֿטיגען מיט אַלערליי זאַבאַוועס, זייערע גראָסטע פֿערגניגונגען איז געוועזען צו לאָזען מענשען מלחמה האַלטען אויף לעבען און טויט געגען מענשען אָדער געגען ווילדע חַיוֹת. און אַ זעלכֿע מענשען האָבען זיי ניט געפֿעהלט, מען פֿלעגט דערצו נעהמען די פֿיעלע געפֿאַנגענע פֿון די מלחמות, אָדער זייערע פֿיעלע שקלאַווען דערצו בענוטצען. דאַרויף פֿלעגען זיי האַלטען און פֿיטערן די ווילדעסטע חיות און מענשען. אַזעלכֿע בלוטיגע זאַבאַוועס פֿלעגען זיי מאַכֿען פֿאַר דאָס פֿאָלק לְכָבוֹד זייערע אָבגאָטער אין זייערע יָמִים טוֹבִים אָדער ביי אַ קְבוּרָה פֿון זייערן אַ גרויסען מאַן, און דאָס צולאָזענע פֿאָלק פֿלעגט אַזוי דורשטען נאָך אַ זעלכֿע בלוטיגע זאַבאַוועס ווי נאָך ברויט און וואַסער. און אויף וואָס פֿאַר גוטעס האָט מען געקענט זיך ריכֿטען פֿון דעם נייען דור, פֿון די יונגע קינדער, ווען זייערע עלטערן האָבען זיך אַזוי אויפֿגעפֿיהרט! וועלכֿע ערציעהונג געקאָנט האָבען בעקומען די קינדער, וואָס האָבען זיך געבילדעט ביי זייערע שקלאַווען, וואָס זיי האָט געפֿעהלט חֵשֶׁק און אויך גוטער כאַראַקטער זיי בעסער צו האָדעווען!

דאָס אָרגסטע איז נאָך דאָס געוועזען, דאָס ביי דער פֿערטהיילונג פֿון קאַזיאָנע שטעלען, האָט מען ניט געקוקט ווער עס איז ווערטה אַזוי אַ שטעלע צו בעקומען. ניט פֿאָהיגקייט, ניט עהרליכֿקייט האָבען דעם מענשען ווערטה געמאַכֿט צו אָרדענט־ליכֿע שטעלען, נור ווער עס איז ניעדריגער געווען צו חַנְפֶנ׳ן, צו נאַרען די דֵעָה פֿון כְּלָל, צו אונטערקויפֿען דורך שֹׁחַד און פֿאַקטעריי! די פֿערקויפֿונג פֿון די שטימ־מען (דֵעוֹת פֿון יעדערען) איז באַלד געוואָרען אַ גאַנץ געוואָהנליכֿע הַכְנָסָה. אַזוי איז מאָגליך געוואָרען יעדען רייכֿען ראָמער צו אויסשטעקען די האַנד נאָך יעדער מֶמְשָׁלָה און אָבצוקויפֿען די מיינונג פֿון אַ רַבִּים דורך שֹׁחַד און מַתָּנוֹת.

אֲפִילוּ דער סענאַט וואָס איז פֿריהער הויך געשאַטצט געווען, איז אויך ער־

ניעדריגט געוואָרען צו שׂחד און אונטערקויפונג. א טרויעריגען ביישפיעל דערפון זעהען מיר פון דער מִלְחָמָה מיט יוגורטהא.

מלחמה געגען יוגורטהא (111—106 פאר קר.) יוגורטהא דער איינקעל פון דעם אפריקאנישען קעניג מאסיניססא איז אנגענומען געוואָרען פון איהם אלס אייגענער זוהן, און איז אליוא געבליעבען זיין אֱמֶת׳ער יוֹרֵשׁ. ער האָט געוואָלט זיך טהיילען מיט דער מְלוּכָה פון נומידיען (אפריקא) מיט זיינע צוויי קוזינען היעמפזאל און אדהערבאל, ער האָט אָבער ניט געוואָלט זיין א שוּתָּף מיט אנדערע, און איז אנגעפאלען פריהער אויף היעמפזאל דערנאָך אויף אדהערבאל און האָט ביידען געטאָדטעט. נאכהער האָט ער געשיקט שְׁלוּחִים מיט פולע בייטעל געלד אין ראָם, צו טהיילען צווישען די סענאַטאָרען זיי אונטערצוקויפען און איינצונעהמען צו זיין טוֹבָה. אלס אָבער עס איז אויפגעטרעטען איין טריבון און האָט די סענאַטאָרען פאָרגעהאלטען וואָס זיי שווייגען יוגורטהא, און דאָס פאלק האָט זיך דערוואוסט פון דעם שׂחד, האָט מען שטאַרק אנגעהויבען צו ריידען אנטגעגען דעם סענאַט. ענדליך איז ארויסגעשיקט געוואָרען א רֶאמישער חיל נאָך אפריקא געגען דעם רויבער פון דער נומידישע מלוכה. אָבער דער רֶאמישער פעלדהערר האָט מיט איהם פאר געלד שָׁלום געמאַכט און צוריק נאָך ראָם אוועק. דאַרויף האָבען די טריבונען געשריען, און אם ענדע איז יוגורטהא גערופען געוואָרען נאָך ראָם דאָרט אויף זיינע מַעֲשִׂים דין וְחֶשְׁבּוֹן אָבצוגעבען. ער איז אהין געקומען מיט פיעל געלד און זילבער און האָט אלע בַּעֲלֵי דֵעוֹת אונטערגעקויפט איהם פריי צו מאכען. ער האָט זיך נאָך ערלויבט זיינעם א קוזין, נאמענס מאססיפא צו ערטאָדטען, אלס ער האָט זיך דערוואוסט דאָס דאָס רֶאמישע פאלק דענקט דיעזעם מאססיפא צום קעניג פון נומידיען צו מאכען. דאן האָט דאָס פאלק דעם אָפענען מאָרדער ארויסגעטריעבען. בְּשַׁעַת ער איז פון ראָם אוועק האָט ער נאָך געזאָגט מיט א געלעכטער „גאנץ ראָם איז וואָהלפייל צום קויפען נאָר עס איז קיין בעל׳ן דאַרויף נישטא״. די וואָרטער האָבען זיך דערגאנגען, און גלייך מיט איהם איז אנגעקומען איין אויפרוף צום מלחמה מיט איהם. אָבער דאָס חיל וועלכעס איז ארויסגעשיקט געוואָרען געגען איהם, האָט גאָר ניט געטהון, וויל די אנפיהרער האָבען זיך געלאָזען אונטערקויפען, און אלס עס איז געקומען צו א מלחמה איז דאָס חיל אזוי שלעכט געפיהרט געוואָרען, דאָס זיי זיינען פון יוגורטהאס חיל איינגענומען געוואָרען, און ער האָט זיי געטריעבען צו געהען אונטער א יאָך ווי אָקסען. דיעזע חֶרְפָּה האָט די רֶאמער אויסער זיך געבראכט, דאן איז אויסגעקליעבען געוואָרען א בעוואוסטער עהרליכער און פעסטער, האָטשי אפילו א צו גרויסער מְיוּחָס׳דיגער מאן, נאמענס מעטעלוס, און געשיקט געוואָרען בְּרֹאשׁ פון א גרויסען

ראָמישען חיל, דאַמאָלס ערשט האָט די מִלְחָמָה גאָר איין אַנדער צוּרָה בעקומען, יוגורטהאַ האָט מיט זיין חיל אַ מַפָּלָה געהאַט, אונ אום צו ניצול ווערען פֿון די ראָמער איז ער אַנטלאָפֿען צו זיין שוועהר בּ אָ כֿ וּ ם דעם קאָניג פֿון מוריטאַניען, היינטיגעס מאַראָקאָ. מעטעלוס וואָלט געוויס די מלחמה געפֿיהרט ביז צום סוֹף, ווען ניט מ אַ ר י וּ ם וואָלט איהם ניט אָבגעשטויסען פֿון זיין אָרט.

קאַיוּס מאַריוּס איז געווען איין זוהן פֿון אָרעמע עלטערן, ערד=אַרבּייטער פֿון אַ ר פּ י נ וּ ם אים לאַנדע פֿון די וואָלסקער. פֿון יונגערהייד האָט ער געוואָהנט זיין קאָרפּער צו אַלע שווערע אַרבּייט, איז געווען גאַנץ אָבגעהאַרטעוועט געגען ווינד אונ וועטער, די נאַטור איז געווען אַ אייזערנע, האַרט אונ רויה. אַ בּרענענדיגע תַּאֲוָה צו כָּבוֹד האָט געגליהט אין דעם מענשען, וועלכֿער האָט געוואוּסט זיינע מַעֲלוֹת אונ זיין ווערטה. קיין זאַך איז איהם ניט צו שווער געווען צו איהר צודערלאַנגען; דורך אַ ווילדען מוּטה אונ שרעקליכֿע גְבוּרָה איז ער געגאַנגען העכֿער אונ העכֿער, זאָ דאָס ער האָט זיך ערהויבּען פֿון אַ פּראָסטען סאָלדאַטען בּיז צום העכֿסטען פֿעלדהעררן. דער געמיינער עולם האָט איהם זעהר געליעבּט, וויל ער האָט שטאָנדיג געהאַלטען מיט'ן געמיינעם עולם, קיין מוֹרָא, קיין סַכָּנָה איז פֿאַר איהם ניט געווען, נור כָּבוֹד איז געווען זיין גראָסטע תאוה. אָנריידענדיג רִשְׁעוּת אויף מעטעלוּס האָט ער איהם פֿערשטויסען אונ אַליין קאָנזול אונ פֿעלדהעררר געוואָרען, אונ בּאַלד דאַרויף האָט ער געמאַכֿט אַ אַרמעע אונ מיט זיי געגאַנגען אין אַפֿריקאַ אונ ערהאַלטען איין נִצָּחוֹן נאָך דעם אַנדערן. זיין פּאָמאָצניק, ס וּ ל ל אַ, האָט דורך חיטראָסט דעם בּאָכֿוּם דערצו געבּראַכֿט, דאָס ער האָט זיין אייגענעם איידעם יוגורטהאַ, צו די ראָמער איבּערגעגעבּען. ער איז אין קייטען געפֿיהרט געוואָרען נאָך ראָם, אונ דאָרט געוואָרפֿען געוואָרען אין אַ פֿינסטערע געפֿאָנגנים, זיין לאַנד איז צוגעפֿאַלען צו זיין שוועהר בּאָכֿוּם אונ צו די אייניקליך מאַסיניססאַס.

צווייטעס קאַפּיטעל.

דער פערפאלל פון דער ראמישער רעפּובליק.

מלחמה מיט די קימבערן אונ די טעאוטאָנען. בירגערקריעג צווישען מאַריוס אונ זוללא. די פערשוואָרונג פון קאַטאַלינאַ. קנעיוס פּאָמפּעיוס. בירגערקריעג צווישען צעזאַר אונ פּאָמפּעיוס. צעזארס אלליינהערשאַפט אונ טויט.

מלחמה מיט די קימבערן אונ טעאוטאָנען (113—101 פאַר קר.). בְּשָׁעַת מאַריוס האָט מיט יוגורטהאַ אין אַפריקאַ מִלְחָמָה געפיהרט אונ מְנַצֵּחַ געווען, איז אין ראָם אָנגעקומען די בְּשׂוּרָה: עס געהט אויף איהר אַ שרעקליכעס פאָלק מיט בלויע אויגען אונ גאָלדגעלבע האָאָר, גרויס ווי די ריעזען מיט אַזוי אַ קריעגס-פוטץ, וואָס איז נאָך קיין מאָל ניט געזעהען געוואָרען, פון אַזוי אַלאַנד וואו עס איז זעהר קאַלט — דאָס זיינען געווען די קימבערן אונ די טעאוטאָנען, דייטשע פעלקער פון די ברעגען פון צפון-ים (נאָרדזעע) אונ מזרח-ים (אָסטזעע), וועלכע זיינען געווען געצוואונגען פון הונגער אָדער פערפלייצונג אָדער גלאַט אַזוי פון חֵשֶׁק צו וואַנדערען, אַ נייעס פאַטערלאַנד צו זוכען. מיט גרויסע נְצָחוֹנוֹת זיינען זיי דורכגעגאַנגען די אַלפּען-לאָנדער, גאַליען אונ שפּאַניען. די ראָמישע פעלדהעררען אונ אויך אַנפיהרער פון אַנדערע פעלקער האָבען די קימבערן שטאַרק געשלאָגען. נאָכהער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט דורך שפּאַניען צוריק נאָך גאַליען; דאָרט האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט די טעאוטאָנען אונ האָבען אָנגעפאַנגען צו געהען אין צוויי בעזונדערע פאַרטיעס אין איטאַליען. גאַנץ ראָם איז איבער דיעזע נאַכריכט אַריין אין גרויס שרעק. צום ערשטען מאָל האָט זיך ניט געפונען איינער וואָס זאָל וועלען ווערען קאָנזול. דאַן האָט מאַריוס איבערגענומען אויף זיך דעם אָבערבעפעהל אונ איז אַרויס מיט זיין חיל צו דער מלחמה. אַם טייך רהאָנע האָט ער זיך צוערשט געטראָפען מיט די טעאוטאָנען, אונ אַנטגעגען זיי אַ פערפעסטיגטען לאַגער געמאַכט. די פרעמדע מאָנער זיינען געקומען מיט ווילדען אינפעט פאַר דעם לאַגער אונ האָבען זיך גערייצט אונ געשפּאָטעט פון ראָמישען חיל, אונ האָבען זיי מיט הָעָזָה אַרויסגערופען צום געשלאָג. מאַריוס האָט

זיך לאַנג רוהיג געהאַלטען אין זיין בעפֿעסטיגטען לאַגער, כּדי זיינע סאָלדאַטען בּיסליכּווייז איינצוגעוואָהנען צום אָנבליק פֿון דיעזע ווילדע מענשען, און קוים האָט ער דערזעהען אַ גוטע געלעגענהייט, ווען אַ קליינער הויפֿען פֿון די פֿיינד איז אַליין געשטאַנען, איז ער בּאַלד אויף זיי אָנגעפֿאַלען מיט אַ גראָסערע צאָהל, כּדי זיינע לייט זאָלען זיך דערוויילע צו קליינע נצחונות לערנען. אַזוי אַ לאַנגזאַמקייט האָט די דייטשען פֿון דער געדולד אַרויסגעבּראַכט. צום סוף זיינען זיי אַרויס פֿון זייער אָרט און דעם ראָמישען לאַגער פֿאַרבּייגעגאַנגען און אַוועק ווייטער אין איטאַליען, און צו די ראָמישע סאָלדאַטען האָבּען זיי גערופֿען מיט שפּאָט און געלעכטער: אפשר ווילען זיי שיקען דורך זיי אַ גרוס צו זייערע ווייבּער אין ראָם. מאַריוס אָבּער איז זיי נאָכגעגאַנגען פֿון דער זייט, זיך שטענדיג האַלטענדיג אויף די שפּיטצען פֿון די בּערג, כּדי זיי זאָלען ניט קאָנען אָנפֿאַלען פּלוטצלינג. בּיי אַקנוא סעקסטיע (אין דרום־זייט פֿראַנקרייך) האָבּען זיי זיך אָבּגעשטעלט, און מאַריוס האָט זיך זיי אַנטגעגען געשטעלט אין זיין בּעפֿעסטיגטען לאַגער. דאָרט אָבּער איז געוואָרען אַ סוף מיט די נצחונות פֿון די ווילדע פֿיינד, דאָרט זיינען זיי אונטער דער פֿיהרונג פֿון זייער ריעזען־אָנפֿיהרער טעוטאָבּאָך אין יאָהר 102 געוואָרען פֿון מאַריוס איבּער געפֿאַלען, און אין אַ צווייטאָגיגע מלחמה כּמעט גאַנץ פֿערניכטעט געוואָרען. טעוטאַבּאָך אַליין איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט אַריינגעפֿאַלען.

דער וויל האָבּען די טעאוטאָנען איין אַנדערן וועג אויסגעקליעבּען, זיי זיינען אַראָפּ דורך די מיטעלאַלפּען אין דאָס שאָנע איטאַליען. אַ ווילדער שרעק איז געקומען אויף די, וועלכע האָבּען זיי דערזעהען. אויף זייערע גרויסע הילצערנע שילדען האָבּען זיי זיך גאַנץ רוהיג אַראָפּ געגליטצט פֿון די שרעקליכע הויכע בּערג. זיי האָבּען גלייך ווי די אַלטע פֿאַרצייטיגע ריעזען, בּיימער אויסגעריסען און גרויסע פֿעלזען פֿאַרנאַנדער געטראָגען און זיי געשליידערט אין טייך אַטהעזים (עטש) אום רוהיג און אונגעשטאָרט אַריבּער צו קומען. דער קאָנזול קאַטולוס האָט זיך בּעמיהט זיי אויפֿצוהאַלטען בּיים פּאָדוס (פּאָ); דאַן איז אויף זיי געקומען מאַריוס, דער גרויסער מנצח, און אַלס בּיידע העלדישע קאָנזולען האָבּען זיך פֿעראייניגט, האָבּען זיי אויך די ווילדע קימבערן צושלאָגען און גאַנץ פֿערטיליגט בּיי ווערצעלאָ אין יאָהר 101. נאָך דעם ווי די מאָנער זיינען אויסגעהרג׳ט געוואָרען, האָבּען אויך זייערע פֿרויען זיך שטאַרק געשלאָגען פֿון דער וואָגען־פֿעסטונג, וואו זיי האָבּען מיט זייערע קינדער זיך אויפֿגעהאַלטען כּל זמן זייערע מאָנער האָבּען מלחמה געהאַלטען. ענדליך אַלס די פֿרויען האָבּען געזעהן דאָס די מלחמה איז פֿאַר זיי פֿערלאָרען, האָבּען זיי געהאַפּט זייערע קינדער און צושמעטערט אָן די ראָדער פֿון זייערע וואָגען און אונטער די פֿיס פֿון זייערע בּהמות, כּדי עס זאָל קיינער פֿון זיי ניט אַריינפֿאַלען אין די האָנד פֿון זייערע שונאים, און דאַן זיך זעלבּסט געטאָדטעט. מיט גרויס פֿאַראַד איז

מאַריוס אַלס גרויסער מְנַצֵחַ צוריק געקומען אין ראָם. דעם פאַראַד האָבען פער־גראָסערט די איינינע באַרבאַרען (ווילדע), וועלכע זיינען מיטגעבראַכט געוואָרען צו ווייזען זיי אין ראָם. נאָך אפילו אין געפאַנגענשאַפט האָבען די ווילדע אַרום זיך פערברייטערט שרעקען און בעוואונדערונג; נאָך אַ לאַנגע צייט איז געבליבען ביי די ראָמער דער אויסדרוק „קימברישער שרעקען". מאַריוס אָבער איז פון פאָלק געוואָרען פערגאָטערט פאַר זיין גְבוּרָה, און האָבען איהם גערופען: „דער דריטער גרינדער פון ראָם".

בלוטיגער בירגער־קריעג צווישען מאַריוס און זוללא (88—82 פאָר קר.). מיטרידאַטעס דער גרויסער, דער קאָניג פון פאָנטוס אַם שוואַרצען ים אין צפון־זייט פון דער מְדִינָה קאַפּאַדאָקיען, (אין תַּלְמוּד: קפוטקאי) האָט זיך פערלאָזען אויף זיין תְּקִיפוּת און אויף די אונטערשטיצונג פון אַלע אַזיאַטען אַם גרעניץ פון איראָפאַ, וועלכע זיינען געגען די ראָמישע הערשאַפט אַזוי פאַרבייזט געווען, און האָט אַריינגעחאַפט איינינע מְדִינוֹת, וועלכע זיינען שוין אונטערטהאָניגט געווען אונטער ראָם, און אין אַ געוויסען טאָג האָט ער אַלע ראָמער אין קליינאַזיען 80,000 אַן דער צאָהל געלאָזען שרעקליך אויסקוילענען. נאַכהער האָט ער געצויגען מיט זיין חיל נאָך גריעכענלאַנד, און דאָרט אויך אַלעמען, וועמען ער האָט נור געקענט, צו זיך פערבונדען געגען ראָם. דער ראָמישער סענאַט האָט געגען דער מיינונג פון גאַנצען פאָלק ניט אויסגעקליעבען דעם העלדען מאַריוס צום בעפעהלסהאַבער, נור זיין מְתְנַגֵד קאָרנעליוס זוללאַ. דער מאַן, פון וועלכען מיר האָבען שוין גע־רעדט, דאָס ער איז געווען ביי מאַריוס'ן נור אַ פאָמאָטשניק, איז געווען פון דער נאַטור אַזוי אַ גִבּוֹר ווי מאַריוס און אַ בַּעַל תַּאֲוָה צו כָּבוֹד ניט ווייניגער ווי ער; אין אַלע איבריגע זאַכען אָבער גאַנץ דער הֵיפֶך פון איהם, און דאַריבער איז ער איהם אַ גרויסער שונא געווען. ער איז געווען פון דער אַריסטאָקראַטישער פאַרטהיי (פון אַדעל, אַ פאַטריציער) און פיין געבילדעט. אָנפאַנגס איז ער געווען פערעדעלט און פער־פיעשצעט, נור ווען ער איז אֶלטער געוואָרען און אַריינגעטרעטען אין חיל, אין מלחמה געגען יוגורטהא, געגען די קימבערען און אַנדערע, האָט ער זיך מעהר און מעהר אויסגעצייכנעט, און איז געגאַנגען העכער און העכער פון מַדְרֵגָה צו מדרגה. שוין לאַנג איז געווען אַ קִנְאָה וְשִׂנְאָה צווישען דעם גלאַנצענדען אַדעלמאַן און דעם איינפאַכען מאַריוס, דעם פראָסטען פאָלקסמאַן, און דאָ בְּשַׁעַת אַנפאַנגס מלחמה געגען מיטרידאַטעס'ן, האָט עס אויסגעבראָכען צו אַ שרעקליכע פיינד־שאַפט (88 פאָר קר.). קוים איז זוללאַ אָבגעגאַנגען צו זיין חיל ביי נאָלאַ (אין איטאַליען), האָט מאַריוס מיט דער הילף פון זיין צַד געמאַכט אַ נייעם פאָלקס־בעשלוס (רעשעניע), נאָך וועלכען ער אַליין איז געוואָרען אָבער־פעלדהערר אין דער מיטרידאַטי־

שער מִלְחָמָה. דאָס האָט זוללא דערהאָרט און איז תֵּיכֶּף אַריין מיט זיין איהם טרייגעבליעבענען חיל אין ראָם. דאָרט האָט ער נאָך אַ קליינע מלחמה געוואונען די תְּקִיפוֹת איבער דער שטאָדט; מאַריוס איז באַלד געלעגט געוואָרען אין חֵרֶם (ער איז געוואָרען פֿערטריבען פֿון דער היים). ענטלויפֿענדיג פֿון די מאָרדער, האָט ער זיך פֿערשטעקט אין די זומפּפֿען פֿון מינטורנע (אין לאַטיום), מען האָט איהם אָבער גענומען און אַריינגעוואָרפֿען אין יענעם שטאָדטיל אין אַסטראָג. איינער אַ שקלאַוו האָט איהם געזאָלט אַראָפּ נעמען דעם קאָפּ, אָבער מאַריוס האָט אַ פֿינקעל געטהון מיט זיינע אויגען מיט אַ בליק פֿון אַ גרויסען העררשער, און האָט צו איהם מיט אַ שרעקליכען קול אַ דונער געטהון: „דו! דו ווילסט טאָדטען דעם מאַריוס"! דאָ איז אַרויסגעפֿאַלען דאָס שווערדט ביים שקלאַווען פֿון די האָנד, און מאַריוס איז גליקליך ענטלאָפֿען נאָך אַפֿריקאַ, דעם אָרט וואו ער האָט געוויעזען זיינע פֿריהריגע גְבוּרוֹת. דאָרט, אויף די חוּרְבוֹת פֿון דער אַמאָל גלאָנצענדע שטאָדט קאַרטהאַגאַ, האָט ער אומעטיג געקוקט און בעטראַכט זיינע אייגענע געפֿאַלענע גרויסקייט.

נאָכדעם ווי זוללא האָט אין ראָם אַלע זיינע עֲסָקִים איינגעאָרדענט, איז ער אַריבער נאָך גריעכענלאַנד צו פֿיהרען דעם פּאָנטישען קריעג. דערווייל איז אויך דער קאָנזול צ י נ נ אַ וועלכער איז געווען אַ פֿאָלקסמאַן, אַ דעמאָקראַט ווי מאַריוס, אַראָפּגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון זיין שטעלע און פֿון דער שטאָדט פֿערטריעבען געוואָרען. פֿון גרוים ברענען נאָך נְקָמָה האָט ציננאַ אויפֿגעזאַמעלט גאַנצע שאַארען פֿון פֿערבינדעטע און צו זיי אויך אַ סך שקלאַווען, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט די פֿרייהייט צו שענקען אַז זיי זאָלען נור איהם העלפֿען, און האָט אויך צו זיין הילף הערוים גערופֿען זיין פֿריינד מאַריוס פֿון אָרט וואָס ער האָט זיך אין אַפֿריקאַ פֿערשטעקט, מיט זייערע שונאים זיך אָבצורעכענען. מאַריוס איז באַלד געקומען און געשווינד צוזאַמענגעצויגען אַ גרויסען חיל פֿון טויגעניכטסע (בראָדיאַגעס), און מיט זיי זיך געשטעלט פֿאַר די טויערן פֿון ראָם. די שטאָדט איז געווען אָהן קראַפֿט פֿון הונגער און פֿון געטהיילטע מיינונגען, און האָט זיך באַלד געמוזט אונטערגעבען. אַ אונגעהייערער שרעק איז געפֿאַלען אויף אַלע. פֿאַר מאַריוס'ן און הינטער איהם זיינען נאָך געגאַנגען בעוואָפֿנעטע שאַיקעס פֿון שקלאַווען, און אויף וועמען ער האָט געוויעזען דעם האָט מען גלייך צו האַקט אויף שטיקער. אויפֿ'ן מאַרק זיינען געשטאַנען די סענאַטאָרען איהם מְקַבֵּל פָּנִים צו זיין, איין ווינק פֿון איהם — און זיי אַלע זיינען אָהן רַחֲמָנוּת צו שניטען געוואָרען. דאַן האָט ער פֿאַרנאַנדער געשיקט שאַיקעס מאָרדער

אין אַלע הייזער פֿון זיינע געוועזענע שׂוֹנְאִים, אַלע זיינען שרעקליך אויסגעקוילעט געוואָרען. דער אונמענש האָט די אָבגעהאַקטע קאָפּ פֿון זיינע פֿיינד געהייסען אויפֿ־שטעלען אויף אַ טיש און שְׂכּוֹרנדיג מיט זיינע חֶבְרָה האָט ער געקוואָלען אויף זיי קוקענדיג. פֿינף טאָג און נעכט האָט געדויערט די מאָרדעריי און רויבעריי אין דער שטאָדט, אין וועלכער דער שרעקליכער מְנַצֵּחַ איז ווידער קאָנזול געוואָרען. אָבער נור ווענינע טאָגע פֿון יאָהר 86 האָט מאַריוס בעקליידעט דעם טשין פֿון קאָנזול; פֿערמאַטערט פֿון די פֿיעלע מלחמות, געפיינינט און געפלאָגט פֿון געוויסענסביסע, איז ער פּלוצלינג געשטאָרבען זיעבציג יאָהר אַלט. ציננאַ זיין טרייער חָבֵר און פֿריינד איז אין אַנקאָנאַ פֿון זיינע אייגענע סאָלדאַטען ערשלאָגען געוואָרען. מיט איהם איז אָבגעקומען דיעזער פּאַרטהיי דער קאָפּ, עס איז קיינער ניט געבליעבען זיי צו פֿיהרען. אין דער זעלבען צייט ווען דיעזעס אַלעס האָט אין איטאַליען פּאַסירט, האָט זוללא געפֿיהרט די מלחמה אַנטקעגען מיטרידאַטעס מיט גרויס מוטה און גליק. ער האָט דעם שׂונא געשלאָגען איין מאָל איבער דאָס אַנדערע אין גריעכענלאַנד און אין קליין־אַזיען, און האָט איהם געזאָטהיגט צו בעטען אונטערטהאַניגסט אום פֿריעדען (84 פֿאַר קר.); דאַן ערשט האָט זיך דער מנצח אומגעקעהרט נאָך איטאַליען מיט אַ זידענדעס הערץ פֿון גרויס צאָרן געגען זיינע מְתְנַגְּדִים אין דער היים. פֿריהער ווי אַלץ האָט ער מיט זיי געמאַכט אַ קליינע מלחמה און גאָר לייכט איינגענומען, דאַן איז ער אַריינגעפֿאָהרען אין ראָם, דאָרט האָט ער געוויזען זיין גאַנצע נְקָמָה און שרעקליכע אַכְזָרִיות. אַנשטאַט הוראה לְכָבוֹד זיין אָנקומען, איז געוואָרען אין אַלע גאַסען און אין אַלע הייזער אַ יאָמער און קלאָג, און צווישען די וויינענדיגע קולות האָט זיך געהערט די מאָרדגעשרייען פֿון זיינע ווילדע סאָלדאַטען. אַכט טויזענד מענשען פֿון מאַריוס'עס פּאַרטהיי האָבען זיך צו איהם איבערגעגעבען ער מעג מאַכען פֿון זיי וואָס ער וויל,— זוללא האָט זיי אַלע געהייסען בינדען און טרייבען אין צירקוס (מאַנעזש פֿאַר רייטער) און איינעם נאָך דעם אַנדערען אָהן רַחֲמָנוּת צו האַקען. די געשרייען פֿון די מאָרדער, דאָס וואָיען פֿון די געהרגעטע איז געוועזען אַזוי שרעקליך, דאָס די סענאַטאָרען, וועלכע זיינען געזעסען ניט וויים פֿון דאָרט, זיינען פֿון זייערע אָרטער מיט ציטערן אויפֿגע־שפּרונגען, אָבער זוללא האָט זיי קאַלטבלוטיג געענטפֿערט: „זייד רוהיג, דאָס זיינען נור איניגע טויגעניכטסע, וואָס איך האָב געהייסען בעשטראָפֿען". יעדען טאָג זיינען אַרויס געשריבענע רְשִׁימוֹת, וואו עס זיינען געוועזען פֿערצייכנעט די מענשען וואָס מען האָט געזאָלט אין יענעם טאָג קוילען. די מאָרדערישע רשימות האָבען זיך אָנגערופֿען „פּראָסקריפּציאָנען". דער בלוט־מענש האָט אֲפִילוּ בעשטימט איין געלד־פּרייז פֿאַר יעדען פֿון זיינע מְתְנַגְּדִים. מיט אַזוי אַ רְצִיחָה האָט מען זיך בעגאַנגען ניט נור אין ראָם, נור אויך אין אַלע איבריגע שטאָדט, וואו עס האָבען זיך געפֿונען די וואָס האָבען גע־הערט צו מאַריוס'עס צַד. די האָהלען און וועלדער זיינען פֿול געוואָרען מיט ענט־

לויפענדע, און מיט רעכט האָט איין סענאַטאָר געזאָגט צו זוללאָ: „עס מוזען דאָך אייניגע בלייבען אַם לעבען, אום אויף זיי צו געוועלטיגען". אין דער צייט, וואָס דאָס לאַנד איז פול געוועזען מיט געוואַלדען פון די הֲרוּגִים, האָט ער געמאַכט באַלער און מאָהלצייטען אין געזעלשאַפט פון טאָנצערינען און בַּדְחָנִים.

נאָכדעם ווי זוללאָ האָט דעם אַנדערן צַד גאַנץ פערניכטעט, האָט ער אָנגעפאַנגען פיהרען די רעגיערונג אַלס דיקטאַטאָר. ער האָט פעראָרדנעט פיעל געזעטצע, וועלכע האָבען עַל פִּי רוֹב געהאַט דעם צוועק די אַריסטאָקראַטיע (די קלאַסע פון די פּאַטריציער) צו הייבען און די קלאַסע פון געמיינעם פאָלק צו ערניעדריגען און זיינע פּראַוועס צו פערקלענערן. איבערהויפּט האָט ער בעגרענעצט די פּראַוועס פון די פאָלקס-טריבונען, און די פּראַוועס פון סענאַט פערגראָסערט. אין יאָהר 79 פאַר קר. האָט ער מיט'ן גוטען ווילען זיך אָבגעזאָגט פון זיין העררשאַפט, און אַלס פּריוואַט פּערזאָן אָבגעצויגען און געלעבט נור אויף זיינע גיטער. דאָרט איז ער אין צווייטען יאָהר געשטאָרבען, ערמידעט פון די פיעלע רְצִיחוֹת וואָס ער האָט אָבגעטהון אין די לעצטע יאָהרען. די ראָמער האָבען איהם מְקַבֵּר געוועזען מיט גרויס כָּבוֹד און זיין קֶבֶר געבען זייערע מלכים געמאַכט.

דער בונט פון קאַטילינאַ (65—52 פאַר קר.). ווי וויים דאָס ראָמישע פאָלק איז געזונקען אין זיינע מִדּוֹת און ווי וויים זיין מֶמְשָׁלָה האָט פערלאָרען אַלע אָרדנונג, קען מען זעהן פון קאַטאַלינישען בונט. אונטער דער שרעקליכער רעגיערונג פון זוללאָ, האָבען אַ פערדעבליכע ראָלע געפיהרט פיעל יונגע לייט פון ראָמס גראָסטען אַדעל. אין גראָסטער אויסגעלאַסענהייט האָבען זיי זייער רייכען פערמאָגען פערהולטייעט און אום צו דערשלאָגען זיך צוריק צו עֲשִׁירוּת און גְדוּלָּה, הָאָבען זיי זיך אַלע ניעדריגקייטען און אונגערעכטיגקייטען ערלויבט און זיך פאַר קיין חֶרְפָּה גאָר ניט צוריק געשראָקען. אַן דער שפּיטצע פון אַזוי אַ חֶבְרָה איז געשטאַנען ס ע ר ג י ו ם ק אַ ט אַ ל י נ אַ, וועלכער איז געוועזען פון די פיינסטע פּאַטריצישע פאַמיליע, און האָט אויך זייער גרויסע מַעֲלוֹת, גְבוּרָה און פאָהיגקייטען געהאַט. פון יוגענד אָן האָט ער זיך זעהר שלעכט אויפגעפיהרט, אומגעגאַנגען מיט רויבער און מאָרדער און געטהון אַלע שאָנדליכע מַעֲשִׂים. דער מענש האָט אַ מאָל די הֶעָזָה געהאַט צו פערלאַנגען מען זאָל איהם צום קאָנזול מאַכען, אָבער ער האָט ניט אויסגעפיהרט. דאָס האָט איהם אין גרויס צאָרן געבראַכט, ער האָט זיך פערבונדען מיט אַ זעלכע ניעדריגע מענשען ווי ער, אום די גאַנצע אָרדנונג אין ראָם איבערצוקעהרען. עס איז צווישען זיי בעשטימט געוואָרען, אין איין טאָג אונטערצינדען די שטאָדט און אָנהויבען צו מאָרדען און צו ראַבעווען. דער גראָסטער טהייל וועט זיך בעגנוגען

דערמיט און איינגע וועלען נעהמען די רעגירונג אין זייערע הענד אַריין און די שטאָדט און דאָס לאַנד בּעהעררשען. אָן זייער שפּיטצע איז געשטאַנען קאַטילינאַ, ער האָט אַלעס אָנגעסטראָיעט, אָבער צו זיין אונגליק האָט זיך דאַמאָלס געפֿונען אַ נייער קאָנזול נאַמענס ציצעראָ, וועלכער איז פֿון אַלעס געוואָהר געוואָרען און האָט פֿייערדיגע רעדען געהאַלטען אין סענאַט דעם שטורם פֿון זייער לאַנד אָבצו־ווענדען. בּאַלד דאַרויף איז קאַטילינאַ אַנטלאָפֿען פֿון ראָם, האָט צוזאַמען געצויגען זיין בּאַנדע נאָך עטרוריען, און האָט זיך דאָרט געשטעלט געגען דעם חיל, וועלכער איז הערויסגעשיקט געוואָרען פֿון ראָם איהם צו ערגרייפֿען. בּיי פּיסטאָראָן, היינט פּיסטאָיאָ (62), איז עס געקומען צו אַ בּלוטיגער מלחמה. מיט גרויס גבורה האָבּען געפֿאָכטען אַלע חֲבֵרים פֿון בּונט, איבּערהויפּט קאַטילינאַ אַליין, אָבער אַלעס אומ־זיסט; דאָס רוב פֿון זיי זיינען געפֿאַלען געהרג׳ט, אונטער זיי אויך קאַטילינאַ. ציצעראָ, וועלכער האָט זיך דורך זיינע רעדען געגען קאַטילינאַ אויסגעצייכענט, דאָס זיי זיינען אויף אייבּיג געריהמט געבּליעבּען אונטער דעם נאָמען „קאַטאַלינאַרישע רעדען", האָט אַלס ערךעטטער פֿון ראָם בּעקומען פֿון דער ממשלה אַ קרוין מיט דעם בְּכָבוֹד׳דיגען נאָמען „דער פֿאַטער פֿון פֿאַטערלאַנד".

קנעיוס פּאָמפּעיוס. אין יאָהר 106 פֿאַר קר. איז גלייך מיט דעם בּעריהמטען רעדנער (מֵלִיץ) און פּאָליטיקער ציצעראָ, געבּאָרען געוואָרען קנעיוס פּאָמפּעיוס, איין מאַן, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט די ערשטע ראָלע אין ראָמישער מֶמְשָׁלָה געשפּיעלט, און האָט זיך פֿערדיענט דעם טיטעל „דער גרויסער". נאָך אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער מִלְחָמָה געהאַלטען פֿאַר זוללאָ געגען מאַריוס מיט גרויס גליק, נאָכהער האָט ער געוואונען פֿיעל מלחמות אין אייראָפּאַ, אין אַפֿריקאַ און אין אַזיען, און אומעטום האָט איהם געדיענט די הַצְלָחָה מעהר און מעהר. נאָכדעם ווי ער האָט די לייט פֿון מאַריוס׳עס צַד אין סיציליען און אין אַפֿריקאַ גאַנץ איינגענומען האָט ער אין שפּאַניען אין יאָהר 72 מְנַצֵּחַ געוועזען דעם חיל פֿון סערטאַריוס, וועלכער איז געוועזען פֿון מאַריוס׳עס צד און וועלכער איז פּלוצלינג געהאַרג׳ט געוואָרען. אין נאָכהעריגען יאָהר (71) האָט פּאָמפּעיוס געענדיגט דעם קריעג מיט די שקלאַווען אונטער דער אַנפֿיהרונג פֿון דעם טהראַציער שפּאַרטאַקוס, וועלכע האָבּען זיך אויפֿגעהויבּען ראָמס יאָך פֿון זיך אַראָבּצוּוואַרפֿען. נור אַ גאַנץ בּעזונדערן שֵׁם האָט ער זיך געמאַכט אין דער מלחמה געגען די ים־רויבּער. דען זייט דעם די ראָמער האָבּען די צוויי ים־שטאָדט קאַרטהאַגאָ און קאָרינטה צערשטאָרט, האָבּען זיך אויף דעם מיטעללאָנדישען ים אָנגעזאַמעלט אַזוי פֿיעל ים־רויבּער, דאָס אֲפִילוּ די איינוואָהנער פֿון די שטאָדט, וואָס נעבּען ים זיינען אויך ניט זיכער געוועזען

פאַר זיי. אַ לאַנגע צייט האָט מען מיט זיי מלחמה געפיהרט ביז פאָמפעיוס האָט איבערגענומען געגען דיזע שייקעס קריעג צו פיהרען. אין 89 טאָג האָט ער אים יאָהרע 67 פאַר קר. אָבגערייניגט דעם גאַנצען מיטעל־ים פון זיי. באַלד נאָך דיזע גלאָנצענדע הַצְלָחות האָט פאָמפעיוס געענדיגט דעם דריטען קריעג געגען מיטרי־דאַטעס דעם קעניג פון פונטוס, וועלכען ער האָט נאָך פיעל נִצְחונות פון לאַנד אונ לייטען פעריאָגט (65). מיט גרויס נצחון איז ער דורכגעגאַנגען אַזיען, האָט איינגע־נומען סיריען (64) האָט אונטערטאָניגט אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל (63). אַזוי האָט ער געהאַט גע־וואַלטיגע נצחונות, אין 3 וועלט־טהיילען איינגענומען 50 מְדינות אונ 400 שטאָדט.

פון דעסטוועגען איז דאָס אַנדענקען אָן איהם אונ אין זיינע גרויסע חֲשִׁיבות אין תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה אונ אין חָכְמָה אונ פאָליטיקע ביסלאַכוויז בָּטֵל געוואָרען איבער דעם גרויסען חכם אונ גִבּור יוליוס צעזאַר.

קאַיוס יוליוס צעזאַר איז געווען געבאָרען אין יאָהר 99 פאַר קר. נאָך אַלס יונגעל האָט ער זיך שוין אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע פאֶהיגקייטען אונ טאַלענטע. זיין פאָטער איז פריה געשטאָרבען אונ זיין מוטער, די עדלע אוי־רעטיאַ, האָט אַליין אויף זיך איבערגענומען די ערציעהונג פון דעם האָפנונגספוללען קליינעם זוהן. בעזאָנדערס האָט ער פון איהר זיך אויסגעלערנט פריינדליך אונ ליעבליך אומצוגעהן מיט מענשען, אַ מַעֲלָה, וועלכע האָט נאַכהער אַלע הערצער צו איהם געצויגען. נאָך פון יוגענד אָן איז זיין זינן געווען בעשעפטיגט מיט דעם גע־דאַנקען גרויסע מַעֲשִׂים צו טהון אונ זיך אַ גרויסען שֵׁם צו מאַכען, אונ קוים איז ער אַלט געווען 19 יאָהר, האָט ער זיך שוין געהאַלטען, ניט קלענער פון די, וואָס האָבען די גרעסטע שטעלען אין לאַנד געהאַט. ער האָט געהייראַטהעט די בע־ריהמטע קאָרנעליוּ די טאָכטער צינאָ'ס, דער פריינד פון מאַריוס, אַלס זוללאָ האָט געהאָרט פון דער פאַרטיע, האָט ער איהם בעפאָהלען דעם שידוך אָבצולאָזען אונ האָט איהם געסטראַשעט מיט'ן טויט, ווען ער וועט וואַגען צו הייראַטען די טאָכ־טער פון זיין גרעסטען שוֹנֵא. ער אָבער האָט זיך גאָר װעניג אומגעקוקט אויף דעם בעפעהל, אונ איז מיט זיין פרוי פון ראָם אַנטלאָפען. באַלד דאַרויף האָט זוללאָ הערויסגעשיקט פון זיך אַ וואַכע, איהם צו ערגרייפען אונ צו טאָדטען, דערווייל האָבען די גרעסטע לייט זיך אין דעם אַריין געמישט, אַלע האָבען דעם זוללאָ זעהר געבעטען פאַר זיין לעבען, ערשט נאָך פיעל געבעטען האָט זוללאָ נאָכגעגעבען אונ האָט דאַמאָלס מיט בעדויערונג געזאָגט: „נו, האַלטעט אייך אייערן צעזאַר, אָבער ווייסט דאָס אין איהם שטעקט פיעל מעהר ווי אין מאַריוס". צעזאַר האָט אָבער דעם טיראַן ניט געוואָלט טרויען אונ איז ערשט דאַן געקומען נאָך ראָם אַלס זוללאָ איז שוין געווען טוידט.

באַלד נאָכדעם האָט צעזאַר געמאַכט אַ רייזע נאָך דער אינזעל רהאָדוס, צו שטודירען ביי מאָלאָ, דעם בעריהמטעסטען מליץ פון זיין צייט. אויף דיעזער רייזע זיינען אויף איהם ים=רויבער אָנגעפאַלען, האָבען איהם געפאַנגען און צו זיינער ערלאָזונג געפאָרדערט צוואַנציג טאַלענטע (בְּעֵרֶך 30 טויזענד טהאַלער). „ווי“, האָט ער אַ געשריי געטהון מיט כַּעַס — פאַר אַזוי אַ מאַן ווי איך נור צוואַנציג טאַלענטע? נאַרעשע מענשען, פינפציג דאַרפט איהר בעקומען!“ און באַלד האָט ער זיינע חֲבֵרים אַרויסגעשיקט די סומע צוזאַמענצוברייגען. אין דער צייט האָט ער זיך אויף דעם שיף אויפגעפיהרט ניט ווי אַ געפאַנגענער פון די רויבער, נור ווי זייער הערר; האָט ער געוואָלט שלאָפען, פלעגט ער זיי בעפעהלען רוהיג צו זיין. צייטענווייז פלעגט ער פאַר זיי לעזען זיינע שירים און דְרָשות, און ווען זיי זיינען ניט געווען פון זיי זעהר בעגייסטערט, פלעגט ער זיי זידלען: „עַמֵי הָאֲרָצִים!“ „ווילדע באַרבאַרען!“ און דערביי פלעגט ער זיי סטראַשען דאָס ער וועט זיי מְשַׁפְּט'ן מיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה. די רויבער האָבען אויף זיינע זידלערייען קיין פאַראיבעל ניט געהאַט, זיי האָבען עס נור צוגעשריעבען זיין לוסטיגער נאַטור. ענדליך זיינען זיינע חברים צוריק געקומען און ער האָט זיך פון זיי אויסגעלאָזט, ווי ער האָט געזאָגט, מיט פונפציג טאַלענטען. ביי מילעט האָט מען איהם אויף דער יַבָּשָׁה אַרויסגעלאָזען, אָבער ווי נור ער איז פריי געוואָרען האָט ער גלייך איינינע קריעגסשיפען בעקומען מיט גוט בעזעטצטען חיל, האָט די רויבער אָנגעיאָגט און גענומען געפאַנגען. ער האָט זיי גענאָטהיגט צוערשט איהם זיין לאָז=געלד אָבצוגעבען און דאַן האָט ער זיי געלאָזט הענגען.

באַלד נאָכהער האָט ער זיך נאָך ראָם צוריקגעקעהרט און געלעבט זייער רייך און פערשווענדעריש, און זיך דערמיט געזוכט צו פערשאַפען גוטע פריינד פון פאָלק, וואָס זאָלען איהם העלפען, זיין וואונש אויסצופיהרען און עהרע און בערוהמטהייט צו ערלאַנגען, ביז ער איז שוין געקומען צו דער מַדְרֵגָה, מען זאָל איהם געבען די גרעסטע עהרענשטעלען, אין דער מֶמְשָׁלָה. מען האָט איהם בעשטימט גובערנאַטאָר צו ווערען אין לוזיטאַניען, היינטיגען פאָרטוגאַל. אויף דער רייזע איז ער געקומען נאָך גאָדעס (קאַדיקס) און האָט דאָרט דערזעהן די בילדער פון די פאַרצייטיגע בעריהמטע העלדען. אַ לאַנגע צייט איז ער געבליעבען שטעהען פאַר דעם בילד אַלעקסאַנדערס דעם גרויסען (פון מאַקעדאָניען), נאָכהער האָט ער מיט טהרערען אין די אויגען געזאָגט צו די אַלע וואָס זיינען נעבען איהם געשטאַנען: „אָט דער האָט אין מיינע יאָהרען שוין אַ גאַנצע וועלט איינגענומען, און איך — איך האָב נאָך גאָר נישט געטהון!“ און אַלס ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט פון לוזיטאַניען, נאָכדעם ווי ער האָט אין איהר זעהר גוט רעגירט, איז זיין נאָמען געוואָרען פיעל גרעסער. דען ער איז געווען פריינדליך און איין עָנָו געגען יעדען מענשען, האָט מיט אַ אָפענער האַנד געטהיילט רייכע מַתָּנות דעם עולם, און געגעבען זעהר

טהייערע מאָהלצייטען אונ זאַבאַוועס פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק. זייענדיג אֶדיל האָט ער געאָרדענט פֿאַר'ן פֿאָלק די וועטטקאֶמפּפֿע (וועטטקאַמפּף הייסט אַ שטרייט אויף געוועט; ווער עס איז שטאַרקער אונ פֿלינקער אין מלחמה אָדער אין שפּיעל, אין מוזיק אונ געזאַנג אָדער אין לעזען אין שרייבען אָדער מאַכען עפּיס אַ גוטע זאַך דער געוואונט). אין זיינע וועטטקאַמפּפֿע האָבען געשטריטען 320 פּאָאָר פֿעכטער (מיט שווערדען) אַלע אין זילבער-געוועהר אונ שענע קליידער געציערט. צעזאַר איז דאַמאָלס אַזוי זיכער געוועזען אין דער ליעבע אונ טרייהייט פֿון פֿאָלק, דאָס ער האָט זיך ערלויבט צו סטאַרען קריעגען דעם טיטעל פֿון אַ אָבערפּריעסטער (כּהן גָדול ביי די גאָטצענדיענער) וואָס נור דער גראָסטער אָלטעסטער סענאַטאָר האָט עס געקענט דערלאַנגען. אין טאָג ווען עס איז געוועזען די וואַהל (וויבאָר) איז איהם די מוטער נאָכגעגאַנגען פֿול שרעק אונ זאָרג, טאָמער פֿיהרט ער יעצט ניט אויס. „מוטער! — האָט ער געזאָגט — דו זעהסט מיך היינט צוריק נור אַלס כּהן גדול אָדער אַלס פֿערטריבענעם". ער האָט זיך געשטעלט צו דער אויסקלייבונג אונ צור פֿערוואונדערונג פֿון גאַנצען סענאַט האָט דאָס פֿאָלק איהם, זיין געליעבטען העלדען, געמאַכט צום כּהן גדול!

אין איין יאָהר אַרום האָט צעזאַר געזאָלט רייזען נאָך שפּאַניען אַלס שטאַטהאַלטער (נאַמיעסטניק, גענעראַל-גובערנאַטאָר), אָבער ער איז שולדיג געוועזען פֿיעל געלד זיינע בַּעֲלֵי חובות אונ זיי האָבען איהם ניט געלאָזען הערויס פֿון דער שטאָדט. דאָ האָט ער געוואוסט איינצורעדען דעם בעוואוסטען קראַסוס, דעם רייכסטען מאַן פֿון ראָם, דאָס ער זאָל פֿיר איהם עָרֵב זיין. זייענדיג אויף דער רייזע איז ער מיט זיין סוויטע אָנגעקומען אין אַ קליינע זעהר אָרימע שטאָדטעל אויף יענער זייט אַלפּען. זיינע לייט האָבען דאַמאָלס אויפֿגעגעבען די פֿראַגע: „אויב ביי דיעזע אָרעמע קַבְּצָנִים איז אויך שַׁיָּיך קִנְאָה שִׂנְאָה?" „גאַנץ געוויס — האָט צעזאַר דאַרויף געענטפֿערט — איך וועניגסטענס וואָלט גלייך וועלען זיין דער ערשטער אונטער דיזע אָרימע לייט אַלס דער צווייטער אין ראָם". אין שפּאַניען האָט ער געלעגענהייט געהאַט זיך צו ווייזען אַלס גוטער פֿעלדהערר אונ איז פֿון דאָרט צוריקגעקומען אין ראָם, מיט גרויס כָּבוד אונ פֿיעל אוצְרות. דאַמאָלס איז די ליעבע פֿון פֿאָלק צו איהם געוועזען גאָר אָהן אַ שיעור, אונ וואָס ער האָט נור געוואָלט האָט ער מיט זיינע הילף אויסגעפֿיהרט. איין טשין גראָסער ווי דער אַנדערער איז איהם געגעבען געוואָרען — אונ דאָס האָט פֿיעל קראָנקונג געמאַכט דעם פּאָמפּעיוס, וועלכער איז ביז אַהער אין זיין גרויסקייט געוועזען גאָר אָהן אַ גלייכען, אונ אום אויפֿצוהויבען זיך צוריק אויף זיין הויכער מַדְרֵגָה, האָט ער קיין אַנדער עֵצָה ניט געפֿונדען אַלס מיט צעזאַר איינס צו ווערדען אונ מיט איהם יַד אַחַת צו מאַכען.

דאס ערשטע טריאומוויראט (60 פאר קר.). צעזאר מיט פאמפעיוס זיינען נאהנטע פריינד געווארען, חאטשי זיי האבען איינאנדער שטארק מקנא געווען, נאכהער האבען זיי צוזאמען זיך פעראייניגט מיט קראסוס, וועלכער איז געווען גערעכנעט פאר'ן רייכסטען אין ראם פון דעם מסחר, וועלכען ער האט געפיהרט מיט שקלאווען אונ אויך דורך אנדער ניט ארדענטליכע מיטעל. דיעזע דריי מאנער האבען אין יאהר 60 פאר קר. איין בונד געמאכט אונטער דעם נאמען טריאומוויראט ד. ה. דריי-מאנער-בונד, איינער דעם אנדערן צו העלפען אום אויסצופיהרען אלעס וואס זייער הערץ געליסטעט. זייער פלאן אונ צוועק איז געווען, די ראמישע ממשלה זאל נור פון זיי דרייען געפיהרט ווערען, דארום האבען זיי צווישען זיך אלע טשינען אונ כבודים פערטהיילט, אונ אויף דעם סענאט מעהר גאר ניט געפרעגט. צעזאר האט פיר זיך בעזאנדערס די פראווינץ גאליען אויסגעקליעבען, פאמפעיוס — שפאניען מיט אפריקא אונ קראסוס — די רייכע פראווינץ סיריען. קראסוס איז אבער באלד געפאלען אלס קרבן פון זיין תאוה צו עשירות אין א מלחמה וואס ער האט אנגעפאנגען געגען דאס מזרח'שע רייטערפאלק נאמענס פארטהער (איינוואהנער ביים טייך פרת).

ניט אהן א בעזונדערע כונה האט צעזאר פאר זיך אויסגעקליבען די שווערסטע שטעלע, אין גאליען; ער האט דארט געהאט גלעגענהייט מיט זיינע גרויסע מעשים מפורסם צו ווערען אונ גערעדע דאס האט ער געוואלט. די ראמער האבען אין דעם שכנה'שען בריטען לאנד געהאט נאך פיעלע פאלקער איינצונעהמען, כדי זיי זאלען פון דארט קענען לייכט קומען נאך שפאניען וואס איז געלעגען ביי איהר גרעניץ. איינצונעהמענדיג דאס לאנד גאליען, האט צעזאר געהאט איינע שאנע געלע-גענהייט, זיך א גרויסען שאנעם אויסגעצייכנעטען חיל צו בילדען, מיט וועלכען ער וועט קאנען נאכהער אויך אנדערע וויכטיגע פלאנען אויספיהרען. ער האט איינ-גענומען דאס גאנצע לאנד אין פערלויף פון 8 יאהר, (פון 58-טען ביז צום 51-טען יאהר). אין דיעזער צייט איז ער מיט זיין חיל שוין 2 מאל איבער דעם טייך רהיין נאך דייטשלאנד געקומען, אונ מיט א פלאטע איז ער איבערגעפאהרען דעם צפון-בערג פון גאלליען ביז נאך בריטאניען, דעם היינטיגען ענגלאנד. אמת דאס ביי די קריגערישע פאלקער פון דיעזע לאנדער האט ער אנפאנגס קנאפ-וואס אויסגע-פיהרט, אבער עס איז שוין פאר איהם געווען גענוג, דאס ער האט זיין חיל געפיהרט אין א זעלבע לאנדער וואו עס איז נאך קיין ראמער ניט געזעהען געווארען, דיעזע רייזען האט ער אויספיהרליך אליין בעשריעבען.

בירגערקריעג צווישען צעזאר אונ פאמפעיוס (48—48). צעזארס

נִצְחוֹנוֹת און וואַקסענדע בעריהמהייט האָט פּאָמפּעיוס העריץ פֿול געמאַכט מיט קִנְאָה און פַּחַד. זייט עס זיינען פֿון דער וועלט אַוועק קראַססוס, זיין שוּתָּף און פּאָמפּעיוס פֿרוי, צעזאַרס טאָכטער, איז דער צושטאַנד פֿון זייער טריומווירואַט גאַנץ אַנדערש געוואָרען. איטצט האָט זיך שוין געמוזט אַרויסווייזען אויף קלאָר ווער פֿון ביידע זאָל זיין גראָסער און האָבער אין דער מֶמְשָׁלָה. פּאָמפּעיוס האָט זיך אין ראָם אָבגעשטעלט און זיין פּראָווינץ האָט געמוזט דורך זיין פֿערוואַלטער (אופּראַוולִיאַיושטשי) רעגיערט ווערען. אין ראָם האָט ער זיך פֿעסט אָנגעשלאָסען אַן דעם סענאַט, כּדי צו געווינען זיין שטיצע געגען צעזאַר. דער סענאַט האָט אין פּאָמפּעיוס'ן געפֿונען אַ גוטע אונטערשטיטצונג געגען דעם וואַקסענדען שטאָלץ פֿון פֿאָלק און האָט איהם (פּאָמפּעיוס) איבערגעגעבען דעם קאָנזולס טיטעל, אַזוי דאָס ער האָט אין דער מֶמְשָׁלָה די גאַנצע דֵעָה בעקומען. דאָס אַלעס איז איבערגעגעבען געוואָרען אָן צעזאַרן דורך זיינע גוטע פֿריינד, און באַלד האָט ער געשיקט אָנזאָגען זיין פֿערלאַנג פֿון סענאַט, ער זאָל אויך איהם איבער געבען אַזוי אַ טשין, וועלכער זאָל איהם שטעלען בְּראֹש פֿון גאַנצען חַיִל. אָבער פּאָמפּעיוס האָט געזוכט אויף אַלע אוֹפַנִים איהם קאַליע צו מאַכען ער זאָל זיין רָצוֹן ניט אויספֿיהרען. דער סענאַט איז אין גאַנצען געווען זיינער, און ער האָט איהם געגעבען צו פֿערשטעהען וואָס פֿאַר אַ סַכָּנָה עס קען אַרויסקומען פֿאַר די פֿרייהייט פֿון ראָם, ווען צעזאַר וועט שטעהען אין דעם שפּיטצע פֿון ראָמישען חיל. ער האָט מיט אַ זעלכע ערקלערונגען דעם סענאַט דערצו געבראַכט, דאָס עס איז פֿון איהם הערויס אַ בעפֿעהל צעזאַר זאָל דעם חיל פֿערלאָזען און אַליין פֿון דער פּראָווינץ אַרויסטרעטען, און אויב ניט וועט דער סענאַט איהם אָביאַווען אַלס פֿיינד פֿון דעם פֿאַטערלאַנד (דער פְּסַק: פֿערטרייבונג אָדער טויט). ווי צעזאַר האָט דיעזע יְדִיעָה בעקומען, איז ער הערייִן אין אַ שרעקליכען צאָרן, מיט איהם—אויך זיין טרייער חיל. „דער גוֹרָל איז שוין געוואָרפֿען" — האָט ער אויסגערופֿען, און איז אַריבער מיט זיין חיל דעם רוביקאָן טייך וואָס געפֿינט זיך אויפֿ'ן גרעניץ צווישען איטאַליען און דער גאַללישער פּראָווינץ, און אַזוי גיך ווי אַ בליץ איז ער שוין געשטאַנען פֿאַר די טויערן פֿון ראָם. אַ אֵימָה און אַ פַּחַד זיינען געפֿאַלען אויף גאַנץ ראָם, אַלע האָבען געזוכט ראַטה, געזוכט הילפֿע ביי פּאָמפּעיוס, וועלכער האָט ערשט ניט לאַנג, אַלס מען האָט איהם אָנגעמערקט אין וועלכער סכּנה אַלע זיינען יעצט, מיט שטאָלץ געענטפֿערט: „איך דאַרף נור מיט'ן פֿוס אַ טופּע טהון אויף דער ערד, זאָ וועלען צו מיר גאַנצע חַיָלוֹת הערויסוואַקסען", אָבער אויך ער האָט זיך געשראָקען ווי אַלע. ער איז אָהן איין אָטהעם אַנטלאָפֿען מיט זיינע פֿריינד צוערשט נאָך אונטער-איטאַליען, דאַן ווייטער איבער דעם אַדריאַטישען ים נאָך צפון-גריעכענלאַנד. אין פֿערלויף פֿון 2 חֳדָשִׁים האָט צעזאַר שוין געהערשט איבער גאַנץ איטאַליען און אַלע איהרע אינזלען. אָבער ער איז אומעטום

גוט אונ גנאַדיג געווען. נאָכהער האָט ער געאײלט צוריק נאָך פּאָמפּעיוס'עס פּראָווינץ, נאָך שפּאַניען. „ערשט וויל איך דאָס חיל אָהן דעם פיהרער שלאָגען — האָט ער וויטציג געזאָגט — דאַן וויל איך שוין צוריק קומען צום פיהרער אָהן דעם חיל". דאָרט האָט דיעזער גִבּור אויך ערהאַלטען אַ גרויסען נִצָחוֹן, וועלכער האָט גאַנץ איטאַליען געוואונען אָהן אַ שום ריהער מיט אַ שווערדט. דאַן איז ער נאָך ראָם צוריק געקומען, אונ האָט מיט גרויס חֶסֶד געאָרדנעט די שטאָדט־עֲסָקִים, אונ געוואָרען אויפגענומען אונטערן נאָמען דיקטאַטאָר. דאַן האָט ער זיך געלאָזען צו פּאָמפּעיוס'ן. ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס די פיינדליכע פלאָטע האָט ביי דער אינזעל קאָרציראַ איבער הונדערט זעגעל געצעהלט, האָט צעזאַר אונטער די אויגען פון זיינע שׂוֹנְאִים, מיט גאַר וועניגע שיפען אין אָסיען־צייט פון יאָהר 49 פאַר קר. איבער דעם יאָנישען ים אַן דעם ברעג פון עפּירוס געצויגען. אָבער זיין איבעריגער חיל, וועלכעס האָט געזאָלט באַלד נאָך איהם קומען, איז איבער די שטאָרונג פון שלעכ־טען וועטער אונ פון דעם שׂוֹנֵא, אַ לאַנגע צייט פערהאַלטען געבליבען. צעזאַר ארום־גערינגעלט פון זעהר אַ שטאַרקען חיל איז געווען אין אַ שרעקליכע סכנה; מיט אַ מאָל האָט ער זיך גערעשעט, ניט קוקענדיג אויף דעם שטורם אונ די פיינדליכע וואָכטער, צוריק צוציעהען צום איטאַליענישען ברעג אום זיינע חילות מיטצונעהמען. דער פישער האָט מוֹרָא געהאַט צו לאָזען זיין שיף אין אַזוי אַ סכנה; „האָב קיין מורא ניט! — האָט איהם דער העלד געזאָגט — דען דו פיהרסט צעזאַר'ן מיט זיין גוטען מַזָל". נאָך דעם ווי ער האָט זיין פריהערדיגען חיל מיט די פרישע פערשטאָרקט, האָט ער זיך געפּרובט מאַכען די ערשטע מִלְחָמָה. ביי דוררהאַכיום (דוראַצצאָ) האָט ער זיך מיט פּאָמפּעיוס צוזאַמען געטראָפען; דאָרט אָבער האָט זיך זיין מזל צו איהם פאַלש בע־וויעזען. צעזאַר איז געוואָרען געשלאָגען אונ האָט געמוזט אָבציהען דורך די פינדוס־בערג פון טהעסאַליען. פּאָמפּעיוס האָט איהם דאָרט מְנַצֵחַ געווען, דאָ האָבען איהם זיינע פריינדע גערעטהען ער זאָל שוין מאַכען אַ גרויסע מִלְחָמָה, אום מיט צעזאַר'ן אונ זיין ערמאַטערטען אונ פערהונגערטען חיל איין ענדע צו מאַכען.

מלחמה ביי פהאַרזאָלוס (48). אָבער פּאָמפּעיוס האָט אַנדערש גע־טראַכט, ער האָט איינגעזעהען, דאָס די רייכע איידעלע יונגע לייט פון זיין חיל, וועלען ניט זיין אום שטאַנד צו שטעהען געגען די אַלטערע אין קריעגע אָבגעהאַרטעטע סאָלדאַטען צעזאַרס. פון דעסטוועגען האָט ער זיינע הויפט־לייט, וועלכע זיינען דאַרויף זעהר איינגעשפּאַרט געווען, געמוזט נאָכגעבען אונ פּרובירען זיך צו אַ ענטשיידענדע (רעשיטעלנע) מִלְחָמָה. דיעזע איז פאָרגעפאַלען ביי פהאַרזאָלוס אין טהעסאַליען אין יאָהר 48. אין דער היטץ פון דער מלחמה האָט

צעזאַר בעפאָהלען זיינע סאָלדאַטען זיי זאָלען נור ציעלען מיט די שווערדען געגען דאָס געזיכט, דאַן זיינען זיך צולאָפען די פעראָדעלטע און פערצאַרטעלטע פראַנטען אויס פורכט, טאָמער וועלען צעזאַרס בעלי מלחמה צו קאַליעטשען און צו צאַראַפען זייערע גלאַטע געזיכטער. צעזאַר אַליין איז געפלויגען צווישען זיינע בעלי מלחמה און האָט אָהן אויפהער געשריען: „האָט אַ איינזעהענעש! שאַנעוועט די בירגער!". דיעזע ווערטער האָבען איהם מעהר מאָנער פערשאַפט אַלס די שאַרפע קלינגען פון די שווערדטער. פיעל סענאַטאָרען און אַדעללייט האָבען זיך איהם איבערגעגעבען, גלויבענדיג אין זיין גוט הערץ און זיין חסד. מיט נור עטליכע געטרייע פריינד איז פאָמפעיוס געלאָפען איבער קליינאַזיען נאָך מצרים, אָבער דאָרט האָט ער אַנשטאָט פריינדליכע אויפנאַהמע געפונען דעם טויט דורך שענדליכע ערמאָרדונג. פטאָלאָמעאוס דער יונגער מלך פון לאַנד, האָפענדיג צו בעקומען גרויס חן און דאַנק ביי צעזאַרן, האָט דעם געשלאָגענעם גבור ווי ער איז אַרויף אויף דער יבשה ביי פעלוזיום געלאָזען ערמאָרדען, און דעם אָפגעשניטענעם קאָפ איבערגעגעבען אַלס צייכען פון כבוד צו צעזאַר'ן. דריי טעג שפּעטער איז אַהין צעזאַר אָנגעקומען, דאָ זיינען פטאָלאָמעאוס מיניסטאָרען געקומען צו איהם אויפ'ן ברעג שיפף, און איהם אַלס פרעזענט געבראַכט דעם קאָפ פון פאָמפעיוס, און גליק געוואונשען צו זיין נצחון, צעזאַר האָט זיך אָפגעקעהרט פון זיי מיט עקעל און האַסס. זעהר ווייט דער פון צו בעלויהנען די רציחה דורך גרויסע טובות, איז ער אויפגעטרעטען אין אָגיפטען אַלס הערר און שטרענגער געוועלטיגער. ביי דעם קריעג צווישען פטאָלאָמעאוס און זיין שוועסטער קלעאָפאַטראַ פאַר די אָגיפטישע מלוכה, האָט ער די קרוין צו געפסקעט דער קלעאָפאַטראַ און האָט איהר די מלוכה צו געזיכערט מיט דעם כח פון זיין חיל.

נאָך דעם טויט פון פאָמפעיוס האָט צעזאַר נאָך פיעל קריעג געהאַט אויסצושטעהן. אין קליינאַזיען האָט זיך ערהויבען פ אַ ר נ אַ צ ע ס דער זוהן פון מיטרידאַטעס און זיך צו גענומען איינינע מדינות. געגען איהם האָט צעזאַר אין יאָהר 47 גאַנץ געשווינד געענדיגט דעם קריעג, די בשורה דערפון האָט ער אָנגעזאָגט מיט שטאָלץ אין ראָם דורך דריי וואָרטער: „בין געקומען, (veni, vidi, vici) געזעהען, איינגענומען". בלוטיגער און שווערער איז געוועזן דער שטרייט אין אַפריקאַ, געגען די וואָס האָבען געהאַלטען מיט פאָמפעיוס, וואָס זיי האָט ער איינגענומען מיט אַ יאָהר שפּעטער (46) אין דער מלחמה ביי ט אַ פ ז ו ס. 50 טויזענד פיינדע זיינען דאָרט צושניטען געוואָרען, אונטער די אַנדערע בעריהמטע מאָנער, וועלכע זיינען דאָרט אומגעקומען איז געוועזן דער בעוואוסטער קאַטאָ, וועלכער האָט זיך זעהר צו הערץ גענומען זעהענדיג דאָס זיין ליעבעס פאַטערלאַנד האַלט ביים אונטערגאַנג, און האָט זיך מיט זיין שווערדט געטאָדטעט.

ניט קוקענדיג דאַרויף דאָס די מלחמה אין אַפריקאַ איז פערלאָרען, האָבען פונ-

דעסטוועגען דער זוהן פון פאמפעיוס מיט אלע פון זיין צד נאך איין מאל געפרובט, זיך געגען די איבערמאכט פון צעזאר ענטגעגען צו שטעלען. די לעצטע פראבע האבען זיי געמאכט אין שפאניען, צווישען קארדאבא און גיבראלטאר איז אין יאהר 45 ביי מונדא די רעשיטעלנע מלחמה געווען, זי איז פאר צעזאר געווען די געפאהרליכסטע פון זיין גאנץ לעבען, ער אליין האט געמוזט די לעגיאנען פיהרען געגען דעם פיינד, וועלכער האט ווי לאחר יאוש זיך געוועהרט, און ערשט נאך דעם ווי עס זיינען פון זיין זייט געפאלען 30 טויזענד ערשלאגענע, האט ער צולעצט געמוזט אבטרעטען.

סוף זומער פון יאהר 45 פאר קר. איז צעזאר מיט זיין גרויסען חיל אלס מנצח צוריקגעקומען נאך ראם. מיט גרוים שמחה אהן א שיעור האבען אלע איהם מקבל פנים געווען, דאך איז זיין גלאנצענדער איינצוג אין דער שטאדט מעהר ניט גלייך געווען צו די פריהערדיגע פראהליכע טריומפע. ער איז געקומען אלס הערשערר, וואס קען איבער זיי נור בעפעהלען. הויכע און ניעדריגע, גרוים און קליין האט זיך געפלייסט זייער דיענסטפערטיגקייט צו ווייזען, דערפאר האט אויך צעזאר געוויעזען זיין גנאדע צו אלעמען, אהן א אונטערשייד. זעהר גרויסע אונגעהייערע סוממען פון געלד, וועלכע עס זיינען צו איהם אריינגעפאלען דורך די מלחמות, איז פערטהיילט געווארען אונטער דעם פאלק, אום עס גאנץ פאר זיך צו געווינען. יעדעם פון זיינע אונטערטהאנען אדער אלטע אויסגעדיענטע סאלדאטען, האט ער געשענקט צו טויזענד טהאלער, יעדען קליינסטען אפיציער דאס דאפעלטע, יעדען אבערסטען (פאלקאווניק) דאס דרייפאכע און יעדען איינוואהנער פון ראם — צוואנציג טהאלער. אויסערדעם האט ער געלאזען אויסטהיילען קארן און אהל, און איינגעריכטעט אלערליי שפיעלען אויף דעם וואסער און אויף דער יבשה פאר דאס פאלק. איינמאל האבען צור בעלוסטיגונג פון דעם פאלק געפאכטען טויזענד צווייהונדערט מענשען געגען פיערציג עלעפהאנטען, און צום סוף פון דעם פריידענטאג זיינען אויפגעשטעלט געווארען צוויי און צוואנציג טויזענד טישען, און פאר דאס פאלק אויף אלע מארקפלעצער פון דער שטאדט סערווירט.

אלע הויכע שטעלען פון דער מלוכה האט צעזאר ביסליכווייז צו זיך אליין פעראייניגט, איהם האט מען אפילו דעם כח געגעבען ער זאל רעשען אויב עס זאל זיין פריעדען אדער קריעג. אויך איבער די קאסען פון דער ממשלה, איבער די פערטהיילונג פון טשינען צו וועמען מען זאל געבען, אויך איבער די אויפרופונג פון דער ארמעע. פון די אלע פראוועס וועלכע עס זיינען איהם געגעבען געווארען, האט ער דעם וויינינגסטען נוטצען פאר זיך געצויגען, ער האט אלעס געטהון נור צום גליק פון זיין פאלק. זיינע פריינד האט ער רייך בעלוהנט, זיינע פיינדע מיט'ן גאנצען

הערצען מוחל געװען, זיין גאַנצע מיהע איז געװען נור פֿריעדען, רוהע און אָרדנונג אין רױם און אין גאַנץ איטאַליען איינצושטעלען. אויף אַלע מענשליכֿע אַרבײט צום גליק פֿון אַלע, האָט ער די גרעסטע מיהע געלייגט ער זאָל דערצו העלפֿען. אַלע אָרדנונגען פֿון דער ממשלה היטען, און רעגולירען די געזעטצע, די בעשטימונגען איבער דעם װערטה פֿון די מַטְבֵּעוֹת, איבער מאָסען און געװיכֿטען, איבער די פֿערבעסערונג פֿון קאַלענדאַר [1]), איבער די אונטערהאַלטונג פֿון קינסטע (אוּמָנִיוֹת) און װיטענשאַפֿטען (חָכְמוֹת), צו אַלעם האָט מען זיך ענערגיש גענומען, און דורך צעזאַרס הַשְׁגָחָה און מיהע דורך זאַכֿקענער אויסגעפֿיהרט. און אַזוי האָט צעזאַר אין אַלעם זיך געװיעזען אַלס מאָכֿטיגער און קלוגער הערשער, עס האָט אויסגעװיעזען דאָס עס פֿעהלט איהם קיין זאַך ניט אויסער די קרוין — דען דעם קעניגליכֿען כּח האָט ער גאַנץ גענוג גע־האַט, און אֲפִילוּ דאָס האָט אויך דער סענאַט איהם פֿאָרגעשלאָגען.

ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס צעזאַר איז געװען אַזוי גוט און אַלעמען נור גליק געבראַכֿט, האָט פֿון דעסטװעגען זיך אין רױם געבילדעט אַ פֿײנדליכֿע פּאַרטהיי געגען איהם. די אַלטע ליעבהאָבער פֿון דער פֿרייהייט האָבען ניט געקענט פֿערגעסען דאָס צוליעב איהם איז די רעפּובליק אַראָפּ און בָּטֵל געװאָרען, און דאָס דער גאַנצער כּח געפֿינט זיך נור אין איין האַנד און אויסער איהם זיינען אַלע װי גאָר נישט. און עס האָט זיך געבילדעט אַ פּאַרטהיי פֿון פֿיינד, װעלכֿע האָבען זיך פֿערשװאָרען איהם זיין לעבען צו נעהמען. די פֿאַנאַטיקער פֿון זיי זיינען געװען איינגעגלױבט, דאָס מיט דער ערמאָרדונג פֿון אַזוי אַ טיראַן װי צעזאַר װעלען זיי זיך אַ אייביגען בעריהמטען שֵׁם מאַכֿען, און די מְדִינָה װעט עס זיי קיין מאָל ניט פֿערגעסען צו לױבען און זייער נאָמען צו בענשען. דער ערשטער פֿון די פֿערשװאָרענע איז געװען מאַרקוס ברוטוס, צו איהם איז געװען נאָך איינער נאָמענס קאַיוס קאַסיוס. זיי ביידע האָבען געהאַט פֿיעל גרויסע טובות פֿון צעזאַר, ברוטוס איז אֲפִילוּ געװען פֿון איהם אַלס זיין זוהן בעהאַנדעלט און געגען אַלע מיט ליעבע אויס־געצייכֿענט געװאָרען; פֿון דעסטװעגען זיינען דיעזע ביידע איהם געװען די גרעסטע שונאים. דעם פֿונפֿצעהנטען מאָרץ פֿון יאָהר 44 (פֿאָר קר.) איז בעשטעלט געװען צור אויספֿיהרונג פֿון זייער מאָרדערישען פּלאַן.

עס האָבען זיך אפילו געפֿונען גוטע פֿריינד, װעלכֿע האָבען צעזאַר'ן מַתְרֶה געװען און געװאָרנט זיך פֿאַר ערמאָרדונג צו היטען; און אַ נאַכֿט פֿאַר דעם האָט ער געהאַט שװערע שרעקעדיגע חֲלוֹמוֹת איהם צו פֿערהיטען פֿון דער סַכָּנָה, אויך זיין

[1]) די פֿערבעסערונג פֿון קאַלענדאַר דורך יוליוס צעזאַר איז אויסגעפֿיהרט געװאָרען מיט הילפֿע פֿון דעם אֶגיפּטישען מאַטהעמאַטיקער זאָזיגענעס, צום אַנדענקען דאַראַן האָט דער פֿון צעזאַרן אויסגעבעסערטער קאַלענדאַר בעקומען דען נאָמען „יוליאַנישער קאַלענדאַר".

פרוי האט איהם זעהר געבעטען פארזיכטיג צו זיין, אונ ער האט ביי זיך בעשלאסען דעם אנדערן טאג ניט צו געהען אין סענאט אונ גלייבער צו הויזע בלייבען. אלס אבער צו מארגען האט איהם א נאהנטער קרוב פון ברוטוס בעזוכט אונ איהם פארגעשטעלט ווי זעהר ער וועט דעם סענאט בעליידיגען ווען ער וועט איהם לאזען זיך אזוי פארנאנדער געהען אהן א שום זאך אויפצוטהון, האט ער זיך אויפגעהויבען אונ געגאנגען אין סענאט. געהענדיג אויף דער גאס האט איהם א גוטער פריינד דערלאנגט א בריעף, אין וועלכען ער האט איהם בעשריעבען דעם גאנצען בונט מיט דער פערשווארונג, ווייל עס איז אבער געווען א צו גרויסע ענגשאפט פון מענשען, האט ער דעם בריעף ניט געקענט גלייך לעזען, אונ האט איהם אוועקגעגעבען צו זיין סעקרעטאר צו האלטען פאר איהם אויף שפעטער. אלס ער איז געקומען אין טהעאטערזאאל פון פאמפעיוס, וואס אין יענעם טאג איז גראדע דארט געווען די זיטצונג פון סענאט, אונ האט זיך אויף דעם גילדערנעם שטוהל געזעטצט, זיינען זאגלייך די פערשווארענע צו איהם צוגעטרעטען. פריהער פאר אלע איז געשטאנען טולליוס צימבער אונ האט אנגעפאנגען צו בעטען ביי צעזאר צו בעגנאדיגען זיין ברודער, אונ די איבריגע האבען אויך זיין געבעט אונטערשטיצט, דערביי האט צימבער אנגענומען צעזארס טאגא (איבערשטע פאראדנע קלייד), אונ האט זי גענומען רייסען מיט געוואלד פון אקסעל העראב, דאס איז געווען דער אבגערעדטער צייכען, נאך וועלכען איינער נאמענס קאסקא, האט איהם דעם ערשטען שטאך געגעבען מיט זיין קינדזשאל. צעזאר האט א שפרונג געטהון פון זיין ארט אונ א געשריי געטהון: „דו ניעדריגער מענש, וואס ווילסט דו?" אונ האט זיך דערביי געכאפט ביים ארם, דערווייל האבען זיך אלע אויף איהם געווארפען אונ געשטאכען אין געזיכט אונ אין דער ברוסט. דער איבערגעפאלענע האט נאך זיך איינינע אויגענבליקע געוואלט בעשיטצען ווי וויט ער האט געקאנט, אלס אבער ער האט דערזעהן זיינען געליעבטען ברוטוס אויך אויף איהם אנפאלענדיג מיט זיין מעסער, איז איהם דער מוטה אראפגעפאלען אונ ער האט מיט טרויעריגקייט געזאגט ווען ער איז שוין געווען מיט בלוט בעדעקט: „א, אויך דו מיין זוהן?" אונ אין דעם אויגענבליק האט ער פערוויקעלט זיין געזיכט אין זיין טאגא; אונ צו דער ערד געזונקען פון דריי אונ צוואנציג וואונדען מיט בלוט בעגאסען. די סענאטארען, וואס פאר זייערע אויגען איז דער מארד געשעהען, זיינען זיך צולאפען פאר שרעק.

מארקוס אנטאניוס אונ אקטאביאנוס. דאס צווייטע טריומווירא ט (43 פאר קר). צעזארס טויט האט אויף ראם נייע מהומות אונ אונרוהען געבראכט, אבער ניט די פרייהייט אויף וועלכע די מארדער האבען זיך גערעכט.

דער קאָנזול אַנטאָניוס, צעזאַרס פֿריינד, האָט פֿערזאַמעלט דעם צושפּרייטען סענאַט און האָט זיך צוגעגרייט צו נעהמען נְקָמָה פֿאַר די שרעקליכֿע רְצִיחָה. אין דער צייט וואָס לעפּידוס, אַ טרייער פֿריינד פֿון צעזאַר און בעפֿעלסהאַבער פֿון דער רייטעריי (קאָניצע) איז מיט זיין חיל געשטאַנען גרייט צום שלאָגען, האָט אַנטאָניוס געהייסען זיין געטעדטען פֿריינד אַרויס שטעלען אויפֿ'ן אָפֿענעם מאַרק אַלע זאָלען איהם זעהען, און זיין בלוטיג קלייד געלאָזען האָנגען דערביי. דאַן האָט ער פֿאַר דעם צוזאַמענגעלויפֿענעם פֿאָלק געהאַלטען אַ פֿייערדיגע רעדע פֿון לויב אויף דען וויכֿטיגען טוידטען, און ענדליך האָט ער דורך געלעזען צעזאַרס צַוָאָה, וועלכֿע ער האָט אָנגעגרייט פֿון לאַנג — און דאָס האָט פֿייער אָנגעצונדען אין די הערצער פֿון אַלע בירגער. דאָס געמיינע פֿאָלק איז מיט אַ שרעקליכֿען גרימצאָרען געלאָפֿען איבער די גאַסען, האָט פֿון כַּעַס אָנגעצונדען דעם בִּנְיָן פֿון ראַטהויז, וואו דער מאָרד איז געשעהען, און האָט געשוואָרען צו נעהמען אַ גרויסע נקמה פֿון זיינע מאָרדער. יענע האָבען באַלד דאַרויף זיך אָפּגעטראָגען פֿון ראָם, ציטערנדיג פֿאַר דער נקמה.

צום הויפּט־יוֹרֵשׁ האָט צעזאַר געמאַכֿט איין איינִיקעל פֿון זיינע אַ שוועסטער, נאָמענס אָקטאַוויאַנוס, אַ יונגען מאַן פֿון 18 יאָהר, איין זעהר פֿערשטעלטער און חיטרער מענש. דיעזער זיין יורש איז באַלד געקומען נאָך ראָם, אָבער אַנטאָניוס, צעזאַרס גוטער פֿריינד, האָט איהם זעהר קאַלט און פֿרעמד אויפֿגענומען. אָקטאַוויאַנוס האָט זיינען פֿערדרוס אין הערצען פֿערבאָרגען, און האָט געזוכֿט פֿאַר זיך דאָס פֿאָלק צו געווינען דורך פֿריינדליכֿקייט, מַתָּנוֹת, שפּיעלע און פֿייערטאַגע, און דיעזעס האָט זיך איהם אויך איינגעגעבען. פֿיעלע זיינען געווען מיט איהם זעהר צופֿריעדען, האָפֿענדיג דורך איהם די מאַכֿט פֿון אַנטאָניוס צו שוואַכֿען, דען אַנטאָניוס איז מיט יעדעם טאָג געוואָרען שטאָלצער און עַזּוּת'דיגער. עס האָט אויסגעוויעזען דאָס ער גרייט זיך צו צעזאַרס ראָלע צו שפּיעלען. דער בעוואוסטער רעדנער ציצעראָ, האָט זיך אויך געגען איהם אויפֿגעשטעלט און אויפֿגעוויעזען, דאָס ער איז אַ פֿיינד פֿון זיין פֿאַטערלאַנד. דיביידע קאָנזולען צוזאַמען מיט אָקטאַוויאַנוס זיינען הערויסגעטרעטען געגען אַנטאָניוס, האָבען זיין חיל געשלאָגען אין אַ צווייטאָגיגע מלחמה ביי מוטינה (יעטצט מאָדענאַ) (43). אָבער ביידע קאָנזולען האָבען אויף דער מלחמה זייער לעבען פֿערלאָרען, און אָקטאַוויאַנוס איז איינער אַליין געבליעבען שטעהען מיט זיין חיל אַנטגעגען דעם פֿיינד. אַנטאָניוס איז אַנטלאָפֿען נאָך גאַליען וואו זיין טרייעסטער פֿריינד לעפּידוס האָט איהם נייען חיל צוגעפֿיהרט, און ביידע צוזאַמען זיינען איטצט אויפֿגעטרעטען געגען איטאַליען. אַלע האָבען גערעכֿנעט דאָס דאָ וועט אַ שרעקליכֿע מלחמה זיין, אָבער פּלוטצלינג האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס ביי אַ צוזאַמענקומען אויף אַ אינזעל ביי באָנאָניאַ (באָלאָגנאַ) איז צווישען די שׂוֹנְאִים געוואָרען אַ שָׁלוֹם, און זיי האָבען צווישען זיך געמאַכֿט אַ פֿערבינדונג, וואָס איהר

צוועק איז געווען אויסצוטיליגען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטהיי און צו צוטהיילען צווישען זיך די מֶמְשָׁלָה. אזוי איז געוואָרען אין יאָהר 43 איין צווייטער טריומוויראַט, ווי דער ערשטער, וועלכער איז פֿאַר זיעבצעהן יאָהרען צווישען צעזאַר, פּאָמפּעיוס און קראַסוס געשלאָסען געוואָרען.

אום רוהיגער צו זיטצען אין די גוטס וואָס זיי האָבען זיך גענומען, האָבען אַנטאָניוס און אָקטאַביאַנוס צווישען זיך איין האַנד געמאַכט, אַז אַלע ליעבהאָבער פֿון דער אַלטער פֿרייהייט זאָלען פֿון וועג אַראָבגערוימט ווערען. די שרעקליכע טעג פֿון מאַריוס און זוללאַ האָבען זיך אין לאַנד אומגעקעהרט, די עדעלסטע און רייכסטע מאָנער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, אויף די קאָפּ פֿון די אַנטלאָפֿענע זיינען הויכע מְקָחִים געשטעלט געוואָרען. די סאָלדאַטען וואָס פֿלעגען די מאָרדבעפֿעהלע אויספֿיהרען, זיינען רייך בעלויהנט געוואָרען, און ניט נור אין דער אונגליקליכער הויפּטשטאָדט אַליין, נור אין גאַנצען לאַנד האָט גערונען דאָס בלוט פֿון די ערשלאָגענע. אונטער די פֿיעלע אונגליקליכע, וועלכע עס זיינען געפֿאַלען אַלס קָרְבָּן פֿאַר די הערשאַפֿט פֿון דיעזע דריי מאָרדערישע מאָנער, איז געווען דער עדלער פּאַטריאָט און אויסגעצייכענטער רעדנער ציצעראָ. מיר ווילען אין אַ קורצע שילדערונג דאָס בילד פֿון דעם בעריהמטען מאַן בעשרייבען.

מאַרקוס טוליוס ציצעראָ איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 106 פֿאַר קר. אויף איין לאַנדגוט (אימיעניע) ביי אַרפּינום, דעם געבורטסאָרט פֿון מאַריוס, און האָט געשטאַמט פֿון אַ זעהר עדלע פֿאַמיליע. צו בעסערער אויסבילדונג, האָט זיין פֿאָטער זיך בעגעבען מיט איהם און זיינעם אַ ברודער נאָך ראָם, דאָרט האָבען זיי זיך ביי גריעכישע גוטע לעהרער ערצויגען. אַלס ציצעראָ איז אָלטער געוואָרען, איז ער געוואָרען איין איינגעהער אין די הייזער פֿון די בעסטע יוריסטען פֿון יענער צייט, אום זיך צו צובערייטען צו זיין קינפֿטיגער בעשעפֿטיגונג. אין דער צייט אַלס זוללאַ איז געווען דיקטאַטאָר, איז דיעזער יונגער מאַן אויפֿגעטרעטען אַלס גוטער אַדוואָקאַט אין פּריוואַטנע אָדער פּובליצנע זאַכען, און האָט דורך זיינע גלאָנצענדע שפּראַכע ווי דורך זיין אונגעוואָהנליכען טאַלענט צו מְלִיצָה און רעדנעריי זיך אַ גרויסען נאָמען געמאַכט. אָבער נאָך אַלץ האָט ער זיך ניט געהאַלטען פֿאַר פֿאָהיג אַזוי אַ זאַך אויף זיך איבערצונעהמען, דערום האָט ער זיך געלאָזען רייזען נאָך אַטהען און נאַכהער נאָך רהאָדוס אום זיך מעהר אויסצובילדען. דאָרט האָט ער געהאַט געלעגענהייט צו האָרען דעם בעריהמטען רעדנער מאָלאָן, און אָפִּילוּ דער גרויסער מענש איז אויך פֿערוואונדערט געוואָרען פֿון דעם פּראַכטפֿאָלען טאַלענט פֿון דעם יונגען ראָמער. איין מאָל ביי אַ גרויסע פֿערזאַמלונג פֿון געבילדעטע און געלערנטע

גריעכֿען, איז אויסגעקומען ציצעראָ צו האַלטען אַ רעדע איבער אַ פֿאָרגעלעגטען ענִין. ער האָט עס אַזוי גייסטפֿאָל און קלוג ערקלעֶרט, דאָס דער גאַנצער זאַאַל מיט מענשען האָט געקלאַפּט בראַוואָ, נור מאָלאָן איז געבליעבען אונבעוועגליך אוּנ אַזוי ווי בּרוֹנזֶ אויף דער ערד געקוקט; דאַרויף האָבען זיך זיינע תּלמידים פֿערוואונדערט אוּנ איהם געפֿראָגט אויף דער אורזאַכֿע וואָס ער איז פֿערדריסליך. דאַן האָט זיך מאָלאָן געקעהרט אַן ציצעראָ אוּנ געזאָגט: „די ראָמער פֿון ביזהער האָבען ביי אונז די קראַפֿט, די גיטער אוּנ די מאַכֿט צוגענומען, אָבער דעם כּבוד פֿון חָכְמָה האָבען זיי אונז איבער געלאָזען, דו אָבער פֿיהרסט אויך דאָס פֿון אונז צו זיך איבער׳ן יַם אַוועק, אָט דאָס מאַכֿט מיך זעהר טרויעריג״.

נאָכֿדעם ווי ציצעראָ איז נאָך ראָם צוריק געקומען, האָט ער די גראָסטע טשינען בעקומען, ער איז געוועזען קוועסטאָר (געלד־קאַסיער), אֶדיל (משגיח), פּראָטאָר (געזעטצהיטער) אוּנ ענדליך אין יאָהר 63 איז ער געוואָרען קאָנזול. מיר האָבען נאָך פֿריהער געהערט ווי ער איז מיט גרויסען מוטה אָנגעפֿאַלען אויף די ניעדריגע פּלאַנען פֿון קאַטילינאַ, זיי צו נישט געמאַכֿט אוּנ דערמיט ראָם אוּנ די מֶמְשָׁלָה מַצִיל געוועזען, אָבער ביי דעם אַלעם האָט ער געהאַט פֿיעל שׂוֹנְאִים. דורך די פֿיינדליכֿע הערוים־טרעטונג פֿון דעם טריבון קלאַדיוס, האָט ציצעראָ אין יאָהר 58 געמוזט גוטוויליג אַוועק אין גָלוּת נאָך מאַקעדאָניען, אין ראָם איז ער אונטער די אויגען געלעגט געוואָרען אין חֵרֶם, אוּנ זיינע גיטער זיינען קאָנפֿיסקירט אוּנ צערשטאָרט געוואָרען. אֶמֶת, אין איין יאָהר שפּעטער איז ער צו דער פֿריידע פֿון בעסערע ראָמער צוריקגערופֿען געוואָרען, אָבער זיינע פֿריהערע מוטהיגקייט אין דער פּאָליטיק איז שוין געוועזען געבראָכֿען. ציצעראָ האָט זיך פֿון דאַמאָלס אָן מעהר אוּנ מעהר פֿערלאָזען אויף פּאָמפּעיוס, וועלכֿען ער האָט געזוכֿט צו פֿעסטיגען אין זיין שטעלונג, ער האָט זיך אויך פֿערטיעפֿט אין שטודירען פֿון די געזעטצע פֿון זיין לאַנד, בעזאָנדערס נאָכֿ׳ן טויט פֿון צעזאַר׳ן. אַלס אַנטאָניוס האָט שוין צופֿיעל עַזוּת געקריעגען, האָט זיך ציצעראָ גאָר אויף זיינע לאַנדגיטער צוריק געצויגען. דאָרט האָט ער פֿיעל אויסגעצייכֿענטע ווערקע געשריעבען, וועלכֿע זיינען נאָך היינט וועגען זייער טיעפֿען אינהאַלט אוּנ די טרעפֿליכֿע לאַטיינישע שפּראַכֿע בעריהמט, אוּנ דיענען פֿאַר אַלע פֿאָלקער אַלס בילדונגס־מיטעל. אין דיעזער בעשאָפֿטיגונג האָט ער טרייסט געפֿונען פֿון דעם שרעקליכֿען צושטאַנד פֿון זיין אונגליקליכֿען פֿאַטערלאַנד, וואו עס האָט זיך געפֿונען צופֿיעל בַּעֲלֵי־בָתִּים דאַרין צו געוואָלטיגען. אַלס צעזאַר איז ערמאָרדעט געוואָרען,

האָט ציצעראָ האָפֿנונג געשעפּט און מיט גרויס פֿייער אַרויסגעטרעטען אין זיינע בעגייסטערטע רעדען געגען אַנטאָניוס, וועלכער האָט די הֶעָזָה געהאַט צוזאַרם שטעלע איינצונעהמען. אָקטאַביאַנוס האָט געמוזט דעם ערצירנטען אַנטאָניוס נאָכגעבען, און דער טויט פֿון דעם עדלען מאַן איז אַלזאָ בעשלאָסען געוואָרען. ציצעראָ האָט דערפֿון געהערט און געזוכט זיך דורך אַנטלויפֿען צו רעטען, אָבער די נאָך איהם אויסגעשיקטע מאָרדער אונטער פֿיהרונג פֿון דעם קריעגס-טריבונען פּאָפּיליוס לאָנאַס, וועלכען ציצעראָ האָט אַמאָל דורך זיינע מְלִיצָה דאָס לעבען גערעטעט, האָבען איהם אין דער געגענד פֿון קאַיעטאָ אָנגעיאָגט, דאָרט האָט איהם דער צענטוריאָ (אָפֿיציער) קערעניוס ערשטאָכען. דאָס איז געוועזען אַם 7 דעצעמבער אין יאָהר 43. די מאָרדער האָבען איהם דעם קאָפּ און די רעכטע האַנד אָבגעהאַקט און אַוועקגעטראָגען צו אַנטאָניוס, וועלכער האָט זיי דערפֿאַר גאַנץ רייך בעלאָהנט. אַנטאָניוס האָט ציצעראָס קאָפּ און די האַנד אויפֿ'ן אָפֿענעם מאַרק ביי דער פּולטע (שטאָנדער) פֿון די רעדנער געלאָזט אויסשטעלען. פֿריהער נאָך האָט פּולוויאַ, אַנטאָניוס פֿרוי, אין איהר רִשְׁעוּת די צונגע פֿון גרויסען רעדנער מיט שפּילקעס צושטאָכען דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַמאָל די פּוטצעריי פֿון די ראָמישע פֿרויען פֿאָרגעהאַלטען און דערויף מוסר געזאָגט.

די לעצטע קריעג פֿון דער רעפּובליק. מלחמה ביי פֿיליפּי.

בְּשַׁעַת אַזעלכע שרעקליכע מַעֲשִׂים זיינען געשעהען אין ראָם, זיינען ברוטוס און קאַסיוס אַלס ענטשלאָסענע שׂוֹנְאִים פֿון טריומווירואַט אַרויס מיט אַ חיל אין מאַקעדאָניען, וואָהין עס האָבען זיך צו זיי אויפֿגעקליעבען אַלע פֿריינדע פֿון דער פֿרייהייט, אָבער אָקטאַביאַנוס און אַנטאָניוס זיינען אויף זיי געגאַנגען מיט זייערע חֲיָלוֹת, און עס איז ביי פֿיליפּי אין מאַקעדאָניען צו אַ מלחמה געקומען (42). קאַסיוס האָט געמוזט אָבטרעטען פֿאַר אַנטאָניוס, נאָר ברוטוס האָט מיט כח אָבגעשטויסען פֿון זיך די לעגיאָנען פֿון אָקטאַביאַנוס, וועלכער איז אַליין דאַמאָלס קראַנק געוועזען. נור אַלס קאַסיוס האָט זיך געלאָזען אָבנאַרען פֿון אַ פֿאַלשע יְדִיעָה, דאָס אַנטאָניוס האָט איהם שוין מיט זיין חיל אַרומגערינגעלט, און האַלטענדיג לְאַחַר יֵאוּשׁ, האָט ער זיך מיט זיין אייגענעם שווערדט ערשטאָכען. און אַלס די טריומווירען האָבען אין צוואַנציג טעג אַרום די מאָרדערישע מלחמה ערנייערט, האָט אויך ברוטוס די מַפָּלָה ערליטען און האָט אויך ווי קאַסיוס זיך דורך די אייגענע האַנד דעם טויט געמאַכט. מיט דיעזע איהרע לעצטע שטיצען איז די רעפּובליק אין גאַנצען געזונקען.

דער קריעג פֿון די צוויי מִתְנַגְדִים, אָקטאַביאַנוס און אַנטאָניוס. איצט איז נור געבליעבען איין פֿראַגע, ווער פֿון אַלע דריי בַּעֲלֵי־דֵעָה וועלען די

הערשאַפֿט אין דער רוימישער מֶמְשָׁלָה האַלטען. לעפּידוס, איז באַלד געפֿאַלען אַלס קָרְבָּן פֿון זיין תַּאֲוַת הַכָּבוד און שוואַכקייט, ער האָט זיך ניט בעגניגט מיט זיין כָּבוד ביז אַהער, איהם האָט זיך נאָך געוואָלט געווינען די הערשאַפֿט איבער סיציליען, און האָט געמיינט דאָס מיט זיין חיל וועט עס געננג זיין, די רייכע אינזעל אַרויס צו רייסען פֿון אָקטאַביאַנוסענס הענד; אָבער דיעזעם האָט עס נור איין וואָרט געקאָסט, און לעפּידוסיעס גאַנצער חיל איז צו איהם אַריבער געגאַנגען. דאַן האָבען זיך די צוויי הערשער מיט דער רוימישער ממשלה געטהיילט, אָקטאַביאַנוס האָט בעקומען דעם מערב־טהייל פֿון די רוימישע לענדער, אַנטאָניוס — דען מזרח־טהייל. אָבער ניט לאַנג האָבען זיי רעגיערט אין שָׁלום און אַחְדוּת. אונבעזאָרגט אום די סַכָּנוֹת, וועלכע האָבען זיך איהם געוויעזען פֿון אָקטאַביאַנוס זייטע, האָט אַנטאָניוס געלעבט אין פֿיעל פֿערגניגען אין דעם גלענצענדען הויף פֿון דער עגיפּטישער מלכּה קלעאָפּאַטראַ, האָט פֿערשענקט אַן איהר און איהרע קרובים פֿיעל מדינות אין אַזיען, וועלכע זיינען ערוואָרבען געוואָרען דורך פֿאַרגאָסענעם רוימער־בלוט, און אַם ענדע האָט ער אַלע זיינע געגנער אין כּעס אַריין געבראַכט דערמיט, וואָס ער האָט זיין ערליכע פֿרוי אָקטאַביאַ, אָקטאַביאַנוס׳עס שוועסטער פֿון זיך פֿערשטויסען.

מלחמה ביי אַקציום (31 פֿאָר קר.). דעם שלעכטען איינדרוק, וועלכען אַנטאָניוס האָט דורך זיין הֶעָזָה אויף די רוימער געמאַכט, האָט אָקטאַביאַנוס זעהר קלוג בענוצט איהם צו פֿערדערבען. ער האָט ביים סענאַט אויסגעווירקט אַ בעשלוס (רעשעניע), דורך וועלכען אַנטאָניוס האָט זיין ווערטה און משין פֿערלאָרען, און זיין קעניגליכע געליעבטע איז ערקלערט געוואָרען אַלס פֿיינדין פֿון רוים, מיט וועלכער מען דאַרף מלחמה האַלטען און פֿאַר אַלץ בעשטראָפֿען. אַנטאָניוס האָט זיך גלייך מיט קלעאָפּאַטראַ פֿעראייניגט צו קריעג געגען אָקטאַביאַנוס. אָקטאַביאַנוס איז דאַמאָלס נאָך ניט געווען גענוג בעוואָפֿענט, און ווען אַנטאָניוס וואָלט דאַמאָלס מיט זיין גרויסען חיל און מיט זיין שטאַרקע פֿלאָטע באַלד אַרויס געגען איטאַליען, וואָלט ער גאָר לייכט געקענט געווינען די אויבערהאַנד און זיין געגנער מְנַצֵּחַ זיין. אָבער אַנשטאָט עטוואָס וויכטיגעס צו טהון, האָט ער זיך געלאָזען אויף אַלערליי תּענוגים אין גריעכענלאַנד, און אין הוליען מיט זיין קלעאָפּאַטריאַ די צייט פֿערשטיעפֿט. דערווייל האָט אָקטאַביאַנוס זיך גוט אַרום געזעהען מיט חיל אויף דער יַבָּשָׁה און מיט אַ פֿלאָטע אויפֿ׳ן ים, און באַלד געקומען אין דרום־זייט פֿון דעם אינזעל קאָרפֿו, ביים פֿאָרגעבירגע אַקציום. דאָרט איז עס געקומען צו דער וועלט־מלחמה אויפֿ׳ן ים, בְּעֵת די חַיָּלוֹת פֿון דער יַבָּשָׁה האָבען זיך נור פֿון וויטען צוגעקוקט. פֿון ביידע זייטען

האָט מען ניט געוואָלעוועט מוטה און אַנשטרענגונג, מען האָט זיך מיט אַלע קראַפטען געפאָכטען און קיין ענטשיידונג (רעשעניע) איז נאָך ניט געוועזן. מיט אַ מאָל איז די עגיפּטישע מַלְכָּה ערשראָקען ענטלאָפען מיט אַ טהייל פון דער פלאָטע, אַנטאָניוס האָט דאָס דערזעהען, איז ער גלייך נאָך איהר געלאָפען, און אַזוי איז ער נאָך איהר צוריק אַוועק אין עגיפּטען, גאָר ניט זאָרגענדיג וואָס עס ווערט פון דער שווערער מִלְחָמָה. נאָך האָבען זיינע סאָלדאַטען געשטריטען פון קיין זאַך ניט וויסענדיג ביז צום אָבענד, אַלס זיי האָבען זיך דערוואוסט דאָס זייער העיר האָט זיי ניעדער־טראַכטיג פערלאָזען, האָבען זאָ זיך ענדליך איבערגעגעבען. דער חיל פון יַבָּשָׁה האָבען 7 טעג לאַנג געוואַרט אויף זייער אַנפיהרער, אָבער ער איז ניט געקומען, דאָ האָבען אַלע אריבערגעטרעטען צום מְנַצֵּחַ.

אָקטאַביאַנוס האָט געצויגען נאָך סיריען און פון דאָרט איז ער אָנגעפאַלען אויף עגיפּטען. דאָרט האָט זיך אַנטאָניוס נאָך אַ מאָל זיך צו וועהרען אַנטגעגען געשטעלט, אָבער מיט שרעקען האָט ער געמוזט זעהען ווי זיינע חילות געהען איינע נאָך די אַנדערע צום שׂוֹנֵא איבער. עס איז אַ סְבָרָא דאָס קלעאָפּאַטראַ אַליין האָט זיי דאָס געהייסען, דען אויך זי די פאַלשע פרוי, האָט איהם יעצט אוועקגעוואָרפען; זי האָט זיך פאַר איהם פערבאָרגען אין אַ געוועלב פון אַ טעמפעל, און האָט געלאָזען פערברייטען אַ קלאַנג דאָס זי איז געשטאָרבען. דער עלענדער אַנטאָניוס דאָס הערענדיג, האָט פון גרויס צַער זיך אַליין ערשטאָכען. אָבער בשעת ער האָט זיך נאָך געצאַפּעלט פאַרן טויט האָט ער דערהאָרט, דאָס קלעאָפּאַטראַ לעבט נאָך, דאַן האָט ער געהייסען מען זאָל איהם אריינטראָגען צו איהר אין טעמפעל, און דאָרט איז ער צו איהרע פיס געשטאָרבען אין גרויסע יְסוּרִים. קלעאָפּאַטראַ האָט זעהר מוֹרָא געהאַט מען זאָל זי ניט פיהרען געפאַנגען אין טריאומף נאָך דאָם, און האָט אַלע איהרע קאָקעטישע קונצען אויספּראָבירט דעם אָקטאַביאַנוס צו פאַנגען אין איהרע ליעבעסנעטצען ווי דעם אַנטאָניוס. ער איז אָבער געוועזן חיטרע און זיך פון איהר אויף קיין פאַל ניט געלאָזען פערפיהרען. זעהענדיג דאָס עס איז שלעכט, האָט זי געהייסען אין אַ קאָרב מיט פרוכטען בעדעקט, בריינגען צוויי גיפטיגע שלאַנגען. די ראָמישע וואַכטער האָבען דערפון ניט געמערקט, און די ביידע שלאַנגען האָט זי געגעבען איהרע ברוסט צו בייסען, און אַזוי איז זי פון זייערע גיפטיגע ביסע געשטאָרבען. אָגיפּטען איז דאַן (30 פאַר קר.) אַ ראָמישע פראָווינץ געוואָרען.

דער סוף פון דער רעפּובליק. נאָך דעם טויט פון אַנטאָניוס, איז שוין קיינער אין דער ראָמישער ממשלה אין שטאַנד געוועזן, די פלאַנען פון אָקטאַביאַנוס

צו שטערען אונ די זינקענדע רעפּובליק מיט זיין האַנד צו רעטען. אַזוי איז געוואָרען אַ סוף אין יאָהר 31 פֿאַר קר. מיט דער בלוטיגער מַפָּלָה ביי אַקציום פֿון די פֿרייע געזעטצע פֿון די ראָמישע איינוואָהנער, וועלכע האָבען זיך זייט דער פֿערטרייבונג פֿון די ערשטע מְלָכִים, כִּמְעַט אַ האַלב טויזענד יאָהר געהאַלטען. די אַלטע מַעֲלוֹת אונ די אַלטע גַאֲוָה פֿון די ראָמער זיינען שוין לאַנג פֿערשוואונדען געוואָרען, אונ אַזוי איז אָקטאַביאַנוס׳ען גאַר לייכט געווען ביי די ראָמער זייער אַלטע פֿרייהייט אונ די גאַנצע דעה זיך אַליין צו נעהמען.

דער שטאַנד פֿון די מִדוֹת ביים סוף פֿון דער רעפּובליק. קיין זאַך האָט ניט אַזוי די ראָמישע רעפּובליק צום פֿאַל געבראַכט, ווי דער טרויעריגער פֿערפֿאַל פֿון די מדות. אַ לאַנגע צייט האָט זי אויף דער וועלט געבליהט, ווייל די ראָמער זיינען געווען אויסגעצייכענט מיט זייערע שאָנע מִדות, זיי זיינען געווען גאָטעס־פֿירכטיג, האָבען געהאַט גְבוּרָה אונ גרויסע ליעבע צו זייער פֿאָטערלאַנד. אָבער די עהרליכע אֱמוּנָה פֿון די אָבוֹת איז ביסליכווייז פֿערשוואונדען געוואָרען, די טעמפּעל זיינען געשטאַנען פּוסט אונ לעדיג, אונ די גאָטערבילדער זיינען געוואָרען פֿערזונקען אין שטויב. עֲבֵירוֹת פֿון אלע סאָרטען האָבען פֿערגיפֿטעט דעם עולם, עֲשִׁירוּת אונ תַּעֲנוּגִים זיינען געוואָרען די גראָסטע מעלות פֿון לעבען, מען האָט אֲפִילוּ די נידעריג־סטע מיטעל בענוצט אום גרעסער עשירות צו זאַמלען. עס איז גאָר ניט צו גלויבען צו וועלכער מַדְרֵגָה פֿון עשירות עס האָבען איינִיגע פֿאַמיליען דערלאַנגט אין דער לעצטער צייט פֿון דער רעפּובליק. „דער איז גאָר ניט קיין רייכער מאַן, — פֿלעגט קראַסוס צו זאָגען — ווער עס קען ניט אויפֿשטעלען אונ אויפֿהאַלטען אַ גאַנץ חיל אויף זיינע איינענע הוֹצָאוֹת״. לוקולוס האָט פֿאַר זיינע לוסטגאָרטענס געלאָזען ברייִנגען די ערשטע קירשבוימער פֿון קעריזונט (קעריזאָנטע) אין אַזיען, אויך האָט ער געלאָזען בערג גלייך מאַכען, אַזיערעס אויסגראָבען, אום צו קאָנען האַלטען ים־פֿיש אונ ים־וואַסער ביי זיך אין זיינע גיטער. איינמאָל האָט ער איינגעלאַדען צוויי געסט, ציצעראָ אונ אַטיקוס צו אַ סְעוּדָה ביי זיך וואָס האָט געקאָסט, נאָך ציצעראָס מְבִינוּת אַליין, ניט ווייניגער ווי צעהן טויזענד טהאַלער, אונ פֿון דעסטוועגען האָט דער הויז־עקאָנאָם פֿון לוקולוס געבעטען אום פֿערצייהונג וואָס די צושטעלונג איז געווען צו געמיין, ווייל עס איז די צייט צו ווייניג געווען בעסער אַלעס אָנצוגרייטען. ים־פֿישע צו האַלטען אין גרויסע אָזיערעס נאָהנט פֿון ים איז זעהר געווען אין דער מאָדע. איינעם געוויסען הירתוס האָט געקאָסטעט זיינע ים־פֿיש צוויי־הונדערט־טויזענד טהאַלער אַ יאָהר, אונ אַזוי גרויס איז געווען די פֿערשווענדונג אויך אויף אַנדערע זאַכען.

האַרטענזיוס, וועלכֿער פֿלעגט זיינע בוימער מיט ווײַן בעגיעסען כּדי זיי זאָלען בעסער וואַקסען, האָט נאָך זיך געלאָזען צעהנטויזענד איימער טייערען ווײַן און טייערע פּאַלאַטצען. געניעסענדיג די פֿריידען פֿון שטאָדט=לעבען, האָבען די עשירים געהאַט אויף דעם לאַנד די פֿיינסטע דאַטשעס אַרומגערינגעלט פֿון זייערע פֿעלדער און וואָלדער אויף מיילען ווייט, כּדי צו יעדער צייט פֿון יאָהר די בעסטע תַּעֲנוּגִים צו האָבען. הונדערטע און אויך אֲפִילוּ טויזענדע פֿון שקלאַווען זיינען שטאָנדיג געשטאַנען אָנגעגרייט זייער בעפֿעהל צו יעדער צייט און אָרט צו ערפֿילען, סאַי טהויער=שקלאַווען וואָס זיינען פֿאַר זיי געלעגען ווי אַ הונד אויף דער קייט, סאַי אויך צימער=דיענער, קיכֿע=שקלאַווען, באַדע=קנעכֿט, בריעפֿטראָגער, שטוהלטראָגער, פֿאָרלעזער און אַלערליי אַנדערע אַרטען שקלאַווען אָהן אַ צאָהל. פֿיעל שווערער איז געווען דער גורָל פֿון די פֿעלד=אַרבייטער, וועלכֿע האָבען זיך געפֿונען אין די לאַנדגיטער פֿון זייערע הערען אונטער דער הַשְׁגָּחָה פֿון אונדערבאַרמיגע אויפֿזעהער; אונטער די ברענענדיגע היטץ פֿון דרום=לאַנד זיך געברענט און געבראָטען, געלעבט מיט קאַרגע שפּייז, גאַנצע טאָג געאַרבייטעט און ביי נאַכֿט געלעגען איינגעשלאָסען אין קליינע געפֿאָנגנים=צימער, און צו אַ שווערען קלאָטץ צוגעשמידעט כּדי זיי זאָלען נישט קענען ענטלויפֿען. אַנדערע שקלאַווען זיינען געווען בעשטימט פֿאַר די פּובליטשנע שפּיעלע אַלס קאָמפּפֿער (בַּעֲלֵי־מִלְחָמָה), אין זייער לָשׁון אָנגערופֿען „גלאַדיאַטאָרען”. אויף גרויסע פּובליטשנע מלחמה=פּלאָטצער, אַרום און אַרום מיט אָרטער צום זיטצען, איינע איבער די אַנדערע, האָבען די אונגליקליכֿע נפָשׁות פֿאַר די אויגען פֿון דעם פּראָהליכֿען פֿאָלק, מיט בלישצענדע געוועהר געפֿאַנגען איינע די אַנדערע, איינע די אַנדערע צום טויט ערשלאָגען. אָבער וואָס מעהר אונמענשליך עס איז געווען די בעהאַנדלונג פֿון דיעזע אַכְזָרִישע הערן, איז אַלץ בלוטיגער געווען די נְקָמָה פֿון די געמוטשעטע מענשען געגען דאָס מאָרדערישע ראָמער=פֿאָלק. די היסטאָריע פֿון דער איינזינקענדער רעפּובליק איז פֿול פֿון מַעֲשִׂיוֹת פֿון שקלאַווען=בונטען, בְּעֵת דיעזע אונגליקליכֿע צוטרעטענע מענשען, האָבען מיט פֿייער און שווערדט און מיט סטראַשנע רְצִיחוֹת, פֿון זייערע שלעכֿטע פֿייניגער נקמה גענומען.

ביי דעם אונגעהייער גרויסען רייכֿטהום פֿון עטליכֿע יִחוּס'דיגע מִשְׁפָּחוֹת, איז עס ניט צו בעוואונדערן, דאָס דער מיטעלשטאַנד אין ראָם איז אַלע מאָל אַלץ מעהר פֿעראָרעמט געוואָרען. מיט דעם געפֿאַלענעם צושטאַנד פֿון די בַּעֲלֵי בָּתִּים אין ראָם; איז אויך די אַלטע עהרליכֿקייט פֿערשוואונדען געוואָרען. די מענשען זיינען אַזוי ערניעדעריגט געוואָרען, אַז פֿאַר זיי איז שוין אַלעם געווען פּאַסיג, און קיין שאָנדליכֿקייט האָט זיי מעהר ניט צוריק געהאַלטען אום צו געלד און תַּעֲנוּגִים צו קומען.

פֿוילקייט און תּאַווה האָבען זיך אַלץ מעהר איינגעפֿיהרט ביים פֿאָלק. „מיר ווילען ברויט און טהעאַטער!" איז געווען דער שטאַנדיגער אויסגעשריי, וועלכעס דאָס פֿערדאָרבענע פֿאָלק האָט צו די נאַטשאַלסטוואָ אין ראָם גערופֿען. און דאָס זיינען געווען די ניעדעריגע אייניקליך פֿון יענע בעריהמטע זיידעס, וועלכע האָבען ניכטערנערהייד געגאַנגען אַם אַקער־אייזען און מיט דער ווילע די ערד אויפֿגעגראָבען, אין פֿערזאַמלונגען דאָס גליק פֿון זייערע שכנים און ברידער בעראַטהען, און מיט זייער קראָפֿטיגען אָרם די שונאים פֿון זייער געליעבטען פֿאַטערלאַנד אין שרעקען געבראַכט.

דריטעס קאפּיטעל.

די ראָמישע וועלט־מלוכה.

קייזער אָקטאַביאַנוס אויגוסטוס, זיינע תקופות אונ זיין רעגירונג. מלחמות מיט די גערמאַנען. הערמאַנס מלחמה. די לעצטע רעגיערונגס יאָהרען פֿון אויגוסטוס. קיסר טיבעריוס. ווייטערדיגע מלחמה געגען די גערמאַנען. קייזער נעראָ.

קייזער אָקטאַביאַנוס אויגוסטוס (30 פֿאָר קר. ביז 14 נאָך קריסטוס). דער פֿערנעהם פֿון דער ראָמישער קייזערליכער מְלוּכָה איז לאָנגער אונ ברייטער געווען ווי דער שֶׁטַח פֿון אַלעקסאַנדער דעם גרויסען מלוכה, אָדער ווי דער פֿערנעהם פֿון די פּערסישע מלוכה. די ראָמער מֶמְשָׁלָה קען בעזונדערס אָנגערופֿען ווערן וועלט=ממשלה, דען זי האָט דאַמאָלס אַרומגענומען די הויפּט=מְדִינוֹת פֿון דער גאַנצער וועלט. אין איירָאָפּאַ האָט זי זיך אויסגעברייטערט איבער די פּירענאָישע, אַפּענינישע אונ באַלקאַנישע האַלבאינזעלן, אונ אויסערדעם איבער די מיטלערע יַבָּשׁוֹת פֿון דער ערד, פֿון גאַליען ביז דעם טייך רהיין. אין דרום=זייט, האָבען צו איהר געהערט אַלע אינזעלן פֿון מיטעללאָנדישען ים. אין אַזיען האָט ראָם געהעררשט ביז קליינאַזיען, אונ אין די סירישע לאָנדער ביז צו די צווילינגסטייכען אייפֿראַטה (פְּרָת) אונ טיגרים (חִדֶּקֶל). פֿון אַפֿריקאַ האָט דער ראָמישער קייזער זיינס אָנגערופֿען דעם גאַנצען ברעג ים פֿון צפון=זייט ביז דעם פּרובֿטרייבען לאַנד עגיפּטען אונ דאָס אַמאָליגע קאַרטהאַגישע לאַנד. די פֿערשידענאַרטיגסטע פֿאָלקער האָבען בעוואָהנט דיזע וועלטטהיילע, וואָס אין זיי זיינען הונדערטער שאָנע, רייכע, בליהענדע שטאָדט געלעגען. אָבער מעהר ווי אַלע האָבען זיך אויסגעצייכענט די מִזְרָח=שטאָדט: אַלעקסאַנדריאַ אין מִצְרַיִם אונ אַנטיאָכיען אין סיריען, אונ איבער אַלע האָט געוואָלטיגט ראָם אים גלאַנץ פֿון איהרע טעמפּעל, פּאַלאַצען, מאַרק, טהעאַטער אונ אַנדערע פּראַכטפֿאָלע בִּנְיָנִים. די צאָהל

פֿון די וואָס זיינען געוועזן אונטערטהעניג צו ראָם, האָט בעטראָפֿען בְּעֶרֶךְ הונדערט אונ צוואַנציג מיליאָנען.

די תְּקִיפוֹת פֿון דעם ראָמישען קייזער. אָקטאַביאַנוס האָט זיך ניט בענוצט מיט זיין אונגעהייערען מאַכט, כְּדֵי דאָס פֿאָלק זאָל ניט אַזוי פֿיהלען דאָס זיינע פֿראַוועס זיינען אין גאַנצען פֿון איהם צוגענומען געוואָרען. ער האָט דאַריבער אַנדערע מִנְהָגִים אונ סְדָרִים געלאָזען אויפֿ׳ן אַלטען שטייגער, אָבער בֶּאֱמֶת האָט ער אין זיין פערזאָן פֿעראייניגט אַלעס וואָס געהערט צו אַ מענשליכע תקיפות אין אַלע עִנְיָנִים פֿון דער אֱמוּנָה, פֿון דער בירגערשאַפֿט (בַּעֲלֵי־בַּתִּישקייט) אונ מיליטאָר (חַיִל), איבער אַלעס איז געוועזן נור זיין דֵעָה, נור ער האָט פֿראַוו געהאַט צו רעשען, אויסער איהם — קיינער ניט. דער סענאַט אונ די פֿאָלקספֿערזאַמלונג האָבען עקזעסטירט נור צום שיין, אָבער אין אמת גאָר קיין שְׁלִיטָה ניט געהאַט. דער טיטעל „קאָניג״ איז ביים פֿאָלק זעהר ניט בעליעבט געוועזען דאַריבער האָט אָקטאַביאַנוס גענומען דעם טיטעל „אימפעראַטאָר״ (הערשער) אונ אויך אויגוסטוס ד.ה. דער „געעהרטעסטער״. ער אונ אַלע נאָך איהם האָבען זיך אויך אַ נאָמען געגעבען קייזער, וואָס שטאַמט פֿון נאָמען צעזאַר, וועלכער איז געוועזן אַזוי אַ געוואַלדיגער הערשער ווי ער. אין די צו איהם געהעריגע פּראָווינצען, איז דער קייזער געוועזן פֿערטרעטען דורך זיינע גובערנאַטאָרען אונ גענעראַל־גובערנאַטאָרען. דיעזע האָבען אָפֿט אונגעהייערע מאַסען פֿון סאָלדאַטען אונטער זיך געהאַט. דער לאַנד־חיל בערך זעקסהונדערט טויזענד מאַן איז געשטאַנען אין לאַגערן, טהיילס אין ראָם אונ אין אַנדערע גרויסע שטעדט, טהיילס אין בעשטענדיגע לאַגערן ביי די גרענצען פֿון דער מלוכה, ביים טייך רהיין, ביים טייך דאָנוי (דונאַי) אונ אין וויַיטען מזרח־לאַנד ביים טייך אייפֿראַטה (פרת). די קריעגספֿלאָטע איז געלעגען אין די פֿאָרטען פֿון מיזענ׳ם, ראַוועננאַ אונ פֿאָרום יוליי (פרעיוס) כדי זי צו בענוטצען באַלד אין אויגענבליק, וואו מען וועט נור דאַרפֿען.

די רעגירונג פֿון אָקטאַביאַנוס אויגוסטוס. נאָך אַלע מַחֲלוֹקֶת, אינטריגעס, רְדִיפוֹת אונ בלוטיגע בירגער־קריעגע, וועלכע זיינען אַזוי פֿיעל געוועזן אין די לעטצטע הונדערט יאָהר פֿון דער ראָמישער מֶמְשָׁלָה, איז די רעגירונג פֿון קייזער אויגוסטוס פֿאַר זיינע אונטערטהאַנען געוועזן ווירקליך אַ צייט פֿון פֿריעדען, רוהע אונ אָרדנונג. דאַריבער איז קיין וואונדער ניט, ווען דער בעריהמטער מְשׁוֹרֵר האָראַץ האָט בעשריעבען דעם קייזער „אַלס פֿריעדענס־פֿירשטען, אַלס דען

שוטץ אונ די פֿעסטונג פֿון זיין פֿאָלק, די זון וועלכֿע שיינט ווי אין אַ העלען טאָג נאָך דער געוועזענער פֿינסטערער נאַכֿט". דאָס זיינען נישט געווען קיין אויסגעטראַכֿטע פּאָעטישע געדאַנקען — נור די ריינע געפֿיהלע פֿון זיין רוימישען פֿאָלק. די עדעלסטע מאָנער האָט דער קייזער אַרום זיך געזאַמעלט, כּדי זיי זאָלען העלפֿען מיט זייערע כּחות אונ מוחות צו בּעגליקען דאָס פֿאָלק. די שטאָדט איז דאַמאָלס זעהר פֿערשאָנערט געוואָרען, ראָס איז אַזוי שאָן געוואָרען, דאָס אויגוסטוס האָט מיט רעכֿט געזאָגט: „זי איז אַריין אין מיין רְשׁוּת ווען זי איז געווען ערבּויעט פֿון ציעגעל שטיינען, אונ איך איבּערלאָז איהר נאָך מיר אַלס געבּויעט פֿון מאַרמאָר". אַ גרויסע הילפֿע האָט דער קייזער געהאַט פֿון דעם בּעריהמטען מ ע צ אָ נ אַ ס, וועלכֿער איז געווען פֿון אַ פֿירשט=ליכֿער עטרוסקישער פֿאַמיליע, אונ האָט זיינע אוצרות אַוועק געלייגט צו שטיט=צען די קינסטע אונ וויסענשאַפֿטען אונ צו העלפֿען אַלע, וועלכֿע בּעשעפֿטיגען זיך מיט זיי. בּעריהמטע קינסטלער אונ דיכֿטער האָבּען מיט זייערע ווערק געציערט די פּאַלאַטצען פֿון קייזער אונ פֿון דיעזעם פֿירשטען. האָ ר אַ ץ, דער זאָנגער פֿון חָכְמָה אונ פֿון די פֿרייד פֿון לעבּען; וו י ר ג י ל, דער דיכֿטער פֿון די גְבוּרוֹת פֿון אָנעאַס (פֿון די העלדען נאָך טראָיאַ); אָ וו י ד, דער שאָנער גייסטפֿאָלער ערצאָהלער, דאַן פּ ר אַ פּ ע ר ט י וּ ס אונ ט י בּ וּ ל ל וּ ס אונ נאָך אַנדערע זאָנגער, לאָזען אויגוסטוס צייט ערשיינען אין אַ אונפֿערגלייכֿליכֿען גלאַנץ. דאַמאָלס האָבּען אויך געלעבּט בּעריהמטע היסטאָריקער ווי קאָ ר נ ע ל י וּ ס נ ע פּ אָ ס אונ ט י ט וּ ס ל י וו י וּ ס, וועלכֿע זיינען נאָך היינט אין דער וועלט בּעריהמט אונ זייערע בּיכֿער ווערען נאָך היינט פֿון דער יוגענד שטודיערט. אונ אין מיטען פֿון אַ זעלכֿע ליכֿטיגע מאָנער אונ אַזוי אַ גלאָנצענדע וועלט=שטאָדט, האָט אויגוסטוס געלעבּט גאַנץ איינפֿאַך אונ מיט גרויס צְנִיעוּת פֿון אַ געמיינעם מענשען; צו עס איז געווען אַזוי זיין גוסט אָדער פֿון קלוגער בּערעכֿנונג, סאַי וְסאַי איז דאָס געווען אַ מערקווירדיגע וואונדערליכֿע ערשיינונג. אָמֶת זיין מְלוּכָה איז געווען אַזוי גרויס, דאָס ער האָט גאָר ניט געדאַרפֿט זי פֿערגראָסערן, זיין הויפּט בּעמיהען איז געניינט געווען דערצו, דאָס וואָס איז פֿאַרהאַנדען, צו בּערוהיגען אונ צו זיכֿערן. דאַריבּער האָט ער געזוכֿט מיט געוואַלד איינצונעהמען אים לעטצען מערב=זייט, אויף דעם שפּאַנישען האַלבּ=אינזעל די עַזוּת'דיגע קאַ נ ט אַ בּ ר ע ר, אונ אַם וויטען מזרח=לאַנד האָט ער אַראָפּגעשלאָגען די גרויסקייט פֿון ווילדען ריי=טערפֿאָלק די פּ אַ ר ט ה ע ר, וועלכֿע זיינען שטאָנדיג פֿיינדזעליג אַריבּערגעגאַנגען דען מזרח=גרעניץ פֿון דער רוימישער מלוכה. די בּעריהמטעסטע, חאָטשי ניט תָּמִיד גליקליכֿע, פֿון זיינע מלחמות זיינען געווען די וואָס ער האָט געפֿיהרט מיט די גערמאַנען, כּדי דעם רהיין=גרעניץ פֿאַר זיך צו זיכֿערן, אונ דעם דאָנוי גרעניץ צו געווינען.

מלחמות געגען די גערמאַנען. הערמאַנס מלחמה (9 פֿאַר קר.). זייט צעזאַר האָט איינגענומען די גאַלישע מְדִינות ביז אַן דעם רהיין זיינען די ראָמער געוואָרען שְׁכֵנִים מיט די גערמאַנען אָדער די דייטשען. גערמאַניע (דייטשלאַנד) איז דאַמאָלס געווען אויסגעברייטעט פֿון טייך רהיין ביז צו דער ווייכסעל, פֿון דעם טייך דאָנוי ביז צום צפֿון־ים און מזרח־ים. גרויסע אונגעהייערע דיקע וועלדער, האָבען ווייט און ברייט דאָס לאַנד בעדעקט. ווילד ווי דאָס לאַנד זיינען דאַמאָלס געווען די איינוואָהנער; אָהנע שטאָדט אָהנע דאָרפֿער האָבען זיי געוואָהנט אין קליינע איינע פֿון די אַנדערע דערווייטערטע הייזלאַך, און געלעבט פֿון דער יאַגד (פֿאָלעוואַניע, צַיד חַיוֹת וְעוֹפוֹת), צו וועלכער זיי האָבען שטאָנדיג גרויס חֵשֶׁק געהאַט. לעבענדיג אין דער פֿרייער נאַטור ביי איינפֿאַכע שפּייז, האָט זייער קאָרפּער אין אַזוי אַ כּח און גרויסען וואוקס אויפֿגעבליהט, דאָס אַנדערע פֿאָלקער האָבען זייער ריזען־בוי זעהר בעוואונדערט. נעבען דער יאַגד איז מלחמה געווען זייער גראָסטע זאַבאַווע. איז צו הויזע ניט געווען מיט וועמען זיך צו שלאָגען, פֿלעגען זיי זיך אַוועקלאָזען אין אַ ווייטע מדינה אין גאַנצע שאַרען, אָפֿט מיט ווייבער און קינדער, און אָנפֿאַלען אויף די ראָמישע לאָנדער.

האָבען אַזוי אַ פֿאָלק פֿאַר אַ שָׁכֵן ביים זייט, איז די ראָמער, ווי עס פֿערשטעהט זיך, זעהר ניט אַנגענעהם און ליעב געווען. דעריבער האָט אויגוסטוס בעשלאָסען דיעזע מדינה מיט איהרע איינוואָהנער פֿאַר זיך איינצונעהמען, און האָט געשיקט אַהין זיין שטיעפֿזוהן **דרוזוס** מיט זעהר אַ גרויסען חיל. פֿיער רייזען האָט דרוזוס אונטערנאָמען אין דייטשלאַנד פֿון יאָהר 12 ביז 9 פֿאַר קר. און איז אַריינגעדרונגען אין דאָס אונבעקאַנטע לאַנד באַלד פֿון אויבערשטען זייט רהיין, באַלד פֿון דער אונטערשטער זייט, און אַ מאָל אֲפִילוּ פֿון ים זייט, און געקראָכען אין די אונענדליכע וועלדער און ווייטע זומפּפֿען. צו אַ אָפֿענעם קריעג מיט די געניטע ערפֿאַהרענע ראָמער, האָבען די דייטשען קיין חֵשֶׁק ניט געהאַט; דאָס רוב פֿלעגען זיי וויכען אין זייערע וועלדער צוריק, נור פּלאָטצליך פֿלעגען זיי הערויסטרעטען און איבערפֿאַלען דעם ערמידעטען פֿיינד, און אַזוי פֿלעגען זיי באַלד צוריק נעהמען וואָס זיי האָבען אָן דעם פֿיינד פֿערלאָרען. נור איין גוטען מיטעל האָט דרוזוס געהאַט זיך צו פֿערזיכערן מיט זיינע ראָמישע מְדִינוֹת פֿאַר די גערמאַנען: אויסצובויען פֿיעלע פֿעסטע שלאָסער אויף די וויכטיגסטע פּונקטען אויף דער יַבָּשָׁה און אויפֿ'ן ים, וואָס פֿון זיי פֿלעגען די ראָמער אין גערמאַניען איינדרינגען. אויף דער פֿיערטער רייזע האָט דרוזוס דערלאַנגט אַזש צום טייך **עלבע**, אָבער נאָכדעם איז ער צוריק געקומען און באַלד געשטאָרבען דורך אַ סִבָּה, וואָס ער איז פֿון זיין רייטפֿערד אַראָפּגעפֿאַלען און צום טויט געהרג'ט געוואָרען.

טיבעריוס זיין ברודער וואָס איז נאָך איהם געווען, איז אַ געפֿאָהרליכער

שונא געווען פֿאַר די גערמאַנער אַלס ער, דרוזוס האָט געזוכט צו נעהמען מיט גְבוּרָה, ער אָבער — מיט חיטראָסט. ער האָט זיך נור געסטאַרעט צווישען די דייטשע שְׁבָטִים צוזאָען שִׂנְאָה און קִנְאָה, און זיי אַזוי פֿאַרנאַנדערשיידען פֿון איינאַנדער, זייער קראַפֿט זאָל ווערען צוברעקעלט. ער האָט זייערע פֿירשטען געגען איינאַנדער אויפֿגעהעטצעט, אַנדערע פֿון זיי האָט ער געחַנְפֶֿט און אויף זיין צַד געבראַכט, און אַנדערע האָבען זיך געלאָזען פֿערפֿיהרען, זיך צו פֿערדינגען צום דיענסט ביי דער ראָמישער מְלוּכָה. געגען עהרליכע אָפֿענע געוואַלט האָבען זיך די גערמאַנען געקענט וועהרען, אָבער געגען אַזעלכע חיטרע מיטעל, וואָס ווירקען שטיל און לאַנגזאַם, האָבען די גערמאַנען ניט געקענט בעשטעהען, און וואָלטען געווים מיט דער צייט פֿערלאָרען געגאַנגען. אויסער דער פֿעסטונג אליזאָ זיינען אין די וועסטפֿאָלישע געגענדען נאָך אַנדערע לאַגער־פּלעצער פֿאַר די ראָמער געמאַכט, און פֿון סאָלדאַטען בעזעטצט געוואָרען. אַהין פֿלעגען זיי ברייננגען זייערע סְחוֹרוֹת און פֿערהאַנדלען אַן די דייטשען, כְּדֵי זיי זאָלען זיך ביסליכווייז איינגעוואָהנען צו אַ בעסערען לעבען, צו תַּעֲנוּגִים און רְחָבוֹת, און מיט דער צייט גאַנץ אונטער זייער יאָך געבראַכט ווערען.

הערמאַנס מלחמה (9 נאָך קר.). נאָך אַזעלכע פֿאָרבערייטונגען האָט דער נייער ראָמישער גובערנאַטאָר, קווינטיליוס וואָרוס, געמיינט, דאָס עס וועט איהם שוין לייכט זיין די לייצעס איבער די דייטשען נאָך ענגער אַנצוציעהען. ער האָט געדריקט די דייטשען מיט שווערע פּאָדאַטקעס און געדרייצט דורך שטאָלצע ערניעדעריגענדע בעהאַנדלונג; זיי צום ראָמישען לעבען און גייסט גאַנץ איינ־צוגעוואָהנען, האָט ער דאָרט געהייסען ראָמישע זאַקאָנעס איינפֿיהרען, און האָט אַרויפֿגעלאָזען אויף די דייטשען אַ גאַנצע חמאַרע פֿון ראָמישע אַדוואָקאַטען און יאַבעדניקעס, אום אַלץ צו רעשען נאָך'ן ראָמישען אופֿן. אין די פֿרייע וואָלדער פֿון דייטשלאַנד האָט ער געפֿיהרט מִשְׁפָּטִים נאָך'ן ראָמישען אַלטען מִנְהָג; זיינע ליקטאָ־רען האָבען פֿאַר איהם געטראָגען האָק און ריטער צו שטראָפֿען קאָרפּערליך אֲפִילוּ מיט דעם טויט, — וואָס איז געווען פֿערעכענט אַלס גרויל אין די אויגען פֿון די דייטשען, וועלכע האָבען שטרענג געגלויבט דאָס צו משפּט'ן דאָס לעבען פֿון אַ מענשען קען נור גאָטט אַליין אָבער ניט איין מענש דעם אַנדערן. מיט ער־ביטערונג האָבען די דייטשען ביי זיך געזעהען אַזעלכע נייעסען איינפֿיהרען. מיט יעדער טאָג זיינען אַלץ מעהר צוגעקומען אונצופֿריעדענע, וואָס האָבען זעהר געוואָלט פּטור ווערען פֿון די ראָמער. מיט אַ מאָל איז אויפֿגעטרעטען איין יונגער פֿירשט פֿון דעם חערוסקער שֵׁבֶט ביים האַרץ־געבירגע, און איז געוואָרען דער רעטער פֿון זיין פֿאָלק. דאָס איז געווען הערמאַן אָדער אַרמיניוס, ווי די ראָמער האָבען איהם אָנגערופֿען, איין זוהן פֿון דער פֿירשטען זיעגמאַר. ער האָט פֿריהער געדיענט

אין ראָמישען חיל — ווי פֿיעלע אַנדערע דייטשען, אונ האָט זיך דאָרט אֲפִילוּ צום טיטעל בּירגער דערדיענט אונ זיך געזעכענט אַלס ריטער (רייטער, וועלכע זיינען דאָס רוב געוועזען עדעללייט). אָבער דאָך האָט זיך זיין זינן בְּשׁוּם אוֹפֶן ניט געניינט צו די ראָמער. זעהענדיג זייער שלעכטקייט אונ פֿערדאָרבענהייט איז ער צוריק געקו־מען אַהיים מיט נאָך אַ גראָסערע שִׂנְאָה צו די ראָמער. אין דער היים האָט ער מיט גרימצאָרן צוגעזעהען די חֶרְפָּה פֿון זיין פֿאָלק, אונ האָט זיך פֿעסט גערעשעט זיינע בּרידער צו בּעפֿרייען. נאָכדעם ווי ער האָט אַלעס גוט איבערלעגט איז ער גלייך צו דער ערפֿילונג פֿון זיין פלאַן געגאַנגען. אום וואָרוס'ן אַריינצונאַרען, האָט מען איהם אָנגעזאָגט דאָס אַ דייטשער שֵׁבֶט, וועלכער וואָהנט ווייט פֿון דאַנען האָט זיך איזבונטעוועט אונ גרייט זיך צו אַ מִלְחָמָה אויף דעם ראָמישען חיל. די פֿיהרער פֿון די דייטשען, וועלכע וואָרוס האָט זיך אויף זיי פֿערלאָזען, אונ וועלכע זיינען בֶּאֱמֶת בּעריט געוועזען הערמאַנס פלאַן צו העלפֿען, האָבען דעם וואָרוס גערעטהען צו ציעהען צו יענעם שבט, אום דעם בּונט אויגענבּליקס צו ערשטיקען. זיי אַליין האָבען זיך אויסגערופֿען מיט זייערע לייט איהם צו העלפֿען, אונ מיט דעם אויסרייד האָבען זיי בּיי איהם ערלויבּנים גענומען פֿון איהם אַוועק צו געהען. וואָרוס איז געוועזען אַזוי אין אַלעם איינגעגלויבּט דאָס ער איז גאָר רוהיג געגאַנגען. ער איז אַרוים אין וועג מיט 3 לעגיאָנען מיטהילפֿס־חיל, צוזאַמען בּיז פֿונפֿציג טויזענד מאַן, אונ איז מיט זיי אַריין אין דעם טייטאַבּורגער וואַלד (אין ליפּע־דעטמאָלדישער מְדִינָה). ערגיץ האָט ער ניט געפֿונען אַ וועג, דורכאויס געדיכטע וואָלדער. אַ שטאַרקער רעגען אונ אַ גליטציגע בּלאָטע האָבען געשטאָרט צו געהען פֿון די שווערבּעוואָפֿענטע קריעגער. פּלוצלינג איז הערמאַן אַרוים פֿון זיין פֿערבּאָרגענעם ווינקעל, פֿון וועלכען ער האָט הערוים־געקוקט די בּעוועגונגען פֿון שׂונא. אויך די איבּריגע פֿירשטען זיינען אָנגעקומען מיט זייערע פֿאָלקער. וואָרוס איז פֿון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט געוואָרען. 3 טאָג מיט 3 שרעקליכע נאָכט האָט זיך וואָרוס געוועהרט מיט זיינע הונגריגע פֿער־מאַטערטע סאָלדאַטען אַנטגעגען די שׂוֹנְאִים אונ דעם פֿערפֿלוכטען וועטער. ניטאָ קיין הילף! ניטאָ קיין מאָגליכקייט געהאָלפֿען צו ווערען פֿון דער נויטה. דאָ האָט וואָרוס זיך געוואָרפֿען פֿון זיין לְאַחַר יֵאוּשׁ'דיגע לאַגע אויף זיין שווערדט, זיין ביישפּיעל האָבען פֿיעלע קלענערע בּעפֿעהלס־האַבּער געזעהן אונ דאָסזעלבּע נאָכ־געטהון. נור וועניגע ראָמער האָבען געקענט פְּלֵיטָה מאַכען, כִּמְעַט אַלע זיינען גע־פֿאַלען אַלס קָרְבָּנוֹת פֿון כַּעַס פֿון דעם גערמאַנישען פֿאָלק.

פֿון די געפֿאַנגענע זיינען אַ סַךְ ראָמער געבּראַכט געוואָרען אַלס קרבנות צו די שוטץ־גאָטער פֿון די גאָטצענדיענערישע גערמאַנען. אַנדערע, וועלכע עס איז דאָס לעבּען געשענקט געוואָרען, האָבען געמוזט דעם ניעדריגסטען שקלאַווענדיענסט טהון, אונ מאַנכע פֿראַנטען, וועלכע האָבען אין ראָם אין גלאָנצענדע פּאַלאַטצען גע־

וואָהנט, זיינען יעצט געגאַנגען אַלס פֿאַסטוך הינטער די דייטשע סטאַדעס אָדער שווערע פֿעלד-אַרבייט טהון.

די בְּשׂוֹרָה פֿון דער מַפָּלָה האָט אין ראָם פֿערברייטעט פֿורכט און שרעק, דער קייזער האָט געטרויערט אין זיין פּאַלאַסט, און איז אומגעלויפֿען ווי מְשֻׁגָּע, זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנד און נאָך אַנאַנד איין מאָל נאָך דעם אַנדערן גערופֿען „אָ וואַרוס, וואַרוס, גיעב מיר מיינע לעגיאָנען אַוועק!" עס איז געוואָרען אַזוי אַ כַּעַס אויף די דייטשען, דאָס אַלע דייטשען האָבען געמוזט פֿון ראָם אָבטרעטען, און אָפִילוּ די וואָס האָבען געדיענט אין דעם קייזערס לייבוואַכע, האָבען אויך געמוזט אַוועק מֵעֵבֶר לַיָּם. אויגוסטוס האָט גרויסע קרבנות מְנַדֵּר געווען זיין אָבגאָט יופּיטער ווען ער וועט זיין מְלוּכָה פֿון דער צָרָה רעטען, דען אַלע האָבען מוֹרָא געהאַט טאָמער הויבען זיך יעטצט די דייטשען אויף און פֿאַלען ראָם איבער, גראַדע ווי אין די צייטען פֿון די קימבערן און די טייטאָנען. מען האָט ווי צום געשווינדעסטען געשאַפֿט אַ נייען חיל, און אונטער די פֿיהרונג פֿון טיבעריוס געשיקט נאָך דעם רהיין, וועלכער איז יעטצט ווידער געוואָרען דער גרעניץ צווישען די ראָמער און די בעפֿרייטע דייטשע לאַנדער.

די לעטצטע רעגיערונגס-יאָהרען און דער טויט פֿון אויגוסטוס. ווי גליקליך אויגוסטוס איז געווען אין די לעצטע יאָהרען פֿון זיין רעגיערונג אין אַלע מלחמות, חוץ אין דער מלחמה מיט די דייטשען, אַזוי אונגליקליך איז ער געווען אין זיין אייגענער פֿאַמיליע. דיביידע אייניקליך, די צוויי זיהן פֿון זיין טאָכטער יוליאַ, וועלכע האָט חֲתוּנָה געהאַט פֿאַר אַגריפּאַ, זיין בעסטער פֿריינד און ראַטהגעבער, זיינען יונג אָבגעשטאָרבען. יוליאַ אַליין האָט דורך איהרע אויסגעלאַסענע אויפֿפֿיהרונג דעם פֿאָטער אויף דער אֶלטער אַזוי פֿיעל קומער געמאַכט, דאָס ער אַליין האָט זי געלאָזען פֿון ראָם אַרויס טרייבען. מיט הילף פֿון ליוויאַ, די דריטע פֿרוי פֿון קייזער, איז די מלוכה יעטצט געשטאַנען גערַיִשְׁט צו ווערען פֿון איהר זוהן טיבעריוס, וועלכען אויגוסטוס האָט צו זיך אַלס זוהן צוגעשריעבען. דער קייזער אַליין איז געשטאָרבען אין 14-טען יאָהר נאָך קריסטוס אין נאָלאַ (אין קאָמפּאַניען). אויף איהם זאָגט מען דאָס קורץ פֿאַר זיין טויט, ווען עס האָט זיך ביי איהם שוין געזעגענט דער גוף מיט דער נְשָׁמָה, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו זיינע גוטע פֿריינד און געזאָגט:

„פּאַטשט בראַוואָ, מיינע פֿריינד, דען איך האָב מיין ראָליע גוט אָבגעשפּיעלט!" דאָס ווייזט דאַרויף ווי מען האָט איהם שטענדיג געהאַלטען אַלס פֿאַלשען קאָמעדיאַנטען. און בֶּאֱמֶת האָט ער דאָס פֿאָלק שטאַרק אָבגענאַרט לאָזענדיג אַלעמען גלויבען דאָס זיי האָבען נאָך עפּיס פֿרייהייט, בְּעֵת ער האָט זי פֿון זיי גאַנץ

אָבגענומען. דאָך קען מען אויך דאָס ניט לייקענען, דאָס די גאַנצע פֿיער און צוואַנציג יאָהר פֿון זיין רעגיערונג, האָט ער געפֿיהרט זיין מלוכה מיט כח מיט חָכְמָה, און האָט געבראַכט זיכערהייט און אָרדנונג אין לאַנד. ראָם איז געקומען צו אַזוי אַ מְנוּחָה וואָס זי האָט עס ניט געהאַט זייט הונדערטער יאָהרען, דערפֿאַר האָבען אַלע איהם זעהר געליבט און געדאַנקט. ער איז גערעכענט געוואָרען אונטער די גאָטער, און אפילו אין די שפּעטעסטע צייטען איז געבליבען דער מִנְהָג ביי יעדעם איינטרעטען פֿון אַ נייעם מֶלֶךְ מען זאָל איהם ווינשען: „רעגיערע אַזוי גליקליך ווי אויגוסטוס!"

אין דער צייט פֿון דער רעגיערונג פֿון די ערשטע ראָמישע קייזער, איז אַרויס־געקומען די קריסטליכע אֱמוּנָה וואָס איהר גרינדער איז געוועזן געטריי אין פֿיעל זאַכען צו דער אמונה פֿון משֶׁה רַבֵּנוּ, און אַלע אומות הָעוֹלָם האָבען זי שפּעטער אָנגענומען. פֿון דאַמאָלס הייבט זיך אָן אַ נייע צייט־רעכנונג, וואָס נאָך איהר צאָהלען אַלע וואָס געהאָרען צו דער קריסטליכער אמונה, אין אַלע איהרע פֿערשיע־דענע פֿאָרמען.

די קלוידיער (פֿון 14 ביז 68 נאָך קר.). דער קייזער אויגוסטוס האָט אַ דריטען מאָל געהייראַטעט, גענומען אַלס פֿרוי די ליוויא דרוזילאַ, די אַלְמָנָה פֿון טיבעריוס קלוידיוס נעראָ, וואָס פֿון איהר זוהן איז אַרויס געקומען אַ נייע קייזערליכע פֿאַמיליע אין ראָם, די קלוידיער. די פֿאַמיליע האָט ראָם געגע־בען פֿיער מְלָכִים: טיבעריוס (14—37 נאָך קר.), קאַיוס (37—41 נאָך קר.), קלוידיוס (41—54 נאָך קר.) און נעראָ (54—68 נאָך קר.). דער ערשטער און דער לעצטער פֿון זיי האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג, דאַריבער וועלען מיר זייער געשיכטע קורץ ער־צאָהלען.

קייזער טיבעריוס (14—37 נאָך קר.). שוין אין דער געשיכטע פֿון דעם צווייטען ראָמישען קייזער, טרעט אַרויס די ניעדערטראָכטיגקייט און די שלעכטס־קייט וואָס איז אַזוי איינגעוואָרצעלט אין די ראָמישע קייזער־געשיכטע. אין די ער־שטע יאָהרען פֿון זיין רעגיערונג, האָט טיבעריוס אויסגעוויעזען צו זיין ערפֿילט פֿון גוטען עהרליכען ווילען, זיינע פֿאָלקער צו בעגליקען; שפּעטער אָבער האָט ער פֿערלאָרען די אמונה אין די גוטסקייט פֿון דער מענשליכער נאַטור, און זיין האַרץ איז פֿול געוואָרען פֿון פֿינסטערן חָשַׁד און רְדִיפָה צו אַלע מענשען. בְּעִיקָר איז דאַרין שולדיג געוועזן, אַ ניעדריגער נאָך תַּאֲוַות־הַכָּבוֹד זיך יאָגענדער מענש, נאָמענס אַעליוס סעיאַנוס, וועלכער האָט גענאָמען טיבעריוס גאַנצעס צוטרויען, האָט דעם גאַנצען כח פֿון דער מֶמְשָׁלָה אין זיין האַנד גענומען, און האָט טיבעריוס צום דאַנק דערפֿאַר זיין זוהן מיט סם פֿערגיפֿטעט; ער האָט אויך געטראַכט נאָך מיטעל

ווי פֿון די איבעריגע יוֹרְשִׁים פָּטוּר צוּווערען, אום ער אַליין זאָל די הערשאַפֿט צו זיך נעהמען. דער קייזער, וועלכֿען עס האָט זיך גאָר ניט געחלומט, דאָס זיין ליעבלינג איז אויף אַזעלכֿע שאָנדליכֿקייטען פֿאָהיג, האָט זיך אֲפִילוּ געלאָזען פֿון איהם אָנריידען ראָס צו פֿערלאָזען, אונ אויף דער זעהר שאָנע אינזעל קאַפּרעאַ צו וואָהנען. דאָ האָט סעיאַנוס געמיינט דאָס ער וועט שוין אויספֿיהרען זיין פֿאַלשקייט; אָבער זיינע מאָרדערישע ניעדערטראָכֿטיגקייטען זיינען ענטדעקט געוואָרען, אונ דער פֿערברעכֿער איז אַרעסטירט אונ צום טויט געמשפּט געוואָרען. זיין קערפּער איז אין דריי טאָג אַרום געשלעפּט געוואָרען איבער אַלע גאַסען פֿון דער וועלטשטאָדט, אונ דאַן אין טייך טיבער אַריינגעוואָרפֿען געוואָרען.

ווייטערדיגע מלחמה געגען די גערמאַנען. אין דער געשיכֿטע פֿון טיבעריוס איז נאָך צו דערמאָנען זיין ערנייערטע מלחמה געגען די גערמאַנען. זיינער אַ פּליעמיאַניק גערמאַניקוס, וועלכֿען ער האָט צו זיך אָנגענומען אַלס זיינעם אַ זוהן, האָט אויסגעפֿיהרט דריי פֿאַחאָדען אין די יאָהרען 14—15—16 נאָך קר.. אין פֿאַחאָד פֿון זיין חַיִל אין יאָהר 15 נאָך קר. איז ער געקומען אין יענעם אונגליקקס=אָרט אין טייטאַבורגער וואַלד, וואו זעקס יאָהר פֿריהער איז וואַרוס מיט זיינע לעגיאָנען אומגעקומען. טאַציטוס, אַ בעריהמטער ראָמישער געשיכֿטע=שרייבער, ערצעהלט אין זיינע ביכֿער מיט די ווערטער: „אויפֿ'ן גלאַטען פֿעלד זיינען געלעגען די אויסגעבלייכֿטע ביינער פֿון די ראָמער, ווי זיי זיינען געלאָפֿען פֿאַר'ן שוֹנֵא אָדער אַנטגעגען איהם זיך געראַנגעלט, צו שפּרייט, אָדער אין גאַנצע הויפֿען, דאָ אונ דאָרט האָבען זיך נאָך געוואַלגערט צובראָכֿענע געוועהר, אָדער ביינער פֿון פֿערד מיט קאָפּ פֿון מענשען, צו געשלאָגען אָן דיקע סטוואָלעם פֿון בוימער. אין די נאָהנטע וואָלדער זיינען נאָך געשטאַנען יענע שרעקליכֿע מִזְבְּחוֹת, אויף וועלכֿע די באַרבאַרען (ווילדע) האָבען די בעפֿעהלס=האַבער, אָדער וויכֿטיגע אָפֿיצירען ווי די בְּהֵמוֹת געקוילעט אונ מַקְרִיב געוועזן צו זייערע גאָטצען״. נאָכֿדעם ווי גערמאַניקוס האָט די ביינער געהייסען אויפֿקלייבען אונ מְקַבֵּר זיין אונ הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת געמאַכֿט, איז באַלד נאָכֿדעם געקומען צו אַ גרויסע מלחמה, וועלכֿע די גערמאַנען האָבען אפילוּ געוואונען, אָבער איבער זייערע נאַרישקייט קיין געווינס דערפֿון געהאַט. בִּכְלָל, האָבען גליק אונ אונגליק זיך זעהר אָפֿט אין יענע מלחמות געביטען, דאָך האָט דער ראָמישער פּרינץ (גערמאַניקוס) געוויעזען אַזוי אַ מוטה אונ קראַפֿט, דאָס די גערמאַנען וואָלטען געוויס אַ שלעכֿטען סוף געהאַט פֿון איהם, ווען דער קייזער טיבעריוס מיט זיין ניט גלויבען קיינעם, וואָלט ניט, אוים קִנְאָה צו זיין גוטען שֵׁם, איהם אָב גערופֿען צו=

ריק נאָך ראָם. אַזוי זיינען די גערמאַנען אויך דאַמאָלס פֿריי געבליעבען. נאָכדעם ווי טיבעריוס איז געשטאָרבען, איז אין דער רעגיערונג אַרויף געגאַנגען אויפֿ׳ן קייזערס שטוהל, צוערשט קאַיוס קאַליגולאַ, אַ נאַרישער געלד־פֿאַבריינגער און בלוט־פֿערגיעסער, נאָכהער קלוידיוס, ביי וועלכען דער קייזערליכער הויף איז געוואָרען איין אָרט פֿון הולטאַיסטוואָ איבער די ניעדריגקייט פֿון די פֿרויען און זייערע מאַננער, וועלכע האָבען זייערע נידעריגע עִנְיָנִים דאָרט געפֿיהרט, און אֲפִילוּ פֿון בלוטפֿערגיע־סען און רְצִיחוֹת זיך ניט אָבגעהאַלטען.

קייזער נעראָ (54—68 נאָך קר.). זעלטען האָט געטראָפֿען אַזוי אַ פּאָדלער, ניעדריגער הערשער צו זיין ווי קייזער נעראָ. איבערגעגעבען צו די גראָבסטע אויסגעלאַססענהייטען, איז איהם פֿון אַנדערער זייטע קיין זאַך ניט הייליג געווען. זיין שוועסטער־קינד בריטאַניקוס, האָט ער געהייסען פֿערגיפֿטען און זיין פֿרוי צום טויט פֿערמשפּט׳ן. אפילו זיין אייגענע מוטטער, אַגריפּינאַ, האָט ער געלאָזען דורך סאָלדאַטען צום טויט הרג׳נען. דאַביי האָט ער ערניעדריגט דעם כּבוד פֿון אַ קייזער דערמיט, וואָס ער פֿלעגט פּובליטשניע אויפֿטרעטען דאָ אַלס זינגער און דאָ אַלס אַקטאָר, און פֿלעגט די גראָבסטע טשינאָווניקעס צווינגען, אין זיינע נאַרישקייטען אַ טהייל צונעהמען. אַ מאָל איז ער דורכגעפֿאָהרען גריעכענלאַנד, און אויפֿגעטרע־טען אין זייערע נאַציאָנאַלע שפּיעלע אַלס מיטשפּיעלער צובעקומען דעם לוין, און בֶּאֱמֶת האָבען די גריעכען אויס פַּחַד וּמוֹרָא פֿאַר איהם צוערקענט, דאָס איהם געהאָרט דער גראָבסטער לוין.

פֿון אַלע זיינע רְצִיחוֹת איז די שאָנדליכסטע רְצִיחָה געגען די אונשולדיגע קריסטען געווען, וועלכע ער האָט טאָדטליך פֿיינד געהאַט און אַזוי טאָדטליך רודף געווען. אָבער ענדליך איז פֿול געוואָרען דאָס מאָס פֿון זיינע שלעכטיגקייטען, און אַלס עס האָט זיך אויסגעבראָכען אַ בּונט צווישען זיינע סאָלדאַטען, איז דער קייזער אַליין אַנטלאָפֿען פֿון ראָם, און דער סענאַט האָט איהם גלייך אָביאַוועט אַלס שונא פֿון דער מֶמְשָׁלָה און איהם צום טויט פֿערמִשְׁפַּט. מען האָט אַרויסגעשיקט בעוואַפֿנעטע חיל מען זאָל איהם חאַפּען און זיין פְּסַק אָפּטהון, ער אָבער האָט אויף דעם ניט געוואַרט, און האָט מיט זיך אַליין איין ענדע געמאַכט.

נאָך נעראָ זיינען צוערשט געווען גאַלבאַ, אָטהאָ און וויטעליוס (68 ביז 69), וועלכע זיינען אַריבער ווי שאָטען און באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון דער וועלט, קיינער פֿון זיי איז ניט געשטאָרבען מיט דער נאַטור ווי אַ מענש דאַרף שטאַרבען. די קייזערליכע גוואַרדיע, וואָס האָבען געהייסען „פּראַטאָריאַנער", פֿלעגען פֿאַר געלד אויפֿנעהמען ראָמישע קייזערס, און פֿאַר געלד אויך זיי דעם טויט מאַכען אום אַנדערע

אויפצונעהמען; זיי פלעגען אליין אנטהון די קרוין דעם, וואס האט טהייערער פאר זי בעצאהלט.

די פלאוויער (69—96 נאך קר.). פון אזעלכע ערשיטערונגען (ראזסטראיסטוואָ) איז ערשט געקומען די רוה פאר די ראמער, אונטער דער רעגיערונג פון די פלא־וויער. אונטער דער רעגיערונג פון די דריי הערשער פון זייער פאמיליע, האבען זיך די ערשטע צוויי אנשטאנדיג אויפגעפיהרט אונ דער דריטער — שלעכט, דאס איז אנטגעגען דער גאנצער וועלט, אבער פאר אונז יודען זיינען די ביידע ערשטע אויך געווען די ערגסטע; די בלוטיגע אונ שוידערהאפטע סצענעס וועלכע האבען זיך אבגעשפיעלט אין זייער צייט, זיינען פערצייכענט אין דער יודישער געשיכטע מיט טינט פון אונזער פערגאסענעם בלוט. בשעת קייזער וועספאסיאנוס (אספסינוס) האט גע־הערשט איז אויף דער וועלט אפילו רוהיג געווען, נור צוויי מלחמות האבען אין זיין צייט עקסעסטירט. דעם בונט פון די באטאוער, אין היינטיגע בעלגיען, וועלכע אין פעראייניגונג מיט די שכנישע גערמאנישע שבטים האבען געקענט ווערען פאר ראם געפאהרליך, נור צום גליק איז ער באלד איינגעשטילט געוואָרען. דער צווייטער קריעג איז געוועזען ווייט אין מזרח, אין ארץ־ישראל, מיט די יודען, וועלכע האבען אין די צייטען פון זייערע מכבעישע פירשטען, מיט די ראמער כורת ברית געווען, אונ זייערע פירשטען האבען עס איניגע מאל בעפעסטיגט, נור די פאלשע ראמער האבען זיי אין גאנצען געוואלט דערשטיקען. די געשיכטע פון דעם יודישען חורבן וועלען מיר דא ווייטער אין די פאלגענדע קאפיטעלן ערצאהלען.

די יודישע געשיכטע.

(פאָרטזעצונג).

פיערטעס קאַפּיטעל.

די מלכים פון די חשמונאים.

אַלעקסאַנדער יאַנאַי. שלומית־אַלעקסאַנדראַ. הירקאַנוס דער צווייטער. אַריסטאָבולוס דער צווייטער. בירגער־קריעג אין ירושלים. דאָס אַריימישען זיך פון די ראָמער. פּאָמפּעאוס אין ירושלים.

יְהוּדָה אַרִיסטאָבוּלוּס (106—105 פאָר קר.). פון דעם נאָמען „אַריסטאָבולוס“ זעהען מיר דאָס האָבען פאַר זיך אַ צאַדוקעער, אַ העלעניסט. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטאָרט צו ווערען כֹּהֵן גָדוֹל אַלס יוֹרֵשׁ פון זיין פאָטער יוֹחָנָן הוֹרְקָנוּס. באַלד ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָט ער זיין מוטער בעזייטיגט, און אַליין דעם קאָניגליכען טיטעל אָנגענומען. זיין ברודער אַנטיגאָנוס האָט ער אָנגענומען אַלס שוּתָּף אין דער רעגיערונג, אָבער די איבריגע 3 ברידער האָט ער צוזאַמען מיט זיין מוטער איינגעשלאָסען אין אַ געפאָנגניס. עס איז אַ סְבָרָא דאָס די מוטער האָט ער געלאָזט שטאַרבען פון הונגער. נאָך אַזוי אַ מאָרדערישע אַכְזָרִיוּת אין אָנפאַנג פון זיין מְלוּכָה, האָט ער בעשלאָסען זי צו פערברייטערן אויף צְפוֹנִית־מִזְרָחִית זייט פון זיין מלוכה, פעראייניגענד צו איהר דאָס לאַנד אִיטוּרֶעאַ (יְטוּר, בראשית כ״ה, ט״ו; ד״ה י״א ה׳, י״ט) און דאַרין האָט ער מַצְלִיחַ געוועזן. נור ער האָט ניט אויסגעפיעט די מִלְחָמָה צו ענדיגען, ער איז קראַנק געוואָרען פון אַ שווערע ערקאָלטונג און האָט געמוזט אַוועק פאָהרען נאָך יְרוּשָׁלַיִם. די מלחמה ווייטער האָט זיך געפיהרט דורך זיין געליעבטען ברודער אַנטיגאָנוס, וועלכער האָט ערהאַלטען אַ פאָלקאָמענעם נִצָּחוֹן, און האָט די איטורעער געצוואונגען אָנצונעהמען די יודישע אֱמוּנָה,

ד. ה. זיי זאָלען זיך מְגַיֵר זיין. דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט פון דאָרט אין ירושלים מיט גרויס פּאַראַד, אונ אַזוי ווי דאָס איז גראַדע אויסגעפאַלען אַם יום-טוב סוכות, איז ער גלייך אַריין אין זיינע פּאַראַדנע קליידער אין בית-הַמִקְדָש צום געבעט. דערווייל האָט די מַלְכָּה סאַלאָמעאַ אָדער אַלעקסאַנדראַ, וועלכע איז איהם געוועזען אַ גרויסע פיינדין, אויספּעיעט מאַכען פאַר איהר קראַנקען מאַן דעם קאָניג אַריסטאָבול אַ רְכִילוּת אויף איהר שוואָגער, אונ ערוועקען אין איהר מאַן אַ חֲשַד דאָס אַנטיגאָנוס טראַכט נאָך דער מלוכה. דער קאָניג האָט געשיקט רופען צו זיך דעם ברודער, אונ אָנגעזאָגט ער זאָל צו איהם קומען אָהן געוועהר, אונ אין דער שטיל האָט ער אָנגעזאָגט זיינע שוֹמְרִים די סאָלדאַטען, דאָס אויב זיי וועלען זיין ברודער דערזעהען אין וואַפען זאָלען זיי איהם הרגנען. די קאָניגין אָבער האָט צו אַנטיגאָנוס אין דער שטיל געלאָזען זאָגען, דאָס דער קאָניג פערלאַנגט איהם צו זעהען אין דער גאַנצער קריגעס-פאָרם אונ פאָלנע געוועהר. אַנטיגאָנוס האָט געאיילט צו געהען צו זיין ברודער פון בית-המקדש דורך אַ דונקעלן הינטערגאַנג פאַרביי אַ טהורם צום פּאַלאַץ, אונ דאָרט זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען די סאָלדאַטען אונ האָבען איהם ערשטאָכען אויף טויט. דער קאָניג, וועלכער האָט זיך געפיהלט פיר שולדיג געגען זיין עהרליכען ברודער, איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם פערבאָרגענעם פינסטערן הינטערגאַנג, אונ אַרויפטרעטענדיג אויף דעם גוף פון דעם געהרגטען, איז ער געפאַלען אין זיין בלוט, אונ דאָס האָט איהם אַזוי ערשיטערט, דאָס עס האָט איהם זיך דורכגעריסען בלוט פון זיין האַלז אונ איז אויפ'ן אָרט געשטאָרבען אין ערשטען יאָהר פון זיין מלוכה.

אַלעקסאַנדער יאַנאַי (105—79). נאָך אַריסטאָבולוס טויט האָט זיין אַלְמָנָה סאַלאָמעאַ בעפרייעט איהר מאַנס ברידער פון געפאַנגנים, אונ דעם אָלטערן פון זיי, אַלעקסאַנדער יאַנאַי, אויסגערופען צום קאָניג. דער איז געוועזען אַ שטרענגער, האַרטהערציגער אונ קריעגערישער כאַראַקטער. ווערענדיג קאָניג האָט ער בעשלאָסען צו פערברייטערן זיין רעגיערונג; אָבער זיינע מִלְחָמוֹת האָבען נור געקאָסט פיעל קָרְבָּנוֹת אָהן אַ שום נוטצען פאַר די מֶמְשָׁלָה. פון זיין גוישען נאָמען קען מען דערקענען דאָס ער האָט געהערט צו די צְדוּקִים, אונ דאַרום האָבען דאָס רוב יודען ד. ה. די פְּרוּשִים איהם פיינד געהאַט. אין דער צייט פון זיינע מלחמות, אַז ער איז געוועזען ווייט פון דער הויפטשטאָדט, האָבען די פרושים צייט געהאַט דאָס גאַנצע פאָלק אויפצוהעטצען אַנטגעגען איהם, אונ איינצופליסען אין זייערע הערצער אַ טיעפע שִׂנְאָה צו איהם. די שנאה האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַלס ער איז אין יְרוּשָׁלַיִם צוריק געקומען אַם יום-טוב סוכות. זייענדיג אין בֵּית-הַמִקְדָש צום גאָטעס-דיענסט אַלס כֹּהֵן גָדוֹל, האָט מען איהם צוגעטראָגען אַ זילבערנעם קרוג

וואַסער צו גיעסען אויפ'ן מִזְבֵּחַ, ווי דער מִנְהָג פון די פְּרוּשִׁים איז. ער אָבער האָט בְּכִּיוָן געוויעזען דאָס ער איז אַ צְדוּקִי, אונ אַנשטאָט דאָס וואַסער צו גיעסען אויפ'ן מזבח ווי דער דין איז, האָט ער עס אויסגעגאָסען צו זיינע פיס, וויזענדיג דאָס ער וויל ניט אַנערקענען דעם דין פון די פרושים. דער גאַנצער עולָם איז זעהר בייז געוואָרען אויף איהם דאַפאַר, אונ האַלטענדיג צום דאַוונען די אַרְבָּעָה מִינִים, ווי דער שטייגער איז, האָבען אַלע אויף איהם געוואָרפען מיט זייערע אֶתְרוֹגִים שרייענדיג: אַרויס פון דאַנען פְּסוּל'ער כהן, דער זוהן פון אַ שקלאַווין, אַ חֲלָלָה! (ויקרא, אמור כ"א, ז'). פאַר דער בעליידיגונג האָט דער מֶלֶךְ אַרויסגעלאָזען זיין חיל אויף דעם הָמוֹן, אונ 6,000 מענשען האָבען דערפאַר בעצאָהלט מיט זייער לעבען. ער האָט געהייסען רוֹדֵף'ען זיינע שוֹנְאִים אונ האָט איינגענומען די שטאָדט בעטהאַמע (עֵיטָם), אונ האָט 800 מאַן פון זיי געהייסען טאָדטען אויפ'ן קרייץ אונ זייערע ווייבער אונ קינדער ערשלאָגען פאַר זייערע אויגען. פיעלע פון זיינע מִתְנַגְּדִים זיינען אַנטלאָפען אונ זייער לאַנד פערלאָזען. דריי יאָהר פאַר זיין טויט האָט אַלעקסאַנדער יאַנאַי אָנגעפאַנגען שטאַרק צו ליידען פון אַ קראַנקהייט, וועלכע איז איהם געקומען פון זיין שלעכטער אויפפיהרונג אין שִׁכְּרוּת אונ אויסגעלאַסענהייט. אַלס ער האָט דערפיהלט דאָס דער טויט איז שוין נאָהנט, האָט ער זיין פרוי גערופען צו זיך, ער האָט זי לאַנג געטרייסט אונ געראַטהען אַ גוטע עֵצָה, דאָס אויב זי וויל ראַטעווען די קינדער אונ די מְלוּכָה, זאָל זי באַלד נאָך זיין טויט צו זיך רופען די וויכטיגסטע פרושים אונ זיי געבען אַ הייליגען צוזאָג, דאָס אין אַלע עִנְיָנִים פון דער ממשלה וועט זי זיך ניט אונטערשטעהען עפּיס צו טהון אָהן זייער וויסען אונ ווילען.

אַלעקסאַנדער יאַנאַי האָט געלעבט נור 49 יאָהר אונ רעגיערט 27 יאָהר. די צייט פון זיין ממשלה איז געווען פול מיט בונטען אונ מְרִידוֹת, אונ פערפלעקט מיט פיעל פערגאָסענע בלוט אונ אַכְזָרִיוּת געגען זיין אייגענעם פאָלק. פון די בעריהמטע מאָנער פון זיין צייט איז געווען זיינער אַ שוואָגער, אַ ברודער פון דער מַלְכָּה, שִׁמְעוֹן בֶּן שֶׁטַח, דער נָשִׂיא (פירשט, אֶלטעסטער) פון די סַנְהֶדְרִין אין זיין צייט. ר' שמעון איז געווען, אַלס איינער פון די גראָסטע פרושים, דער גראָסטער מתנגד פון זיין שוואָגער דעם קאָניג. ביי איהם איז אַזוי וויכטיג געווען צו היטען פינקטליך די דינים פון דער תוֹרָה, דאָס ער האָט איינמאָל פערמִשְׁפָּט זיין אייגענעם זוהן צום טויט, אום ניט אָבצוטרעטען אויף איין האָאָר פון דין. איין מאָל האָט ער צום טויט פער־משפט 80 פרויען אין דער שטאָדט אַשְׁקְלוֹן, פאַר וואָס זיי האָבען זיך אויסגעגעבען פאַר מְכַשְּׁפוֹת אונ געווען קינסטליכע גיפט־מישערינען. דאַרויף האָבען זיך געפונען קְרוֹבִים פון די צום טויט געמשפטע, וואָס אום צונעהמען אַ נְקָמָה פון שמעון בן שטח האָבען זיי עֵדוּת געזאָגט אויף זיין זוהן, דאָס ער האָט בעגאַנגען אַזוי אַ זינד,

וואָס דאַפיר קומט איהם אַ עונש מיתה דורך בית־דין, אונ נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפגעזאָגט זייערע עדות, איז ער דורך סנהדרין פערמשפט געוואָרען צום טויט; זיינע טענות האָבען אַזוי וויט געריהרט די עדות, דאָס זיי האָבען חוזר געוועזען אויף זייערע עדות אונ געזאָגט דאָס ער איז אונשולדיג; אָבער ר׳ שמעון בן שטח אום צו מקיים זיין דעם דין דאָס ווען בית־דין האָט אָנגענומען איין מאָל די עדות קאָנען זי זייער פסק ניט אומאָנדערן צו גוטען, האָט ער זייער לעצטע עדות ניט אָנגענומען אונ האָט זיין אייגענעם זוהן פאַרמשפט אונ געלאָזען ממית זיין ווי דער דין איז.

שלומית — אַלעקסאַנדראַ (70—79). נאָך אַלעקסאַנדער ינאי׳ם טויט האָט איבערגענומען די מלוכה זיין ווייב שלומית (סאַלאָמעאַ) אַלעקסאַנדראַ. 9 יאָהר האָט זי רעגיערט מיט פאָרזיכטיגקייט אונ שכל. פון איהר מאַן האָט זי געהאַט 2 זיהן, דער אָלטערער האָט געהייסען הורקאַנוס, וועלכער איז געוועזען פון שוואַכען כאַראַקטער אונ אַ פוילער; איהם האָט זי בעשטימט צו זיין אַ כהן גדול, איהר צווייטער זוהן אַריסטאָבולוס האָט געהאַט אַ פעסטען כאַראַקטער אונ שטאַרקען ווילען מיט אַ גרויסען תאות הכבוד אונ אויסגעלאַסענהייט; צו אַלעם איז ער געוועזען גאַנץ ערגעבען צו די צדוקים, אונ וויל די פרושים האָבען איהם ניט געוואָלט ליידען, דרום האָט זי איהם גאַנץ בעזייטיגט פון דער רעגיערונג, אונ ער האָט געמוזט פיהרען אַ פריוואַטנעם לעבען.

שלומית איז געוועזען אין אַלעם זעהר געהאָרזאַם צו די פרושים, געפאָלגט אַלע זייערע עצות, אונ דאָס האָט זיי זעהר תקיף געמאַכט אין אַלע עסקים פון דער ממשלה. זיי האָבען בעפעסטיגט אַלע זייערע תקנות אונ איינאָרדנונגען, האָבען אַלע פערטריבענע, פאַריאָגטע אונ אַרעסטירטע פון זייער צד צוריק געזעטצט אויף זייערע אָרטער, אונ דאַגעגען האָבען זיי אָנגעפאַנגען שטאַרק צו דריקען אונ פערפאָלגען זייערע מתנגדים די צדוקים, וואָס אָן זייער שפיטצע איז געשטאַנען אַריסטאָבולוס, דער יונגערער זוהן פון דער קאָניגין. מיט זיין הילף האָבען זיך די צדוקים בעפעסטיגט אין פילע ציטאַדעלעס אונ פעסטונגען; חיל אונ געלד איז צו זיי געקומען פון אַלע זייטען. די קאָניגין האָט בעמערקט דאָס איהר אַריסטאָבולוס נעהמט אַריין די לייצעס פון דער ממשלה אין זיינע האַנד, אונ אַליין ווערט זי פון טאָג צו טאָג מעהר קראַנק, האָט זי קיין אַנדער עצה ניט געפונען איהם איינצוהאַלטען, אַלס נור זיין פרוי אונ קינדער אין געפאַנגנים צו ווערפען. די מהומות זיינען אָבער אַלץ גראָסער געוואָרען, אונ דערווייל איז די קאָניגין אָפגעשטאָרבען.

הורקאָנוס דער צווייטער און אַריסטאָבולוס דער צווייטער. אַנטיפּאַטאָר. נאָך דער קעניגינס טויט האָבען די איינוואָהנער פֿון יְרוּשָׁלַיִם אויסגערופֿען דעם עלטערן זוהן הורקאָנוס אַלס מֶלֶךְ; נור אין אַ מִלְחָמָה, וועלכע איז צווישען ביידע ברידער געוואָרען נאָהנט פֿון יְרִיחוֹ, האָט דער שוואַכער הורקאָנוס געהאַט אַ גרויסע מַפָּלָה פֿאַר זיין ברודער דעם מוטהיגען אַריסטאָבולוס. דער גאַנצער חיל איז איבערגעגאַנגען צום העלדען, וואָס האָט איבער איהם גוֹבֵר געווען. הורקאָנוס איז דאַהער געווען געצוואונגען זיך אין גאַנצען אָפּצוזאָגען פֿון דער מלוכה, און אֲפִילוּ פֿון דער כְּהוּנָה גְדוֹלָה, צום נוצען פֿון זיין ברודער דעם מְנַצֵחַ. עס איז דאַן געוואָרען אַ שָׁלוֹם צווישען די ברידער, וועלכער איז בעקרעֶפֿטיגט געוואָרען דורך אַ הייליגע שְׁבוּעָה. אָבער דער שלום האָט ניט לאַנג געהאַלטען. עס האָט זיך געפֿונען איינער פֿון לאַנד אידומעאַ (אֱדוֹם), נאַמענס אַנטיפּאַטאָר, וואָס זיינער אַ פֿאָטער האָט זיך מְגַיֵר געווען און אָנגענומען יודישקייט, וועלכער האָט מיט חיטראָסט זיך אַריינגעדרעהעט צו הורקאָנוס, און איהם אויפֿגעהעטצעט ער זאָל די מלוכה פֿון זיין ברודער צוריקנעהמען. ער האָט צום סוף דערצו געבראַכט, דאָס הורקאָנוס איז אַנטלאָפֿען פֿון ירושלים צו אַרעטוס דעם קעֶניג פֿון אַראַביען (עֲרַב). דורך מַתָּנוֹת און גרויסע פֿערשפּרעכונגען, איז הורקאָנוס ניט שווער געווען דעם מלך פֿאַר זיך צו געווינען ער זאָל פֿון זיין טוֹבָה וועגען אַלץ טהון. אַרעטוס איז געגאַנגען אויף מלחמה און האָט אַריסטאָבולוס'ס חיל גאַנץ צערשלאָגען, און איהם אַריינגעזעצט אין דער ציטאַדעלע פֿון בית־המקדש אַלס געפֿאַנגענעם. די איינוואָהנער פֿון ירושלים האָבען ניט געליטען דאָס גוים זאָלען זיך מישען אין זייערע עֲסָקִים, און האָבען דאַהער אַנטגעגען זיי זיך שטאַרק געוועהרט, הֲגַם פֿיעלע זיינען אַריסטאָבולוס געגנער געווען.

זעהענדיג אַז דער בירגער־קריעג ציהט זיך גאָר אָהן אַ סוף, האָבען ביידע זיך ענטשלאָסען זיך צו ווענדען צו די ראָמישע הערשער, וועלכע זיינען מיט די יודען פֿערבונדען געווען דורך טראַקטאַטען פֿון די ציִיטען פֿון די ערשטע מַכַּבִּים ווי יְהוּדָה, יוֹנָתָן, שִׁמְעוֹן און אַנדערע; זיי האָבען זיך געווענדעט אָן סקאַרוס, דעם בעפֿעלסהאַבער פֿון ראָמישען חיל אין אַזיען, וועלכער איז דאַמאָלס געזעסען אין דַמֶשֶׂק, ער זאָל צווישען זיי מאַכען אַ פְּשָׁרָה, און פֿאַר זיין טִרְחָה האָבען ביידע איהם געשיקט גרויסע רייכע מַתָּנוֹת. אין אַנפֿאַנג האָט זיך דער בעפֿעהלסהאַבער געניִיגט אויף אַריסטאָבולוס צַד, און האָט דעם אַראַבישען קעֶניג אַרעטוס בעפֿאָהלען ער זאָל אָפּטרעטען פֿון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. אַרעטוס האָט ניט געוואַגט זיך צו שטעלען געגען ראָם, און האָט אַראָפּגענומען די בעלאַגערונג פֿון יְרוּשָׁלַיִם. באַלד נאָך דעם איז דער געוואַלדיגער קאָנסול פּאָמפּעאוס, וואָס זיין שֵׁם איז דאַמאָלס פֿול געווען די וועלט, אַליין געקומען נאָך דמשק. אַריסטאָבולוס'ן איז געלונגען צו גע=

ווינען זיין הערץ פֿאַר זיינע נוטצען, ער האָט איהם געשיקט זעהר אַ טהייערע מתנה, אַ גאָלדענעם וויינשטאָק, מיט גאָלדענע טרויבען; פֿון דעסטוועגען האָט פּאָמפּעאוס בְּעִיקָר צו געשוויגען, און קיין ענטשיידונג (רעשעניע) ניט אַרויסגעגעבען, ער האָט אָפּגעלייגט צו ענטשיידען וועגען זייער מַחֲלוֹקֶת ווען ער וועט קומען צוריק פֿון זיין מִלְחָמָה מיט אַראַביען. אָבער דער היטצ-קאָפּיגער אַריסטאָבולוס איז ניט צופֿריעדען געוועזען מיט זיין אָבלעגען אויף שפּעטער, און ניט האָבענדיג מעהר קיין געדולד צו וואַרטען, האָט ער בעשלאָסען צו בעשיטצען זיין רעכט אויף זיין מְלוּכָה מיט די וואָפֿען אין דער האַנד. אַלס פּאָמפּעאוס האָט זיך דערוואוסט דערפֿון, האָט ער שוין צוגעאַיילט צו קומען אין ירושלים. די יודען פֿון הורקאָנוס צד, גלויבענדיג דאָס יעטצט וועט פּאָמפּעוס שוין געווים האַלטען-מיט זיי, האָבען פֿאַר איהם די טויערן פֿון דער שטאָדט גוטוויליג געאָפֿענט, פּאָמפּעיוס איז מיט זיין חיל אַריין אין שטאָדט; אָבער די יודען פֿון אַריסטאָבולוס צַד האָבען זיך פֿאַרשפּאַרט אין די בעפֿעסטיגטע אָרטער פֿון בֵּית-הַמִקְדָשׁ, נור צוערשט האָבען זיי חָרוּב געמאַכט די בריקע וואָס פֿיהרט פֿון דער שטאָדט צום בית-המקדש. דאָ האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ שטאַרקע בעלאַגערונג, און נאָך גאַנצע 3 חֳדָשִׁים (63=3697 לב"ע), אין טאָג פֿון יום כִּפּוּר איז דער בית-המקדש איינגענומען געוואָרען. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע בלוטפֿערגיעסונג, מענשען זיינען געשניטען געוואָרען ווי בְּהֵמוֹת, כֹּהֲנִים האָבען זיך טהיילס געוואָרפֿען אין פֿייער אַריין, טהיילס פֿון די וואַנד אַראָפּ און דאָרט דעם טויט געפֿונדען. 120,000 יודישע קריעגער מיט זייערע פֿאַמיליען, האָבען אין דער שרעקליכער שְׁחִיטָה דאָס לעבען פֿערלאָרען. בְּעֵת דאָס בלוט האָט זיך געגאָסען טייכען וויז, זיינען די כהנים גאָר רוהיג געשטאַנען אויף זייערע ערטער און געטהון די עֲבוֹדָה אונגעשטאָרט; דאָס האָט פּאָמפּעאוס געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, און האָט זיך ניט גענוג געקענט פֿערוואונדערן. ער איז מיט זיין סוויטע אַריין אַזש אין קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, און ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דאָרט זיינען געלעגען פֿיעל טייערע אוצרות, האָט ער זיי ניט אָנגעריהרט. פּאָמפּעאוס האָט אֲפִילוּ אַליין געהייסען אויפֿרוימען דעם הייליגען אָרט פֿון די פְּגָרִים מֵתִים. די יודען פֿון אַריסטאָבולוס צד, וועלכע האָבען צו דער מלחמה געבראַכט זיינען דאַפֿיר בעשטראָפֿט געוואָרען מיט'ן טויט. די וועגד פֿון דער שטאָדט ירושלים זיינען בעשעדיגט און צובראָכען געוואָרען, דאָס לאַנד יהודה איז געבליבען אין די גראָנצען, וועלכע זי האָט געהאַט אין די ערשטע צייטען פֿון די מַכַּבִּעער. אַלע שטאָדט פֿון אונטערשטען סיריען, וועלכע זיינען פֿון די יודען אין שפּעטערע צייטען איינגענומען געוואָרען, זיינען איבערגעגאַנגען צו ראָם אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם סירישען פּראָקאָנזול.

הורקאָנוס האָט צום טיטעל כהן גדול בעקומען דעם נאָמען פֿיהרער פֿיר יודישען פֿאָלק, אָבער שוין אָהנע דעם טיטעל קאָניג. אַריסטאָבולוס צוזאַמען מיט זיינע 2 זיהן,

אַלעקסאַנדער אונ אַנטיגאָנוס אונ מיט זיינע ביידע טאָכטער, זיינען דורך פּאָמפּעאוס אָבגעפיהרט געוואָרען נאָך ראָם, כּדי צו ווערען געפיהרט אין זיין טריאומפצוג. כּדי צו הערשען איבער די יודען איז הורקאָנוס׳ן צוגעגעבען געוואָרען זיין כּלומר׳שט גוטער פריינד, אַנטיפּאַטאַר; אָבער די רוהע האָט זיך אים לאַנד ניט לאַנג געהאַלטען. אַריסטאָבולוס אָלטעסטער זוהן אַלעקסאַנדער, האָט זיך פון דער געפאַנגענשאַפט בעפרייעט, אונ אין זיין פאַטערלאַנד צוריקגעקעהרט. אין אַ קורצע צייט האָט ער אוספּעיעט אויפצוקלייבען אַ גרויסען חיל, אונ האָט זיך שוין צוגעגרייט געהען אויף ירושלים ווידער אַראָפּוואַרפען דעם הורקאָנוס. נור אַנטיפּאַטאַר האָט מיט דער הילף פון דעם סירישען קאָנזול גאַבּיניוס אוספּעיעט דעם בונט צו פערשטיקען. דער איינענער גאַבּיניוס האָט איינגעשטילט אַ צווייטען בונט, וועלכער איז געסטראָיעט געוואָרען דורך אַריסטאָבולוס אונ זיין יונגערן זוהן אַנטיגאָנוס, נאָכדעם ווי ז״י זיינען פון ראָם אַנטלאָפען. אָבער באַלד איז אַריסטאָבולוס אונ זיין צווייטער זוהן שווער פערוואונדעט געוואָרען, אונ ענדליך ווידער אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט אונ ווידער נאָך ראָם אָבגעשיקט געוואָרען. אין דער צייט אַלס גאַבּיניוס איז געגאַנגען אין מִלְחָמָה אויף מִצְרַיִם, האָט אַלעקסאַנדער ווידער געמאַכט אַ בונט, נור ער איז אויך איינגעשטילט געוואָרען דורך דעם זעלבען גאַבּיניוס. אַנטיפּאַטאַר האָט דאַבּיי געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט די ראָמער טריי צו דיענען. גאַבּיניוס זעהענדיג דאָס ירושלים האָט די גאַנצע הַשְׁפָּעָה אויף דאָס לאַנד, האָט ער געזוכט איהר איינפלוס צו פערקלייכערן, מיט דעם וואָס ער האָט מְבַטֵל געווען פון איהר די סַנְהֶדְרִין; אונ אויסערדעם האָט ער צוטהיילט דאָס גאַנצע לאַנד אויף פינף קרייזען (אָקרוגען), אין יעדעם אָרט בעשטימט אַ בעזונדער קליינעם סנהדרין, וועלכער האָט געהאַט די מֶמְשָׁלָה אויף דעם לאַנד נור אין זיין אָרט אַליין.

קראַסוס, דער נאָכפאָלגער פון גאַבּיניוס, וועלכער האָט געהאַט צו הערשען איבער סיריען אונ אויך אויף אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האָט נאָך מעהר תַּאֲוָה געהאַט צו ראַבּירען געלד אונ פרעמדעס פערמאָגען ווי גאַבּיניוס, וועלכער איז געוועזען פאַר איהם. צו זיין צייט האָט אֶלִיעֶזֶר דער שאַטצמייסטער (קאַזנאַטשיי) פון בית־המקדש זיך דערוואוסט דאָס קראַסוס האָט אין זינען, האָרענדיג וואָס אַנטיפּאַטאַר האָט איהם אָנגערעדט, צו בעזוכען ירושלים; ער האָט מורא בעקומען טאָמער וואַרפט ער איין אויג אויף די אוצרות פון בית־המקדש, דרום האָט ער אַ שטיק אויפגעשמאָל־צענע גאָלד, פון אַ אונגעהייערע גרויסע סומע אין געוויכט פון 300 מינן, $2^1/_2$ פונט גאָלד בְּעֶרֶך 99 טויזענד רובעל, פערגראָבען אונטער דער שוועלע פון קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. נאָכהער אַלס קראַסוס איז ווירקליך געקומען אין ירושלים אונ אַריין אין

בית־המקדש אום צו רויבען זיינע אוצרות, ניט קוקענדיג אויף די טהרערען פון די כהנים און לויים, וואס האבען איהם געבעטען ניט צו בערויבען דעם יודישען הייליגטהום, האט אליעזר איהם פארגעלעגט צו נעהמען דאס געשמאלצענע גאלד אלס פדיון פאר די איבריגע הייליגע אוצרות, נעהמענדיג פון איהם א הייליגע שבועה דאס ער זאל זיך דאמיט בעגניגען, און די איבריגע אוצרות ניט אנריהרען; אבער קוים האט קראסוס ערהאלטען דאס געשמאלצענע גאלד, האט ער גאר אהן א חרפה פאר זיין שבועה זיך ניט אבגעהאלטען אויסצושטרעקען זיינע האנד צו די גאלדענע כלי הקדש פון בית־המקדש אים ווערטה פון צעהנטויזענד טאלאנט (בערך 10 מילליאן רובעל). נור דער שאנדליכער הייליגקייט-רויבער האט באלד דארויף בעקומען זיין פסק, ער איז מיט זיין גאנץ חיל אומגעקומען אויף א מלחמה געגען די פארטיאנער. דיעזען אומשטאנד האבען די לייט פון אריסטאבולוס פארטהיי געהאלטען צו זייער נוטצען, און געשעפט האפנונג זייער לאנד צו בעפרייען, אום זא מעהר דאס יוליוס צעזאר דער הערשער פון איטאליען האט אריסטאבולוס'ן פריי געמאכט פון זיין געפאנגענשאפט אין ראם, און האט איהם געגעבען 2 לעגיאנען (פולקען אדער דיוויזיעס) חיל צו געוואלטיגען איבער ארץ ישראל. אין דער אייגענער צייט האט זיין זוהן אלעקסאנדער אויפגעקליעבען נייען חיל. אבער פאמפעאוסעס פריינדע האבען זיך פון אריסטאבולוס בעפרייעט דורך גיפט, און אלעקסאנדער האבען זיי נאך דעם בעפעהל פון פאמפעאוס געמשפט און צום טויט פעראורטהיילט.

פינפטעם קאַפּיטעל.

די מלכים פון הורדוס הויז.

אַנטיפּאַטאָר. הורדוס. הורדוס איז געקרוינט צו מלך אויף ירושלים. הורדוס'ס מלוכה און זיינע רציחות. הורקאַנוס ענדע. מאַריאַמענעס טויט. אַ בונט געגען הורדוס. מאַרימאַמענעס זיהן. הורדוס'ס טויט. אַרכילאֶיוס, אַנטיפּאַס און פיליפּוס הורדוס'ס זיהן. רעליגיאָן און ליטעראַטור פון די דאַמאָליגע יודען. ראָמישע פּראָקוראַטאָרען. פּאָנטיוס פּילאַטוס. קאַיוס קאַליגולאַ. דער מלך אַגריפּאַס. אַגריפּאַס'ס דעם I טויט. דער פאַלשער משיח תעודה. דער בונט ביי די יודען געגען די ראָמער. אַספּאַסיאַנוס, יוסף פלאַוויוס. בעלאַגערונג און איינגעהמונג פון יטפּתה. פאַר דעם חורבן.

נאָך פּאָמפּעיוס טויט אַלס צעזאַר'ס אַליין־הערשאַפט האָט זיך בעפעסטיגט, האָט אַנטיפּאַטאָר, וועלכער איז בְּשָׁעַת פּאָמפּעיוס לעבען געוועזן נור אויף זיין צַד, געפונען איין עֵצָה, זייענדיג אין עגיפּטען, זיך צו רעטען פון סַכָּנָה און צו נייגען צעזאַר'ן צו זיין טוֹבָה. ער האָט געוואוסט ווי זיין פריינדשאַפט און אֱמוּנָה צו געווינען. אַלס צעזאַר האָט זיך דאָרט געפונען אין אַ קריטישע לאַגע, האָט אַנטיפּאַטאָר איהם געשענקט אַלעם נאָטהיגע פאַר אַ גאַנצען הילפס־חיל, און אַליין האָט ער איהם געבראַכט דריי טויזענד מאַן יודישע קריעגסבערייטע סאָלדאַטען. פאַר דיעזע טובות האָט צעזאַר איהם געשיינקט ראָמישע בירגערשאַפט (ער זאָל האָבען רעכט צו רעכענען זיך פאַר אַ געבאָרענעם ראָמער), האָט זיין גאַנצע פאַמיליע געשענקט אַלערליי פּראַוועס, און האָט איהם געמאַכט צום פּראָקוראַטאָר (בעפאָלמאַכטיגער, פאָוויערענערן איבער גאַנץ יודעאַ (אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל). די פריהערדיגע צוטהיילונג פון יודען אין 5 קרייזע (אָקרוגען) ווי אין גאַביניוס צייטען, איז בָּטֵל וּמְבֻטָּל געוואָרען. הורקאַנוס דעם צווייטען האָט צעזאַר בעשטימט אַלס כֹּהֵן גָּדוֹל, ער האָט ווייטער געלאָזען איינפיהרען דעם גרויסען סַנְהֶדְרִין, און איהם איבערגעגעבען צו מִשְׁפָּט'ן דִּינֵי נְפָשׁוֹת (קרימינאַל־גע־ריכט). ער האָט אויך ערלויבט צו ערנייערן די וואַנד פון ירושלים, וועלכע זיינען דורך פּאָמפּעיוס רואינירט געוואָרען. חאָטשי אַנטיגאָנוס, אַריסטאָבולוס זוהן, האָט געגען דעם שטאַרק פּראָטעסטירט, זיך בעקלאָגט אויף דעם וואָס מען האָט זיין פאָטער און זיין ברודער געטאָדט (דעם איינעם דורך גיפט און דעם צווייטען אויפ'ן עשאַפאָט) און האָט געזוכט צו בעווייזען זיינע רעכטע אויף דער יְרוּשָׁה פון דער כְּהוּנָה

גְדוֹלָה און פֿון דער מְלוּכָה. אָבער צעזאַר האָט זיינע פּרעטענזיעס און זיינע געבעטען ניט אָנגענומען. צעזאַר האָט פֿיעל מאָל בעוויעזען אויף אַלערליי אוֹפַנִים זיין דאַנק און זיין פֿריינדשאַפֿט צו די יודען אין יודעאַ און עגיפּטען, ער האָט ערלויבט אַלע יודען אין זיין גאַנצער מלוכה, אומעטום צו פֿיהרען זייער גאָטעסדיענסט, צו לעבען נאָך זייערע דינים, און האָט זיי בעפֿרייעט פֿון מיליטער־דיענסט אין שַׁבָּתִים און יָמִים טוֹבִים. ניט אומזיסט האָבען די יודען אַזוי הערצליך בעדויערט און בעוויינט דעם טויט פֿון דעם גרויסען הערשער אַלס ער איז געוואָרען געטעדטעט (44). די טרויער פֿון די יודען נאָך זיין טויט איז געווען אונגעוואָהנליך.

הורדוס. קוים האָט אַנטיפּאַטאַר בעקומען די הערשאַפֿט איבער יודעאַ, האָט ער גלייך אָנגעהויבען צו פֿיהרען אין דעם יודישען לאַנד ווי איין אֶמֶת'ער מֶלֶךְ. זיינעם אֶלטערן זוהן, פֿאַזאַאיל, האָט ער איבער געגעבען צו זיין אַ מַשְׁגִיחַ איבער ירושלים און אין דער אומגעגענד, און דעם צווייטען זוהן, הורדוס, האָט ער בעשטעלט אַלס בעפֿעהלסהאַבער איבער די יודישע מְדִינָה גָלִיל. אָבער ניט לאַנג האָט דער חיטרער אֱדוֹמִי געקענט בענוטצען זיינע רעכטע; ער איז געוואָרען פֿערגיפֿטעט דורך אַ יודישען אַריסטאָקראַטען, נאָמענס מַלִיךְ. אָבער אַנטיפּאַטאַרס פּלאַנען האָט אויסגעפֿיהרט זיין יונגערער זוהן הורדוס. דיעזער האָט נאָך ביי זיין פֿאָטערס לעבען פֿערדיענט דאַנקבאַרקייט פֿון די ראָמער דערמיט, וואָס ער האָט צושלאָגען און פֿערניכטעט דאָס רעשט חיל וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט נאָך אַריסטאָבולוס טויט. זיי פֿלעגען אָנפֿאַלען אויף די גוֹיִם, וואָס האָבען געוואָהנט צווישען די יודען אין זייער לאַנד, און זיך היטענדיג פֿאַר דעם ראָמישען חיל פֿלעגען זיי זיך האַלטען פֿערבאָרגען אין טיעפֿע האָהלען צווישען די בערג, און די ראָמער און אַלע איבריגע גאָטצענדיענער האָבען זיי דאַרום אָנגערופֿען „רויבערישע באַנדען"; אויך פֿלעגען דיעזע באַנדען אָנפֿאַלען אויף די גוים, וועלכע האָבען געוואָהנט אויף דער גרעניץ פֿון סיריען. דערמיט וואָס הורדוס האָט אַליין פֿון אייגענעם ווילען דיעזע מענשען געמשפּט צום טויט, האָט ער עוֹבֵר געווען אויף דעם דין פֿון דעם יודישען געזעטץ, דאָס קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו מאַכען אַ קרימינאַל משפּט ווען עס איז, אָהן דעם ווילען פֿון די סנהדרין פֿון ירושלים. אַנטיפּאַטאַרס שונאים האָבען דעם הורקאַנוס אויפֿגעיעט צו ערקלערען, דאָס די גאַנצע לאַגע פֿון די יודען אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל ליעגט יעטצט נור אין הורדוס האַנד, און אין די האַנד פֿון די אדומים, וועלכע זיינען נור האַלב־יודען אָבער ניט קיין אֱמֶת'ע ברידער. הורקאַנוס האָט הורדוס'ן צו זיך נאָך ירושלים גערופֿען, אום זיך צו פֿערענטפֿערן פֿאַר דעם סנהדרין אויף זיינע לעטצטע מַעֲשִׂים. הורדוס איז געקומען אין ירושלים, ער האָט זיך אָבער

געוויעזען פאר די סַנְהֶדְרִין ניט ווי א בעשולדיגטער מענש, וואס דארף זיך פאר זיי־אונטערטהעניג פערענטפערען, נאר געקומען געקליידעט אין א פורפור־מאנטעל ווי א פירשט, אונ מיט א בעוואפענטע סוויטע. די אֲסִיפָה פון די סנהדרין איז געווארען צומישט פון זיין הֶעָזָה, אונ האט ניט געהאט דעם מוטה איהם צו פרעגען אויף זיינע אונגערעכטע מַעֲשִׂים; נור שְׁמַעְיָה, דער עלטעסטער פון די סנהדרין, האט געהאט דעם מוטה פארצוהאלטען הורדוס'ן פאר זיין עַזּוּת, אונ האט שוין געוואלט צוטרעטען צו דער חֲקִירָה וּדְרִישָׁה ווי ווייט זיין שולד איז אונ וואס פאר א פְּסַק עס קומט איהם. הורקאנוס אבער האט מוֹרָא געהאט פאר הורדוס'ן אונ געהייסען אבלייגען דעם מִשְׁפָּט אויף מארגען. אונ אלס עס איז אזוי געשעהען, האט ער ביי נאכט געהייסען הורדוס'ן אפפאהרען פון ירושלים. הורדוס האט אזוי געטהון אונ איז אוועקגעפאהרען אין דַמֶשֶׂק צום ראמישען הערשפיהרער, וועלכער איז מיט זיין בעזוך זעהר צופריעדען געווען, האט איהם זעהר גוט אויפגענומען, אונ פאר געלד איהם געמאכט פאר א ראמישען הערפיהרער. דאן האט הורדוס אויפגעזאמעלט א רעכטען חיל פון סאלדאטען אונ מיט זיי געגאנגען אויף ירושלים, אום הורקאנוס'ן אונ די סנהדרין צו בעשטראפען. אבער זיין פאטער, וועלכער האט דאמאלס נאך געלעבט אונ זיין ברודער האבען איהם איינגערעדט ער זאל עס דערוויל ניט טהון.

נאך צעזארס טויט (44) האט קאסיוס, וועלכער איז דאמאלס געקומען נאך סיריען, בעלאסטיגט אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל מיט שווערע אבצאהלען (נאלאגען). הורדוס האט די מִסִּים אין זיין ארעמער פראווינץ איינגעקאסירט זייער שטרענג אונ אהן רַחֲמָנוּת, בְּעֵת אין אנדערע פראווינצען פון ארץ ישראל זיינען די מסים ניט אזוי גיך איינגעמאהנט געווארען. הורדוס האט דאהער פון קאסיוס אונ פון אלע ראמער בעקומען א גרויסען דאנק, אונ זיין דֵעָה אין דער מֶמְשָׁלָה איז נאך פיעל גראסער געווארען, אונ די יודען האבען איהם דערפאר נאך מעהר פיינד געקריעגען. הויפטזאכליך האט הורדוס חֵן בעקומען ביי מארקוס אנטאניוס. נאך דעם ווי דיעזער איז געקומען אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האבען די יודען אומזיסט זיך בעקלאגט פאר איהם אויף הורדוס'עס הארטהערציגקייט אונ שלעכטע פיהרונג. אנטאניוס האט אויף זייערע קלאגען גאר ניט געאכטעט, ער האט אַדְּרַבָּא הורדוס מיט זיין ברודער פאזאאיל איבערגעגעבען די פיהרונג איבער גאנץ ארץ־ישראל, אונ האט זיי געמאכט צו טעטראַרכען (הערען איבער פיער מְדִינוֹת). אבער פלוטצלינג האבען זיך די אומשטאנדע גאנץ איבערגעביטען, די פארטהען, וועלכע זיינען געווארען דער שרעקען פון די ראמישע קאלאניען, האבען זיך אריינגעריסען אין סיריען. צו זיי איז געקומען אנטיגאנוס, אריסטאבולוס צווייטער זוהן, וועלכער האט זיך נאך אלץ ניט אפגע-

זאָגט פֿון זיינע פּרעטענזיעס אויף דער מְלוּכָה און דער כְּהוּנָה גְדוֹלָה. קומענדיג אין זייער לאַגער, איז ער צוגעפֿאַלען צום פּרינצען צום קעניגס זוהן און האָט געבעטען איהם צו העלפֿען און מַצִיל זיין פֿון די האַנד פֿון די ראָמישע שונאים, און פֿון דעם אונגערעכטען אונגעזעצליכען הורדוס. דער פּאַרטהישער בעפֿעהלסהאַבער האָט זיך מיט אַ לייכטען חיל פֿון רייטעריי געמאַכט זיין לאַגער אונטער די ווענד פֿון ירושלים׳ס פֿעסטונג. מיט זייער שוטץ איז אַנטיגאָנוס אַריין אין ירושלים און ביים גלאַנץ פֿון זייערע היילע שווערדטער, האָט ער זיך אויסגערופֿען אַלס קעניג פֿון יודעא. הורדוס און פֿאַזאַאיל מיט זייערע פֿריינד האָבען זיך געמוזט אין ציטאַדעלע פֿון בית־המקדש פֿערשליעסען; זיי איז שוין גאַנץ ווייניג האָפֿנונג געבליעבען אויסצו־פֿיהרען. אין דער טרויעריגער לאַגע איז פֿאַזאַאיל מיט הורקאָנוס מְרוּצֶה געוואָרען צו פֿאָלגען די פֿאַלשע עֵצָה פֿון דעם פּאַרטהישען גענעראַל, צו געהען זיך זעהן מיט׳ן פּאַרטהישען פּרינצען און מיט איהם איבעררעדען. אָבער ווי זיי זיינען אַהין געקומען, האָט מען זי גלייך אין קייטען געשמידט, פֿאַזאַאיל האָט מוֹרָא געהאַט מען זאָל איהם ניט בעשטראָפֿען צום טויט, האָט ער גלייכער זיך אַליין געמאַכט אַ מִיתָה, און האָט זיך דעם קאָפּ צוהאַקט אָן די פֿעלזען־וואַנד פֿון געפֿענגניס. הורקאָנוס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַנטיגאָנוס׳ן צו מאַכען מיט איהם וואָס ער וויל, אַנטיגאָנוס האָט איהם אָפּגעהאַקט די אויערן כְּדֵי איהם צו מאַכען פֿאַר אַ בַּעַל מוּם, וועלכער איז פָּסוּל צו דער כהונה, און האָט איהם געהייסען אַוועקשיקען אין בָּבֶל, וועלכעס האָט דאַמאָלס געהערט צו די פּאַרטהער, און דאָרט איז ער געבליעבען אַלס געפֿאַנגענער. אויף אַזוי אַ אַרט איז די מלוכה צוזאַמען מיט דער כהונה גדולה אַריבער געגאַנגען צו אַנטיגאָנוס אַליין.

הורדוס האָט שֵׂכֶל געהאַט זיך ניט צופֿאַרלאָזען אויף דעם פּרינצעס יוֹשֶׁר, און איז אַזוי נִצוֹל געוואָרען פֿון טויט. פֿון ירושלים איז ער אין גרוים סַכָּנָה אַנטלאָפֿען געוואָרען מיט אייניגע געטרייע פֿריינד, איבערלאָזענדיג זיין פֿאַמיליע אין דער יודישער פֿעסטונג מאַסדאַראַ (אויפ׳ן מַעֲרָב־זייט פֿון יַם הַמֶּלַח), און אַליין איז ער אַנטלאָפֿען צום אַרַבישען קעניג, פֿון וועלכען ער האָט געהאָפֿט הילפֿע צו בע־קומען, ווייל ער האָט איהם פֿריהער פֿיעלע טובות געטהון איהם בעשיטצענדיג פֿאַר די פּאַרטהער. אָבער דיעזער אונדאַנקבאַרער קעניג האָט איהם אֲפִילוּ ניט צוגעלאָזען צו זיך. דאַן איז ער אַוועק אין עגיפּטען. אין אַלעקסאַנדריען האָט ער זיך אויפֿגעזעטצט אויף אַ שיף, און נאָך אַ גליקליכע רייזע איז ער געקומען נאָך ראָם. דאָרט האָט ער זיך געוויזען צו מאַרקוס אַנטאָניוס, האָט איהם ערצאָהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין יודעא, און האָט איהם דאַביי געשילדערט וואָס עס איז געשעהען מיט פֿאַזאַאיל און הורקאָנוס אַלס זיי זיינען אַריינ־געפֿאַלען אין די פֿאַלשע האַנד פֿון די פּאַרטהער. אַנטאָניוס און אָקטאַביאַנוס געדענ־

קענדיג די טובות פון זיין פאָטער, ווי ער איז טריי געווען צו ראָם, האָבען איהם זעהר מיטגעפיהלט און האָבען פאַר איהם זיך בעמיהעט ביים סענאַט איהם אַ טובה צו טהון. אין אַ קורצע צייט האָט הורדוס אַזוי פיעל אויסגעווירקט, דאָס דער סענאַט (40 פאָר קר.) האָט איהם אויסגערופען אַלס קעניג פון יודעא. מיט גרוים פאַראַד איז ער געקרוינט געוואָרען אין קאַפּיטאָליום. אַנטיגאָנוס אָבער, וועלכער האָט די פּאַרטהער בענוטצט אום זיין ציעל צו דערלאַנגען, איז ערקלאָרט געוואָרען אַלס שונא פון ראָם (איז דאַהער חַיָב מִיתָה). דערווייל האָבען די פּאַרטהער געהאַט אַ מַפָּלָה פון די ראָמער. ביי דיזע אומשטאַנדע האָט אַנטאָניוס גע־פונען פאַר נאָטהיג מיט הורדוס אַ פּאָאַר לעגיאָנען ראָמישען חיל אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל מיט צו שיקען, כדי איהם צו הילף צו זיין געגען זיינע פיינד. נאָכדעם ווי הורדוס האָט פערבראַכט אין ראָם ניט מעהר ווי זיעבען טעג, איז ער פון ראָם אָבגעפאָהרען און געצויגען צו זיין מלוכה־לאַנד אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. אים פריהזומער איז ער אַנגעלאַנגט צו ירושלים. אָבער די ראָמישע סאָלדאַטען האָבען גאָר ניט געמיינט זיין טובה, זייער כַּוָנָה איז נור געווען צו ראַבעווען וואָ זיי וועלען קענען, און האָבען זיך גאָר ניט געאיילט פאַר איהם דאָס לאַנד צו נעהמען. אויסערדעם האָט אַנטיגאָנוס פון זיי פיעל אונטערגעקויפט, אויך האָט אַנטיגאָנוסעס חיל זיך זעהר גוט געשלאָגען, זאָ דאָס די זאַך איז פאַר הורדוס זייער שווער צו געגאַנגען. אַזוי איז איבערגעגאַנגען 3 יאָהר אין קליינע מלחמות, וועלכע האָבען נור דאָס לאַנד רואינירט, און הורדוס'ן ווייניג נוטצען געבראַכט. ווינשענדיג צו געווינען פאַר זיך דאָס פאָלק, האָט ער חֲתוּנָה גע־האַט מיט הורקאָנוס אייניקעל מאַריאַמענען, די טאָכטער פון אַריסטאָבולוס זוהן אַלעקסאַנדער און הורקאָנוס טאָכטער אַלעקסאַנדראַ. אָבער דאָס האָט אויך ניט געבראַכט צום ציעל, הורדוס איז אַזוי פערהאַסט געבליעבען ביים פאָלק ווי פריהער. ענדליך האָט אַנטאָניוס הערויסגעשיקט דעם פעלדהעררן סאַזיוס איהם אויסצוהעלפען ער זאָל צו דער מלוכה קומען.

אין פריה־יאָהר איז סאַזיוס אָנגעקומען מיט זיינע נייע לעגיאָנען. דאַמאָלס (37 פאָר קר.), האָט זיך אָנגעפאַנגען די רעכטע בעלאַגערונג פון ירושלים. די בעלאַגערטע איינוואָהנער האָבען זיך מיט גרוים גְבוּרָה געוועהרט און מוטהיג די בעלאַגערונג צוריקגעשלאָגען. ווייל עס איז געקומען דאָס שְׁמִיטָה יאָהר האָבען די יודען געליטען הונגער. ענדליך אין 37 יאָהר, איז די שטאָדט נאָך אַ גרויסען בלוט־פערגיעסונג איינגענומען געוואָרען אין יום־כִּפּוּר, אין דעם אייגענעם טאָג וואָס זי איז גענומען געוואָרען מיט 37 יאָהר צוריק דורך פּאָמפּעיוס. די ראָמישע סאָלדאַטען, וועל־כע זיינען געווען זעהר בייז אויף די יודען דערפאַר, וואָס זיי האָבען אַזוי שטאַרק געשטריטען, האָבען געמאַכט אַ שרעקליכעס בלוטפערגיעסען און די גאַנצע שטאָדט געראַובט, מען האָט קיינעם ניט געשאָנט, און די יודען האָבען גאָר קיין שאָנונג ניט

געבעטען, ביז הורדוס אליין האט געבעטען דעם סאַזיוס דאס בלוטפערגיעסען איינ־צוהאַלטען, זאָנסט וועט זיינע אַרבייט גאָר אומזיסט זיין, ער וועט דאך ניט קענען זיין אַ מֶלֶךְ איבער אַ מִדְבָּר. אין דער שרעקליכער לאגע איז אַנטיגאָנוס געפאַלען דעם סאַזיוס צו די פיס, אָבער סאַזיוס האט איהם אויסגעלאַכט און גערופען אַנטיגאָנאַ (ווי אַ פרויענצימער), געהייסען איהם שמידען אין קייטען און איהם אָבגעפיהרט צו אַנטאָניוס אין דער שטאָדט אַנטוכיא. הורדוס איז אָנגעשטאַנען דאַרויף מען זאָל איהם מִשְׁפָּט'ן צום טויט, און מען האט אַזוי געטהון. מען האט איהם צוגעבונדען צו אַ סלופּ און נאָכהער האט מען איהם דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט. דאס איז געווען דער סוף פון די חַשְׁמוֹנָאִים'שע דינאַסטיע (קעניגליכע פאַמיליע), וועלכע האט אין אֶרץ־ישראל געקעניגט 125 יאָהר. פון דיעזער פאַמיליע מאַנליכער ליניע איז געבליבען נור צוויי נְפָשׁוֹת: דער אַלטער הורקאָנוס, וועלכער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט ביי די פּאַרטהער און זיינער איין איינקעל אַריסטאָבול, מאַריאַמנעס ברודער.

הורדוס'עס פאַמיליע (37–4 פאַר קר.). ווי הורדוס האט זיך געזעצט אויפ'ן קעניגס־שטוהל, האט ער זאָגלייך נְקָמָה גענומען פון די געלעהרטע מיטגליעדער (טשליענעס) פון סַנְהֶדְרִין, וועלכע זיינען איהם שונאים געוועזען, ער האט זיי אַלע פערמִשְׁפָּט צום טויט. איינעם פון זיי בָּבָא בֶּן בּוּטָא האט ער געהייסען בלינד מאַכען, נור שְׁמַעְיָה און אַבְטַלְיוֹן האט ער פערשאַנעוועט, דערפאַר וואס זיי האבען געהייסען ביי דער בעלאַגערונג זיך אונטערצוגעבען, אויסערדעם איז אַבטליון ביי איהם געווען יונגערהייד זיין רֶבִּי. זיין פיער און דרייסיג יאָהריגע רעגיערונג איז געווען ווי אַ לאַנגע קייט פון רְצִיחוֹת. כִּמְעַט אַלע זיינע אונטערטהאַנען האבען איהם נור געדיענט פון פַּחַד, אָבער ניט פון ליעבשאַפט. ניט קוקענדיג אויף זיין מערקווירדיגען פערשטאַנד, זיין מוטה און בעשטאַנדיגע אַרבייט, האט ער פון דעסטוועגען ניט געקענט געפינען קיין רוה, ניט ביי זיך אים הערצען, ניט ביי זיין פאַמיליע און ניט ביי זיין פאָלק, צו וועלכען ער האט נור האַלב געהאָרט, דען ער איז געווען אַ האַלבער היידע (גאָצענדיענער). אין זיין גאַנצעם לעבען האט ער זיך געפלאָגט דורכאויס פון חֲשָׁדִים, דאס מען וויל ביי איהם צונעהמען די מלוכה. און צוליעב דעם האט ער זיך שטענדיג בעמיהעט צו זוכען פריינדשאַפט נור ביי די ראָמישע הערשער, און האט אָהן אַ שום רַחֲמָנוּת פערטיליגט דעם יעניגען, וועלכען ער האט פאַר זיך געהאַלטען פאַר געפאָהרליך.

הורדוס'ן האבען זייער באונרוהיגט די 2 נאָך געבליבענע חשמונאים, דער אַלטער הורקאָנוס דער צווייטער, וועלכער האט פריי געלעבט צווישען די יודען אין בָּבֶל, און דער זעבצעהניאָהריגער אַריסטאָבול, וועלכען דאס פאָלק האט זעהר געליעבט

און געאַכטעט. אום צו האָבען די מעגליכקייט אויפ׳ן אַלטען הורקאַנוס גוט השגחה צו געבען, האָט ער איהם אָנגעשריעבען אַ בריעף מיט פיעלע חניפות און גוטע פערשפרעכונגען, דאָס אויב ער וויל האָבען הנאה פון זיין לעבען, זאָל ער קומען נאָך ירושלים, דאָרט וועט ער געפינען וואַרמע ליעבע פון זיינע קינדער און האָבען גרויס כבוד פון זיין טרייען פאָלק. און מיט אַזעלכע גוטע ווערטער און חיטראָסט האָט ער איהם צוגעצויגען נאָך ירושלים, און הורדוס האָט טאַקי אַזוי זיך בעגאַנגען מיט דעם אַלטען. נאָכדעם ווי ער איז געקומען אין ירושלים, האָט ער איהם גראָסאַרטיג מקבל פנים געווען. צו הויזע ביי זיין פאַמיליע ווי אויך אין אַלערליי פערזאַמלונגען, האָט הורדוס איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד און האָט געהאַט פאַר איהם גרויס דרך ארץ, אָבער דאַביי האָט ער אויף איהם גוט געקוקט מיט וועמען ער שטעהט און געהט. אַלס בעל מום האָט ער איהם ניט געקענט געבען די כהונה גדולה, און זיין אייניקעל, הורדוס׳עס שוואָגער, דער יונגען אַריסטאָבול, האָט ער זי ניט געוואָלט געבען, עס האָט איהם ניט געלויהנט ביים עולם גרויס צומאַכען איהם, טאָמער וועט דאָס פאָלק איהם וועלען אָבגעבען די מלוכה, וואָס קומט איהם בירושה פון זיינע עלטערן; און דאַריבער האָט ער אַרויסגערופען אַ געוויסען כהן פון בבל נאָמענס, חננאל, און איהם געמאַכט צו כהן גדול אין ירושלים. אַריסטאָבולס מוטער אַלעקסאַנדראַ, דעם אַלטען הורקאַנוס טאָכטער, זעהענדיג הורדוס׳עס רשעות געגען איהר קינד, האָט זי זיך בסוד דאַרויף בעקלאָגט פאַר דער קעניג׳ן קלעאָפּאַטרע פון אֶגיפּטען, אַנטאָניוס געליעבטע, מיט וועלכער זי איז געווען שטאַרק בעפריינדעט. קלעאָפּאַטרעס בריעף צו אַנטאָנוס האָט אַזוי געווירקט, דאָס ביי דער ערשטען געלעגענהייט האָט אַנטאָניוס אויסגעדריקט זיין ווילען דאָס הורדוס זאָל ערפילען דעם וואונש פון זיין שוויעגער, און אַריסטאָבול דער דריטער, אין גאַנצען אַכטצעהן יאָהר אַלט, איז בעשטימט געוואָרען צו זיין כהן גדול. אָבער הורדוס האָט אַלעס מעגליכע געטהון אום די חשמונאים פאַר זיך אונ־שעדליך צו מאַכען. אַלעקסאַנדראַ האָט זיך דאַן ענטשלאָסען צו נעהמען איהר בן־יחיד און אַנטלויפען פון ירושלים; זי האָט שוין אָנגעגרייט אַ לעדיגע קאַסטען, געלאָזען זיך און אַריסטאָבולן דאַרין פערפאַקען, און אַרויספיהרען, אַלס צוויי גע־שטאָרבענע, פון קעניגליכען פאַלאַסט אַרויס. אָבער הורדוס האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט זיי ביידען געפאַקט. עס איז געקומען צווישען זיי צו אַ ערקלערונג, און הורדוס איז מיט זיי כלומר׳שט שלום געוואָרען. באַלד דאַרויף אָבער איז געווען ימים נוראים, און הורדוס האָט מיט זיינע אויגען געזעהן ווי דער יונגער כהן גדול איז געשטאַנען אין די הייליגע גילדערנע קליידער, געפיהרט דעם הייליגען גאָטעס־דיענסט מיט גרויסען אַנשטאַנד, און דאָס גאַנצער עולם האָט זיך מיט איהם גע־פרייעט און איהם הערצליך געבענשט און זיינע ליעבע און טרייע געוויעזען; דאַן

איז ביי הורדוס צייטיג געוואָרען די רעשעניע פֿון איהם גיכער פּטור צו ווערען. אין שלאָס (פּאַלאַסט) פֿון יְרִיחוֹ האָט אַלעקסאַנדראַ, אַריסטאָבולס מוטער, געמאַכט אַ פֿאַראַדנעם מאָהלצייט פֿאַר איהר איידעם הורדוס און פֿאַר פֿיעלע ווײַפּטיגע גאָסט פֿון ירושלים. נאָך מיטאָג האָט דער קאָניג הורדוס איינגעלאַדען זיין שוואָגער אַריסטאָבול זיך צוזאַמען מיט איהם צו באָדען אין דער שאָנער אָזיערע ביים שלאָס פֿון יריחו, דאָרט האָבען זיך אויך געבאָדען איניגע ראָמישע אָפֿיציערע פֿון זיין געדונגענעם חיל, וועלכע האָבען לויט אָברײדונג מיט הורדוס אָנגעפֿאַנגען מיט דעם יונגען שוואָגעריל פֿון מֶלֶךְ צו שטיפֿען און טרייבען כַּתָּבוֹת, זיי האָבען אָנגעהויבען איהם צו אונטערטינקען אין וואַסער, און אַזוי לאַנג שפּאַס געמאַכט ביז ער איז ווירקליך דערטרונקען געוואָרען. דער מאָרדערישער שוואָגער האָט זיך געמאַכט ווי אויסער זיך פֿון טרויער, האָט די דריי אָפֿיציערע גלייך ערשטאָכען פֿון כַּעַס, (כְּדֵי די געשיכטע זאָל ניט ענטדעקט ווערן) אָבער ניט זיין געוויין, ניט זיין יאָמער און ניט די רייכע לְוָיָה וועלכע ער האָט פֿאַר איהם געמאַכט, האָבען דער אָרימער אַלעקסאַנדראַ ניט פֿערדעקט ווער דער ווירקליכער מאָרדער איז. זי האָט באַלד געשריעבען אַן קלעאָפּאַטראַ פֿון דעם וואָס האָט געטראָפֿען, און דיעזע האָט אַנטאָניוס'ן בעוואָגען הורדוס אויף צו פֿאָדערן צו זיך, אום וועגען זיינע מַעֲשִׂים דִין וְחֶשְׁבּוֹן אָבצוגעבען.

הורדוס האָט די פֿיהרונג פֿון די געשעפֿטען פֿון דער מְלוּכָה איבערגעגעבען צו זיין פֿעטער יוֹסֵף, וועלכער איז אויך געוועזען זיינער אַ שוואָגער, דען ער איז געוועזען דער מאַן פֿון זיין שוועסטער סאַלאָמעאַ (שְׁלוֹמִית), און אַליין איז ער אַוועקגעפֿאָהרען צו אַנטאָניוס'ן, איבערגעבענדיג יוסף'ן אַ בעפֿעהל בְּסוֹדֵי סוֹדוֹת, דאָס אין פֿאַל אויב אַנטאָניוס וועט איהם פֿערמשפּט'ן צום טויט, זאָל ער נאָך איהם אויך מַרְיאַמְנען ניט אי־בערלאָזען אין לעבען, כדי זי זאָל נאָך איהם ניט מעהר צו קיין אַנדערן געהערען. יוסף האָט זיך עפּיס אויסגערעדט פֿון דעם סוד פֿאַר מאַרמיאַמענען. הורדוס איז דערווייל געלונגען זיך צו פֿערענטפֿערען פֿאַר אַנטאָניוס, און קומענדיג אַ היים האָט ער זיין פֿעטער יוסף מיט'ן טויט בעשטראָפֿט. דערצו האָט איהם צוגעהאָלפֿען זיין שוועסטער סאַלאָמעאַ, איינע ניעדריגע שלעכטע פֿערביסענע פֿרוי, וועלכע איז אייפֿערזיכטיג געווען איהר מאַן צו דער שאָנער מאַריאַמענע. אַ קורצע צייט נאָכדעם איז דער גוֹרָל געפֿאַלען אויף דעם אַלטען הורקאַנוס, און הורדוס האָט מיט איהם אויך אַ סוף געמאַכט. הורקאַנוס האָט פֿריהער געפֿיהלט דאָס עס וועט זיך מיט איהם ניכט גוטעס אויסלאָזען, דרום האָט ער זיך אויפֿגעשריעבען מיט אַרעטוס, דעם קאָניג פֿון די אַראַבער, דאָס ער וויל קומען צו איהם ביי איהם וואָהנען, הורדוס אָבער האָט די בריעף איבערגענומען, — און דאָס איז שוין פֿאַר איהם גענוג געווען, איהם פֿון דער וועלט אַרויסצושיקען. ער האָט צוזאַמענגערופֿען דאָס סַנְהֶדְרִין, געזעטצט

דעם אַלטען אויבענאַן, ווי דער שטייגער פֿון שטאַנדיג. דאַן האָט ער געשטעלט די פֿראַגע: וואָס דאַרף קומען דעם מענשען, וואָס מאַכט פּלאַנען פֿון זיין אייגענעם לאַנד אַרויסצופֿאָהרען אונ זוכען זיך צו בעזעטצען אין אַ לאַנד פֿון זיין קאָניגס שונא. דער פֿאַרזוטצענדער הורקאַנוס האָט אַליין געפֿסקענט דאָס אַזוי אַ מענש פֿערדיענט דעם טויט. דאַן האָט הורדוס אַרויס גענומען אונ אַלעמען געצייגט דעם אַלטענס בריעף, האָט איהם גלייך איינגעזעצט אַלס פֿעראורטהיילטען (פֿער־מִשְׁפָּט׳ער) צום טויט, אונ טאַקי באַלד דעם אַכטציגיאָהריגען גרייז זיין פְּסַק אָפּגעטהון. אַלס הורדוס האָט שוין אויספֿעיעט צו מאַכען אַ סוף מיט דעם לעטצטען צווייג פֿון די חַשְׁמוֹנָאִים, האָט ער זיך געאיילט פֿאַרצושטעלען פֿאַר אָקטאַביאַנוס, וועלכער איז נאָך מאַרקוס אַנטאָניוס געוואָרען דער איינציגער הערשער פֿון דער ראָמישער מֶמְשָׁלָה. אַוועק פֿאָהרענדיג האָט ער די רעגיערונג איבער געגעבען צו זיין צווייטען ברודער, אונ זיין שוויגער מיט זיין וויב מאַריאַמענע געלאָזען אונטער זיין הַשְׁגָּחָה אין אַ פֿעס־טונג, אונ ווידער מיט דער פֿאָריגער פֿעראָרדנונג זי ניט צו לאָזען אַם לעבען, אויב אָקטאַביאַנוס וועט איהם טוידטען. קומענדיג אויף די אינזעל רהאָדוס (אין גריכענלאַנד) צו דעם גרויסען מְנַצֵּחַ אָקטאַביאַנוס, איז ער פֿאַר איהם צור ערד גע־פֿאַלען, זיין קרוין אונ זיין קאָניגליכען מאַנטעל מיט גרויס הַכְנָעָה צו זיינע פֿיס גע־לעגט, האָט אָפֿען מוֹדֶה געווען דאָס ער איז אֱמֶת טאַקי אַ גרויסער גוטער פֿריינד צו אַנטאָניוס, אונ דאַבּיי האָט ער איהם פֿערזיכערט דאָס יעטצט וועט ער אויך איהם אַזוי אַ אמת׳ער טרייער גוטער פֿריינד זיין, ווען ער וועט איהם לאָזען ביי דער מְלוּכָה אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל ווי ביז אַהער. מיט דיזעז רייד האָט הורדוס זעהר נשׂא חֵן געווען ביי אָקטאַביאַנוס, ער האָט איהם געלאָזען זיין מלוכה אונ האָט נאָך אייניגע שטאָדט איהם צוגעגעבען, וועלכע האָבען זיך ביז דאַן צו אֶרֶץ־ישראֵל גאָר ניט גע־רעכנעט.

מאַריאַמענעס טויט, הורדוס׳עס אַכְזָרִיוֹת. נאָכדעם ווי הורדוס איז בְּשָׁלוֹם צוריקגעקומען אין יְרוּשָׁלַיִם, האָט איהם מאַריאַמענע, וועלכע האָט זיך דערוואוסט וואָס פֿאַר אַ פֿעראָרדנונג ער האָט געמאַכט ביי זיין אָבפֿאָהרען פֿון איהר, בעגעגנעט מיט שִׂנְאָה אונ האַס, זי האָט איהם איבערשיטעט מיט פֿאָרווירפֿע אונ זִלְזוּלִים, דאָס ער איז אַ רויבער אונ מאָרדער, ער האָט ווי אַ גַזְלָן גערויבט דעם קאָניגס־שטוהל אונ געטאָדטעט איהר פֿאָטער אונ איהר ברודער. סאַלאָמעאַ, וועלכע איז איהר געווען אַ גרויסער שונא, האָט זיך בענוטצט מיט דער פּאַסענדע מינוט, אונ אויף מאַריאַמענע אויסגעטראַכט שאָנדליכע ליגען, דאָס זי איז איהרעם מאַן ניט געטריי אונ האָט ליבעסגעשאָפֿטע מיט אַנדערע מאַנסלייט, דאָס זי האָט הורדוס׳ען געוואָלט פֿערגיפֿטען מיט סם הַמָּוֶת. הורדוס האָט בעשטימט אַ געריכט זי צו מִשְׁפָּט׳ן.

די שופֿטים זיינען געווען פֿון סאַלאָמעאַ אָנגעשטעלט פֿאַלש צו משפּט'ן, די אונשולדיגע קאָניג'ן האָט מיט פֿעראַכֿטונג (בִּזָיוֹן) די בעשולדיגונג אויסגעהאָרט, און ניט געפֿונען פֿאַר ווערטה זיך דאַרויף צו פֿערענטפֿערן, די ריכֿטער האָבען זי פֿאַרמשפּט צום טויט. זי האָט קאַלטבלוטיג אויסגעהאָרט דער משפּט, און האָט זיך אֲפִילוּ ניט אַ קרים געטהון אויף דער אונגערעכֿטיגקייט. סאַלאָמעאַ ווייעדער האָט אָבגעהיט בּיידען, דעם קאָניג מיט דער קאָניגין און ניט דערלאָזען זיי זאָלען זיך טרעפֿען, דען ער וואָלט געוויס חֲרָטָה האָבען און ניט דערלאָזען מען זאָל זי טאָדטען. מאַריאַמנע האָט העלדענמוטהיג בעוויעזען דאָס אין איהרע אָדערן פֿליעסט חשמונאים'־בּלוט, זי איז געשטאָרבען ווי אַ העלדין. עס האָט זיך קיין יודישער תְּלָיָן ניט געפֿונען איהר דעם קאָפּ הערונטער צו האַקען, מען האָט דאַצו געמוזט דינגען אַ ראָמישען סאָלדאַטען. מיט רעכֿט האָט איין יוד וויינענד אַ געשריי געטהון: „איך האָב מורא דאָס די ראָמישע האָנד וואָס האַקט אַראָפּ דעם קאָפּ פֿון אונזער קאָניגין וועט אַ מאָל נאָך אַראָפּ האַקען די קאָפּ פֿון כָּל יִשְׂרָאֵל". אָבער באַלד האָט דער קאָניגליכֿער מאָרדער (הורדוס) שטאַרק חֲרָטָה געהאַט אויף דער רְצִיחָה, ער האָט ערגיץ קיין רוהע ניט געפֿונען, זיין שטאַרקע ליעבע צו זיין געטאָדטעטע פֿרוי האָט זיך ביי איהם ערוועקט מיט דער גאַנצער קראַפֿט, קיין זאַבאַווע, קיין אונטערהאַלטונג איז ניט געווען אומשטאַנד איהם צו בערוהיגען און זיין קומער צו פֿערטרייבען. ער איז שטאָנדיג אומגעגאַנגען אַ צומישטער, אומעטום אַלץ זי געזוכֿט, און אָהן איין אופֿהער איהר נאָמען גערופֿען, ביז וואַנען ער איז אין אַ מעלאַנכֿאָליע אַריין געפֿאַלען און אַ צייט לאַנג אין סאַמאַריען (שומרון) צו בעט געלעגען. נאָך איינִיגער צייט האָט זיך די רציחה ביי איהם ווייעדער ערוועקט, און דאַן איז אַלעקסאַנדראַ מאַריאַמנעס מוטער אויך צום טויט געאָפּפֿערט געוואָרען. ווי ער איז פֿון זיין קראַנקהייט געזונד געוואָרען איז ער געוואָרען נאָך טרויעריגער און מיסטרויאישער ווי פֿריהער, און האָט אַנגעפֿאַנגען זיינע רציחות און בלוט־דורשטיגקייט צו ווייזען אויף'ס ניי.

אַבונט געגען הורדוס. האָבענדיג ווענִיג האָפֿנונג אויף די ליעבע פֿון יודישען פֿאָלק, האָט הורדוס זיך געפֿלייסט צו פֿערדיענען די פֿריינדשאַפֿט פֿון די ראָמער. אין מיטען ירושלים האָט ער אויפֿגעבויעט אַ טהעאַטער, און ניט ווייט פֿון דער שטאָדט איין אַמפֿיטהעאַטער (וואָ אַרום און אַרום זיינען אויפֿגעשטעלט אָרטער צום זיטצען איינע איבער די אַנדערע), ניט אַכֿטענד אויף דעם וואָס ביי יודען זיינען אַזעלכֿע זאַכֿען פֿערבאָטען. הורדוס האָט אַיינגעפֿיהרט פּובּליטשנע פֿאָלקסשפּיעלע האָט די שטאָדט סאַמאַריאַ (שומרון) צוריק אויפֿגעבויעט, און צו עהרען פֿון זיין בעשיטצער, קייזער אויגוסטוס, איהר אַ נייעם נאָמען געגעבען סעבּאַסטאַ (נאָך זיין

נאָמען סעבאַסטיאַנוס). ניט ווייט פֿון דער פּאָרטאַווע שטאָדט וואָפֿיע (יָפִיו) איז געבויעט געוואָרען אַ נייע שטאָדט יאָפֿיע (יפו) מיט אַ גראָסאַרטיגען פּאָרט. דאָרט האָט ער אויסגעבויעט אַ טעמפעל צו עהרע פֿון אויגוסטוס, אויך אַ טהעאַטער אונ אַמפיטהעאַטער, אונ דאָס אַלעס האָט, ווי עס פֿערשטעהט זיך אַליין, פֿערגראָסערט דעם כַּעַס פֿון פֿאָלק אויף דעם האַלב-היידנישען מֶלֶךְ. עס איז געוואָרען אַ אויפֿרייד צווישען צעהען מאָננער, וועלכע האָבען בעשלאָסען דעם קאָניג אונ זיינע העלפֿער צו טאָדטען. דער בונט איז ענטדעקט געוואָרען, אונ די בונטאָווּשציקעס זיינען געטאָדטעט געוואָרען. אָבער דער מענש, וועלכער האָט אויסגעזאָגט דעם סוד פֿון יענעם בונט איז געוואָרען אויף שטיקער צוריסען פֿון דעם פֿאָלק. דערפֿאַר איז אָבער הורדוס ביי די ראָמער זעהר תַּקִיף געוואָרען; זיי האָבען ניט נור פֿערברייטערט זיינע הערשאַפֿט צו צָפוֹן־מִזְרָח זייטע, שענקענדיג איהם גאַנצע פּראָווינצען אויף יענער זייט פֿון טייך יַרְדֵן, נור פֿאָלגענדיג זיין פֿערלאַנג האָט ראָם געשענקט אַלע מאָגליכע רעכטע צו די יודען, וועלכע האָבען געוואָהנט אין חוץ לָאָרֶץ צווישען אַנדערע אוּמוֹת הָעוֹלָם. דאַריבער האָט ער זיך געהאַלטען פֿאַר בערעכטיגט אין אַ גרויסער יודישער פֿאָלקס-פֿערזאַמלונג צו זאָגען, דאָס ער זאָרגט פֿאַר אַלע יודען פֿון גאַנצען ערדקרייז. אונ בֶּאֱמֶת האָט הורדוס געגעבען רייכע נְדָבוֹת אונגליקליכע צו העלפֿען, אונ זעהר אָפֿט געשענקט די פּאָדאַטקעס דעם גאַנצען פֿאָלק, בשעת עס האָט זיך אין אֶרֶץ־ישראל געטראָפֿען (24 פֿאַר קר.) גרויסע אונגליקען, ווי צום ביי שפיל רעגענמאַנגעל, הונגער, ערדציטערניש אונ מַגֵפוֹת, דורך די אַלע זאַכען האָט דאָס פֿאָלק צו איהם געפֿיהלט אייניגע דאַנקבאַרקייט. אום נאָך מעהר צו צוציהען די הערצער פֿון די יודען אונ זיך איין אייביגעס אַנדענקען צו פֿערשאַפֿען, האָט ער זיך ענשלאָסען צו בענייען דעם אַלטען בית־המקדש נאָך די דינים פֿון די סַנְהֶדְרִין אונ די כֹּהֲנִים. דער גאַנצער בִּנְיָן איז איבערגעבויעט געוואָרען פֿון גרונד אויס אין אַ גראָסערן פֿערנעהם. הורדוס האָט די פּאָרטיקען, דאָס הייסט, די גאַנג וואָס זיינען געווען צווישען אונגעהייער גרויסע מאַרמאָר-זיילען, בעפוצט מיט גאָלדענע וויינשטאָקען אונ גאָלדענע פֵּרוֹת. דאָס אַלעס האָט פֿאָרגעשטעלט אַ וואונ-דערליכע שאָנהייט, אונ האָט אפילו די ראָמער אונ די גריעכען אין פֿערוואונדערונג געבראַכט, ווען זיי האָבען דעם בית־המקדש מיט זייערע אויגען געזעהען. קיינע קאָסטען, קיינע הוצאות האָט הורדוס ניט געזאַלעוועט, דאָס דער הייליגער טעמפעל זאָל דער שאָנסטער בִּנְיָן פֿון יענער צייט ווערען.

מ אַ ר י אַ מ נ ע ס ז י ה ן. עס האָט אויסגעזעהען, דאָס יעצט איז שוין פֿאַר הורדוס אַ ר ו ה י ג ע צייט געקומען, דאָס פֿאָלק איז אַ ביסעל צו פֿריע-

דענער געוואָרען מיט זיין קאָניג. נור מיט אַ מאָל איז ווידער איינגעטרעטען הייזליכע אונצופריעדענהייט צווישען הורדוס אייגענער פאַמיליע, אונ האָט אָנגעהויבען צו רייסען זיין נְשָׁמָה אויף שטיקער. הורדוס האָט פון מאַריאַמענען געהאַט דריי זיהן, וועלכע ער האָט געשיקט נאָך ראָם זיי צו ערציעהען ווי עס פּאַסט פאַר פּרינצען, קאָניגליכע קינדער. איינער פון זיי איז דאָרט געשטאָרבען, די איבריגע צוויי זיהן, אַריסטאָבול אונ אַלעקסאַנדער, האָט הורדוס נאָכהער צו זיך נאָך ירושלים גענומען, אַלס זיי זיינען צו יונגע לייט הערייגעוואַקסען. מיט אויגוסטוס'עס הַסְכָּמָה, האָט ער זיי בעשטימט צו זיין די יוֹרְשִׁים פון זיין מְלוּכָה. דאָס פאָלק האָט זיך געפרעהט דאָס דיעזע חַשְׁמוֹנָאִים'שע קינדער וועלען זיינע מְלָכִים זיין. דיעזע בעווייזע פון דער פאָלקס-פריידע, האָט געריענט פאַר הורדוס'עס ברודער אונ שוועסטער, וועלכע זיינען געווען אייביגע בלוטפיינד פון די חשמונאים, אַלס גוטע געלעגענהייט נייע אינטריגעס צווישען הורדוס מיט זיינע זיהן צו מאַכען. לְשׁוֹן הָרַע אונ רְכִילוּת האָבען הורדוס'ן געבראַכט דערצו, דאָס ער האָט זיך ענטשלאָסען זיין אַלטערן זוהן אַנטיפּאַטאַר, וועלכער איז געווען אַ זוהן פון דאָרא, די טאָכטער פון פּאָקישען קאָניג אַרכילעאוס, צו זיך צו רופען אונ איהם אַלס יוֹרֵשׁ פון זיין קרוין צו מאַכען. עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, דאָס דער פאַל האָט ערוועקט אַ כַּעַס אויפ'ן פאָטער, אונ אַ חֵשֶׁק צו נְקָמָה געגען זיין ניעדערטראַכטיגע שוועסטער סאַלאָמעאַ. די פאַמיליענפיינדשאַפט איז אַזוי גרויס געוואָרען, דאָס הורדוס האָט זיך ענטשלאָסען זיינע ביידע ווידערשפּענסטיגע זיהן צום טויט צו פערמִשְׁפָּט'ן, נור די אַכטונג אונ דער דֶרֶךְ אֶרֶץ פאַר אויגוסטוס, וועלכער איז געווען אַ בעשיטצער פון מאַריאַמענעס זיהן, ווייל זיי האָבען זיך ערצויגען אונטער זיין שוטץ אין ראָם, האָט הורדוס'ן אויפגעהאַלטען איין הייזליכען משפט צו מאַכען. דאַריבער האָט זיך הורדוס בעגעבען מיט זיינע ביידע זיהן צו אויגוסטוס נאָך אַקווילעאַ, זיין רוהע-אָרט נאָך זיינע רעגיערונגסזאָרגען. דאָרט האָט ער דעם קייזער דערצעהלט אין וואָס ער בעשולדיגט זיינע שלעכטע זיהן; אָבער די בעשולדיגטע זיהן האָבען זיך מיט אַנשטאָנדיגקייט פערענטפערט אונ אויפגעוויעזען דאָס זיי זיינען גערעכט. אויגוסטוס האָט געהייסען זיי זאָלען צווישען זיך ווערען שָׁלוֹם, אונ אַזוי זיינען זיי אַוועקגעפאָהרען פון איהם. אָבער דער שלום האָט ניט לאַנג געהאַלטען. איינמאָל ביי איין אָפענהערציגען געשפּרעך איז צו רייד געקומען וועגען זייער אונגליקליכע מוטער, וועלכע איז אונשולדיג פון דער וועלט אַוועק, אונ דאַביי האָבען זיי אויסגעגאָסען זייער פערבייזטע הערץ אויף די ניעדערטראַכטיגע רְשָׁעִים, וועלכע האָבען ערוועקט אַ שאַנדליכען חָשָׁד אין הערצען פון זייער פאָטער. דאָ האָבען די פאָדלע מוֹסְרִים די וואָרטער אונטערגעטראָגען דעם קאָניג אין אַ פיעל אָרגערן נוסח ווי זיי האָבען גערעדט, אַפילו אַלעקסאַנדערס אייגענע פרוי, ווראָניקאַ די טאָכטער סאַלאָמעאַס, וועלכע איז אַזוי

ניעדריג און שלעכט געוועזן, ווי איהרע מוטער, האט אליין פיעל געהאלפען איהר מאן אונגליקליך צו מאכען. הורדוס האט אויף זיינע ביידע זיהן בעשטיממט שופטים, און ניט צולאזענדיג אריסטאבולן מיט אלעקסאנדערן זיך צו פערענטפערן, זיינען זיי פערמשפט געווארען צום טויט. עטליכע טעג שפעטער האט מען זיי אבגעפיהרט נאך סעבאסטיא, און דארט האט מען זיי ערשטיקט צום טויט.

הורדוס'ס טויט. וואס מעהר צו הורדוס'ן האט זיך צוגערוקט די עלטער, זיינען אלץ גראסער געווארען זיינע חשדים און בעפירכטונגען פאר זיינע פערבארגענע פיינדע, און זיין אכזריות האט קיינעם ניט פערשאנט. האבענדיג עפעס א חשד אויף זיינע אייגענע נאהנטעסטע קרובים, האט ער זיין ברודער פעראַרעס געלאזט דן זיין למיתה, און זיין זוהן אנטיפאטאר, וועלכען ער האט פריהער געמאכט צום יורש פון זיין מלוכה, האט ער אריינגעזעטצט אין געפאנגנים. צו יענער צייט האבען זיך צו זיינע גייסטיגע שמערצען אויך פעראייניגט קארפערליכע יסורים, זיין גוף איז פון אויסענוועניג פערדעקט געווארען מיט אייטערנדע וואונדען און אינעווענדיג האט אין איהם געברענט א לאנגזאמעס פייער; יעדער ביסען, וועלכען ער האט געפרובט פערשלינגען פלעגט איהם אונערטראגליכע יסורים פערארזאכען. זיין אטהעם איז געוועזן שווער און עקעלהאפט, ווייל ער האט געהאט א שרעקליכען פערפעשטען ריח. צו פערקירצען זיינע אונגעהייערע יסורים האט הורדוס אפילו געוואלט זיך א מיתה אנטהון, נאר מען האט איהם דאצו ניט צוגעלאזען. ניט קוקענדיג דארויף וואס ער איז אזוי מאט און אבגעשוואכט געוועזן, האט ער פינף טעג פאר זיין טויט געהייסען אנטיפאטאר'ן טאדטען, אלס ער האט דערהארט אויף איהם, דאס ער וויל פון זיין געפאנגנים אנטלויפען. דערוויסענדיג זיך, דאס פיעלע יונגע צעלאטען (וועלכע האלטען זיך אן די פרומע מנהגים פון די אלטע פאטריאטען), וועלכע זיינען אונטער געהעטצעט געווארען פון זייערע לעהרער, האבען אראפגעריסען דעם גילדענעם אדלער, וועלכער איז געוועזן אויפגעשטעלט ביי דעם טהויער פון בית־המקדש (ווייל דאס איז אסור מן התורה אין די עשרת הדברות: לא תעשה לך פסל וכו׳); האט ער געהייסען זייערע לעהרער מיט זייערע בעסערע תלמידים לעבענדיגערהייד פערברענען.

דעם בעסטען בעגריף פון זיין אכזריות, קען מען האבען פון זיין גרויזאמען בעפעהל פאר זיין טויט. וויסענדיג, ווי וויט אלע יודען קענען איהם ניט אנזעהען און ווי זיין נאמען איז אלעמען פערהאסט, האט ער זיך ענטשלאסען אויף א רציחה אהן א גלייכען. ער האט בעפאהלען פיעל יודען פון די גרעסטע חשובים פערשליסען אין צירק (פלאטץ פון פערד רייטען) אין יריחו, און זיין שוועסטער סאלא-

מעאַ מיט איהר מאַנן האָט ער פֿערשוואָרען, דאָס אין דער מינוט ווען ער וועט שטאַרבען זאָלען זיי אויף זיין בעפֿעהל די אַלע יודען וועלכע זיינען פֿערשלאָסען אין צירק צום טויט ערשלאָגען, כדי עס זאָל ווערען אַ יאָמערליך געוויין אין גאַנץ אֶרץ ישראל, אונ קיינער וועט זיך ניט פֿרייען איבער זיין טויט, אונ כדי דיעזער טאָג זאָל בלייבען ביי די יודען איין אייביגער טאָג פֿון טרויער אונ געוויין; נור דיעזער וואונש איז ניט ערפֿילט געוואָרען. אַם 4־טען יאָהר (נאָך קר.), אַלס ער איז געוועזען זיעבענציג יאָהר אַלט, איז הורדוס אונטער אונבעשרייבליכע שרעקליכע יְסוּרִים געשטאָרבען. אויף איהם האָט איין בעריהמטער היסטאָריקער געזאָגט: „דיעזער קאָניג האָט צו זיך אַריינגענאַרט די מלוכה ווי אַ פֿוקס, האָט גרויזאַם געהערשט ווי אַ טיגער, אונ געשטאָרבען ווי אַ משוגענער הונד".

אַרכילאָיוס, אַנטיפיוס אונ פֿיליפוס. נאָך הורדוס'ס צַוָאָה, וועלכע אויגוסטוס האָט נור געדאַרפֿט בעשטעטיגען, האָט זיין זוהן אַרכילאָיוס, וועלכער איז געבליעבען אַם לעבען, געדאַרפֿט נאָך איהם ירשינען דעם קאָניגליכען טיטעל אונ די הויפּט־רעגיערונג איבער יודעאַ, אונ די פּראָווינץ סאַמאַריאַ (שמרון). נאָך אַ זוהן הורדוס, אַנטיפּאַס, איז געוועזען בעשטימט צו רעגיערען אונטער דעם טיטעל טעטראַרך איבער גאַליליעאַ (גליל) אונ פּערעאַ (יענע זייט ירדן—מֵעֵבֶר לַיַרְדֵן). נאָך אַ זוהן פֿיליפּוס, האָט געזאָלט ערהאַלטען די מְדִינָה פֿון צפון־מזרח. זיין שוועסטער סאַלאָמעאַ, וועלכע האָט גלייך נאָך זיין טויט בעפֿרייעט אַלע פּרושים, וועלכע זיינען ארעסטירט געוועזען, האָט בעקומען א קליינע מדינה אויף דרום־מערב זייט. אַלע מיטגליעדער פֿון הורדוס'ס פֿאַמיליע האָבען גלייך געצויגען נאָך ראָם צו פּועל'ן ביים קייזער ער זאָל די צוואָה בעשטאָטיגען. דערווייל זיינען אין אֶרץ ישראל פֿאָרגעקומען מְהוּמוֹת אונ בונטען. איין געוויסער שִמעוֹן, אַ געוועזענער שקלאַווע פֿון הורדוס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שאָנעם געשטאַלט אונ גרויסע קאָרפּערליכע קראַפֿט, האָט בעלאַגערט די פֿעסטונג פֿון יְרִיחוֹ, אונ האָט די עַזוּת געהאַט אָפּ צו נעהמען הורדוס'ס קרוין. אין יודעאַ האָט איין הירט (פּאַסטוך) אַטראָנגוס אויפֿגעקליבען אַ גאַנצען חַיִל אונ האָט פֿיעל שאָדען אָנגעטהון די ראָמער, אונ אַלע, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט הורדוס אונ זיין פֿאַמיליע. איין בעטריגער האָט זיך אויסגעגעבען אַלס דער געטאָדטעטער אַלעקסאַנדער, אונ האָט געוואָגט צו פֿערלאַנגען דעם פֿאָטערס ירושה, ד. ה. די קרוין, וועלכע האָט איהם געקומט נאָך איהם. ער איז געפֿאַנגען געוואָרען פֿון די ראָמער אונ מיט'ן טויט בעשטראָפֿט געוואָרען אין ראָם. ענדליך איז אָנגעקומען וואַרוס (וועלכער איז נאָכהער געפֿאַלען פֿון די גערמאַנען), מיט צוויי לעגיאָנען ראָמישען חיל, אונ צוזאַמען מיט איין

אַנדערן ראָמישען פֿעלדהערן, וועלכֿער איז נאָך פֿריהער אין אֶרץ ישראֵל געווען, האָט ער צושלאָגען מיט פֿיעל אַנשטרענגונג די עמפּאֶרער (בונטאָוושטשיקעס) און דאַן זיינען זיי געגאַנגען אויף יְרוּשָׁלַיִם. צוויי טויזענד מאֶננער זיינען געוואָרען געקרייציגט, פֿיעל זיינען פֿערקויפֿט געוואָרען אין שקלאַווערייא. פֿון די שְׂרֵפוֹת און רויבערייען האָבען פֿיעל זייער פֿערמאֶגען פֿערלאָרען, און ניט קוקענדיג אויף דיעזעס אַלעס, זיינען אין געהיימער פֿערבאָרגענהייט געבליעבען שטילע שונאים, וואָס האָבען מיט ראָם קיין שלום ניט געוואָלט מאַכֿען. זיי זיינען געווען אַנגעפֿיהרט פֿון צוויי צעלאָטען: יְהוּדָה דער גוֹלָנִי און צָדוֹק דער פָּרוּשׁ.

אויגוסטוס ענטשיידונג (רעשעניע) וועגען הורדוס'ס צַוָאָה איז געווען אויף אַזוי אַ אַרט: די צוואָה בִּכְלַל האָט ער בעשטאֶטיגט, נור ארכֿילאֶיוס האָט ער ניט געגעבען דעם קאֶניגליכֿען טיטעל, נור דעם טיטעל „עטנאַרך" ד. ה. פֿאָלקס־אֶלטעסטער. הורדוס'ס פֿאַמיליע איז צוריקגעקומען אויף זייער אָרט, און אַלע איהרע מיטגליעדער האָבען זיך פֿערנומען מיט דעם צוריק־בויען פֿון פֿערשיעדענע בִּנְיָנִים און שטאֶדט. ארכֿילאֶיוס האָט באַלד אין אָנפֿאַנג פֿון זיין רעגיערונג אָנגעהויבען זיך צו בעגעהען ווי אַ טיראַן (אַ האַרטהערציגער הערשער), און האָט ניט געוויעזען קיין אַכֿטונג צו זיין פֿאָלק און ניט צו זיין רעליגיאָן (אֱמוּנָה). אַזוי האָט ער געהייראַטהעט גלאַווירע די אַלְמָנָה פֿון זיינעם אַ געשטאָרבענעם ברודער, חאָטשי זי האָט געהאַט פֿון איהר ערשטען מאַן קינדער, וואָס דאָס איז אָסוּר מִן הַתּוֹרָה. זיינע אונטערטהאַנען, פֿער־ליערענדיג די געדולד, האָבען איהם צוויי מאָל אָנגעקלאָגט ביי אויגוסטוס פֿאַר זיינע גרויזאַמקייטען. דער קייזער האָט געפֿונען דאָס זיי זיינען גערעכֿט, און האָט אַרכֿילעאיוס דאַפֿיר פֿערשיקט פֿון זיין לאַנד נאָך גאַליען, און זיין מדינה, דעם הויפּטטהייל פֿון דעם לאַנד, האָט ער געמאַכֿט פֿאַר אַ ראָמישע פּראָווינץ (7 יאָהר נאָך קר.).

פֿהיליפּוס האָט מיט געניוג שֵׂכֶל, מיט יוֹשֶׁר און פֿאָרזיכֿטיגקייט געפֿיהרט די הערר־שאַפֿט אין זיין פּראָווינץ 37 יאָהר, ער האָט אַם קוועל פֿון טייך יַרְדֵן אויפֿ'סנייע אויסגע־בויעט אַ שטאָדט, און אַנשטאָט דעם פֿריהריגען נאָמען דָן (שופטים י"ח) האָט ער איהר אַ נאָמען געגעבען קעסארעאַ (קיסריה) פֿהיליפּפּי. זיין ברודער הורדוס אַנטיפּאַס האָט אויסגעבויעט ביים יַם־כִּנֶרֶת צו עהרע פֿון דעם קייזער טיבעריוס די שטאָדט טיבעריאַדע (טְבֵרְיָה), וועלכֿע איז בעריהמט געוואָרען צוערשט צוליעב איהר שאֶנע לאַגע אין מינעראַל־קוועללען (וואַרם באָדער), און צולעטצט דורך די גרויסע תלמודישע יְשִׁיבָה, וועלכֿע איז דאָרט געוועזען. פֿהיליפּוס, און הורדוס אַנטיפּאַס זיינען געשטאָרבען אָהן קינדער.

רעליגיאָן און ליטעראַטור פֿון די דאַמאָלדיגע יודען. זייט די יודען זיינען צוריק געקומען אין אֶרץ ישראֵל פֿון גלות בָבֶל, האָבען די פֿאָלקס=פֿיהרער געזוכט און געפֿונען מיטעל דאָס פֿאָלק אָבצוהאַלטען פֿון גאָטצענדיענסט, וועלכער איז געווען די אורזאַכע פֿון זייער אונגליק ביז דאַמאָלס. פֿון עֶזְרָא הַנָבִיא׳ס צייטען אָן האָט מען אָנגעהויבען דאָס יודישע פֿאָלק צו לעהרנען און צו בילדען זיי זאָלען פֿערשטעהען און וויסען גאָטעס וואָרטער. אַמאָל איז געלעגען דאָס גאַנצע וויסען פֿון גאָט נור ביי די כֹּהֲנִים, און דאַריבער זיינען געווען ביי יודען פֿיעל עַמֵי הָאֲרָצִים, וואָס האָבען זיך לייכט געלאָזען פֿערפֿיהרען פֿון די שְׁכֵנִישע היידנישע פֿאָלקער צו ווערען גאָטצענדיענער און אָנצונעהמען זייערע פֿערדאָרבענע מִדות און מִנְהָגִים. פֿון עזרא׳ס צייט אָן זיינען ביי די יודען אַיינגעפֿיהרט געוואָרען חֲכָמִים וְסוֹפְרִים ד. ה. געלעהרטע און שרייבער, קאָפּיערער, וואָס פֿלעגען איבערשרייבען תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים, און פֿערטהיילען די עקזעמפּלאַרען פֿון תנ״ך אונטער דעם גאַנצען פֿאָלק. איבער די חכמים וסופרים זיינען געווען די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה (די מעננער פֿון דער גרויסער פֿערזאַמלונג). זייער אַרבייט איז געווען די הייליגע שריפֿט (תנ״ך) צו ערקלאָרען, און די דִינִים, וועלכע זיינען מיט דער צייט צוגעקומען, צו היטען אויסעונווענדיג (בַּעַל פֶּה) פֿון דור צו דור. צווישען די אנשי כנסת הגדולה זיינען שטענדיג געווען צוויי זְקֵנִים (אַלטע), וואָס פֿלעגען זיין זייערע פֿיהרער; זיי האָבען זיך אָנגערופֿען זוגות (פּאָאָר), ווי מיר געפֿינען זייערע נעמען אין אָנפֿאַנג פֿון פִּרְקֵי אָבוֹת. נאָכהער האָט זיך פֿון דער אינסטיטוציאָן אַנשי כנסת הגדולה ענטוויקעלט די סַנְהֶדְרִין. ווי עס ווייזט אויס, איז זי געגרינדעט געוואָרען אין דער צייט פֿון יוֹחָנָן הורְקָנוֹס, בְּשַׁעַת ער האָט פֿערלאַנגט פֿון די געלעהרטע חכמים זיי זאָלען פּסקנען דעם דין פֿון דעם פָּרוּשׁ, וואָס האָט איהם בעליידיגט. די סנהדרין האָבען געהאַט דריי אֶלטעסטע פֿיהרער, דער נָשִׂיא (פּאַטריאַרך, פּאָרזיטצענדער), אַב בֵּית דִין (אֶלטעסטער ריכטער), חָכָם (געלעהרטער). מיט דער צייט איז דער טיטעל נשיא (פֿירשט), וואָס האָט פֿריהער געהאָרט צו די חַשְׁמוֹנָאִים, געוואָרען אַ ערבטיטעל פֿון דעם פּאָרזיטצענדען אין סנהדרין, ווי מיר געפֿינען ביי הִלֵל הַזָקֵן, וועלכער איז אַליין געווען 40 יאָהר נשיא, און זיינע קינדער און קינדס קינדער האָבען געיַרְשֶׁנט דעם טיטעל ביז צעהן דורות.

די תְּפִלָה איז אין גראָסערע מְקוֹמוֹת געווען בְּצִבּוּר. קְרִיאַת הַתּוֹרָה איז געווען בְּעִיקָר אין די שַׁבָּתִים, און איז געווען אַיינגעטהיילט אין 153 סְדָרִים, כְּדֵי צו ענדיגען די קריאַת התורה אֵיין מאָל אין 3 יאָהר. ערשט שפּעטער איז דאָס לייענען אַיינגעטהיילט געוואָרען לויט היינטיגער אָרדנונג, בכדי צו ענדיגען דאָס לייענען איין מאָל אין יעדעם יאָהר. אויסער די שבתים איז קריאַת התורה געווען נאָך 2 מאָל יעדע וואָך אַם מאָנטאַג און דאָננערשטאַג, ווען די לאַנד=לייטע פֿלעגען קומען אין די שטאָדט

צו פֿערקויפֿען זייערע פּראָדוקטען און אײַנקויפֿען וואָס זיי ברויכען צו הויזע. אין יענע טעג פֿלעגט אויך זיטצען אַ בֵּית דִין צו פּסקענען זייערע שְׁאֵלוֹת און זייערע דִין תּוֹרָה׳ס. בּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה פֿלעגט מען איינעם פֿון די מִתְפַּלְלִים מְכַבֵּד זיין צו לייענען, יעדערען זיין פָּרָשָׁה.

נאָר נאָכהער אַלס דאָס לָשׁוֹן קֹדֶשׁ האָט אָנגעפֿאַנגען פֿערגעסען צו ווערען פֿון דעם הֲמוֹן עַם, איז בּעשטימט געוואָרען עס זאָל שטעהן אַ קוֹרֵא (פֿאָרלעזער) און זאָל פֿאָרלייענען די תּורה. אויסער דעם לייענען אין די חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּורה איז צוגעגעבען געוואָרען צו לייענען אַ קאַפּיטעל פֿון אַ נָבִיא, וואָס דער אינהאַלט אין עהנליך צום אינהאַלט פֿון דער סֶדְרָה; דאָס איז צוגעגעבען געוואָרען פֿון דער צייט פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנוס, ווען די בּעשעפֿטיגונג מיט לערנען די תּורה איז געווען שטרענג פֿערבּאָטען, און די ספרי תורה זיינען אָדער פֿערבּרענט אָדער מיט געטצענבּילדער פֿערשמיערט געוועזן. דאַן האָבּען אונזערע געלעהרטע הערויסגעפֿונען צו לייענען פֿאַר׳ן עוֹלָם אַ עִנְיָן פֿון נְבִיאִים, וועלכע איז אֶהנליך געווען צום אינהאַלט פֿון דער סֶדְרָא, און דאָס פֿלעגט מען אָנרופֿען הַפְטוֹרָה (פֿערענדיגונג — ווייל דאָס ווערט געלייענט בּיים סוף קריאַת התורה). דאָס לייענען פֿון דער תּורה פֿלעגט איבּערגעזעטצט ווערען אין תַּרְגוּם לשון (אויף כאַלדעאיש אָדער כַּשְׂדִית אָדער סיריש), ווייל אונזערע יודען האָבּען אָנגעפֿאַנגען צו פֿערגעסען אונזער הייליגע שפּראַך (לשון קדש) אין וועלכער דער תּנ״ך איז געשריעבּען. די וויכטיגסטע תְּפִלּוֹת זיינען דאַמאָלס געוועזען קריאַת „שְׁמַע״ און תְּפִלָּה בְּלַחַשׁ, וואָס איז אין אָנפֿאַנג בּעשטאַנען פֿון די דריי ערשטע און די דריי לעטצטע בְּרָכוֹת. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך בְּרָכוֹת בּיז אַכטצעהן (דרום הייסט עס שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה), און גאָר אַם ענדע איז צוגעקומען נאָך איינע (וְלַמַּלְשִׁינִים).

לשון קדש איז צולעטצט געבּליעבּען בּעקאַנט נור בּיי די געלעהרטע, די איבּריגע אָבּער האָבּען זיך בּעדיענט מיט אַ העבּראֶישען זשאַרגאָן. עס זיינען אין העבּראֶישען לשון אַריין פֿיעל וואָרטער כּשדישע (כאַלדאֶישע), פּערזישע, גריעכישע און לאַטיינישע (ראָמישע), אַלס די לשונות פֿון די אומות, בּיי וועלכע די יודען האָבּען געוואָהנט, אָדער מיט וועלכע זיי האָבּען עֲסָקִים געהאַט. דיעזער אַלטער זשאַרגאָן הייסט בּיי אונז „ניי־העבּראֶיש״ אָדער „רַבָּנִישער לשון״. די ערקלאָרונג פֿון דער הייליגער שריפֿט, בּעזאָנדערס די חמשה חומשי תורה, פֿלעגט צו זיין אויסווענדיג (בעל פה). די טרוקענע ערקלאָרונג פֿון די דינים פֿון דער תורה איז געווען אָנגערופֿען „הֲלָכָה״ (דורכגאַנג), און די ווייטערדיגע אויסאַרבּייטונג פֿון דער הייליגער שריפֿט, וועלכע ענטהאַלט דְּרָשׁוֹת און מוּסָר, זאַגען, לעגענדען (איבּערגעגעבּענע וואונדערליכע, כמעט אוננאַטירליכע ערצאָהלונגען), מְשָׁלִים, מַעֲשִׂיּוֹת און גלייכוואָרטליך — איז געווען אָנגערופֿען: „הַגָּדָה״ (זאַגען). די הלכה און די הגדה האָבּען ניט געטאָרט זיין

געשריבען, אונ דארום ווערט דאָס אָנגערופען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה. אויסער די הייליגע שריפט פלעגען זיך געפינען ביים פאָלק מאַנכע תַּרְגוּמִים, ווי צ. ב. ש. תַּרְגוּם יוֹנָתָן בֶּן עוּזִּיאֵל, אַ בעוואוסטער תַּלְמִיד פון דעם נָשִׂיא הִלֵּל, וועלכער איז געווען גערופען הִלֵּל הַזָּקֵן (ווייל ער איז אַלט געווען הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר). דאָס פאָלק איז דאַמאָלס געווען זעהר אַבערגלויביש (גלויבען אין זאַבאַבאָנעס). די אֱמוּנָה אין טייפעל, אין שֵׁדִים, אין רוּחוֹת, אין מְכַשְּׁפִים, איז געווען שטאַרק ביי אַלע. שווינדלער זיינען פול געווען אומעטום, זיי פלעגען דאָס פאָלק היילען מיט אַלע אַבערגלויבישע סְגוּלוֹת, אונ פערטרייבען רוּחוֹת אונ דִּבּוּקִים, אונ די אַבערגלויבענס האָבען זיך אָבגעשפיגעלט אין דער הַגָּדָה.

אַלס דער בעסטער געשיכטע-שרייבער פון יענער צייט איז בעזאָנדערס בעוואוסט ניקאָליי פון דַּמֶּשֶׂק, קאָניג הורדוס'ס סעקרעטאַר. יוֹסֵף פלאַוויוס, פון וועלכען עס ווערט שפּעטער זיין די רעדע, האָט זיך פיעל בענוטצט מיט זיינע גרויסע געשריעבענע ווערקע. צו יענער צייט זיינען אויך ביי יודען בעקאַנט געוואָרען אַנדערע פאַנאַטישע סְפָרִים ווי צב״ש ספר חנוך, ספר היובלים, גדולת משה אונ אויך אַנדערע. זייער שפּראַכע איז פיעל געמיינער ווי אין תנ״ך, אויך זיינען די נעמען פון זייערע מְחַבְּרִים אונבעקאַנט עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

ראָמישע פּראָקוראַטאָרען. מיט אַרכילאָיוס פ׳ל איז געפאַלען דער פאָליטישער צושטאַנד פון די יודען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דאָס לאַנד איז געוואָרען אַ פּראָווינץ פון ראָם, אונ האָט זיך שוין געפיהרט אונטער דער הערשאַפט פון ראָמישע פּראָקוראַטאָרען (שטעלפערטרעטער, פיהרער), וועלכע זיינען נאַכהער געשטאַנען אונטער דער דֵעה פון די סירישע פּראָקאָנזולען. דער וואָהנונגס-אָרט פון פּראָקוראַטאָר איז געוואָהנליך געווען די שטאָדט קעסאַרעאַ (קיסריה). די פּראָקוראַטאָרען האָבען געהאַט דאָס רעכט אויף לעבען אונ טויט, צו בעשטימען אָדער צו קאַסירען דעם כהן גדול אונ אַנדערע גראָסערע שטעלען אין דער רעגיערונג. זיי פלעגען גאָר אונמענשליך דריקען דאָס פאָלק אונ בעליידיגען זיינע הייליגסטע געפיהלע. די יודען האָבען זיי געמוזט צאָהלען אָבגאַבען פון אַלע גיטער, הייזער, סְחוֹרוֹת אונ פֵּרוֹת פון פעלד וועלכע זיי האָבען געבראַכט אויפ׳ן מאַרק צו פערקויפען. אַזעלכע פערגעוואַלטונגען, פלעגען נאָך זיך ציעהען אָפטע בונטען, אין וועלכע עס האָבען זיך דאָס רוב געמישט די צעלאָטען (קַנָּאִים) אָנגעפיהרט פון זייערע רביים: יְהוּדָה פון גוֹלָן אונ צָדוֹק דער פָּרוּשׁ.

בְּשַׁעַת די רעגיערונג פון אויגוסטוס, זיינען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל געווען דריי פּראָקוראַטאָרען. ביים לעטצטען איז אונטערנאָמען געוואָרען איינע פאָלקס-שאַטצונג אום

צו וויסען וויפֿיעל עס קומט אויפֿצומאָנען צינז פֿון יעדען יודען. עס פֿערשטעהט זיך דאָס אַזעלכֿע בעפֿעהלע איז ניט אויסגעפֿיהרט געוואָרען אָהנע ווידערשטאַנד, פֿון די יודען׳ס זייט. עס האָט אֲפִילוּ ניט געהאָלפֿען די מוּסָר און די ווארנונג פֿון דעם כֹּהֵן גָדוֹל יוֹעֶזֶר, אַז זיי זאָלען זיך ניט שטעלען אנטגעגען, וואָרום זיי וועלען דערנאָך חֲרָטָה האָבען. דער אויפֿשטאַנד איז באַלד געוואָרען אונטערדריקט. אויגוסטוס אַליין האָט זעהר ווייניג געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין אֶרֶץ ישראֵל. ער אַליין האָט זיך געגען די יודען זעהר גוטהערציג געפֿיהרט, ער האָט געוויזען און אָבגעגעבען כָּבוֹד צו זייער אֱמוּנָה, און האָט פֿאַר זיך און זיינע פֿרוי ליוויאַ געשיקט קָרְבָּנוֹת צו ברייגען אויפֿ׳ן מִזְבֵּחַ אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַלס עס איז געווען אין ראָם (אין וועלכֿע עס האָבען דאַמאָלס פֿיעלע יודען געוואָהנט), אַ פֿערטהיילונג פֿון ברויט פֿאַר דאָס ראָמישע געמיינע פֿאָלק, האָט אויגוסטוס בעפֿאָהלען אַ טהייל פֿון דעם ברויט איבער צו לאָזען פֿאַר די אָרעמע יודען, ווייל עס איז דאַמאָלס אויסגעקומען שַׁבָּת, און די אָרעמע יודען האָבען ניט געקאָנט מיטטראָגען די ברויט צו זיך. אַנדערע יודען אין ראָם האָבען גענאָסען פֿיעל אַכֿטונג, און אין אַלע ראָמישע פּראָווינצען האָבען יודען אַלע פֿרייהייטען געהאַט, און דאַריבער האָבען די יודען איהם זעהר געזאַלעוועט און זיין טויט בעוויינט.

נאָך אויגוסטוס איז זיין יוֹרֵשׁ געווען קייזער ט י ב ע ר י ו ס. ער האָט אין יודעאַ געשיקט אַלס פּראָקוראַטאָר ו אַ ל ע ר י ו ס ג ר אַ ט ו ס, וועלכֿער האָט אין זיין עלפֿיאָהריגער רעגירונג פֿיער כֹּהנים גדולים אום געביטען, אום דאַפֿיר אַ סַךְ געלד צו נעהמען.

פּ אָ נ ט י ו ס פּ י ל אַ ט ו ס. דיעזער איז פּראָקוראַטאָר געוואָרען נאָך וואַלעריוס גראַטוס. ווי ער איז געקומען קיין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האָט ער געשיקט נאָך יְרוּשָׁלַיִם צוויי לעגיאָנען מיט זייערע פֿאָהנען, אויף וועלכֿע עס איז געווען אויסגעמאָלט די געשטאַלט פֿון קייזער טיבעריוס. דאַרויף האָט דאָס פֿאָלק שטאַרק געמורמעלט, זיי האָבען בעשלאָסען צו שיקען פֿון זיך שְׁלוּחִים אין קיסריה צום פּראָקוראַטאָר מיט אַ געבעט אין נאָמען פֿון אַלע יודען אין כְּלַל, ער זאָל הייסען אַרויס טראָגען די פֿאָהנען פֿון זייער הייליגער שטאָדט ירושלים, ווייל נאָך זייער אֱמוּנָה טאָרען זיך בילדער ביי זיי ניט געפֿינען. פֿיעלע פֿרויען, קינדער און אַלטע לייט זיינען נאָך געגאַנגען דיעזע שלוחים, ניט קוקענדיג דאַרויף דאָס די יאַהרעס־צייט איז געווען זעהר אַ הייסע. קומענדיג פֿאַר פּילאַטוס האָבען די זְקֵנִים און דאָס גאַנצע פֿאָלק גענומען בעטען ער זאָל זיי ניט נייטען צו ברעכֿען זייער הייליגע געזעטץ. דאָס האָט פּילאַטוס׳ן אויסגעוויזען אַלס אָפֿענער צייכֿען פֿון בונט, דאַריבער האָט ער הערויסגעשיקט עטליכֿע קאָהאָרטען (ראָטעס) פֿון זיין חיל די יודען מיט געוואַלד

אָבצוטרייבען; אָבער ווי האָט ער זיך פערוואונדערט זעהענדיג ווי אַלע יודען האָבען זיך געוואָרפען אויף די קניע און זייערע קעפּ איינגעבויגען אונטער די שווערדטער פון זיינע סאָלדאַטען; דיזע טרייהייט צו זייערע געזעטצע האָט אַזוי זיין הערץ געריהרט, דאָס ער האָט זיי צו געזאָגט זייער ביטע צו ערפילען. און ווירקליך האָט ער בעפאָהלען זיינע צענטוריאָנען און טריבונען די פאָהנען מיט די בילדער ארויס צו טראָגען פון ירושלים. באַלד דערנאָך איז בֶּאֱמֶת געוואָרען צווישען די יודען אַ בונט, וואָס האָט זיי פיעל בלוט געקאָסטעט. פילאַטוס האָט אַ בעפעהל געגעבען צו נעהמען די אוצרות פון בית־המקדש און אויסצובויען אין ירושלים אַ וואַסער־לייטונג (וואַדאַפּראָוואָדען), וואָס איז באמת געווען זייער אַ נייטהיגע זאַך פאַר די געזונדהייט פון די איינוואָהנער. נאָר דאָס וואָס ער האָט געהייסען דאַרויף צו נעהמען די הייליגע אוצרות פון בית־המקדש, האָט ער דערמיט בעליידיגט זייער גלויבענסגעפיהל און דאָס פאָלק האָט געבונטעוועט. ער האָט געלאָזען דאָס אויפגעזאַמעלטע פאָלק דורך זיין חיל צוטרייבען, און דורך דעם זיינען פיעל מענשען געהרג'ט געוואָרען. נאָך 4 יאָהריגער אונמענשליך האַרטהערציגער רעגירונג, איז ער אַרויסגערופען געוואָרען נאָך ראָם, און פערשיקט געוואָרען, צו שטראָפע פאַר זיינע בייזע מַעֲשִׂים, נאָך גאַליען.

אין דערזעלבער צייט האָבען די יודען געהאַט פיעל צו ליידען אין ראָם צוליעב זייער אמונה. קייזער טיבעריוס האָט געהאַט אַ אונרוהיגע נאַטור, קיינעם ניט צו גלויבען און אַלעמען אין חָשַׁד צו האַלטען. ער האָט דאַרום געהייסען אונטערזוכען אַלע סודות פון מִצְרַיִם מיט זייער אמונה, און די סודות פון די כאַלדאָער (כַּשְׂדִּים) מיט זייער אמונה, און מוֹרָא האָבענדיג פאַר דער לעהרע פון די אַסטראָלאָגען (שטערנזעהער) זיי זאָלען איהם ניט אָבטהון קיין רִשְׁעוּת, האָט ער געהייסען הערויסטרייבען פון ראָם און פון קאַפּרעאַ (זיין זומער־וואָהנונג) אַלע, וועלכע האַלטען די אֱמוּנוֹת פון די מִזְרָח־לאַנדער און דאַרונטער אויך די יודען. צו דער פערטרייבונג פון די יודען אויס ראָם איז דאַמאָלס געווען נאָך אַ אורזאַכע (סִבָּה). איינע זעהר רייכע אַלטע פרוי נאָמענס פולוויאַ האָט אָנגענומען די יודישע אמונה און געגעבען גרויסע נְדָבוֹת אויפ'ן בית־המקדש אין ירושלים, דערפון האָט זיך דערוואוסט דער מיניסטער טעיאַנוס און האָט עס געמעלדעט דעם קייזער און צוגעגעבען ליגענס, אום די זאַכע שלעכט פאָרצושטעלען, און דערמיט האָט ער ערוועקט אַ חשד אים הערצען פון דעם ניט טרויענדען טיבעריוס. ער האָט מַסְכִּים געווען צו דעם מיניסטערס פאָרשלאַג די יודען אַרויסצוטרייבען פון ראָם, און פיערטויזענד מאַן פון זיי הערויסצושיקען אין סאַרדיניען. מיט דעם פאַלען פון דעם יודענפיינדליכען מיניסטער האָבען די רְדִיפוֹת פון די יודען איין ענדע גענומען.

אַגריפּאַס. די לאַגע פֿון די יודען אין אַלע רעָמישע פּראָווינצען איז ניט בעסער געווען אין דער צייט פֿון דער רעגיערונג פֿון קאַיוס קאַליגולאַ. די משוגענע איינפֿאָלע פֿון קאַליגולאַ זיינען פֿערגאַנגען ביז צו דער העכסטע מַדְרֵגָה, דאָס ער פֿלעגט זיך אַנדערש ניט ווייזען פֿאַר זיין פֿאָלק ווי נור אין דער קליידונג און פֿאָרם ווי דער אָלימפּישער גאָט יופּיטער. איהם האָט זיך נור געוואָלט דאָס די יודען ווי אַלע איבריגע פֿעָלקער זאָלען איהם אַנערקענען אַלע אָלימפּישען גאָט. דאַריבער האָט ער צו פּעטראָניוס דעם הערשער פֿון יודעאַ געשיקט אַ שטרענגען בעפֿעהל, ער זאָל אין בית־המקדש אין ירושלים אַריינשטעלען די שטאַטוע (פֿיגור) פֿון יופּיטער־קאַיוס (ד. ה. קאַליגולאַ). דאָס זעלבע האָט ער אויך געהייסען זיין שטאַט־האַלטער (גענעראַל־גובערנאַטאָר) פֿלאַקוס אין אַלעקסאַנדריען זיין שטאַטוע צו שטעלען אין אַלע יודישע בעט־הייזער (בָּתֵּי הַתְּפִלָּה) אין גאַנץ מצרים. פּעטראָניוס האָט רַחֲמָנוּת געהאַט אויף די יודען אין יודעאַ און האָט אָפּגעצויגען די ערפֿילונג פֿון דעם אוקאַז. אין דער צייט איז געווען אין רוים אַגריפּאַס, דער זוהן פֿון דעם צום טויט בעשטראָפֿטען אַריסטאָבולוס, דער אייניקעל פֿון הורדוס און מאַריאַמנע, וועלכען קאַליגולאַ האָט זעהר געליעבט. אַלס ער האָט זיך דערוואוסט פֿון דעם אוקאַז, האָט ער בעשלאָסען פֿאַר די יודען זיך אָנצונעהמען, ער האָט צו קאַליגולאַ זעהר אַ ריהרענדען בריעף אָנגעשריעבען, וועלכער האָט דעם קייזער אויף אַ קורצע צייט בערוהיגט; אָבער ניט לאַנג נאָך דעם האָט ער זיך פֿערעקְשֶׁנְט ווייטער אויף זיין אוקאַז צו בעשטעהען. נור צום נֵס פֿון די יודען אין אֶרֶץ־ישׂראֵל איז געוואָרען אַ מְהוּמָה אין קייזערס הויף, וואו זיינע שקלאַווען האָבען געמאַכט אַ בונט, און דאָס האָט איהם דעם קאָפּ פֿערדרעהט דאָס זיינע נאַרישע גְזֵרוֹת זיינען איהם שוין פֿון געדאַנקען אַרויס. אין אַלעקסאַנדריאַ איז די לאַגע פֿון די יודען בִּשְׁעַת קאַליגולאַס מְלוּכָה נאָך אֶרגער געווען, ווייל אויסער די צָרוֹת פֿון זיינע משוגענע גזרות, זיינען גרויס געווען זייערע צרות פֿון די שִׂנְאָה פֿון די גריעכען. די אורזאַכע דערפֿון איז געווען, דאָס די יודען זיינען געווען אין זייער מִסְחָר זעהר פֿלייסיג און טהאָטיג, און דאַריבער האָבען זיי מַצְלִיחַ געווען און זיינען עַל פִּי רוב געוועזען רייך, די גריכען אָדער אַלעקסאַנדרינער זיינען דאַגעגען געווען פֿויל און ניט אַזוי געשיקט צום האַנדעל, און זיי האָבען מְקַנֵא געווען די יודען. די פֿאָלגען דערפֿון זיינען געווען קִנְאָה און שִׂנְאָה צווישען דיביידע פֿעָלקער, וועלכע זיינען אָפֿט דערגאַנגען צו אָפֿענע געשלעָגע אין די גאַסען פֿון דער שטאָדט. פֿיעל האָט פֿלאַקוס אַליין דערצו צוגעהאָלפֿען, ווייל ער האָט זיך ערלויבט פֿיעלע אונגערעכטיגקייטען צו טהון געגען די יודען. אַלס עס איז ביידע צְדָדִים מאוס געוואָרען צו פֿיהרען שטאָנדיגע מַחֲלוֹקֶת, האָבען זיי בעשלאָסען זיך צו פֿערלאָזען אויף קייזער קאַליגולאַס יוֹשֶׁר, און צו דיעזעם צוועק האָבען זיי אויסגעקליבען שְׁלוּחִים, וועלכע זאָלען טַעֲנָה'ן

יעדער פֿאַר זיין צַד. דער הויפּט פֿיהרער פֿון די גריעכֿישע דעפּוטירטע (אויסגעקליעבענע) איז געווען אַפּיאָן, אַ געלעהרטער היסטאָרישער שרייבער, וועלכֿער איז געווען אַ בעוואוסטער שונא ישׂראל, און האָט זעהר אָפּגעשוואַרצט דאָס יודישע פֿאָלק אין זיין בוך פֿון עגיפּטישע היסטאָריע (געשיכֿטע); אַלס הויפּט פֿון דער יודישער דעפּוטאַציע איז געשטאַנען דער בעריהמטער פֿילאָזאָף און ערקלאָרער פֿון אונזערע הייליגע שריפֿטען (תנ"ך) פֿ ה י ל אָ, אַ מאַן פֿון אַ בעוואוסטער מיוחס'דיגער יודישער פֿאַמיליע, וואָס זיין ברודער אַלעקסאַנדער איז געווען דער יודישער אַ ל אַ ב אַ ר ך (דער נשׂיא פֿון אַלע יודען אין מצרים). פֿהילאָ האָט פֿיעלע ספרים געשריעבען אין גריעכֿישען אין וועלכֿע עס ווייזט זיך אַרויס זיין חכמה און פֿילאָזאָפֿיע. קאַליגולאַ האָט ביידע דעפּוטאַציעס עמפּפֿאַנגען אין זיין קייזערליכֿען פּאַלאַסט, אָבער ער האָט די יודען געשטעלט זייער נאַרישע פֿראַגען, און פֿון אַלע זיינע שאלות און חכמות האָבען זי זיך ניט געקענט דערשלאָגען צום ענין, און ניט קעננענדיג מיט איהם קומען צו אַ סוף זיינען זיי אַזוי מיט גאָר נישט אַוועק געפֿאָהרען.

נאָכֿדעם ווי דער משוגענער קאַליגולאַ איז געטאָדטעט געוואָרען אין אַ בונט, איז געוואָרען אַ מחלוקת צווישען דער אַרמעע און דעם סענאַט; די אַרמעע האָבען פֿערלאַנגט אַ אימפּעראַטאָר, דער סענאַט אָבער האָט געוואָלט איינפֿיהרען די אַלטע פֿרייהייט פֿון פֿאַר צייטען, ווען אין ראָם איז געווען אַ רעפּובליק. צווישען דיעזע ביידע צדדים איז אַגריפּאַס געווען דער פֿערמיטלער, און ער האָט אויסגעווירקט ביי ביידע פּאַרטייען זיי זאָלען דעם קלודיוס מאַכֿען צום קייזער. אויס דאַנקבאַרקייט האָט קלודיוס אַגריפּאַס בעשטימט די הערשאַפֿט איבער גאַנץ יודעאַ, סאַמאַריאַ און איבער אַלע אַנדערע לאָנדער, וואָס האָבען אַ מאָל געהערט צו ארץ־ישׂראל. דיעזער שענקונגס־אַקט איז געוואָרען איינגעקריצט אויף מעשענע פּלאַטען און צום אויפֿהיטען אַוועקגעלעגט אין קאַפּיטאָליום. אַזוי האָט דער איניקעל פֿון הורדוס I בעקומען זיין זיידענס מלוכה.

מיט זיין ענוה, עדעלמוטה, פֿריינדליכֿקייט, פֿרייגיעביגקייט און גוטען אומגאַנג, און אויך דורך פֿרומקייט און אָבהיטען די דינים פֿון דער יודישער אמונה, האָט אַגריפּאַס I זיך ערוואָרבען די ליעבע און טרייע פֿון זיינע יודישע אונטערטהאַנען. ער האָט רעפּערירט און פֿערבעסערט די שטאָדט, וועלכֿע זיינען בשעת די מלחמות רואינירט געוואָרען. ער האָט אויך אָנגעפֿאַנגען צו בויען אַ דריטע וואַנד צו דער בעפֿעסטיגונג פֿון דער הויפּטשטאָדט ירושלים, וועלכֿע איז אין זיין צייט גרעסער און שענער געוואָרען. אָבער דער סירישער שטאַאַט־האַלטער האָט געהאַט אַ חשד אויף איהם אַן זיינע טרייהייט צו ראָם, ער האָט אויך געהאַט אורזאַכֿע צו גלויבען, דאָס ער זאָרגט פֿאַר די יודען און זייער לאַנד מעהר ווי פֿאַר ראָם. דאַריבער האָט ער איהם פֿערבאָטען צו ענדיגען בויען די דריטע וואַנד, ער האָט איהם אויך פֿערבאָטען צוזאַמען

צורופֿען די שְׁכֵנִישע פֿירשטען פֿון אַרום אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל צו כּוֹרֵת בְּרִית זיין, וואָס די כַּוָּנָה איז אויך געווען צו האָבען איין אייגענע קראַפֿט צו בעשטעהען פֿאַר זיך, אין פֿאַל ווען אַנדערע וועלען די יודען אונטערדריקען. דאָס איז געווען אין זיעבעטען יאָהר פֿון אַגריפּאַס רעגיערונג. גראַדע אים זעלביגען יאָהר האָט דער ראָמישער פּראָקוּ־ראַטאָר געמאַכט אַ גרויס מאָהלצייט אין קיסריה לְכָבוֹד דעם קייזער קלוידיוס. אַגריפּאַס אַלס וואַסאַל (אונטערטהאַן) איז אויך געווען איינגעלאַדען צו דיעזעם יום־טוב אין קיסריה. דאָרט אויף דער סְעוּדָה האָט ער עפּיס געגעסען וואָס האָט איהם פֿאַר־שאַדעט, ער איז גלייך קראַנק געוואָרען און נאָך אַ שווערער יִסוּרִים׳דיגע קראַנקהייט איז ער דאָרט געשטאָרבען פֿיער און פֿופֿציג יאָהר אַלט (עס איז אַ גרויסער חֲשַׁד דאָס דאָרט איז ער אויף געהיימען בעפֿעהל פֿון קלוידיוס געסַמט געוואָרען). פֿון איהם איז געבליעבען איין זוהן פֿון 17 יאָהר, אַגריפּאַס דער צווייטער, וועלכער איז געווען אין ראָם, און צוויי טאָכטער, פֿון וועלכע איינע, וועראָניקאַ, איז אַם ענדע געווען בעוואוסט מיט איהרער ליעבשאַפֿט צו טיטוס.

דער בונט. קלוידיוס האָט ניט מְקַיֵּים געווען זיין צוזאָג צו אַגריפּאַס דעם I, צו בעשטימען זיין זוהן צו זיין זיינער אַ יוֹרֵשׁ אין דער מְלוּכָה פֿון אֶרֶץ־ישראֵל. ער האָט זיך אויסגעקלאָרט אַ תירוץ אום לויז צו ווערען פֿון זיין הַבְטָחָה; ער האָט געזאָגט דאָס זיין זוהן איז נאָך צו יונג צו זיין אַ קאָניג איבער די יודען, אַנשטאָט דעם האָט ער איהם אָבגעגעבען דאָס פֿירשטענטהום אין קאַלציס, נאָך׳ן טויט פֿון זיין פֿעטער הורדוס אַנטיפּאַס. יודעאַ איז איבער אַ ניים געוואָרען אַ ראָמישע פּראָווינץ ווי פֿריהער, און האָט זיך געפֿיהרט דורך פּראָקוּראַטאָרען, וועלכע האָבען אָהן הערץ און אָהן רַחֲמָנוּת געדריקט דאָס אָרעמע יודישע פֿאָלק. אין דער גאַנצער צייט וואָס אֶרֶץ־ישראֵל איז געווען אונטער זייער יאָך, האָבען דאָרט ניט אויפֿגעהאָרט אונאָרדנונגען און סקאַנדאַלען צו זיין.

דער ערשטער פּראָקוּראַטאָר נאָך די מלוכה פֿון אַגריפּאַס איז געווען קוּספּיוּס פֿאַדיוּס. אין זיין צייט איז אויפֿגעשטאַנען ביי די יודען אַ געוויסער מענש, נאָמענס תְּעוּדָה, וועלכער האָט זיך אויסגעגעבען דער יודישער נָבִיא און מָשִׁיחַ צו זיין. ער האָט זיך אויך אויסגערופֿען איבערצוגעהען דעם יַרְדֵּן אים טרוקענעם, ווי בשעת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן. ער איז אָבער ערגריפֿען געוואָרען פֿון די ראָמער און געטאָדטעט געוואָרען. נאָך קוּספּיוּס איז געווען פּראָקוּראַטאָר דער זוהן פֿון דעם יודישען אַלַבּאַרך אין מִצְרַיִם, טיבעריוּס אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט זיך געטויפֿט און

איבערגעטרעטען צום הייידענטהום (די אֶמונה פון גאָצענדיענסט) אונ איז געוואָרען
אַ גרויסער שונא יִשְׂרָאֵל. די ערשטע זאַך פון זיין הערשאַפט איבער די יודען איז
געוועז, וואָס ער האָט צום טויט פערמשפט די זיהן פון יְהוּדָה הַגּוֹלָנִי, דער אַנפיהרער
פון די צעלאָטען, פון וועלכע עס וועט שפּעטער זיין די רעדע. נאָך באַלד נאָכדעם
איז ער איבערגעזעטצט געוואָרען צו זיין שטאַאט=האַלטער אין זיין געבורטסאָרט, אין
מִצְרַיִם, אונ אויף זיין אָרט, שוין פאַר דער רעגיערונג נעראָ'ס, איז געוואָרען פּראָקו=
ראַטאָר אַ געוויסער קומאַנוס. אין זיין צייט אין יום־טוב פֶּסַח, האָט אַ ראָמישער
סאָלדאַט פון דער וואַכע, וועלכע איז געשטאַנען אין הויף פון בֵּית־הַמִקְדָּשׁ, געהאַט
די הֶעָזָה בְּשַׁעַת דער תְּפִלָּה דאָרטען אויסצושטעלען זיין אָבגעדעקטען גוף. דאָס האָט
די יודען פערדראָסען אונ עס איז צוליעב דעם געוואָרען אַזוי אַ טומעל, אַז די ראָמישע
סאָלדאַטען אונ טויזענדער מענשען זיינען אין דער מְהוּמָה צערטרעטען געוואָרען.
נאָך קומאַנוס זיינען געוועז נאָך איינינע פּראָקוראַטאָרס, דער פיערטער פון זיי איז
געוועז געסיוס פלאָרוס. ער איז געוועז פון זיי אַלעמען דער ערגסטער מיט
זיין תַּאֲוָה דאָס פאָלק צו בערויבען. ער האָט די יודען געבראַכט זיי זאָלען זיך
בונטעווען געגען ראָם. אין דער זעלבער צייט האָבען די גריעכען אין צעסאַרעא
(קיסָריה) ניט אויפגעהאָרט פון די יודען חוזק צו מאַכען, אונ דאַריבער איז דאָרט
געקומען צו אַ גרויס געשלאָג, אונ עס איז פיעל בלוט פערגאָסען געוואָרען. די
יודען האָבען זעהר געבעטען דעם געסיוס פלאָרוס, ער זאָל זיך אין דעם אַריינמישען
אונ ניט לאָזען זייער פאָלק אַזוי בעליידיגען, אָבער ער האָט נאָך זיי שטרענג בע=
שטראָפט. באַלד נאָכדעם האָט ער גוזר געוועזען זיי זאָלען איהם צושטעלען פון
יְרוּשָׁלַיִם די סומע פון 17 טאַלענטע. די ירושלימער יודען, אַלס זיי האָבען זיך דער=
וואוסט פון דעם סקאַנדאַל אין צעסאַרעאַס וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען שלעכט פאַר
יודען, האָבען זיי איהם דעם שֹׁחַד ניט געוואָלט געבען. דאַן איז געסיוס פלאָרוס
מיט אַ גרויסען חיל געקומען נאָך ירושלים, אונ האָט די סאָלדאַטען ערלויבט צו
איבערפאַלען די שטאָדט אונ צו ראַבעווען ווי פיעל זיי ווילען. 3,600 יודען זיינען
אין דער געשלאָג געהרג'ט געוואָרען, פיעל זיינען געפאַלען דורך'ן שווערדט, פיעל
האָט מען פערמוטשעט צום טויט. וועראָניקאַ, די שוועסטער פון אַגריפּאַס דעם II איז
אַוועק צו פלאָרוס אונ זיך בייא איהם געבעטען רחמנות צו האָבען אויף איהר אונ=
גליקליך פאָלק. אַגריפּאַס איז דאַמאָלס געוועזען אין אַלעקסאַנדריען. דאָס יודישע פאָלק
איז אַזוי געוואָרען אויסער זיך, דאָס גרויסע לייט האָבען זיי קוים איינגעהאַלטען פון
אַ אָפענעם בונט. נור די וויטעריגע האַרטהערציגע אַקציע פון איהם, האָט די
ירושלימשע יודען אַרויס געבראַכט פון געדולד, אונ עס איז פאָרט געקומען צו איין
אָפענעם בונט. געסיוס פלאָרוס האָט געגעבען אַ בעפעהל צו 2 קאָהאָרטען פון זיין

חיל צו קומען נאָך ירושלים צו פֿערשטאַרקען די רָאמישע חֲיָלוֹת, וועלכֿע שטעהען שוין דאָרט, און פֿון די איינוואָהנער האָט ער געפֿאָרדערט מען זאָל זיי בעגעגנען מיט כָּבוֹד און פּאַראַד. די איינוואָהנער האָבען בעשלאָסען איהם צו געהאָרכֿען און צו טהון נאָך זיין בעפֿעהל, האָטשי דאָס איז פֿאַר זיי געוועזען אַ גרויסע ערנידעריגונג. אַלס זיי האָבען דערזעהען די פֿאָהנען פֿון די רָאמישע קאָהאָרטען, האָבען זיי די לופֿט פֿול געמאַכֿט מיט זייער הוּרראַה־געשריי. אָבער די קאָהאָרטען האָבען זיי ניט געענטפֿערט און געוויזען ברוגז׳ע געזיכֿטע, און אַנדערע סאָלדאַטען האָבען זיך זאָגאַר ערלויבט בעליידיגענדע אויסדריקע געגען די יודען. דאַנן האָבען די יודען אָנגעהויבען שטאַרק צו מורמלען געגען געסיוּס, דאָס איז איהם צו די אויערן געקומען, און ער האָט געהייסען זיינע סאָלדאַטען זיך וואַרפֿען אויף די ניט בעוואָפֿנעטע יודען. פֿיעל פֿון זיי זיינען אומגעקומען אונטער די פֿאָדקעוועס פֿון די פֿערד און די געוועהר פֿון די סאָלדאַטען. דאַנן האָבען אָנגעפֿאַנגען פֿליעהען פֿיילע און שטיינער אויף די בּאָזע רָאמישע קריעגער, וועלכֿע האָבען זיך געאײַלט צו פֿערנעהמען די ציטאַדעללע „אַנטאָניאַ“ פֿון צָפוֹן־זייט פֿון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבער די צעלאָטען האָבען זיי אָפּ געשניטען דעם וועג אַהין צו קומען. פֿלאָרוּס, זעהענדיג דאָס ער איז אין סַכָּנָה, האָט ער זיך אומגעקעהרט נאָך צעסאַרעאַ. אַגריפּאַס דער II האָט אַ לאַנגע רעדע געהאַלטען, און די יודען געראַטהען זיך פֿלאָרוּס׳ן אונטערצוגעבען. אָבער דאָס פֿאָלק איז געווען צופֿיעל צורייצט, זיי האָבען איהם גאָר ניט געוואָלט הערען, „בעסער דעם טויט אַלס דיעזע אונערטראָגליכֿע שקלאַווערייִ!“ — האָבען זיי געשריען, און האָבען אָנגעפֿאַנגען איהם מיט שטיינער צו פֿערוואַרפֿען. ער האָט געמוזט מיט דער שוועסטער פֿון דער שטאָדט אָבטרעטען. פֿיעל בַּעֲלֵי־בָּתִּים זיינען אויף זיי קוקענדיג אויך אַרויס פֿון יְרוּשָׁלַיִם, מוֹרָא האָבענדיג עס זאָל זיך דער פֿון ניט אויסלאָזען זעהר שלעכֿט. די פּאַרטהיי צעלאָטען, צו וועלכֿע עס האָבען געהאָרט די שטאַרקסטע מוטהיגסטע יונגע לייט אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אֶלְעָזָר בֶּן חֲנַנְיָה, זיינען פֿלוטצלינג אָנגעפֿאַלען אויף דער פֿעסטונג מ אַ ס אַ ד ה, און האָבען דאָרט די גאַנצע רָאמישע גאַרניזאָן אויסגעשניטען. זייערע מִתְנַגְּדִים אונטער וועלכֿע עס זיינען געוועזען די קליגערע גוט געזינטע פֿריעדליכֿע עֲשִׁירִים פֿון שטאָדט, זיינען אויך אויסגעזעצט געווען איהרען שרעקליכֿען צאָרן. דאָס הויז פֿון דעם רייכֿסטען כֹּהֵן גָּדוֹל ח נ נ י ה און אַגריפּאַס׳ס פּאַלאַץ זיינען געוואָרען אונטערגעצונדען און פֿערברענט. אַלע רָאמישע קריעגער, וועלכֿע האָבען די פֿעסטונג „אַנטאָניאַ“ בעזעצט געהאַלטען, זיינען פֿון די הענד פֿון די פּאַטריאָטישע צעלאָטען אומגעקומען, ניט קוקענדיג דאַרויף דאָס זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען. אַלס די גריעכֿען אין צעסאַרעאַ פֿון געסיוּס פֿלאָרוּס אונטערגעהעטצט, זיינען אויף די דאָרטיגע יודען אָנגעפֿאַלען, און צוויי=

טויזענד מאַנן ערשלאָגען, איז דער בונט פֿערברייטערט געוואָרען איבער גאַנץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; ער האָט זיך גיך אונ שטאַרק פֿערברייטערט. אויפֿגערייצטע מַחֲנות פֿון יודען, זיינען מיט פֿייער אונ שווערדט געגאַנגען איבער גוישע שטעדט אונ דערפֿער אונ געשניטען אונ געברענט די גוים. אייניגע פֿעסטונגען זיינען העריבער אין די האַנד פֿון די צעלאָטען. דאַמאָלס האָט דער סירישער הערשער צעסטיוס גאַליוס הערויסגעטרעטען מיט אַ גרויסע אַרמעע געגען די יודען אום צו מאַכֿען דיעזעם געפֿאָהרליכֿען בונט איין ענדע, אַגריפּאַס איז מיט איהם מיט געגאַנגען. די שטעדט יָפוֹ אונ צִפּוֹרִי זיינען לייכֿט גענומען געוואָרען. נור אַלס די ראָמישע לעגיאָנען זיינען געקומען צום הַר הַזֵיתִים אונ ביים נַחַל קִדְרוֹן, דאַן האָבען זיך פֿון ירושלים הערויסגעשאָטען בעוואָפֿנעטע יודישע חֲיָלוֹת אונטער דער אַנפֿיהרונג פֿון דעם העלדישען צעלאָטען שִׁמְעוֹן בַּר גִּיוֹרָא, אונ האָבען דאָס ראָמישע חיל צושלאָגען אונ אָפּגעטריעבען.

אַספּאַסיאַנוס. יוסף פֿלאַוויוס. באַלד איז די בְּשׂוֹרָה פֿון דעם יודישען בונט אונ צעסטיוס גאַליוס דעם סירישען אַנפֿיהרערס מַפָּלָה דערגאַנגען ביז צו ראָם. דאָס איז געווען אים 12=טען יאָהר פֿון קייזער נעראָ'ס רעגיערונג. דער טיראַן איז געוואָרען ערשראָקען, בעטראַכֿטענדיג, וועלכֿע שלעכֿטע פֿאָלגען דער יודישער בונט קען האָבען פֿאַר ראָם'ס אַללמאַכֿט אין אַזיע. ער האָט דאַרום געשיקט קיין אֶרֶץ ישראֵל דעם בעסטען העערפֿיהרער אַסְפַּסְיאַנוּס, וועלכֿער האָט זיך אַ גרויסען נאָמען געמאַכֿט אונ דעם טיטעל קאָנסול ערוואָרבען אין זיינע מִלְחָמוֹת אין בריטאַניען (ענגלאַנד) אונ גערמאַניען (דייטשלאַנד). אַספּאַסיאָנוס האָט זיך געאיילט דעם צוג נאָך אֶרֶץ־ישראֵל צו מאַכֿען, איידער די יודען וועלען אויספֿיען, זיך צו דער מלחמה געהעריג פֿאָרצובֿרייטען. אָבער אין ירושלים האָט מען אָנגעפֿאַנגען זיך ערנסט צו צובעריייטען צו דער מלחמה מיט ראָם. אין דער פֿאָלקס=פֿערזאַמלונג איז גערעשעט געוואָרען צו איבערגעבען די רעגיערונג איבער בעזונדערע געגענדען צו אַזעלכֿע העערפֿיהרער, וועלכֿע זיינען בעוואוסט אין זייער ערגעבענהייט אונ טרייהייט צום יודישען פֿאָלק. אַזעלכֿע הערפֿיהרער זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען אונ באַלד אויף זייער ווירקונגסאָרט אַוועקגעשיקט געוואָרען. די זעהר וויכֿטיגע געגענד „גָלִיל“, וועלכֿע איז געווען גערעכֿענט אַלס דער „שליסעל פֿון ירושלים“ מיט דער פֿעסטונג „גאַמאַלאַ“, איז איבער געגעבען געוואָרען אונטער אַנפֿיהרונג פֿון יוֹסֵף בֶּן מַתִּתְיָהוּ, וועלכֿער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אַלס גוטער היסטאָריקער אונטער דעם נאָמען יוסף פֿלאַוויוס. דיעזער בעוואוסטער מאַן איז געבאָרען געוועזן אין יאָהר

37 נאָך קר. און איז דאַמאָלס אַלט געווען נור ניין און צוואַנציג יאָהר. נאָך
אַלס יונגער בָחור איז ער שוין געווען געלעהרט אין תַּלְמוּד, נאַכהער האָט ער בע-
שטודירט פֿערשיעדענע שפּראַכען און וויסענשאַפֿטען (חָכְמוֹת). אין יאָהר דריי און
זעכציג נאָך קר. איז ער געווען אין ראָם, וואו די קייזערין פּאָפּעיאַ (קייזער
נעראָ'ס פֿרוי) האָט איהם זעהר פֿריינדליך אויפֿגענומען. ער איז אים הערצען פֿרי
געווען צו ראָם, און איז דאַריבער ניט צופֿריעדען געווען מיט דעם עֵסֶק, וועלכען
די יודען האָבען אָנגעהויבען געגען ראָם. פֿון דעסטוועגען אַלס ער האָט געזעהען
דאָס מיט דער מִלְחָמָה האַלט עס גאַנץ ערנסט, האָט ער ניט געוואָלט אָפּשטע-
הען פֿון כְּלַל און האָט ערנסט געאַרבייטעט אין זיין אָרט אין גליל, וואו ער איז
אויסגעקליעבען געוואָרען צו זיין דער אַנפֿיהרער פֿון גלילישען חיל. וויל די פּראָווינץ
גליל האָט געדאַרפֿט אויסהאַלטען דעם ערשטען אַנדראַנג און אינפּעט פֿון די ראָמישע
לעגיאָנען, האָט ער געמוזט ענערגיש אַרבייטען אַלעס צו ברייננגען אין אַ זיכערע בע-
שיצטע לאַגע. קומענדיג אין דער פֿעסטונג גאַמאַלאַ, האָט יוסף צו זיך אויפֿגעזאַמעלט
דאָס פֿאָלק און האָט איהם אויפֿגעוועקט זיך גוט צו בעשיטצען. די הויפּט-פּונקטען
אין דער וויכטיגע שטאָדט פֿון גליל, בעזאָנדערס די פֿעסטונג יָטַפְּטָה (יודפת) האָט ער בע-
פֿעסטיגט און פֿערזאָרגט מיט פּאָראַט (אָן גרייטען שפּייז און וואַסער עס זאָל ניט פֿעהלען).
אַ חיל פֿון הונדערט טויזענד מאַן האָט זיך צו איהם אויפֿגעקליעבען צו דיענען
אונטער זיין קאָמאַנדע. ער האָט זיך געסטאַרעט ביי זיי איינצופֿיהרען די ראָמישע
דיסציפּלינע (שטרענגע אָרדנונג) און די ראָמישע פֿיהרונגסאַרט פֿון מלחמה. דורך
זיינע בעמיהונגען האָט יוסף איינגענומען די שטאָדט צִפּוֹרִי און די אַלע ניטער פֿון
אַגריפּאַס II, וועלכער האָט זיך ערקלאָרט צו ראָם געגען יודען. אָבער יוסף'ס טריהייט
האָט ניט לאַנג געהאַלטען. ער האָט באַלד אָבגעשוואַכט דעם חיל דורך העטצעס,
אינטריגעס און מַחֲלוֹקֶת, וועלכע ער האָט צווישען זיי אָנגעמאַכט. אין דָרום-
זייט פֿון אֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל האָט מען זיך בעזונדער צוגעגרייט צו מלחמה. דאָרט איז דער
פּאַטריאָטישער העלד שִׁמְעוֹן בֶּן גִיוֹרָא געווען בעשטימט צו בעשיצען די
פֿעסטונג מאַסאַדה. אֶלְעָזָר בֶּן חֲנַנְיָה, איינער פֿון די גרויסע יודישע פּאַטריאָטען,
איז געווען בעשטימט צו הערשען איבער די מְדִינָה אידומעאַ (אֱדוֹם), וועלכע איינ-
וואָהנער זיינען דאַמאָלס געווען טריי די יודען. אויף ירושלים איז געווען בעשטימט
אַלס הערשער עָנָן דער כֹּהֵן גָדוֹל. ער האָט אַכטונג געגעבען אויף די אַרבייטען,
די וואַנד פֿון די מויערן זיינען געוואָרען געמאַכט העכער און שטאַרקער, מען האָט
אָנגעגרייט פֿילען צום שיסען, שמיעד-מייסטער האָבען נאָך אַנאַנד אָנגעגרייט שפּיזען,
שווערדטער און פֿערשיעדענע וואַפֿען און געוועהר אָהן אַ צאָהל. די יונגע לייט
האָבען זיך געמושטירט אויף אַלע פּלאַטצער. די פֿרייע מענשען, לעדיגגעהער און

געלעהרטע האָבען דעם עוֹלָם ערקלאֶרט די גוטע נְבוּאות פֿון די הייליגע נְבִיאִים, אונ אויפגעוויזען דאָס עס איז יעטצט געקומען די צייט זיי זאָלען מְקוּיָם ווערען; יעטצט מוזען קומען די גליקליכע צייטען פֿון דָוִד אונ שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ. מען פֿלעגט אויך דערצאֶהלען פֿון פֿיעלע וואונדער, צייכען, סִימָנִים, וועלכע האָבען געוויזען אויף גרויסע נייעסען, וואָס דאַרפֿען ווערען אויף דער וועלט, אונ געוואָרען געדייטעט אויף גליקליכע צייטען, וואָס דאַרפֿען קומען אויף יודען. אַנדערע אָבער האָבען זיי שרעק געמאַכט אונ גרויס דַאֲגָה ערוועקט, ווער ווייס וואָס דיזעס בעדייטעט. איינער האָט ערצאֶהלט, דאָס ער האָט געזעהען אַ שטערן אין דעם געשטאַלט פֿון אַ שווערדט, דער אַנדערער האָט געזעהען אין האַלבער נאַכט איבערן בית־המקדש דען העלען שיין פֿון דער זון; די פֿאָדערשטע טהיר פֿון בית־המקדש האָט זיך אַליין פֿון זיך בעוועגט; די מעשענע טהיר, דורך וועלכע דער עולם פֿלעגט אַריינגעהען האָט זיך אַליין געאָפֿנעט, ווען געוואֶהנליך פֿלעגען זי נור 20 מענשען קענען אֶפֿנען. אין דער לופֿט האָט מען געזעהן אַ קריעגסוואָגען אונ אַ מלחמה, אין בית־המקדש האָבען זיך געהאָרט זיפֿצען, וויינענדע שטימען. איין משוגענער דאָרפֿס=מאַן, וועלכער האָט שוין לאַנג נְבִיאות געזאָגט דאָס ירושלים מוז פֿאַלען, פֿלעגט דאַמאָלס געהען דעם קאָפּ בעדעקט מיט אַש, אונ אויף זיך טראָגענדיג אַ זאַק, האָט ער נאָך אנאַנד געשריען: „וועה איז דיר, ירושלים, וואָס פֿון דיר וועט דאָ ווערען!“ אונ ער האָט אַזוי אָהן אַ אויפֿהער געשריען ביז מען האָט איהם געוואָרפֿען אַ שטיין אונ געהרגעט.

בעלאַגערונג אונ איננעהמונג פֿון יָטַפַּתָה. אַספּאַסיאָנוס האָט צוזאַמענגעצויגען זיין חיל ביי די ווענד פֿון פּטאָלמאַידאַ (עַכּו). עס איז בעשטאַנען פֿון 50,000 העלדענהאַפֿטע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען אין מלחמות אָבגעהאַרטעוועט געוואָרען, אנגעפֿיהרט פֿון זייער געניטע בעפֿעלסהאַבער, ווי טיטוס, אַספּאַסיאָנוס זוהן, טראָיאַנוס וועלכער איז געוועזן בעריהמט אַלס גרויסער גִבּוֹר, אַגריפּאַס II, טיבעריוס אַלעקסאַנדער, אונ נאָך אַנדערע. אַספּאַסיאָנוס האָט זיך פֿאָראויס געריקט, צוערשט אויף דאָס גליל=לאַנד. די פֿעסטונג צִפּוֹרִי האָט זיך גלייך אונטער געגעבען, אויך גְדֵרָה, אונ חאָטשי איהרע איינוואָהנער האָבען זיך שוואַך געוועהרט, פֿון דעסטוועגען זיינען אַלע איבערגעגע=בען געוואָרען צום טויט אָדער פֿערקויפֿט געוואָרען צו שקלאַווערײַ. פֿון גדרה האָבען די לעגיאָנען זיך געצויגען צו יָטַפַּתָה, וועלכע איז געלעגען אויף אַ הויכען אונצו=גאַנגליכען פֿעלזען, אַרום געריננגעלט פֿון טיעפֿע טהאָלען. דער צָפון=זייט פֿון שטאָדט איז ווייניגער געוועזן בעפֿעסטיגט פֿון דער נאַטור, נור דערפֿאַר איז זי געוועזן פֿער=

שטאַרקט מיט אַ פֿעסטע הויכע וואַנד, און אין דיזער פֿעסטונג איז געווען יוסף בן מתּתיהו אַליין. ער האָט אַנפֿאַנגס געוויזען גענוג פֿערשטאַנד און ערפֿינדונגס־קראַפֿט צום קריעג און קראַפֿט צו בעשטעהן ביי אַלעס. די אויסענווענדיגסטע זייט פֿון דער וואַנד איז געווען אויסגעהאַנגען מיט שטרוי־זאָק, כּדי די בעלאַגערונגס־אינסטרומענטע זאָלען די וואַנד ניט קאָנען ברעכען. אין יָטפָּתָה איז געווען גענוג צו עסען, מען האָט נור געליטען פֿון דורשט, וויל עס האָט וואַסער געפֿעהלט. איינִיגע טאָג האָבען די איינוואָהנער בעקומען וואַסער דורך פֿאָלגענדען איינפֿאַל: ניט ווייט פֿון דיזער שטאָדט איז געווען אַ וואַסער־קוועל פֿערבאָרגען אין אַ געדיכטען וואַלד פֿון פֿאַלמען־בוימען, און דיזער קוועל איז דעם ראָמישען חיל ניט בעקאַנט געווען. ווי עס פֿלעגט נור ווערען נאַכט פֿלעגען זיך איינִיגע מוטהיגע יונגע יודישע קריעגער בעדעקען מיט די פֿעל פֿון חיות, דורך גנבֿענען זיך צום קוועל און אָנשאָפּען וואַסער פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע, און די ראָמער פֿלעגען מיינען אַז דאָס לויפֿען אום חיות און האָבען דאַרויף ניט געאַכטעט. נור באַלד זיינען די סאָלדאַטען דערגאַנגען וועלכע חיטראָסט דאָ שטעקט, און די יודען האָבען שוין ניט געקענט זיך מיט דעם איינפֿאַל בענוטצען זייער דורשט צו שטילען. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס עס איז אַזוי אַ מאַנגעל געווען אין וואַסער, האָט פֿון דעסטוועגען יוסף זייער קאָמאַנדיר געהייסען אויסהאָנגען אויף די וואָנד פֿון פֿעסטונג פֿיעלע איינגעטצטע דעקען, כּדי די ראָמער זאָלען מיינען דאָס זיי האָבען נאָך צו פֿיעל וואַסער. דאָס איז שוין געווען פֿון זיינער זייטע פֿערדאָכטיג, מען האָט איהן שוין דאַמאָלס געמאָגט חושד זיין דאָס ער נאַרט די יודען אָב. פֿריהער נאָך האָט ער געוויזען זיין שׂכל און זיין טרייע צו זיין פֿאָלק. איינמאָל האָבען די ראָמישע סאָלדאַטען בעקומען דעם בעפֿעהל מיט שטורם צו געהען אויף די פֿעסטונג און נעהמען זי מיט געוואַלט, דאַן האָט יוסף געהייסען די יודען אָבקאָכען זודיגען עהל און דערמיט אָבגיעסען דעם ראָמישען חיל, פֿערשטעהט זיך דאָס פֿיעלע פֿון זיי זיינען געוואָרען אָבגעקאָכט אויף טויט. אויסער דעם האָט ער געהייסען דעם ברוק בעשיטען מיט גריעכישע אָבגעקאָכטע היי, דאָס ער איז געוואָרען זעהר גליטציג און די ראָמער וועלכע האָבען דאָרט געוואָלט אַרויפֿקלעטערן, האָבען זיך אַראָבגעגליטשט און געהרג'ט געוואָרען. 47 טאָג האָבען זיך די יטפּתער יודען געבראָניעט געגען דער בעלאַגערונג פֿון שטאַרקען געניטען חיל פֿון די ראָמער, אָבער ענדליך איז געקומען זייער מַפָּלָה פֿון איין אייגענעם פֿאַלשען ברודער, איינער וואָס האָט מעהר ניט געוואָלט ליידען די צָרות פֿון דער בעלאַגערונג איז אַריבערגעלויפֿען צום שונא, דאָרט האָט ער אויסגעזאָגט אַספּאַסיאָנוס'ן, אין וועלכער שָׁעָה די אויסגעמוטשעטע בעלאַגערטע רוהען זיך אויס, כּדי צו זאַמלען כּוחות אויף שפּעטער. ווי דער הערפֿיהרער האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, האָט ער געהייסען זיין גאַנצען

חיל שטעהען צו דער צייט בערייט. עס איז געוועזן גראַד׳ע אַ פינסטערע נאַכט, אונ אין דער שָׁעָה (דאָס איז געוועזן פאַרטאָג), זיינען די בעסטע ראָמישע שטרייטער אַרויף שטיל אויף די לייטערס אונ אַריבער די וואַנד פון דער פעסטונג, זיינען איבערגעפאַלען די פאַרשלאָפענע יודישע וואָכטער אונ באַלד האָבען זיי פערהיליכט די גאַנצע שטאָדט פון זייערע קלינגענדע סיגנאַלען. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע שְׁחִיטָה, די גאַנצע שטאָדט איז געוואָרען בעדעקט מיט געטאָדטעטע, נור 12,000 מאַן זיינען געוואָרען געפאַנגען. אין פערלויף פון דיעזער זעקסוואָכענטליכער בעלאַגערונג זיינען ביז פיערציג טויזענד יודען אומגעקומען. די שטאָדט האָבען די שׂוֹנְאִים גלייך חָרוּב געמאַכט. דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויעזען אַ פאַלשקייט פון יוֹסֵף בֶּן מַתִּתְיָהוּ, ערשטענס האָט ער זיך גאָר ניט געשטעלט אין סַכָּנָה ביי דיעזעם אונגליק, נור ער מיט נאָך 40 בעוואוסטע יטפתער, האָבען זיך בעהאַלטען אין אַ וואַסערבעהעלטער (אַ גרוב אָהן וואַסער). די ראָמער האָבען זיך באַלד פון דעם פערבאָרגענעם אָרט דערוואוסט, דאָ האָט יוסף געראַטהען זיך אונטער צו געבען. אָבער אַלס אַלע הערענדיג זיין שאָנדליכע עֵצָה זיינען צוגעטרעטען צו איהם מיט אָפענע היילע שווערדטער, האָט ער איין אַנדער עצה געפונען (אונ דאָ קען מען זעהען זיינע ניעדריגקייט, פאַלשקייט אונ גרויזאַמע אונמענשליכקייט), ער האָט געראַטהען מען זאָל דורכ׳ן גוֹרָל ענטשיידען ווער ווען זאָל דעם טויט מאַכען. דערצו האָט ער געמאַכט אַזוי אַ לאָטערייע, דאָס אַלמענס נאָמען זאָלען הערויס פריהער אונ זיין נאָמען איז הערויס צולעצט, אונ ווען זיי זיינען שוין אַלע געקוילעטע טויט געלעגען, אונ נור איינער איז אויסער איהם געבליעבען, איז איהם שוין לייכט געוועזן מיט דעם אַנדערן פערטיג צו ווערען אונ אַרויס צו געהען, זיך איבערגעבען צו די ראָמער. יוסף האָט האָט זיך געוויעזען אין אַספּאַסיאָנוס געצעלט אָנגעקליידט אַלס כֹּהֵן אין בִּגְדֵי כְּהוּנָּה אונ האָט איהם נְבִיאוֹת געזאָגט דאָס ער וועט ווערען קייזער אין ראָם (דאָס אַלעס דערצאָהלט ער אַליין, אָבער ווי אונז איז די מַעֲשֶׂה פון דער נְבוּאָה יָדוּעַ איז עס גאָר געוועזן ביים תַּנָּא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, — גטין נ״ו) ער איז מיט כָּבוֹד אויפגענומען געוואָרען אין ראָמישען לאַגער, אָבער אין ירושלים האָט מען זיך דערפון דערוואוסט אונ איהם ערקלאָרט אַלס פאַלשען ניעדריגען בעטריגער.

נאָך דעם ווי יטפתה איז געפאַלען, האָט אַספּאַסיאָנוס אָבגעשיקט פון זיין חיל אַ עסקאַדראָן רייטער אויף די שטאָדט יָפוֹ, אַם יַם. די איינוואָהנער פון יפו פלעגען אָנפאַלען אויף די גוֹיִשע רייזענדע אויף זייערע שיפען אונ זיי בעראַבעווען. די איינוואָהנער פון יפו, ווי זיי האָבען דערזעהען די ראָמער זיינען זיי באַלד אַרויף אויף

זייערע שיפֿען און זיך אַרויסגעלאָזען אין ים. אָבער צו זייער אונגליק איז געוואָרען אַ שרעקליכֿער שטורם און אַלע זייערע שיפֿען זיינען צושלאָגען געוואָרען אן די פֿעלזען פֿון ברעג, און די פֿאָהרער זיינען דערטרונקען געוואָרען, עס איז פֿון זיי קיין איינציגער ניט אַרויס. נאַכֿהער האָבען די ראָמישע חֲיָלוֹת איינגענומען די שטאָדט טיבעריאַדה (טְבֶרְיָה) און טאַריכֿעאָ (תַּרְכִיָה). די פֿעסטונג גַמַלָא האָט זיך נאָך איינִיגע חֳדָשִׁים געהאַלטען דורך איהרע פֿעסטקייט און די העלדענהאַפֿטע שטאַרקייט פֿון די דאָרטיגע אַיינוואָהנער. אַ צייט נאָך אַנאַנד האָבען זיי אויסגעהאַלטען דען אַנדראַנג פֿון דער ראָמישען גרויסען אונגעהייערן חיל, זיי האָבען אַזוי גוט געשטריטען דאָס אַספּאַסיאָנוס און טיטוס זיינען פֿערוואונדעט געוואָרען.

אינהאלט.

געשיכטע פון די ראָמער.

(פאָרטזעצונג).

די ראָמישע רעפובליק.

ערשטעס קאפיטעל. מלחמה פון אנטיוכוס דער דריטער. די מאַקאָדאָנישע מלחמות. צערשטאָרונג פון קאָרינטה. דריטער פונישער קריעג. מלחמות פון די ראָמער אין שפאַניען. די אינוועניגסטע מהומות בשעת די גראַקכען. בעריהמטע מעשים פון קאיוס מאַריוס . . . . **3—13**

דער פערפאַלל פון דער ראָמישער רעפובליק.

צווייטעס קאפיטעל. מלחמה מיט די קימבערן אונ די טעאוטאָנען. בירגערקריעג צווישען מאַריוס אונ זוללאַ. די פערשוואָרונג פון קאַטאַלינאַ. קנעיוס פאָמפעיוס. בירגערקריעג צווישען צעזאַר אונ פאָמפעיוס. צעזאַרס אלליינהערשאַפט אונ טויט. **14—39**

די ראָמישע וועלט=מלוכה.

דריטעס קאפיטעל. קייזער אָקטאַביאַנוס אויגוסטוס, זיינע תקיפות אונ זיין רעגירונג. מלחמות מיט די גערמאַנען. הערמאַנס מלחמה. די לעצטע רעגירונגס=יאָהרען פון אויגוסטוס. קיסר טיבעריוס. וויטערדיגע מלחמה געגען די גערמאַנען. קייזער נעראָ . . . . **40—50**

די יודישע געשיכטע.

(פאָרטזעצונג).

די מלכים פון די חשמונאים.

פיערטעס קאפיטעל. אלעקסאַנדער יאנאי. שלומית־אלעקסאַנדראַ. הירקאַנוס דער צווייטער. אריסטאָבולוס דער צווייטער. אַנטיפאַטאָר. בירגער־קריעג אין ירושלים. דאָס אריינמישען זיך פון די ראָמער. פאָמפעיוס אין ירושלים. . **51—58**

די מלכים פון הורדוס'ס הויז.

פינפטעם קאפיטעל. אנטיפאטאר. הורדוס. הורדוס איז געקרוינט צו מלך אויף ירושלים, הורדוס'ס מלוכה אונ זיינע רציחות. הורקאנוס ענדע. מאריאמענעס טויט. א בונט געגען הורדוס. מארימאמענעס זיהן. הורדוס'ס טויט. ארכילאיוס, אנטיפאס אונ פהיליפוס הורדוס'ס זיהן. רעליגיאן אונ ליטעראטור פון די דאמאליגע יודען. ראמישע פראקוראטארען. פאנטיוס פילאטוס. קאיוס קאליגולא. דער מלך אגריפאס. אגריפאס'ס דעם I טויט. דער פאלשער משיח תעודה. דער בונט ביי די יודען געגען די ראמער. אספאסיאנוס, יוסף פלאוויוס. בעלאגערונג אונ איינגעהמונג פון יטפתה. פאר דעם חורבן. . . 59—89